STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06459

GEKLIBENE SHRIFTN

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גאָלאָמב

געקליבענע שריפטן

פערטער באַנד

קאָמיטעט אַרויסצוגעבן די געקליבענע שריפטן פון
א. גאָלאָמב

מעקסיקע תש״ז
1947

A. GOLOMB

OBRAS ESCOGIDAS

4o. TOMO

COMITE PARA EDITAR OBRAS
ESCOGIDAS DE A. GOLOMB
MEXICO

הקדמה

אין דעם פערטן באנד פון די געקליבענע שריפטן קומען אריין ארבעטן, וואס זענען געשריבן געווארן אין משך פון א צען יאר פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה. א טייל פון די ארבעטן זיינען אלגעמיינע און זיי זיינען ווי א המשך פון די, וואס זיינען אריין אין דעם דריטן באנד. זיי וואלטן געדארפט אויפקלערן ווי און ווי אזוי מיר זיינען אראפ פון אונדזערע היסטארישע וועגן, ווי אזוי מיר קניפן יא אן אדער מיר קניפן ניט אן אונדזער היינט אן אונדזער אייביקייט.

און אט די צוויי באגריפן „היינט" און „אייביקייט" וויל איך ניט נעמען אין זייער כראנאלאגישן זינען. אין איטלעכער תקופה פון אונדזער גאנג דורך דער אייביקייט זיינען פאראנען אן א שיעור מאמענטן פון דעם „אייביקן היינט", מאמענטן, וואס פארגייען, זאכן און געשענישן וואס גייען דורך ווי א שאטן, וואס פארגייען ווי א וואלקן, אט געווען און ניטא מער, און אין אונדזער געשיכטע זיינען זיי לגמרי ניט קענטיק.

פאראן צווייערליי געשיכטעס: איינע ווערט געשריבן דורך געלערנטע, די צווייטע אנטפלעקט זיך ניט אין ווערטער, נייערט אין דעם לעבעדיקן פאלק, אין לעבן פון פאלק, אין זיינע האנדלונגען און אין זיינע גורלות ליגט דער שטעמפל פון דורות פארגאנגענע. אין אט דער לעבנסגעשיכטע זיינען ווייט ניט אלע „געשיכטלעכע" געשעענישן פון פאלק פארבליבן. פארקערט, זיינען אין דעם „היינט" פאראן א סך מאמענטן פון אייביקייט, א סך, וואס וועלן ווי פאקטארן ווירקן אויף דעם לעבן פון דורות ווייטער.

ניט געקוקט אויף דעם, וואס די ארבעטן זיינען געשריבן אין פארשיידענע לענדער פון מיינע וואנדערונגען, אין פארשיידענע סיבות און ביי בלערליי שטימונגען און ווער וויים וויפל גורלות פון

פאלק, דאך, דאכט זיך מיר, האב איך תמיד געזוכט אין דעם היינט די צייכנס פון אייביקיים,דאס בלייבנדיקע.

אויף דעם פאן פון די זוכענישן איז אויסגעוואקסן ווי א ריזיקער פענאמען אין אונדזער לעבן דער גאנצער קאמפלעקס „ארץ־ישראל” אין אונדזער נייסטער געשיכטע,עס איז דאך אן אלוועלטלעכע באוועגונג אין יידנטום און א גראנדיעזער פרווו צו בויען א יידיש לעבן,וואס אונדזער געשיכטע ווייס שוין ניט אין משך פון טויזנטער יארן. עס האט זיך געוואלט ווי ווייט מעגלעך אביעקטיוו אפשאצן די צוויי מאמענטן—די באוועגונג פאר ארץ ישראל אין דער גארער וועלט און דאס נייע יידישע לעבן אין ארץ ישראל גופא. זיינען אין דעם באנד א גרעסערער טייל ארבעטן אפגעגעבן דעם ציוניזם.

ווייט פון פאליטישע דאקטרינען,אן ספעציעלע אינטערעסן צו סאציאלאגיע ווי אזא,האב איך זיך באמיט אפצושטעלן אויף די קולטורעלע און נאציאנאל־פסיכישע מאמענטן,די פאקטארן,געוואלט דא זוכן דעם עיקר און דעם טפל,דאס אייביקע און דעם כסדר פארגייענדיקן היינט. איך האב אין די היינטיקע פראצעסן געזוכט אפהילכן פון דורכגעלעבטע און לויט זיי זוכן דעם פסק פון דער געשיכטע פאר די דראנגען און באוועגונגען פון היינט.

אלע ארבעטן וועגן דעם יידישן ארץ ישראל זיינען געשריבן געווארן אין ארץ ישראל גופא, פון דער ווייטנס האט זיך די האנט ניט געהויבן עפעס צו שרייבן וועגן דעם לעבן דארטן. עס איז אפשר גאר ניט עטיש צו שטיין פון ווייטן מיט א וואג־שאל אין האנט און זאגן מבינות. פון דער נאנט אבער,אן דער פערספעקטיוו,זעען זיך בולטער אויך אלע פלעקן,קליינע ווי גרויסע,דעפעקטן,טעותים וואס פון ווייטן וואלט מען זיי אפשר גאר ניט באמערקט,זיינען פון דער נאנט אויסגעקומען ניט אין פארגלייך שטארקער, קענטיקער,א סך שווערער און ווייטאקדיקער. קען זיין,אז דאס שפיגלט זיך ניט איין מאל אפ אין די ארבעטן,אין דעם טאן און אין דעם אינהאלט. טיילמאל ווען איך האב די ארבעטן אליין געלייענט,האט זיך מיר אויסגעדוכט, אז איך זע דעם שאטן פון די בערג ווי בערג. פון דער צווייטער זייט האב איך ניט איין מאל געטראכט,אז אפשר ליגן אין די בלייכע פלעקן און אין קליינע שאטנס סימנים פון מסוכנע פעלערן, סימפטאמען פון אינעווייניקסטע שטערונגען,וואס עס איז א פארברעכן אויף זיי ניט אנצוווייזן. דער געשווארענער פובליציסט וועט עס ניט טאן; ער דארף דערלאנגען דאס וואס דער געברויכער פארלאנגט.

אויף א פשוטן גראַניט זוכט מען ניט קיין פלעקן,אויף א דימענט זוכט מען זיי מיט א פאַרגרעסער־גלאָז, מוז מען אויפדעקן אלע דעפעקטן, אויב אפילו זיי זיינען קליין.

און עס קען זיין,אז ווען דער גורל האָט מיך פאַרטראָגן אין די אמעריקעס,און איך האָב פאַר זיך דערזען א לעבן פון יידן,וואָס איז ווייט ניט קיין יידיש לעבן,האָט זיך אין מיר געביטן אויך די סוביעקטיווע שטימונג,איך האָב פאַרלוירן די אביעקטיווע מאָס פאַר דעם יידישן לעבן פון דאָרטן,און איך בין גענייגט צו פאַרקוקן גרונטיקע הסרונות אין ארץ ישראל. חסרונות, וואָס פון ווייטן, אויבן אויף זעען זיי אוים צו זיין קליין, קענען זיין סימפּטאָמען פון טיפע, גייסטיקע אַנאָמאַליעס און קראַנקהייטן. ווער ווייסט. און דערפאַר האָב איך אין אמעריקע זיך באַמיט ניט צו ענדערן די אַרבעטן,וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין א שטילער דאָרפישער ארץ ישראלדיקער אַטמאָספער; אָפּט אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון אַראַבישע שיסערייען אין די שטילע ,פינצטערע „נעכט אין כנען". דעמאָלט האָט דער אָנגעשטרענגטער נאַציאָנאַלער געדאַנק און גלויבן נערוועז געמאָסטן יעדער טריט פון ציבור:אפשר איז יענע אָפּשאַצונג ריכטיקער,אָביעקטיווער,גערעכטער.

עס זיינען צוויי דיאַמעטראַל קעגנגעזעצטע שטרעמונגען—אין ארץ ישראל און אין אַמעריקע. דאָרטן—א דראַנג צו פולשטענדיקער פּאַרזיכיקייט אָן א רעשט און אָן א שפּור;און דאָ א דראַנג און א גאַנג צו פולשטענדיקער אָפּמעקונג פון יעדער פּאַרזיכיקייט,אָן א רעשט און אָן א שפּור. אָפּט דינט טאַקע דער זעלביקער ציוניזם דאָ ווי אַן „עירוב",וואָס מיט אים מעג מען איבערגיין אלע תחומים,אלע גרענעצן פון יידישקייט. איז עס דאָ דער „כזית־יידישקייט",וואָס מיט אים כשרט מען דעם גרויסן טאָפּ פון כולו גוייִשקייט. פון דאַנען שטאַמט דער אונטערשייד אין דער אָפּשאַצונג,די שטימונג. ווען מען גייט דורך א מדבר דערפרייט מען זיך מיט א טראָפּן וואַסער פון ספּקדיקער ריינקייט. ניט געווען אַזאַ מרחק צווישן אונדזער יידישקייט אין מזרח־אייראָפּע און אין ארץ ישראל,—און אויך ניט געווען אַזאַ אונטערשייד אין דער אָפּשאַצונג.

איך האָב אין דעם באַנד זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף דעם יידישן לעבן אין די אַמעריקעס. איך וויל יוצא זיין מיט מיין בראַשור „יידן און יידישקייט אין אַמעריקע"(ווייניפּעג,1940).

מעקסיקע,2־טער יאַנואַר 1947

די מקורים פון יידישן רענעסאַנס

עס איז צייט אונטערצופירן א סך הכל פון א תקופה: עס האָט זיך געענדיקט א זעלטענע תקופה פון רענעסאַנס און אויפבלי אין דער יידישער געשיכטע, די „תקופה פון מאָדערנעם רענעסאַנס", וואָס אָנגעהויבן האָט זי זיך אַן ערך אין מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט און זיך געצויגן ביז דער ערשטער וועלט מלחמה און אפשר ביז דער צווייטער. דאָס יידיש פאָלק איז פאַר דער צייט פאַרפירפאַכט געוואָרן אין צאָל, מיר האָבן דערגרייכט א צאָל פון כמעט זיבעצן מיליאָן — דעם ערשטן מאָל אין אונדזער געשיכטע, מיר האָבן „קאָלאָניזירט" נייע קאָלאָניעס־ישובים איבער אַלע קאָנטינענטן, מיר האָבן פאַרפלאַנצט א יידיש פאָלק אין אמעריקע, וואָס נעמט — גוט אָדער שלעכט — איצט איבער די העגעמאָניע איבער דעם גאַנצן פאָלק. מיר האָבן אין ארץ ישראל געשאַפן אַזאַ פאַקט, וואָס האָט זיין גלייכן נישט אין דער גאַנצער געשיכטע און וואָס פּרעטענדירט אויף גאולה־אַמביציעס. עס איז נאָך ווייט נישט די צייט צו סומירן אָט די אַמביציעס, אָבער די פּאָטענצן זיינען גאָר גאָר גרויסע. פון קליינע גרופּעס אין פאַרשיידענע לענדער אין אייראָפּע זיינען מיר געוואָרן א וועלט פאָלק.

מיר האָבן פאַר דער צייט אין אָט דער תקופה געשאַפן א נייע וועלט קולטור. פון דער שפּאַנישער תקופה אָן האָבן מיר קיין וועלטלעכע קולטור נישט געשאַפן, און אָט אין דער קורצער תקופה האָבן מיר זיך פאַרמאָסטן מיט דער וועלט מיט א ליטעראַטור, פּאָעזיע, פילאָסאָפיע... עפּעס האָט זיך צעבליט און צעפּרוכפּערט אין אונדזער

גאָרטן אויף אַלע געביטן פון לעבן. און ווער ווייסט וואָס ווייטער וועט זיין. איז עס צייט ארומצוקוקן זיך און אנאַליזירן ווי ליגן די פאַקטאָרן פון אָט דעם רענעסאַנס, און צי זיי זיינען נאָך פאַראַן אין אונדזער לעבן אויף ווייטער, אָדער עס איז אן אָפּגעשלאָסענע תקופה, און היי־סע טויטע ווינטן האָבן איבערגעריסן דעם אויפבלי.

קודם כל מוז מען אונטערשטרייכן דעם פאַקט אַז אָט דער גאַנ־צער רענעסאַנס מוז פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון דעם אשכנ־זישן טייל פון יידישן פאָלק. די ספּרדישע ישובים וואָס האָבן אין פריערדיקע תקופות געטראָגן די הייוון פון יידישן לעבן, וואָס זיי זיינען געווען די אקטיווסטע און די קולטורעלסטע עלעמענטן אין יידישן פאָלק, — זיי ווערן אין דערזעלביקער צייט ווי אַטראָפּירט, זיי הערן זיך אויף צו פאַרמערן אפילו אין פיזישן זינען, קולטור־שעפעריש ווערן זיי ווי פּאַראַליזירט. די ספרדישע ישובים ווערן ווי ביימער וואָס שטייען פאַרדאַרטע אויף זייערע שטאַמען. נישט זיי וואַקסן, נישט זיי בליען. זיי פאַלן אויך נישט איין, — זיי צאַנקען. און דער גאַנצער רענעסאַנס איז דורכגעטראָגן געוואָרן דורך דעם אשכנזישן טייל פון פאָלק. די פּראָפּאָרץ פון די צוויי שבטים איז אין דער תקופה דערגאַנגען ווי קיין מאָל נישט פריער ווי 4 צו 96. דאָס הייסט, אַז די אשכנזים האָבן געקראָגן די טענדענץ צו ווערן דאָס גאַנצע פאָלק און די ספרדים זיינען אוועק אויפן וועג פון דע־גענעראַציע אויף אַלע געביטן פון לעבן.

און ווייטער: פון אַלע אשכנזישע ישובים איז עס געווען נאָר און בלויז דער מזרח־אייראָפּעישער שבט וואָס האָט דעם רענעסאַנס גע־שאַפן.

צום אָנהייב פון דער תקופה האָבן מיר נאָך געהאַט גאַנץ אַקטי־ווע ישובים אין איטאַליע, אקטיווערע — אין דייטשלאַנד און אין צפון פראַנקרייך, אין האָלאַנד און אין ענגלאַנד. אָבער ביסלעכווייז זיינען אויך די אשכנזישע ישובים אין מערב אייראָפּע געוואָרן אַטראָ־פּירט, אָפּגעשטעלט זייער פיזישן וווּקס, איבערגעריסן זייער קולטור־שעפערישקייט און געבליבן ווי פּאַראַליזירט — נישט געלעבט נישט

געשטאָרבן. אויב דער רענעסאנס האָט מיט זיין שטראָם פארשלעפּט אויך מערב־אייראָפּעישע יידישע טיילן איז דאָס געווען בפירוש מיטגעשלעפּט, אָבער נישט פון זיי די אימפּולסן, די פּאָטענץ, דער שטראָם.

און לאָמיר דאָ שוין צוגעבן נאָך איין סימן מובהק פון דעם רע־נעסאנס. נאָר די טיילן פון פאָלק האָבן דורכגעמאכט דעם רענע־סאנס וואָס האָבן גערעדט זייער אייגענע שפּראַך — יידיש.

טאָ לאָמיר פּרובירן געפינען און פאָרמולירן די געזעצן פון פּראָ־גרעס און רעגרעס ביי יידן, פון רעגענעראציע און דעגענעראציע. אפשר וועט עס אונדז העלפן צו קוקן פאָרויס אין דער צוקונפט פון יידישן פאָלק אריין.

מיר האָבן שוין נישט איין מאָל אָנגעוויזן אז אין יידישן לעבן גייען דורך דער גאנצער געשיכטע אונדזוערער צוויי איינציייטיקע פּראָ־צעסן: א פּראָצעס פון כראָנישער אסימילאציע און א פּראָצעס פון כסדרדיקער טראדיציע. איך האָב דאָ טראדיציע אָנגערופן פּראָצעס ווייל איך פארשטיי אונטער דעם טערמין נישט קיין גשמיותדיקן אינ־האלט וואָס ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור נאָר דעם עצם פּראָ־צעס פון איבערגעבן גופא ווי אזא. נישט ירושה, נאָר ירושההודיקייט, נישט קיין פארטיקע קולטור אוצרות שוין געשאפענע, קיינע מוזעען פון קונסטן, ביבליאָטעקן פון פארטיקע ליטעראטור, נייערט דער כסדרדיקע פּראָצעס פון אָנאויפהערלעכן שאפן און פּראָדוצירן. בכן האָבן מיר דאָ פאר זיך צוויי קעגנגעזעצטע פּראָצעסן וואָס ביידע באַ־קעמפן זיך קעגן אנאנד און ביידע האָבן טענדענצן נישט קיין גע־זונטע. פון אסימילאציע איז דאָך אָפּגערעדט, אָבער אויך טראדי־ציע האָט א טענדענץ צו פארגליווערטקייט. אין איר זיינען פאראן אַלע פּאָטענצן פון שעפערישקייט, אָבער איטלעכע פּאָטענציעלע ענערגיע מוז האָבן סטימולן כדי צו ווערן קינעטיש, און דאָ קומען השפּעות פון צייט און אָרט. אָן דעם קומט פארגליווערטקייט, ניט גע־לעבט און נישט געפוילט. אזא פארגליווערטע טראדיציע איז נאָר א באַלאַסט, ווי אטראָפירטע געוועבן אין אן אָרגאניזם.

האָבן מיר פאַר זיך אַזאַ שפּיל פון כוחות: טראַדיציע — דער קוואַל און דער מקור פון גאָר דער קולטור, אָבער נאָר עטוואָס אײַ־בערגעטריבן די נאָרמע, — און שוין — פאַרגליווערטקייט. השפּעות פון צײַט און סביבה, אָן זיי איז אוממיגלעך. אָבער — עטוואָס אײַ־בערגעטריבן די מאָס — און שוין איז עס מער נישט קיין יניקה, נאָר א דיסימילאַציע פון דעם אייגענעם „איך", נישט קיין אסימי־לאַציע פון פרעמדע שטאָפן אין אייגענע געוועבן אַרײַן. ווי אין דער ביאָלאָגיע האָבן מיר דאָ א געפלעכט פון פאַקטאָרן וואָס נאָר אין אָפּטימאַלע תנאים צווישן אנאנד גיבן זיי אין סכום דאָס וואָס מען רופט לעבן.

לעבן דאָס איז דער באַלאַנס צווישן די דעסטרוקטיווע און קאָנ־סטרוקטיווע פּראָצעסן אין אָרגאַניזם. ווי האָבן זיך אין אונדזער לעבן קאָמבינירט די פאַקטאָרן פון אייגנס און פרעמדס, פון וווקס און אָפּ־שטאַרבן, פון קאָנסטרוקטיוון און דעסטרוקטיוון מעטאַבאַליזם אין לעבן.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט — אַלץ וואָס לעבט און יווירט ביי יידן אין אָט דער תקופה — אַלץ קומט פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידישן קיבוץ, איבערהויפּט פון דעם אַמאָליקן „תחום המושב". אַלע אַנדע־רע ישובים האָבן פון לאַנג אויפגעהערט צו לעבן, צו שאַפן עפּעס נייעס. אין בעסטן פאַל האָבן זיי געשאַפן געשיכטע, וויסנשאַפט וועגן יידישקייט פון אַמאָל. מען האָט זיך געמיאוסט מיט לעבעדיקע יידן און מיט לעבעדיקער יידישקייט כדי זיך צו גריבלען אין אַמאָליקער יידישקייט, אין די קברים פון אַמאָליקע יידן. מען אַנטלויפט פון מיליאָנען לעבעדיקע יידן כדי זיך צו דערפרייען מיט א שטיין, מיט א ביין פון א לאַנג געשטאָרבענעם יידן. מער ווי אָט די „וויסנשאַפט דעם יודענטומס", האָבן די קיבוצים נישט געשאַפן גאָרנישט אויסער דעם מזרח־אייראָפּעיִשן, גאָרנישט. פאַרגליווערטע קיבוצים אין מזרח, אין אַזיע, אין אַפריקע; פאַרגליווערטע יידישקייט אין קיבוצים אין אייראָפּע. דאָס אַלץ, קיין שום באַוועגונג — נישט קיין פּאָליטישע,

נישט קײן קולטורעלע איז נישט געשאַפן געװאָרן אין דעם לעצטן יאָרהונדערט אין אנדערע יידישע קיבוצים אויסער דעם מזרח־אײראָפּעישן. בלויז דאָ האָט זיך געשאַפן נײער נאַציאָנאַלער יידישער אינהאַלט אין ליטעראַטור, אין קונסט, אין געזעלשאַפטלעכע באַװעגונגען, אין פּאַרטײען אאַז״װ. בלויז דאָ זײנען מיגלעך געװען יידן אָן רעליגיע, און מיט א סך מער יידישער שעפערישקײט און מוט אײדער בײ די פראַנקפורטער פרומע יידן. דאָ איז עס דורכגעפירט געװאָרן די אָפּטײלונג פון יידישקײט פון רעליגיע. אין דעם קאַמף װאָס עס האָט אמאָל געפירט דער „נײטראַלער״ און נישט נאַציאָנאַלער „בונד״ פאַר זײן אױטאָנאָמיע אין די ראַמען פון רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטײ איז (אומװיליק פאַר א סך בונדיסטן אפילו) געװען מער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס אײדער אין דער גאַנצער נאַציאָנאַל שרײאיקער השכּלה. בכלל זײנען ספּעציעל־יידישע פּאָליטישע פּאַרטײען א פּראָדוקט װאָס נאָר מזרח־אײראָפּעישע יידן האָבן געשאַפן. אפילו אזא אינטערמלוכישע באַװעגונג װי דער ציוניזם איז דורך און דורך מיט אלע זײנע פאָרמען און מיט אלע זײנע אױפטוען א פּראָדוקט פון מזרח־אײראָפּע, אויב אפילו מיר זאָלן דר׳ הערצלען צורעכענען צו די רײנע „מערבדיקע״ יידן. קודם כּל איז דאָך בײ הערצלען דער ציוניזם געבוירן געװאָרן איבערהױפּט „פאַר די יודען דעם אָסטענס״ און אויך אונטער דער השפּעה פון חיבת ציון װאָס האָט עקזיסטירט א צײט פאַר הערצלען. צװײטנס איז ער דאָך געװען בלויז דער פירער װאָס האָט די מזרח־אײראָפּעישע יידן אימפּאָנירט מיט זײן מערבדיקײט דװקא. אין תּוך איז צװישן דעם מערבדיקן פירער און די „רוסישע״ ציוניסטן די גאַנצע צײט אָנגעגאַנגען א טיפער אַנטאַגאָניזם. נישט ער האָט דעם ציוניזם געגעבן דעם אינעװײניקסטן געשטאַלט זײנעם, נאָר דװקא די „געפירטע״ רוסישע ציוניסטן, װאָס האָבן זײן גאַנצע לעבן רעװאָלטירט קעגן אים — ער האָט זײ נישט פאַרשטאַנען אין זײערע אַמביציעס און פאַרמעסטן. אין זײן פאַנטאַזיע „אַלטנײלאַנד״ האָט דר׳ הערצל אלײן אַרויסגעשטעלט װי דער הויפּט־אױפטוער דעם „ליטװאַק״ און

נישט באַנומען דעם תוך פון דעם גייסטיקן אויפטו אין ארץ ישראל, ווי עס האָט נאָך בשעתו אָנגעוויזן אויף דעם אחד העם. סוף כל סוף איז הערצל געווען בלויז אַן עפּיזאָד אין ציוניזם און נאָך זיין טויט איז אויך די פירערשאַפט איבערגעגאַנגען צו די מזרח־אייראָפּעישע יידן. פון זיי דער אימפּולס, דער שווונג, דער אימפּעט, די ענערגיע, די ריכטונג און אויך דער מענטשן־מאַטעריאַל. אזוי אין ציוניזם און אזוי אין אַלע אנדערע יידישע באַוועגונגען. יידנטום ווי א קאָלעקטיוו, וואָס האָט אייגענע פּראָבלעמען, קאָלעקטיווע שעפּעי־רישקייט — דאָס איז אין פסיכיק פון די מזרח־אייראָפּעישע יידן.

יידנטום ווי אַן אָפּשטאַם אין פארגאַנגענהייט און מער נישט — אין דער פסיכיק פון די מערבדיקע יידן.

מען גרייסט זיך ביי אונדז מיט יידן גרויסע לייט, נאָבל־לאַור־ראַנטן, וועלט באַרימטע, וואָס כמעט אַלע זיינען זיי מערב־יידן. ובכן קען עמיצן זיך אויסדרוכטן אַז, אויסער מזרח־אייראָפּע פאַרמאָגן אויך אנדערע יידישע קיבוצים קולטור והא ראיה: אָט אזוי פיל גרויסע לייט — יידן, אזש גאַנצע לעקסיקאָנען אָנצופּילן. אָבער עס איז בלויז א טעות. אָט די אַלע גרויסע לייט זיינען אפשר א כבוד פאַר יידן, אָבער זיי זיינען בשום אופן נישט קיין יידישער כבוד. זיי זיי־נען יידן — גרויסע לייט, אָבער זייער גרויסקייט איז דאָך לגמרי נישט קיין יידישע. און בכן, אויב מען רעדט וועגן וואָסער עס איז מאָדער־נער יידישקיים, שטאַמט עס תמיד און כסדר פון מזרח־אייראָפּעישן קבוץ.

:: :: ::

אויפקלערן די סיבות פון דעם פאַקט הייסט אייגנציייטיק אויפ־קלערן די פאַקטאָרן פון יידישן רענעסאַנס.

אָבער צוערשט דאַרף אָנגעמערקט ווערן נאָך איין פאַקט: אויך אין צאַרישן רוסלאַנד איז איך משך פון דער צייט געגאַנגען דער „נאָרמאַלער" אסימילאַציע־פּראָצעס. אויך דאָ האָבן זיך יידן עמאַנ־

ציפּירט, אַרויסגעריסן זיך פון דער ייִדישער סבֿיבֿה, פון „געטאָ״ אַזוי צו זאָגן. שמד פלעגט זײַן דער „נאָרמאַלער״ סוף־אַקט פון אַט דעם פּראָצעס. לכתּחילה זײַנען עס געווען די אַקציזניקעס און פּאָד־ריאַדטשיקעס. נאָכדעם איז געקומען די „בערלינער״ השׂכּלה, וואָס האָט אין די צײַטן פון ניקאָליי דעם ערשטן געקענט האָבן מער פאַר־לאַנג, אײדער סאָציאַלע און פּאָליטישע מעגליכקײטן. עס איז געווען מער גלויבן אין אַסימילאַציע אײדער פּאַקטישע אַסימילאַציע גופא. אָן א סאָציאַלן באַזיס איז געווען א אידעאָלאָגיע פון אַסימילאַציע. בלויז געצײלטע יחידים האָבן געהאַט די סאָציאַלע געלעגנהײט צו פאַרווירקלעכן די אַסימילאַציע־טרוימען. נישט געקוקט אויף די קאַ־זאַרמעדיקע צוואַנג־מיטלען צו אַסימילירן ייִדן, נישט געקוקט אויף דער אַגיטאַציע, איז דאָך אַלץ די אַסימילאַציע געבליבן אַן ענין פון יחידים. ערשט מיט דעם אויפקום פון א ייִדישער בורזשואַזיע און מיטל בורזשואַזיע אין דער האַלב־ליבעראַלער תּקופה פון אַלעקסאַנ־דער דעם צווייטן, האָט די אַסימילאַציע גענומען גײן באַרג אַרויף. ייִדן האָבן אָנגעפילט די אַלגעמײנע רוסישע מיטל שולן, ייִדן האָבן זיך געבעטן מען זאָל זײ דערלויבן האַלטן רוסישע אַמען און דינסטן, כּדי זײערע קינדער זאָלן „אײַנזאַפּן דעם רוסישן גײסט פון ערשטן טאָג אָן״. דאָ האָט מען שוין אויפגעהערט צו שפּילן זיך אין השׂכּ־לה „בת חשמים״, — דאָ איז מען פּראָסט און פּשוט מיט לײַב און לעבן אַוועק זיך רוסיפיצירן. די שפּעטערדיקע פּאָגראָמען האָבן בלויז איבערגעריסן די אידעאָלאָגיע, אָבער נישט דעם פּאַקט, נישט דעם פּראָצעס. ער, דער פּראָצעס פון רוסיפיקאַציע און שמד איז זיך גע־גאַנגען זײַן וועג ווײַטער ביז צו דער פאַרשטאַרקטער מגפה פון מאַסן־שמד בײַ דער ייִדישער יוגנט אין סאַמע מיטן פון דער בײליס וואָק־כאַנאַליע ערבֿ דער וועלט־מלחמה. קײן אַסימילאַציע־אידעאָלאָגיע איז נישט געווען. פאַרקערט, האָבן געגאָלטן פאַרשײדענע נאַציאָנאַלע טעאָריעס, און טויזנטער יונגע לײַט זײַנען אַרומגעפאָרן איבער דער ברײטער רוסישער אימפּעריע אויסצוזוכן עפּעס א פּאָפּל, וואָס זאָל מסכּים זײַן אָפּצושמדן זײ פאַר עטלעכע רובל. און בכן, הײסט עס,

אַז אויך דאָ זיינען נישט געווען קיין ניסים, קיין אויסנאַם. אויך דאָ האָבן נישט געווירקט קיין „אינטימע כוחות" ווי דאָס וויל אַ חסי־דיש־יידישער געלערנטער, נישט געווירקט און נישט געהאָלפן. אויך דאָס רוסלענדישע יידנטום איז לגמרי נישט געווען אימוניזירט פון אונטערגאַנג און פון סאָציאַל־קולטורעלער דעגענעראַציע, וואָס דופט זיך מיט דעם שיינעם נאָמען „אַסימילאַציע". בלייבט דאָך ווידער די אַלטע קשיא, וואָסערע באַזונדערע כוחות האָבן געווירקט אין דעם אָ יידישן קיבוץ אַנדערש ווי אין אַלע אַנדערע! וואָסערע פאַקטאָרן האָבן געהאָלפן שאַפן דעם וועלטלעכן יידישן רענעסאַנס, דעם אָנוווקס פון נייעם אויף דעם אַלטן, נייע קולטור־צווייגן אויף דעם אַלטן שטאַם? וואָסערע זיינען זיי אָט די כוחות? און צי זיינען נאָך איצט פאַראַן? צי ווירקן זיי ווייטער אָדער זיי זיינען, חלילה שוין מער נישטאָ, אויסגעלאָשן?

לאָמיר מיט אַ קאַלטן קאָפּ קודם כל אויסשליסן אַלע מעגלעכע פאַקטאָרן, וואָס דער אַנאַליז וועט אַרויסווייזן, אַז נישט זיי זיינען שולדיק אין אונדזער קיום. דער ערשטער פּרעטענדענט אויף דעם טיטול פון קיום היהדות איז דאָך כידוע, די רעליגיע. אָבער יידישע רעליגיע און לעבעדיקע יידישקייט זיינען צוויי זאַכן, וואָס קענען אָפּט זיין בשכנות, אָבער זיי זיינען לגמרי נישט אידענטיש. אויך דער רענעסאַנס איז נישט סתם אַן אפּיקורסישער געבילדעטער זון פון אַ פרומען טאַטן. ווידער, איז די פרומקייט ביי די יידן אין רוסלאַנד, אין דער ליטע און איבערהויפּט אין אוקראַינע קיינמאָל נישט דערגאַנגען ביז צו דער מדרגה פון אַ פראַנקפורט אין דייטשלאַנד, פון אַ מונ־קאַטש אין אונגאַרן, פון אַ קראָקע אין דעמאָלדיקן עסטרייך. און אָט די געוואַלדיקע פרומקייט, וואָס ליטווישע פרומע יידן וואָלטן זיך פאַר איר דערשראָקן, האָט נישט געשאַפן קיין קולטור־פּראָגרעס, האָט נישט איינגעהאַלטן קיין יידישקייט, האָט נישט אָפּגעהאַלטן דעם אַסימיליר־פּראָצעס, האָט נישט געבאָרן קיין קולטור־רענעסאַנס. איז דער רענעסאַנס דאָך איבערהויפּט אַ פּראָדוקט פון דעם לגמרי נישט פרומען אוקראַינישן און ליטווישן יידנטום.

בכן פאַלט אָפּ די לעגענדע, אַז די יידישע רעליגיע פאַרמאָגט א קמיע איינצוהאַלטן יידישקייט. כּל זמן אַלץ, וואָס דאָס לעבן האָט איינגעשטעלט איז געווען „רעליגיע", כּל זמן רעליגיע האָט סאַנקציאָנירט, קאַנאָניזירט דעם שטייגער לעבן, כּל זמן זי האָט אָט דעם שטייגער געקרוינט מיטן נאָמען „תורה שבעל פּה", — כּל זמן, ה"ר, רעליגיע און שטייגער זיינען געווען אידענטיש, — אַזוי לאַנג האָט זיך יידישקייט געהאַלטן מיט רעליגיע, נישט אויף רעליגיע, נאָר מיט רעליגיע. די רעליגיע איז געווען דער פורעם וואָס דאָס לעבן פלעגט זיך אין אים אריינגיסן כּדי זיך צו פאַרפיקסירן, סטאַבּיליזירן. נאָר דאָס. האָט דאָס לעבן אויפגעהערט צו גיין מיט רעליגיע, איז געבליבן רעליגיע בלויז אין שול, אין טעמפּל, אין „גאָטעסדינסט", א תורה שבכתב מיט איינמאָל אויף שטענדיק פיקסירטע מצוות, ווי נאָר יידישקייט איז געוואָרן רעליגיע, קולט און דאָגמע — פון דעמאָלט אָן האָט די רעליגיע אויפגעהערט צו האַלטן יידישקייט און זי קען זיך איינלעבן בשלום מיט אַלע מדרגות פון אסימילאַציע, ביז דער טעאָרעטישער פאָרמולע „אַלע פעלקער פון יידישן גלויבן". אָט די רעליגיע, אָפּגעטיילט אינגאַנצן פון דעם „תורה שבעל פּה"-שטייגער ווערט גיך פאַרטריקנט, איינגעדאַרט און אין איינעם, צוויי דורות ווערט זי א מומיע פון א רעליגיע. די יידישע רעליגיע קען זיך אַליין מיט אייגענע כּוחות נישט איינהאַלטן.

ובכן — נישט רעליגיע. נישט קיינע „אינטימע לעבנס-כּוחות", קיין מעטאַפיזיק. אויך נישט פאַרקערט איז דער רענעסאַנס געוואַקסן דאָרטן ווו די השפּעה פון דער רוסישער קולטור איז געווען אַם שטאַרקסטן. דווקא די קרייזן, די שיכטן יידן, וואָס האָבן געלעבט איבערהויפּט מיט דער רוסישער קולטור אויסערן תחום און אַפילו אין תחום, —די קרייזן האָבן געגעבן די גרעסטע צאָל שמדניקעס, די גרעסטע אסימילאַציע, מיט איר גאַנצער אַמאָראַלישקייט, ווי „נאָרמאַל" ביי יידישע אסימילאַציעס.

אָפּגעוואָרפן דאָס אַלץ בלייבט אונדז איצט איבער בלויז צו אַנאַליזירן נאָך עטלעכע מעגלעכע פאַקטאָרן. ערשטנס. כּמעט אַלע טרע-

גער און טוער פון דעם יידישן רענסאנס שטאמען ביאָגראפיש פון יידישע שטעטלעך פון תחום. פון דאָרטן שטאמען אלע שרייבער, זשורנאַליסטן, דענקער, פּאָליטישע טוער, פּארטייען־שאפער און פירער. פון דאָרטן שטאמען אויך אין מערהייט די אלע, וואָס האָבן נישט זוכה געווען אריינצוגיין אין רייזענס לעקסיקאָן, דאָס מיין איך די געטרייע יידישע מאסן מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט אין אָט דער נייער יידישקייט, וואָס צו זיי האָבן די שעפער פון רענעסאנס גערעדט. די עטלעכע אויסנאמען, וואָס שטאמען נישט פון שטעטל זיינען, פארשטייט זיך, נישט קיין אָפּפרעג פארן כלל. און עפּעס האָבן דאָך אָט די יידישע יונגע לייט אוועקגייענדיק פון די שטעטלעך אין דער גרויסער וועלט אריין געמוזט מיטנעמען, וואָס עס האָט אויף א גאנץ לעבן צוגעבונדן צו יידישקייט. און וואָס האָט פארמאָגט דאָס שטעטל? וואָס, אחוץ יידישן שטייגער! נישט קיין קאָנצענטרירטע גרויסע מאסן, סתם מאסיווע צאָלן יידן. ניין, בלויז די סאָציאל קולטורעלע זעלבשטענדיקייט פון לעבן אין שבת און וואָך, אין שטוב און אין קיך, אין באָד און אין בית מדרש. דער ספּעציפישער פיר פון רבי, פון פּראָצענטניק, פון בעל־מלאכה און פון פערד־גנב, —אָט דאָס אלץ, וואָס מיר רופן אָן שטייגער, אָט דאָס איז עקוויוואַלענט צום אמאָליקן „מיסתורין" פגן תלמוד. נישט רייך איז געווען דער „לאגער פון פארטיקע אויסגעארבעטע קולטור־פּראָדוקטן" אין שטעטל. פארקערט עס איז אין שטעטל נישט געווען כמעט קיין פּראָדוקציע פון קולטור־אויסארבעטונגען. אָבער „רויע קולטור־ארץ", אָט דאָס, פון וואָס קולטור־פּראָדוקטן ווערן אויסגעארבעט, דאָס איז געווען לרוב — דאָס איז די פשוטע אייגנטימלעכקייט, זאָל זיין אפילו פּרימיטיווע זעלבשטענדיקייט פון לעבן. זאָל זיין אָרעם די שול, נישטיק — דער חדר, זאָל די ישיבה זיין די אוניווערסיטעט, זאָל זיין — און דאָך האָט דווקא אָט די ספּעציפישע זעלבשטענדיקייט מיט די נאָפּלען פארוואָרצלט יידישע דורות אין יידישקייט. און ווען דאָס יידישע שטעטל האָט זיך צעגאָסן איבער שטעט, איבער גרענעצן, איבער לענדער און קאָנטינענטן, האָבן די שטעטלשע קינדער נישט גע־

קענט זיך אָפּרײסן פון זײער מאַמע־שטעטל, פון זײער טאַטע־שטײ־גער, און זײ האָבן ייִדישקײט פּאַרטראַגן איבער אַלע לענדער. און נישט בלויז די טרעגער, — דער אינהאַלט פון אונדזער גאַנצער מאָדערנער קולטור איז דאָך מיט זײַנע וואָרצלען אין שטעטל. מענדעלעס, אַשס און רײזענס שטעטלעך האָבן געשאַפן אויך בראַנזוויל און דאָס ייִדישע ניו־יאָרק. קײן אַנדער „רוי־שטאָף" פאַר קולטור־שאַפן, פון אַנדערע „גרובן" געגראָבן האָבן מיר נישט — אַלץ שטאַמט פון שטעטלשער טראַדיציע. סײַדן מיר זאָלן נעמען און פּראָקלאַמירן פאַר ייִדישקײט עפּעס אַ „נײַע תורה", אַ נײַעם גאָט: „אלה אלוהיך ישראל", און מיט וואָס דאָס ענדיקט זיך, ווײסן מיר שוין. אגב, מוז דאָ צוגעגעבן ווערן, מיט דעם וואָרט „שטעטל" מײנען מיר דאָ נישט דווקא דאָס שטעטל, עס מעג אויך זײַן דער ייִדישער קוואַרטאַל פון שטאָט. בכן נישט שטעטל אין געאָגראַפישן זינען, נײַערט אין סאָציאַלן קולטור־שטײגערישן זינען. אַזוי אַרום מײן איך, אַז עס איז קלאָר די שייכות פון אונדזער נײַער קולטור מיט דער קולטור־טראַדיציע, דער אײביקער „משה קבל תורה ומסרה ליהושוע" אאַז"וו א"וו ביז... ייִדישע שטעטלעך מסרוה צום קולטור־רענעסאַנס.

אָבער צום אָנהײב קאַפּיטל איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דאָ מוזן ווירקן נישט אײן כוח, נאָר אַ גאַנצע רײ סאָציאַלע כוחות־וועקטאָרן דאַרפן זיך דאָ איבערקרײצן. וואָרום באמת זײַנען דאָך טײלן פון זעלביקן שטעטל אוועק צו דער בורזשואַזיע, „אַרויסגעריסן זיך פון געטאָ" האָט מען דאָס גערופן און אָפּגעריסן זיך, דיפונדירט ערגעץ אין אומענדלעכע ברײטן פון רוסלאַנד נישט ערגער ווי אין מערב אײראָפּע. די געזעצן פון דער ייִדישער „נאָרמאַלער" אַסימילאַציע האָבן אויך דאָ אויסגעהאַלטן. די אַסימילאַציע איז נישט דערגאַנגען בלויז דאָרטן, וווּ ייִדן זײַנען אין נײַע סאָציאַלע באַדינגונגען געבליבן ווידער אַמאָל ווי ייִדישע מאַסיוו, ווי סאָציאַלע גופים געבונדן צווישן אַנאַנד, נישט ווי באַזונדערע אײנצלנע יחידים, וווּ עס איז געווען ייִדנטום און נישט בלויז ייִדן. זײַנען טאַקע אין דעם

יידישן „תחום המושב" געשאפן געוואָרן נייע יידישע סאָציאַלע מאסיוון — מאסיוון פון ארבעטנדיקע יידן. „בעלי מלאכות, חברה פּועלים", „קאסעס" פאריינען — ארבעטער־מאסיוון. און נישט בלויז אין די גרויסע שטעט — אין ווילנע, אין ווארשע, נייערט גאַנצע ארבעטער שטעטלעך ווי א סמאָרגאָן פון פאר דער ערשטער וועלט מלחמה מיט אירע טויזנטער יידישע לעדער־ארבעטער, קרינעק, רו־זשאנוי, פּינסק אאז"וו און ווייטער. דאָרטן זיינען געווען גאנצע יידי־שע מאָסיוון מיט אייגענע לעבנס־מאסיוון.

אלץ וואָס אָט די יידישע מאסיוון האָבן געשאפן, אלץ איז גע־ווען אין יידישן לעבן. האָבן זיי אויפגעהערט צו זיין רעליגיעז, זיי־נען אנשטאָט דעם געקומען נייע פאָרמען פון קאָלעקטיוון לעבן — פאַרבאנדן, פאריינען, קרייזן, פּארטייען, סאָציאלע און קולטורעלע אָרגאַניזאציעס. די מאסיוון זיינען נישט צעשאָטן געוואָרן.

אָט די מאסיוון, זיי שאפן אין לעבן נייע קאָלעקטיווע פאָרמעס, נייעם שטייגער, נייע שיכטן „קולטור־ארץ". זיי דערציען אויך די נייע קולטור־שעפער, די נייע פּראָדוצירער פון מאָדערנע קולטור־פּראָדוקטן.

למשל: האָט דער משכיל ש. י. אבראמאָוויטש אוועקגעוואָרפן זיין השכלה און זיך גענומען פאר דער „טאקסע" און „קליאטשע", האָט ער ביודעים אָדער בלאָ יודעים געהאַט פאר די אויגן דעם עט־ו.אָפּ „געכאפּטן אין דער מעשה" ישיבה־בחור, האָט שלום עליכם אָן ספק געהאט פאר זיינע אויגן זיינע זאטערע און לעבנס־לוסטיקע און פריידיקע דרום־יידן. האָט אויך דער משכיל און אין שטוב גאנץ היפּש אסימילירטער י. ל. פּרץ פאר זיך דערשפּירט גאָר א צווייטע אוידיטאָריע פון האָרעפּאשנע און גאָר נישט קיין פרומע יידן. און אָט די אוידיטאָריע האָט אים א צי געטאָן און געגעבן אים א ריכ־טונג פאר זיין שאפן. עס איז נישט קיין „באשטעלונג", עס איז נישט קיין פארלאנג צו געפעלן אין פשוטן זינען פון וואָרט. נאָר קיי־נער שאפט נישט אין א סאָציאלן וואקום, יעטווידער שאפער, יעט־ווידער קינסטלער, דענקער, פּראָדוצירער פון ווערטן קען דעמאָלט

אַרבעטן, װען ער שפּירט, ער שטעלט זיך פאַר זײן געברױיכער, װען ער דערפילט אַ רעזאָנאַנס. און אַט אַזױ אַרום האָבן דאָס די „דרײ גײמאָריגס" געבראַכט פּרצן צו די „צװײ בערג" און „אױבן נישט נאָך העכער"

איך באַנוץ דאָ דאָס װאָרט „מאַסיװ" בכיװן און נישט „מאַסע". אין אַ מאַסיװ זײנען אַלע טײלכעלעך באַהעפט אין אײן גאַנצקײט. גיסט אַ צי אײן טײל, מוזטו ציען דאָס גאַנצע. אָפּטײלן אײן שטיקל פון דעם צװײטן מוז מען מיט כּוח. — דער סימן: באַהעפטקײט, בעת מאַסע קען זײן אױך אַ באַרג זאַמד — אַ שטײן װאָס איז צע־מאָלן געװאָרן אױף אַ שטויב. ייִדן זײנען אַ פֿאָלק כּל זמן באַזונדערע ייִדן זײנען צונױפגעהעפט און פאַרבונדן צװישן אַנאַנד, און די באַ־העפטקײט קען זײן נאָר אַ קולטורעל־שטײגערישע. נישט געמײנזאַמ־קײט פון אידעען, געמײנזאַמקײט פון גלױבן אָדער גורל, נײערט גע־מײנזאַמקײט פון זיטן, מינהגים, פּירונגען, בגדים, מאכלים, יום־טובים און לשון. און מהאי טעמא זײנען אין סױנציאַן אַכט טױזנט אידן געװען אַ מאַסיװ, טױזנט ייִדן ישובניקעס צעשאָטן איבער דערפער און אײנזאַמע קרעטשמעס, אײן מנין ייִדן אין אַ װינקעלע פון אונדזער חרובער קאַסרילעװקע זײנען געװען טײלן פון אַ שטאַרק צונױפגעהעפטן מאַסיװ, און מיליאָנען ייִדן פון צװײטן דור אין ניו יאָרק זײנען נישט קײן מאַסיװ נאָר מער נישט װי אַ מאַסע. דעריבער זײנען אַכצן טױזנט ייִדן אין פּתח תקוה יאָ אַ מאַסיװ און אַ האַל־בער מיליאָן ייִדן אין שיקאַגאָ — גאָט װײס...

פון בערג מיט זאַמד צעשאָטענעם קען מען גאָר נישט בױען. מען מוז האָבן צו אים אַ צעמענט. און דער צעמענט איז און קען זײן נאָר די געמײנזאַמקײט פון שטײגער. דרײ מדרגות זײנען זײ אין קולטור לעבן פון אַ פאָלק, און דאָס זײנען זײ:

א) שטײגער פאָרמען אין לעבן. דאָס איז דער באָדן װאָס פון דעם װאַקסט קולטור, דאָס איז דער אַרץ װאָס פון איר שמעלצט מען קולטור־שאַפונגען.

ב) קולטור אױסאַרבעטונגען, שאַפונגען, פּראָדוקטן, קונסטן, לי־

טעראַטור, קאָדעקסן, פּאַרטייען, באַוועגונגען וכדומה.

ג) דאָס אַריינפּירן אין שטייגער די פּראָדוקטן פון דער צווייטער מדרגה. די דריי מדרגות זיינען דער נאַטירלעכער „קרייזלויף" פון קולטור, ווי עס איז אין דער נאַטור בכלל.

דאָרטן ווו אָט דער קולטור־קרייזלויף איז ביי יידן אַ פּאַרזיכיקער, נישט דער וואָס ביי דעם הויפּטפאָלק, — דאָרטן איז דאָס יידנטום אַ מאַסיוו. ווו דאָס פעלט, דאָרטן זיינען מיר גרעסערע אָדער קלענערע מאַסן אָבער נישט קיין מאַסיוו.

אַזוינע מאַסיוון האָבן מיר אין גלות געהאַט עטלעכע: אין גלות בבל נאָכן ערשטן חורבן און אָט דער גלות האָט אויסגעהאָדעוועט די שיבת ציון. אַזאַ מאַסיווע יידישקייט איז אויסגעוואַקסן אין ארץ ישראל אין דער צייט צווישן נחמיהן און די חשמונאים. מיר האָבן געהאַט אַ מאַסיווע יידישקייט אין בבל אין צייט פון תלמוד און די גאונים און שפּעטער — אין די געטאָס אין אייראָפּע און איבער־הויפּט אין דעם מזרח־אייראָפּעישן יידישן מאַסיוו.

אַלע די מאַסיוון זיינען געווען דאָרטן ווו יידן האָבן געהאַט אַ שפּראַך נישט די וואָס עס נוצט דאָס הערשעריש פאָלק. אומעטום ווו יידן האָבן גערעדט די שפּראַך פון הויפּטפאָלק, דאָרטן ווו עס איז פאָרגעקומען אַ שפּראַך אַסימילאַציע, דאָרטן — איז דער יידישער מאַסיוו צעפאַלן, זיך צעשטויבט — צוערשט מאָראַליש און דאַן פּי־זיש. נישט וויכטיק דער היסטאָרישער יחוס פון דער שפּראַך. וויכ־טיק איז דער פאַקט וואָס די שפּראַך שיידט אָפּ דעם יידישן קיבוץ פון דעם הערשנדיקן פאָלק און זי פאַרבינדט די יידישע יחידים אין אַ צווייטן קאָלעקטיוו.

יידן האָבן אויסגעבילדעט מאַסיוון נאָר אין די צוויי באַדינגונ־גען: א) ווען זיי לעבן צווישן סובאָרדינירטע פעלקער ווייט אָפּגע־טיילט פון דעם הערשנדיקן פאָלק. דאָס איז געווען דער פאַל אין דער פּערסישער תקופה אין ארץ ישראל, און אין מזרח־אייראָפּעישן קי־בוץ ביז דער ערשטער וועלט מלחמה. יידן האָבן זיך געצויגן צו דער רוסישער קולטור, אָדער אין גאַליציע — צו דער דייטשישער, אָבער

לעבן האָבן זײ דאָך געלעבט צװישן די סובאָרדינירטע פאָליאַקן, און־קראַינער, װײסרוסן וכדומה. האָבן יידן אין א װילנע, צי אין א לובלין, קראָקע אין זיך אַרײַנגענומען די רוסישע אָדער די דײטשישע קולטור, אָבער זיך אסימילירן אין דעם רוסישן, צי אין דײטשישן לעבן און אין געזעלשאַפט דאָס האָבן זײ נישט געקענט. גאָר אנדערש װי דאָס איז געװען דאָרטן װו יידן האָבן געלעבט אין געאָגראַפישן קאָנטאַקט מיט די הערשנדיקע פעלקער. אָט די אוממיטלבאַרע נאָנטקייט איז געװען דער אידעאַל װאָס צו אים האָט מען געשטרעבט, אָבער נישט קיין פאַקט.

ב) װען יידן זײַנען יורידיש אָרגאַניזירט אין א באַזונדערער קערפּערשאַפט. אַזױ איז געװען אין בבל דאָס ערשטע און דאָס צװײטע מאָל, אַזױ איז געװען אין מערב אײראָפּע ביז דער עמאַנציפּאַציע.

אגב, גיבן אונדז די באַטראַכטונגען א קריטעריום פאָרױסצוזען דעם גורל פון יידנטום אין די נײַע באַדינגונגען װאָס שאַפן זיך נאָך דער ערשטער און נאָך דער צװײטער װעלט מלחמה אויב אפילו גאָט זאָל אונדז אויסהיטן פון װײַטערדיקע קאַטאַסטראָפעס.

דאָס זײַנען די צװײ הויפּט־פאַקטאָרן: די קולטור־טראַדיציע און די פון דאָס נײַ פאָרמירטע יידישע מאַסיװן. אין דעם געפלעכט פון פאַקטאָרן קומען נאָך אַרײַן א רײ אנדערע פאַקטאָרן. די יידישע אָנרעכטיקייט האָט נישט געלאָזט די יידן פון תחום זיך צעשפּרייטן געאָגראַפיש און אויך האָט דאָך די זעלביקע אָנרעכטיקייט נישט געלאָזן אַרײַנדרינגען אין מלוכה־אונטערנעמונגען, א סך פרײַע פּראָפעסיעס זײַנען פאַר יידן געװען געשלאָסן. דאָס האָט נישט דערלאָזן קײן סאָציאַלע צעשטויבונג, קײן צעשיטן זיך אויף באַזונדערע מאָלעקולן, װאָס דיפונדירן גרינגער אין „אַלגעמײנעם" לעבן אַרײַן. פערסאָנעלע רעכט אָן באַװאָרענישן פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער זײַנען תמיד געװען דאָס טירל, װאָס דורך אים פלעגן זיך יידן אײנציקװײַז אַרויסגנבענען פון יידישן קבוץ, פון יידישן כלל־לעבן, פון דער „געטאָ", װי דאָס יידיש לעבן האָט טראַגיש פּעסימיסטיש געקלונגען בײַ

די עמאַנציפּאַציע־גיריקע יידן. אָן גלייכע רעכט האָט די השׂכּלה גע־קענט געבן „אוואַנסן". האָבן משׂכּילים און געבילדעטע יידן און גילדע־סוחרים געקענט קנעכטיש זיך חנפהנען, האָבן זיי אַלע זייערע מוזעס געקענט איינשפּאַנען צו זינגען און זאָגן „הלל" די „מלכי חסד" פון רוסלאַנד. האָבן זיי געקענט מיט צער און צאָרן באַמבאַר־דירן די יידישע מאַסן, פאַרוואָס זיי לויפן נישט נאָך. אָבער אחרי כּכלות הכּול האָבן זיי געמוזט אַליין בלייבן אין „געטאָ נעבעך"... סיידן זיי האָבן זיך „איבערגעדרייט מיט האָר און נאָר" (שמד). צווייטנס, האָט דער תּחום געווירקט צעמענטירנדיק. אין ערגעץ זיי־נען נישט געווען קאָנצענטרירט אַזוינע קאָמפּאַקטע מאַסן ווי אין תּחום עס זיינען דאָך געווען דאָס רוב שטעט און שטעטלעך מיט אַ יידישער מערהייט. איז שטאָט און שטעטל געווען יידיש לויט גע־שטאַלט און שטייגער. אמת, אין איין ניו־יאָרק זיינען קיין עין הרע פאַראַן אַזוי פיל יידן, ווי אַמאָל אין גאַנצן תּחום. איז ערשטנס טאַ־קע ניו־יאָרק יידיש, אויף אַן אַנדער אופן, אָבער יידיש, אימיגראַנ־טיש יידיש, ווייט נישט פאַרוואָרצלט, אָבער יידיש. איז דאָ די קאָנ־צענטראַציע מער אַ געאָגראַפישע איידער אַ סאָציאַלע און נאָך ווייניקער איז די קאָנצענטראַציע דאָ אַ קולטורעלע.

דאָך דאַרף מען דעם פאַקטאָר פון רעכט אָדער אָנרעכטיקייט נישט איבערטרייבן. טאַקע די יידן אין זעלביקן רוסלאַנד מחוץ דעם תּחום האָבן זיך אָן רעכט דאָך אָפּט אַסימילירט גאָר און גאָר. אַפי־לו אין תּחום, אין סאַמע געדיכטעניש פון יידנטום האָט מען דאָך גע־קאָנט געפינען גאַנצע גרופּעס אַסימילירטע „נאָרמאַל" ביז אָפּגעריסנ־קייט.

און אויך אין רומעניע, זיינען יידן געווען אָן רעכט און זיי האָבן זיך אין אַלט רומעניע אַסימילירט ווי אין אַנדערע לענדער מיט רעכט.

אַ חוץ דעם איז אין רוסלאַנד געווען אַ השפּעה פון צייט און אָרט אין גאָר אַן אַנדער זינען אויך. צייט — פעלקער אויפוואַכונג, אויפגעוועקטער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין. פעלקער האָבן גענומען

שטרעבן צו נאַציאָנאַלער פרײהײט, צו זעלבשטענדיקײט. אָרט — דער תחום המושב װאָס איז פילפעלקערדיק און אַלץ אַרום האָט גע־אָטעמט מיט נאַציאָנאַלן װילן, — האָט דאָס געװירקט אױך אויף ייִדן. עס איז געגעבן געװאָרן דער מוסטער און אױך דער „הכשר", „מען מעג".

און װײטער האָט דאָ אױף דער ייִדישער אינטעליגענץ געװירקט די רוסישע קולטור גופא. זי האָט פאַרמאָגט אין זיך עלעמענטן, װאָס זײנען אין דער אײראָפּעישער געװען פיל קנאַפּער און װײניקער אָנ־זעװודיק. איך מײן דאָ בעיקר די רוסישע „גאָטזוכעניש" בעת דער לײטמאָטיװ און לײט־אידעע אין דער אײראָפּעישער קולטור װאָלט מיט גאָר די רעכט געקענט אָנגערופן װערן „גליק זוכעניש" אמת, אין רוסישן לעבן גופא, אױף די אומענדלעך ברײטע און אומענדלעך גרױסע רוסישע פעלדער איז אפשר אָט דאָס גאָטזוכעניש גאָרנישט געװען אַזױ קאָנדענסירט. אָבער די ייִדישע אינטעליגענץ פון תחום אַרױס האָט געזען נישט דאָס רוסיש לעבן, נאָר די רוסישע ליטעראַ־טור, טעאַטער, קולטור, אָט דעם גאָטזוכעניש עקסטראַקט פון רוסישן לעבן. און האָט אַ ייִדישער יונגער מאַן אפילו זיך אָפּגעריסן פון שטעטלשער ייִדישקײט, פון גמרא, האָט ער אָבער דאָ פאַר זײן גריבלעניש געפונען אַ נײע „סוגיא" פון טיף מאָראַלישן כאַראַקטער. ער האָט פאַר זיך געהאַט נישט סתם רוסישע מענטשן, נאָר טאָלס־טױס, טורגענעװס אאַז"װ טיפּן. נישט קײן פּױערים, נאָר ניקיטינס, ניעקראַסאָװס, קאָלצאָװס „טרױמער אין לאַפּטשעס". נישט סתם הפקר־יונגען, נאָר גאָרקיס "באָסיאַקעס" און אױך נישט סתם אַ קאַמף פאַר אַ בעסערן, רײכערן און זאַטערן מאָרגן, נאָר טאַקע בפי־רוש אַ קאַמף פאַר יושר און גערעכטיקײט, אַפּט קעגן די אײגענע פערזענלעכע קלאַסן־אינטערעסן פון דעקאַבריסטן. נאַראָדאָװאָלצעס און אַזױ װײטער.

אין מזרח אײראָפּע האָבן מיר געלעבט אין אַ געזעמל פון פעל־קער, װאָס האָבן פּאָליטיש נישט געהערשט, זײ זײנען געװען צוזאַ־מען מיט ייִדן סובאָרדינירט. האָבן ייִדן אין צאַרישן רוסלאַנד גע־

לעבט איבערהויפּט צווישן ווייסרוסן, ליטווינער, פּאָליאַקן, אוקראַי־נער, אין גאַליציע ווידער — צווישן פּאָליאַקן און אוקראַינער. הערשן אין די לענדער האָבן אָבער געהערשט דייטשן און רוסן. זייער קול־טור איז געווען די הערשנדיקע. דורך דער גאַנצער יידישער געשיכטע אין אָבער באַקאַנט דער געזעץ, אַז יידן אַסימילירן זיך נאָר מיט הער־שנדיקע פעלקער, אָבער נישט מיט סובאָרדינירטע, נישט מיט אונ־טערגעדריקטע. אין תחום המושב אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן יידן שטאַרק זיך אַריינגעטאָן אין דער רוסישער קולטור, מען האָט זייער פיל געלערנט און אויך גערעדט רוסיש. עס איז געגאַנגען גאָרנישט קיין שוואַכע אַסימילאַציע אין רוסישער קולטור אַריין, אין דער שפּראַך, אין דער ליטעראַטור. עס איז אָבער נישט געווען קיין רו־סישע געזעלשאַפט, און יידן אפילו רוסיפיצירטע האָבן „נעבעך״ גע־מוזט בלייבן לעבן צווישן יידן און זיך אויסלעבן צווישן זיי. נאָך אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, נאָכן דערשטיקן דעם פוילישן אויפשטאַנד און נאָך דער רוסיפיקאַציע פון ליטע אונ־טער דעם באַרימטן „מוראַווייאָוו דעם הענקער״, האָט א רוסישער רייזנדער געשריבן, אַז „אפילו די זשידעס האָבן גענומען ריידן רו־סיש״. די זעלביקע לאַגע איז געווען אין גאַליציע: יידן האָט עס גע־צויגן צו דער דייטשישער קולטור, און געלעבט האָבן זיי צווישן פּאָ־ליאַקן און רוטענער.

דאָ האָט זיך איבערגעחזרט די זעלביקע סיטואַציע וואָס אין ארץ ישראל אין דער צייט צווישן נחמיה און די חשמונאים, ווען דאָס הערשנדיק פאָלק איז געווען אָפּגעטיילט פון די יידן. די אונטערדריק־טע פעלקער וואָס מיט זיי האָבן די יידן געלעבט אין שכנות האָבן קיין מאָל די יידן נישט צוגעצויגן, מיט זיי האָבן זיך די יידן נישט געמישט און זייער שפּראַך נישט איבערגענומען. יידן פון גאַליציע האָט עס געצויגן קיין ווין אַריין, ווו זיי האָבן זיך געקענט פולשטענ־דיק אַסימילירן. יידן פון „תחום המושב״ האָט עס געצויגן קיין „ראַ־סיי״ — אין טיף רוסלאַנד, און איבערהויפּט קיין פּעטערבורג, ווו מען זאָל זיך קענען גוט אַסימילירן. מערנישט וואָס האָט מען נישט

געלאָזן, האָבן יידן אויך אין רוסלאנד זיך רוסיפיצירט, אָבער מען האָט זיך נישט געקאָנט צעשיטן, זיך צעברעקלען, צעפאלן אויף א׳ אטאָמען האָבן אויך רוסיפיצירטע יידן געמוזט ווילנדיק און נישט ווילנדיק בלייבן לעבן צווישן יידן און דאָ ווירקן. יידן האָבן דאָ איינגעהיט זייער אָרגאניזאציע, זייער קאָלעקטיוו, און דאָס רוסישע האָט זיך נישט ווילנדיק געמוזט אסימילירן אין יידישן לעבן אריין, — פונקט פארקערט ווי דאָס קומט פאָר אין לענדער ווו יידן לעבן אין שכנות מיט דער הערשנדיקער נאציע. אויך דאָ איז די אסימילאציע געגאנגען זייער שטארק ביז דער גרויסער שמד־מגפה אין דער צייט פון ביילים פראָצעס. אָבער האָט דאָס לעבן אָפגעטיילט פון דעם הויפט פאָלק געווירקט; געהאָלפן זייער שטארק דעם קולטור־רענעסאנס אין מזרח־אייראָפע.

אין קיין איין לאנד ווו די הערשנדיקע קולטור און די פאָלקס־סביבה איז געווען די זעלביקע האָבן יידן אין משך פון דעם לאנגן גלות נישט דערגרייכט צו אזא קולטור־רענעסאנס, סיידן זיי זיינען יודידיש געווען אָפגעטיילט פון דעם הערשנדיקן פאָלק. און מיר קענען אפילו האָבן א מין גראדאציע: וואָס מערער פעלקער און וואָס מער אונטערגעדריקט זיי זיינען, — אלץ שטארקער האָט זיך געקאָנט צעוואקסן די יידישע קולטור. ליטע — דער יחוס־אָרט פון יידישער קולטור און פיר אונטערגעדריקטע פעלקער: ליטווינער, פּאָליאקן, ווייסרוסן, יידן. אין אוקראינע — ווייניקער פעלקער און מער אסימילאציע, אין פוילן איז די אסימילאציע געווען שטארקער. דאָ אין מזרח אייראָפע זיינען יידן געווען קאָנצענטרירט אין די שטעט מיט א יידישער מערהייט אָפט פון דער גאנצער באפעלקערונג, אין שטעטלעך.

גאָר אנדערש איז די זאך געוואָרן נאָך דער ערשטער מלחמה. די אונטערגעדריקטע פעלקער זיינען געוואָרן פּאָליטיש פאר זיך, באלעבאטים. זייער קולטור האָט געגומען הערשן אין די לענדער. מיט איין מאָל זיינען יידן געוואָרן שכנים דירעקט מיט די הערשנדיקע פעלקער — און די אסימילאציע איז אומעטום אוועק מיט גאָר אן

אנדער טעמפּ. צום אָנהייב איינגעהאלטן און וואָס ווייטער אלץ שטאַרקער, ביז צו דער צווייטער מלחמה. דער נאָרמאַלער גאַנג איז נישט די יידישע רעכטלאָזיקייט האָט דאָ געדינט ווי א פאַקטאָר קעגן ווייזן רומעניע. די רעכטלאָזיקייט איז דאָ געווען נישט קלענער ווי אין תחום, און דאָך איז אין אַלט־רומעניע געגאַנגען א שטאַרקע אַ־סימילאַציע — די יידן האָבן דאָ געלעבט אין שכנות מיט דעם הער־שנדיקן פאָלק. גאָר אנדערש איז עס געווען אין בעסאַראַביע. דאָס זעלביקע פאָלק איז דאָ געווען דער הויפּט־שכן, אָבער נישט זיין קול־טור האָט געהערשט אין לאַנד, און קיין אסימילאַציע מיט אים. פאַר־קערט אין גאַליציע האָבן יידן געהאַט א סך מער רעכט ווי אין אַלט רומעניע, און די אסימילאַציע איז דאָ געווען קלענער, יידישע קול־טור־שעפערישקייט — גרעסער. כדי זיך צו אסימילירן "ווי עס דאַרף צו זיין" פלעגן יידן פון גאַליציע פאָרן קיין ווין, דאָרטן אין דער דירעקטער שכנות מיט א הערשנדיקן פאָלק, דאָרטן איז דער גאַנג פון אסימילאַציע געגאַנגען „נאָרמאַל" און פולשטענדיק. דאָס איז נישט נאָר א פאַקט אין מזרח אייראָפּע — עס איז א געזעץ אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע: יידן האַלטן נישט אויס קיין דירעקטע שכנות מיט א קולטור פון א הערשנדיקן פאָלק. אזוי איז עס געווען אין ארץ ישראל, אין שומרון, אין יהודה אונטער די גריכן, אונטער רוים, און אזוי אויך אין גלות, אין מערב אייראָפּע, און הלוואי זאָל עס זיין א ליגן — אין אמעריקע. סיידן זיי זיינען יורידיש אויך אין גלות אָרגאַניזירט ווי א באַזונדערער קאָלעקטיוו.

אין מזרח אייראָפּע האָבן יידן געקענט געניסן פון די הערשנדי־קע קולטורן און דאָך נישט פאַרלירן זייער אייגענע.

...איז עס געווען אין מזרח אייראָפּע. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָבער ווי נאָר אָט די מזרח אייראָפּעישע יידן האָבן זיך ריין סאָציאַל־געאָגראַפיש דערנענטערט צו די אמתע, הערשנדיקע רוסן, אוקראַינער, פּאָליאַקן, און אפילו ליטווינער און לעטן, — און עס איז אוועק אן אסימילאַציע „אויף אַלע דאַמפּן". פונקט ווי אין מערב אייראָפּע ווען מען האָט יידן געלאָזט נאָר דיפונדירן אין די פאָרן

פון די הערשנדיקע פעלקער. איין דור, צוויי דורות און מיטן יידישן שעפערישן קולטור רענעסאנס איז אוים.

די זעלביקע זאך איז געשען אין די נייע ישובים וואָס די מזרח־אייראָפּעישע יידן שאפן. דער ערשטער דור, דער אימיגראנטישער איז שעפּעריש. דער צווייטער דור אָבער קען ירשענען נאָר די געלט פון די טאטעס, אָבער לגמרי נישט די שעפּערישקייט זייערע. קיין קול־טור־רענעסאנס איז נישטאָ בכל אופן אין די נייע אימיגראציע לענ־דער. אומעטום ווערן יידן באגייסטערט, און זיי מאַלפּעווען הכנעה־דיק נאָך דער פירונג פון דעם הערשנדיקן פאָלק. „עס איז שיין, פּראכטיק", מעג דאָס אפילו זיין ביי א פאָלק וואָס האָט נאָך מיט א צוויי הונדערט יאָר צוריק געגעסן מענטשן־פליש און מקריב גע־ווען לעבעדיקע מענטשן צו געטער...

יידן לאַכן פון אונטערגעדריקטע פעלקער: אוקראאינער זיינען געווען „כאַכלעס", „גימעלעך"; ליטווינער זיינען געווען „קלומפּעס", ווייסרוסן — סתם פּויערים, ווייס איך וואָס... דאָס איז אָבער געווען נאָר ביז אָט די פעלקער זיינען געוואָרן באלעבאטים... פאר אזוינע האָבן מיר דרך ארץ. ערגעץ האָב איך געלייענט, אז אין האיטי נעמען יידן איבער זיטן פון די נעגערס אפילו. איך קען עס גלייבן — עס שטימט מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון יידן. *)

---

*) אין די ייוואָבלעטער סעפּט־אָקטאָ 1945 ברענגט פּראָפּי וואָלף לעסלוי א פאקט, אז די יידיש־אראבישע דיאלעקטן אין צפון אפריקע זיינען אנדערש ווי די אראבישע אין די זעלביקע לענדער. אין תימן אָבער זיינען די אונטערשיידן צווישן יידיש אראביש און דעם דאָר־טיקן אראביש א סך קלענער, כאָטש „מיר ווייסן דאָך אז יידן אין סאנא האָבן געלעבט און לעבן עד היום אָפּגעזונדערט פון די אראַ־בער". ער וויל דאָס דערקלערן מיטדעם וואָס די תימנער יידן קענען מער העברעיש (?) און אויך מיט דערווירקונג פון סעדיה גאונס קלאסיש־אראבישן „טאפסיר". בעת מען דאַרף די סיבה זוכן נאָר אין זעם וואָס אין תימן איז אראביש די שפּראך פון הערשנדיקן פאָלק.

א. גאָלאָמב

מען דאַרף נאָך צוגעבן: אין אַ פריערדיקער אַרבעט האָבן מיר אונטערגעשטראָכן די מאָראַלישע נידעריקייט פון אסימילאַציע. דאָ אין רוסלענדישן יידנטום איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטער פּער־זאָנען אָפּקלייב. נישט אַלע, וואָס האָבן אין זיך איינגעזאַפּט די רו־סישע קולטור, האָבן געקענט זיך איינלעבן אין דער רוסישער גע־זעלשאַפטלעכקייט און אין דער געזעלשאַפטלעכער קולטור. דען בלויז אַ קליינער טייל פון דער יידישער אסימילירטער אינטעליגענץ האָט זיך געפונען געאָגראַפיש אין שכניש מיט דער רוסישער גע־זעלשאַפטלעכקייט. דער גרעסטער טייל איז דאָך געבליבן מיט זיין רוסישער קולטור אין דער יידישער געזעלשאַפט, אין „תחום", אָדער, אויף יענעם לשון, „אין געטאָ", נעבעך, זיינען מענטשן מאָראַליש שוואַכערע, מענטשן אָן געזעלשאַפטלעכע נייגונגען, אָן אַ באַדאַרף זיך אויסצולעבן געזעלשאַפטלעך, זיינען אַזוינע מענטשן אָפּגעריסן געוואָרן. זיי האָבן אין מיטן פון יידישן לעבן געלעבט באַזונדער, איז נישט מיט רוסישער קולטור, איז מיט אַ „זכר למקדש" אין דער גע־זעלשאַפט פון רוסישן פּריסטאַוו אָדער פּאָסט־פּאַרוואַלטער. אָבער די עלעמענטן, וואָס האָבן אָרגאַניש נישט געקענט אויסקומען אָן גע־זעלשאַפטלעכער אַקטיוויקייט, די האָבן ווילנדיק, נישט ווילנדיק גע־מוזט זיך אומקערן אין יידישן לעבן אַריין און דאָרטן אַוועקגעבן זייער אַקטיוויקייט. קיין אַנדער געזעלשאַפטלעכקייט איז דאָך אין תחום נישט געווען. האָט זייער אַרבעט, די טעטיקייט פון די אסי־מילירטע יחידים געקענט זיין רוסיפיקאַטאָריש, נישט יידיש לויט איר כאַראַקטער, האָט אָבער דער מאַסיוו, ווו זיי האָבן געאַרבעט, זיי גע־בונדן, זיי געצאַמט און „געיידישט" זייער אַרבעט. אַ סך דערשיינונ־גען אין יידישן לעבן, אַ סך געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אויפ־טוען טראָגן אין זיך דעם חותם פון אָט דער טאָפּעלער השפעה: די

בעת אין צפון אַפריקע איז דאָ אַ שפּראַך פון אַ מער הערשנדיקן פאָלק.

יידישקייט פון די מאַסן און די נישט יידישקייט פון די פירער. אין א סך הכל האָט דער פאַקט, אַפּריִיסנדיק א סך, א גרויסע צאָל יחידים פון יידישקייט, אריינגעטראָגן אין יידישן לעבן א סך נייע, אָפט פּאָ־זיטיווע השפּעות און שטריכן. אָט אזוי האָט געווירקט דער פאַקט, וואָס אין תחום איז געווען ביי יידן די רוסישע קולטור אָבער נישט קיין רוסישע געזעלשאַפט.

אזוי ארום קענען מיר דאָ איצט רעזומירן, אונטערפירן א סך הכל אונטער די אַלע פאַקטאָרן, וואָס האָבן פאַרויסגעטריבן און א ריכטונג געגעבן דעם מזרח־איירָאָפּעישן יידנטום.

א) דער ערשטער און וויכטיקסטער פאַקטאָר — די יידישע טראַ־דיציע. איך שטרייך דאָ אונטער נאָך אַן איבעריקן מאָל, אַז מיט דעם וואָרט טראַדיציע מיין איך דאָ בשום אופן נישט די אויסגעפורעמטע, שוין פאַרטיקע, קלאָר דעפינירטע קולטור־אוצרות. איך מיין דאָ בלויז דאָס גאַנגבאַרע אין פאָלקס מעשים און אין פאָלקס מויל, דאָס אָנ־גענומענע אין שטייגער לעבן, דאָס פאָלקסטימלעכע נישט קולטור פון שאַפען און קאַסטנס, מעגן זיי זיין הייליקע, נייערט פון דעם לע־בן, אָט דאָס, וואָס האָט נאָך נישט געקראָגן דעם טיטול „קולטור"

אָט דאָ אין דער שטייגערישער פאָלקסטימלעכקייט און אין פאָלקסטימלעכן שטייגער ליגט עס דער גאַנצער אוצר ענערגיע פאַר דעם קולטור־פּראָצעס, דאָ איז דער גאַנצער סכום, „רוישטאָף" פאַר דעם קולטור־שעפערישן פּראָצעס.

צוויי וועגן פון קולטור־לעבן: איין וועג איז א קורצער: נעמען קולטור־עלעמענטן, פאַרטיקע, אויסגעאַרבעטע און זיי אריבערטראָגן ווי זיי זיינען אין יידישן קיבץ אריין. מיט דעם וועג איז געגאַנגען די השכלה אין אַלע אירע פאַר־שיידנקאָלירִיקע נאָכגייער. דער צווייטער וועג איז א זייער א לאַנגער קולטור מוז אָרגאַניש ארויסוואַקסן פון אייגענעם לעבן.

אָט דאָ ליגט דער גאַנצער סכום ענערגיע פאַר דעם קולטור־פּראָצעס, דאָ ליגט דער „רוישטאָף" פאַר דער באַאַרבעטונג פון קול־טור־פּראָצעס.

אָבער נישט יעטווידער ענערגיע איז שעפעריש, נישט יעטווי־
דער „רווישטאָף" ווערט אויסגענוצט. די גרעסטע סכומים ענערגיע
אין דער פיזיקאַלער וועלט געפינען זיך אין א צושטאַנד פון פאַר־
גליווערטער אומטעטיקייט. נישטאָ קיין ריכטונג, נישטאָ קיין שעפע־
רישע שפּאַנונג פאַר דער ענערגיע. קען ענערגיע זיין אויך פּאָטענ־
ציעל, און נישטאָ דער שאַלטער, וואָס זאָל זי מאַכן טעטיק, קינע־
טיש. די אַלטע מעשה מיט דער שלאָפעדיקער בת־מלכה, וואָס ווארט
אויף דעם בן מלך, וואָס דאַרף זי אויפוועקן פון שלאָף, אָדער די
מעשה וועגן דעם געשמידטן משיחן, וואָס שטיקט זיין ענערגיע און
הויכט זי אוים אין די הימלען אריין. מיט טראַדיציע אליין שאַפט
זיך נישט קיין נייע קולטור. קומען צו נייע פאַקטאָרן: דאָ קומט
ב) דער סאָציאַלער פאַקט פון יידישע מאַסיוון.
אַט דאָ זיינען געלעגן די אָנגעזאַמלטע אוצרות פּאָטענציעלע קולטור־
ענערגיע און אויך די פאַקטאָרן, וואָס האָבן דער ענערגיע נישט גע־
לאָזט פאַרגליווערט ווערן און אוועקגעפירט זי אין באַשטימטע ריכטונ־
גען.
אויףביידע וועגן זיינען געגאַנגען מאָדערנע קולטור־באַוועגונגען.
די קלענערע יינגערע, בלויז זי ־וועט בלייבן אין יידישקייט. זי, די
וואָס האָט געפורעמט „רווישטאָף", וואָס ניצט אוים אייגענע ענערגיע.
די איז עס, וואָס בויט די אַלע מאָל נייע „תורה שבכתב" פון דער
בסדר אָנוואַקסנדיקער נייער „תורה שבעל פה".
ג) די אָנרעכטיקייט פון יידן אין רוסלאַנד, וואָס עס האָט שווער
געמאַכט פאַר יידישע יחידים אריינצודרינגען אין דער רוסישער גע־
זעלשאַפט אריין, ארויסצורייסן זיך פון דער יידישער.
ד) דאָס וואָס אין יידישן תחום איז געווען א רוסישע קולטור, אָ־
בער נישט קיין רוסישע געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס צו איר זאָל די
יידישע אסימילירטע אינטעליגענץ קענען לייכט אריבערגיין זייענ־
דיק אין תחום, האָט די דאָזיקע אינטעליגענץ געמוזט געזעלשאַפט־
לעך זיך אויסלעבן צווישן יידן.
ה) די פּילאַרטיקע, פּילנאַציאָנאַלע באַפעלקערונג פון תחום,

וואָס האָט געטראָגן אין זיך א יווירונג פון אַלע פעלקער האָט „אָנ־געשטעקט” אויך די יידן, וואָס וואָלטן אָן א מוסטער נישט פאַר־מאָגט קיין נאַציאָנאַלע אספיראציעס אפילו אויפן געביט פון קול־טור. אויך זיי האָבן אָנגעהאַלטן דעם אלגעמיינעם כאָר (אמת, גאַנץ אָפּט אָן דעם נייטיקן אינעווייניקסטן, אָרגאַנישן דראַנג). וואָלטן דאָ ווי אנדערשווו געווען איין מאָנאָנאַציאָנאַלע באַפעלקערונג פלוס יידן ווי א מינדערהייט, וואָלט ביי א סך יידן, זיכער אויסגעפעלט א סטימול צו נאַציאָנאַל קולטורעלער טעטיקייט.

אָט זיינען די אַלע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געשאַפן אין דעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום די ווייען און זוכענישן פון דעם רענעסאַנס מיט אַלע זיינע ריכטונגען און באַוועגונגען. דאָס זיינען די פאַקטאָרן וואָס האָבן אין אָט דעם מזרח־אייראָפּעישן קיבוץ אויסער דער „נאָר־מאַלער” און געוויינטלעכער פאַרגליווערונג און אסימילאציע, ווי דאָס איז אין אַלע אנדערע יידישע קבוצים, אויך געשאַפן א וויי־טערדיקן קולטור־אָנבוי. דאָס זיינען די פאַקטאָרן, וואָס האָבן דעם מזרח־אייראָפּעישן קבוץ געשטעלט אויבן אָן, געמאַכט פאַר א הע־געמאָן צווישן אַלע יידישע קיבוצים. א פאַקט, וואָס נאָך גאָר נישט לאַנג וואָלט מיט אים א סך פון די „וועסט־יידן” נישט געוואָלט מסכים זיין. זיי, די „געלערנטע און געבילדעטע” לגבי די „אָפּגעשטאַנענע קאַפּאָטע”־יידן. אָבער א פאַקט: קולטור איז נישט אין בילדונג, נישט אַלע מאָל איז אויך בילדונג קולטור. קולטור איז אין אייגנטימלעכ־קייט, אין זעלבשטענדיקע, אייגענע פאָרמען און אינהאַלטן פון לעבן. אזוי ביי א יחיד, אזוי ביי א כלל. אויף דעם באָדן פון אָט די אָביעק־טיווע באַדינגונגען האָבן זיך צעשפּילט די סוביעקטיווע פונצענטרי־שע און צוצענטרישע נייגונגען פון יידישקייט און צו יידישקייט. האָט דער געפלעכט פון אָט די אַלע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע ווירקונגען געשאַפן אַלע מאָדערנע באַוועגונגען אין יידישן פאָלק בכלל און, אָט די אַלע באַוועגונגען טראָגן אין זיך ווי די פּאָזיטיווע אזוי אויך די נעגאַטיווע שטריכן. די באַוועגונגען זיינען אַלע נאַציאָ־נאַל און אַנטינאַציאָנאַל איינצייטיק. אַלע ווילן פאַרלייקענען, אָפּ־

וואַרפן, דערוויטערן — צעשטערן און אַלע ווילן עפּעס בויען, שאַפן. און אַלע באַוועגונגען איז פאַראַן אַ ליבע אַ שנאה צו יידן, צום יידישן פאָלק. אין אַלע איז פאַראַן גאולה־שטרעבונג און אויך פאַלש־משיחישע נייגונג. ווער וועט גובר זיין? דאָס ווענדט זיך אַ סך אָן אונדז אַליין.

און האָט דער מזרח־אייראָפּעישער יידישער קיבוץ זיך צעטראָגן, צעגאָסן, ווילסט אָדער אומווילסט, איבער לענדער און קאָנטינענטן. האָט ער אויך צעטראָגן אָט דאָס ווייטאַקריקע יוירן און שפּראָצן איבער גאָר דער וועלט. איבער אַלע וועגן פון דיין וואָגלען, שטייען דיינע לאָגלען איבער גאָר דער וועלט ברייט און ווייט צעשטעלט. (ד. האָפשטיין).

און עס איז אָפט שווער אונטערצושיידן ווו עס גייט אַ פּראָצעס פון אַסימילאַציע און צעפאַלן און ווו פון וואַקסן און אַנטוויקלען. דער סוביעקטיווער באַוווסטזיין און סוביעקטיווער פאַרלאַנג, האָבן מיר שוין געזען, נאַרן צו אָפט אָפּ. די אָביעקטיווע וועגן פון יידישן קולטור־פּראָגרעס זיינען על פּי רוב לגמרי נישט איינשטימיק מיט די סוביעקטיווע לאָזונגען און אידעאָלאָגיעס. אין דעם קאָמפּליצירטן געפלעכט פון פאַקטאָרן, פון די איבערוואָג פון איין וואָסער עס איז כוח־וועקטאָר אָפּפירן דעם גאַנצן פּראָצעס אָן אַ זייט.

געשריבן אין 1935.

כל המינים יידישקייט

די פראַגע וואָס איז יידישקייט איז פאַר אונדז נישט קיין סתם אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעכע עלעהיי מיר דאַרפן דעפינירן עפּעס אַ באַגריף און יוצא. ניין, די פראַגע פאַר אונדז איז גלייך ווי מיר וואָלטן געפרעגט: „מיט וואָס זיינען מיר יידן? וואָס איז אין אונדז יידיש? וואָס איז דער זינען פון אונדזער יידישקייט? ווי לעבן מיר זיך אויס אין אונדזער יידישקייט און ווי לעבט די יידישקייט אין אונדז? מיט אַנדערע ווערטער, ווי, דורך וואָס און ווי אַזוי דריקט זיך אויס אונדזער יידישקייט אין אונזער לעבן?

קלאָר, דאָס עצם שטעלן די פראַגע איז סוביעקטיוו גענומען אַ דערשיינונג נישט קיין געזונטע. „ווער בין איך" איז, כידוע, אַ פראַגע פאַר אַ בערל כאַנטשעס (דער „משוגענער בטלן") אָדער פאַרקערט פאַר — אַ דעקאַרט. איז די תשובה פון דעקאַרטן „איך דענק, בכן לעב איך" — די תשובה, זי איז דאָ ביי די יידן פון

„וואָס מיר זיינען זיינען מיר,
אָבער יידן זיינען מיר

מיט אַנדערע ווערטער:

יידישקייט איז דאָס וואָס מיר זיינען, וואָס מיר טוען. דער ענטפער: „מיר לעבן, לעבט אין אונדז יידישקייט" האָט געגאָלטן בלויז אין יענע דורות, ווען מען האָט געקענט זאָגן: „גיי און זע ווי דאָס פאָלק טוט און פאָלג" (פון תלמוד). מען דערציילט אויף איינעם אַזאַ אויסגעבונדענעם יידן, וואָס האָט ווען זיך געזאָגט: „אַז איך זאָל

נעמען עסן חזיר, איז אָדער איך וועל זיך דערוועגן אָדער דער חזיר וועט באקומען א יידישן טעם.

יידישקייט איז אייגנטימלעך יידיש לעבן. אלע באשעפענישן לעבן לויט די זעלביקע ביאָלאָגישע פרינציפּן, און יעטווידער איז דאָך אייגנטימלעך. אלע פעלקער לעבן לויט ענלעכע סאָציאַלע פרינציפּן און יעטווידער פאָלק איז אין זיין גאנץ לעבן אייגנטימלעך. און אָט די שטייגערישע אייגנטימלעכקייט פון יידישן לעבן האָט מען אָפּט אָנגערופן רעליגיע. אָבער יעטווידער רעליגיע, קולט אָן שטייגער האָט קיינמאָל נישט געגעבן קיין יידישן קיבוץ קיין קיום. פאַרקערט אָבער יאָ: די יידישע קיבוצים, וואָס האָבן פאַרמאָגט א ספּעציפישן שטייגער, האָבן איינגעהאַלטן און איינגעהיט זייער יידישקייט און געשאַפן נייע שיכטן יידישע רעליגיע אויך.

אָבער אין באשטימטע סאָציאַלע באדינגונגען, אין באשטימטע תקופות זיינען יידישע קיבוצים „מיד" געוואָרן צו טראָגן דעם יידישן שטייגער. ער איז זיי מיאוס און שווער געוואָרן. די גאַנצע יידישקייט מיט אַלץ מיט אַן אַנדער ווערט דעמאָלט ווי פּענטעס, וואָס לאָזן נישט גיין אין דער „גרויסער וועלט" אריין... נישט דאָ איז דאָס אָרט פאַר נאַנדערצוקלייבן דעם „יידישקייט־קאָמפּלעקס". אָבער ווען ער קומט אָן, הייבט מען אָן זוכן מיטלען, ווי זיך צו באַפרייען פון אָט דער שטייגערישער יידישקייט. און פאַר דעם אייגענעם געוויסן ווערן אויס־געטראַכט און צוגעפּאַסט אַלערליי פאַרענטפערונגען, באַרעכטיקונגען און סתם תירוצים.

אָט די פאַרענטפערונגען זיינען צווייזייטיקע תמיד. ערשטנס: „די שטייגערישע יידישקייט איז גאָר קיין יידישקייט ניט. עס איז עפּעס א פאַרקריפּלונג, א צעשעדיקונג, א טעות, עפּעס אַן אָנוווקס, א קראַנק־הייט, רחמנא לצלן". און צווייטנס, יידישקייט איז... אָט עפּעס דאָס אָדער יענץ. ד'ה: כדי צו בלייבן א ייד, קען מען אויסקומען, באַגנו־גענען מיט אָט דעם „עפּעס". אָט דער „עפּעס" איז זייער וויכ־טיק און מיט אים קענסטו יוצא זיין. כדי צו זיין „אדם בביתך". ווי אזוינע „עפּעסן", וואָס האָבן געדאַרפט פאַרבייטן די שטייגע־

רישע ײדישקײט האָבן געגאָלטן פאַרשײדענע: ײדישע עטיק, תנ"ך, קולט, מיסיאָן, װיסנשאַפט פון ײדנטום, שפּעטער — שפּראַך לאַנד, מלוכה, װי אויך — ײדישע קולטור. אַלע אָט די ײדישקײטן שטערן נישט דעם שטײנער לעבן. זײ זײנען מער װײניק סטאַטי־שע זאַכן, װאָס מען דאַרף האַלטן פון זײ. און דערמיט יוצא זײן. און װײלע זײ, אָט די ײדישקײטן זײנען נישט צונױפגעבונדן מיט דער דינאַמיק פון לעבן, זײנען זײ מערער אַן ענין פון רעליגיע, פון „האַלטן פון דעם", כדי מען זאָל זיך אין דינאַמישן, פּראַק־טישן לעבן קענען אינגאַנצן באַפרײען פון ײדישקײט. אין דער באַקאַנטער אגדה פון הלל, װאָס האָט געלערנט א גוי „כל התורה על רגל אחת" דאַרף מען עטװאָס אויספאַריכטן. דער געקומענער דאַרף זײן דװקא א ײד. און פאַרלאַנגען פאַרלאַנגט ער כל הײדיש־קײט אויף אײן פוס כדי ער זאָל קענען הן פאַר א ײד זיך האַלטן און אין לעבן זײן א גוי...

אַלע די ײדישקײטן האָבן אָן ספק געהאַט א נאָנטע שײכות צו ײדישקײט זײ זײנען אַלע מער אָדער װײניקער עקסטראַקטן פון ײדישקײט, אויסגעקװעטשט מיט א פילאָזאָפישן פּרעס. אָבער כדי צו באַקומען אַזאַ עקסטראַקט מוז מען אָפּט דעם לעבעדיקן אָרגאַ־ניזם אָפּטויטן. אַלע די „ײדישקײטן" האָבן זײער אַלגעמײנעם שטריך, װאָס זײ זײנען אומאָפּהענגיק פון טאָג־טעגלעכן לעבן, זײ זײנען סטאַטיש, זײ זײנען רעליגיע בעיקר.

און הױבט מען אָן בײ ײדן צו האַלטן שטאַרק פון עפּעס א ײדישן שטריך, איז עס על פּי רוב א סימן, אַז מען װילן זיך באַ־פרײען פון אַל דעם איבעריקן. נישט אומזיסט האָבן טראַדיציע־ײדן מיט אַמאָל פײנט געקראָגן דעם תנ"ך און האָבן דעם ביאור פון מענדעלסאָן אויפן שװעל נישט אַרײנגעלאָזן. בחוש האָבן זײ דערשפּירט, אַז נישט דער תנ"ך איז דאָ דער עיקר, נאָר דעם תנ"ך נוצט מען אויך װי א פאַרשטעלונג, װאָס אונטער איר שוץ איז לײכטער אָפּצוטרעטן פון ײדישקײט.

דאָס זעלביקע איז אויך געװען מיט דער „השפה היהודה והש־

רידה", מיט דער עטיק, מיסיאָן אאז"וו. אלע זיינען זיי געקומען מער נישט כדי צו פארשטעלן די אַפּטריניקיים, דאָס אנטלויפן פון יידיש־קיים.

לאָמיר נעמען די אויפפאסונג פון יידישקיים ווי עטישקיים, אָדער ריכטיקער די טענדענץ צו וועלן דאָס עטישעס זען ווי כל היידישקיים כולו. נאָך איצט איז צווישן די מערב אייראָפּעאישע יידן פאראן אָט די טענדענץ.

איך בין זיך מודה, אז איך ווי א ייד האָב זייער ליב אָט דעם באגריף פון אבסאָלוטער גערעכטיקייט, וואָס איז שטארקער אפילו פון גאָט אַליין. אָט דער באגריף איז געווים פאראנען אין יידיש־קייט. געוויס איז איינער פון די גרונט סימנים פון דער גריכיש־רוימיש־אייראָפּעאישער קולטור — דאָס רעכט (און שיינקייט) פון כוח, בעת אין דער יידישער קולטור איז דאָס — דער כוח פון רעכט און גערעכטיקייט. אָט דער שטריך גייט דורך ווי א רויטער שניר דורך דער יידישער פאָלקס ליטעראטור פון אברהם אבינו „חלילה לך השופט כל הארץ לא יעשה משפט?" (חלילה דיר! זאָל דער ריכטער פון דער גאנצער ערד נישט טאָן קיין גערעכטיקייט? יהואש), ביז צום תלמודישן „אין אנו משגיחים בבת קול" (בבא מציעא נט') ביז צו לוי יצחקס „זאָל דיר איוואן שופר בלאָזן", ביז צו אנ־סקים „א דין תורה מיט גאָט" און פרצעס „בערל שניידער" און ביז צו לייוויקס „אבעלאר און העלואיז". איז דער שטריך געווים פאראן אין די שאפונגען פון יידישן גייסט און במילא אויך אין דעם גייסט גופא. בין איך, ווי א ייד, שטאָלץ מיט אָט דעם שטריך און נעם זיך מיט אים „אתה בחרתנודיס" איבער. און דאָך איז קלאָר, אז

דער וואָס וויל אָט די עטישקייט, אָט דעם „וואָס דיר איז נישט ליב, טו נישט יענעם" (פון הלל) מאכן פאר גאנץ יידישקייט, דער איז שוין נישט קיין ייד, בכל אופן אין פּאָטענץ.

ווארום — וואָס איז וויכטיקער פון בלוט? אָבער ווען איז דאָס געוואָרן? — ווען עס איז אין דעם לעבעדיקן אָר־

גאַניזם. באַזונדער, אַרויסגעצויגן פון אָרגאַניזם איז נישט דאָס בלוט נישט דער אָרגאַניזם נישט קיין לעבעדיקס. אָט די עטיק איז בלויז א פּראָדוקט און וויכטיק זיינען די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון לעבעדיקער יידישקייט, וואָס פּראָדוצירן זי אַלעמאָל פון דאָס ניי. אויף וויפל מיר געפינען אַזוינע ספּעציפישע שאַפונגען, אויף אַזויפיל ווייזט עס אונדז אַז אין די נשמות פון די לעבעדיקע יידן און אין אָט דעם קאָלעקטיוו פון די יידן לעבט אַ ספּעציפישע אייגנ־טימלעכע גייסטיקע ריכטונג, וואָס פּראָדוצירט זי, אַ נייגונג אַזאַ. פאַר זיך אַליין אין דער אייגנטימלעכער יידישקייט, וואָס שאַפט זי, איז די עטיק אַזאַ טויטער פּראָדוקט, ווי אַ וואַסער עס איז סעקרעט פון לעבעדיקע דריזן אויסער דעם לעבעדיקן אָרגאַניזם. מען קאָן אָנזאַמלען אַזאַ סעקרעט און אים „היטן", האַלטן און דער אָר־גאַניזם, וואָס האָט אים געשאַפן זאָל שוין זיין טויט.

צווייטנס, קען איך האַלטן פון עפּעס. גוט, איך גלייב אין דעם און נעם זיך איבער מיט דעם אָבער וואָס געשטאַלטעט דאָס אין מיר? ווי פירט עס מיך אין מיין יידישקייט? אָט בין איך באַגייס־טערט פון דאָסטאָיעווסקיס זוכן דעם מענטשן און פון פאַוסטס זוכן גאָט און דאָך בין איך דערמיט נישט קיין רוס און נישט קיין דייטש. מיט דעם האַלטן פון עפּעס ווערט מען נאָך נישט קיין נאַ־טירלעכער מיטשעפער פון דעם עפּעס.

עס איז געוויס פאַראַן אַ גרויסער וויסנשאַפטלעכער אינטערעס אין זוכן, אין אויסשיידן די קווינטעסענצן פון יידישקייט, — אָבער דאָס איז וויסנשאַפט, נישט נאַציאָנאַל לעבן. פּונקט אַזוי איז דער פּסיכאָלאָג, וואָס פאָרשט מיין ליבע און מיין כעס נאָך דערמיט נישט — איך.

בכן איז די גאַנצע עטיק־טעאָריע פון יידישקייט נישט מער ווי אַן אַטעסטאַט וואָס מען גיט איינעם בשעת מען זאָגט אים אָפּ. מיט דעם שרייען „קדוש" פאַר דער גרויסקייט פון יידישער עטישקייט, קען מען נישט לעבן יידיש און זיך אויסלעבן ווי אַ ייד. עס איז

מער נישט ווי „אחרי מות — קדושים אמור" — א לויב געזאנג נאָך דעם טויט.

אגב — אין לעבעדיקער יידישקייט זיינען פאראן נאָך אנדערע שטריכן, צווישן זיי געווים גאָרנישט אזוינע שיינע און עטישע אויך. דאָס נעמען בוקן זיך פאר דער עטישקייט אליין און שרייען „אלה אלוהיך ישראל", — דאָס גופא איז זייער אומעטיש. אומעטיש דערפאר ווייל עס טראָגט אין זיך א לינן. א פארלייקענונג. די באוועגונג איז תמיד פארבונדן מיט אוועקגיין פון יידישקייט, מיט זוכן אנדערש עפעס און די עטיק-קאָמפלימענטן פאר יידישקייט זיינען א ליגנערישע פארדעקונג פון אנטלויפן פון יידן. דער פאקטישער זינען פון דער גאנצער עטיק-טעאָריע איז אזא: מיר קענען אוועקגיין פון יידישקייט און אונדזער „יידישן געוויסן" באַפרידיקן מיט דעם, וואָס מיר האלטן פון יידישער עטיק.

פון דער זעלביקער קאטעגאָריע איז אויך די באקאנטע „מיסיאָן-טעאָריע", וואָס איז אויפגעקומען אין מאָמענט פון אנגראַאסימילאציע אין דייטשלאנד. טאנצנדיק און זינגענדיק די לידער פון דער „גרויסער עמאנסיפאציע", ווען די „זון פון קולטור און מענטשלעכקייט איז אויפגעגאנגען איבער אייראָפע" (בסך הכל — יונג-בורזשואזער ליבעראליזם...), — האָט א גאנצער קיבוץ געגנערמען אנטלויפן פון יידישקייט, אנטלויפן, פארגעסן ווי א קראנקייט, ווי אַ תפיסה, ווי א „געטאָ". און אָט דעם עצם אונטערגאנג האָט מען באזונגען ווי א נאציאָנאלן רענעסאנס... אין אָט דעם אָרקעסטער צו באַגראָבן יידישקייט אין קבר פון „רענעסאנס" האָט די מיסיאָןטעאָריע געשפילט איינע פון די ערשטע פידלען.

אין דער אמתן האָט יעטווידער פאָלק, וואָס פארמאָגט אן אייגענע קולטור, אן אייגענעם גאנג אין קאָלעקטיוון לעבן אויך א מיסיע. דאָס פאָלק טראָגט אריין זיין השפעה, זיין ווירקונג אין וועלט קולטור. קלאָר, אויך יידן האָבן זייער חלק אין דער קולטור פון דער וועלט. צי גוט, צי שלעכט, אָבער א פאקט, וואָס נויטיקט זיך נישט אין באזונדערע באווייזן. פאר מיר איז ווידער קלאָר, אז

נאָך היינט וואָלט דאָס יידיש לעבן געקענט געבן דער וועלט קול־טור זייער א וואָגיקן צושטייער און איך גלייב, אז נאָך ימים בלוט, נאָך חורבונות און קעגנזייטיקע רציחות און שחיטות וועט די מענטש־הייט סוף כל סוף דאָך קומען צום „יידישן" אנמלוכיקן פרינציפּ פון סאָציאַל־קולטורעלן לעבן. בכן — האַלטנדיק דווקא פון א ספּעציפישער יידישער מיסיע, נעם איך אויף דאָך די „מיסיאָן־טעאָריע" ווי א נעגאַציע פון יידישקייט. דווקא די קרייזן פון דער „מיסיאָן" האָבן גאָרנישט געקאָנט געבן, ווייל זיי האָבן אליין גאָר־נישט פארמאָגט פון יידישקייט.

איבעריקס איז די עצם טעאָריע פארבונדן מיט א פּסיכאָלאָגי־שען קאָמפּלעקס פון גאָרנישט קיין געהויבענעם כאראקטער: איך לעב נישט ווייל איך לעב, און איך האָב רעכט צו לעבן גלייך מיט אלע אנדערע, ניין, מיין רעכט צו זיין שטאַמט פון דאנען, ווייל איך קען עמיצן ברענגען נוצן. „קנעכטשאַפט אין פרייהייט".

און דאָס זעלביקע קען געזאָגט ווערן אויך וועגן דער „וויסנ־שאַפט פון יידישקייט" און אלע אנדערע „יידישקייטן", וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן צו דעפינירן, צו באַשטימען דעם מהות פון יידן. אלע זיינען זיי געווען סורראָגאטן, ריכטיקע אָדער צוגעטראַכטע פּראָ־דוקטן, שאַפונגען פון דעם יידישן קאָלעקטיוון לעבן און גייסט. און געדאַרפט האָבן די סורראָגאטן פארבייטן דאָס גאַנץ יידיש לעבן. נישט דאָס פארעלטערט יידיש לעבן האָט געדאַרפט אָפּגעפרישט ווערן, נאָר אלץ האָט געדאַרפט פארלאָזט ווערן, פארוואָרפן ווערן, פאר־ביטן ווערן און יוצא זיין קען מען מיט אָט דעם סורראָגאט עלעהיי אן ערוב... נישט אומזיסט האָט די יידישע פאָלקס־טראַדיציע אלע מאָל פיינט געהאַט אָט דאָס זוכן דעם תמצית פון יידישקייט. אריינעמען דעם רמב״מס דרייצן עיקרים אין דעם דאַווענען צום זאָגן מהיכא תיתי. אָבער פארלאָזן זיך אויף דעם, יוצא זיין דער־מיט — דאָס נישט. און באמת, נעמט אנשטאָט א לעבעדיקן מענטשן די „פּרינציפּעלע יסודות פון מענטשנס לעבן"... ניין, עס לאָזט זיך נישט פארבייטן.

א. גאָלאָמב

דערפאַר איז לעצטנס אויפגעקומען א געדאנק א פאַרקערטער. אמת, יידן לעבן פאַר זיך, אָבער דער מהות פון פאָלקס לעבן איז דער דריילינג — לאַנד, שפּראַך און מלוכה. ארץ ישראל און העב־רעיש אין א זעלבשטענדיקער מלוכה — אָט דאָס זיינען די יסו־דות, וואָס אויף זיי האלט זיך דאָס לעבן פון יידישן פאָלק. און האָבן די יידן עס נישט פאַרמאָגט אין דער ווירקלעכקייט, האָבן זיי געלעבט מיט דעם גלויבן, מיט די האָפנונגען עס צו באַקומען. מיר וועלן צוערשטן באַטראַכטן די ראָלע פון דער העברעישער שפּראַך. א היסטאָריקער (שמחוני, דברי ימי ישראל ב׳) באַמיט זיך אונדז איבערצוציינגן, אַז העברעיש האָט אויפגעהאַלטן יידישקייט 1), והא ראיה — די גרויסע און מעכטיקע קהילה פון אַלעקסאַנדריע של מצרים איז אונטערגעגאַנגען, ווייל זיי האָבן נישט פאַרמאָגט די העברעישע שפּראַך... סיידן אין א לערנבוך איז דערלויבט צו פאַל־סיפיצירן געשיכטע צוליב — פּראָפּאַגאַנדע. דען די יידישקייט פון מלכות ישראל איז שרעקלעך גיך אונטערגעגאַנגען, ווייל(?) די שפּראַך איז דאָרטן געווען העברעיש, — די יידישקייט אָבער פון דער צווייטער מלכות יהודה איז נישט אונטערגעגאַנגען, ווייל די שפּראַך איז דאָ געווען נישט העברעיש... אַזוי ווי מיין זאָץ איז פאַלש, אַזוי איז אויך פאַלש דער זאַץ פון דעם היסטאָריקער. די יידישע קיבוצים וואָס האָבן ארויסגעוויזן שטאַנדהאַפטיקייט און דערפירט יידן און יידישקייט ביז היינט, האָבן לאַנג אויפגעהערט צו ריידן העברעיש. זיי האָבן איינגעהאַלטן העברעיש בלויז ווי א כלי פון א טייל קולטור־ווערטן צוזאַמען מיט די לעצטע 2). דאָ איז תולדה גענומען ווי א סיבה און מער נישט. גערעכט איז שוין

---

1) בערך דאָס זעלביקע זאָגט ביאַליק אין „על אומה ולשון“ (דברים שבעל פה).

2) פון דער זעלביקער, אויב נישט גרעסערער, קדושה גענייסט אויך דער אַמאָליקער „זשאַרגאָן“ — אַראַמיש אין „קדיש“, „אַקד־מות“ יקום פורקן, תלמוד און זוהר וכדומה.

א צווייטער נישט קנאפערער העברעיסט, וואָס זאָגט, אז „העברעיש האָט זוכה געווען אויפצולעבן און ווערן אויך א וואָכעדיקע שפּראַך ווייל זי איז א צוויי טויזנט יאָר געווען די שפּראַך פון הייליקן (ריטואל) און וואָכעדיקן לעבן (יצחק אפשטין, „ראשונים" תל־אביב, תרצו). קיין פאקטאָר פון יידישקייט איז העברעיש קיינמאָל נישט געווען, נישט אין מלכות ישראל ווו זי איז גערעדט געוואָרן, נישט בעתן צווייטן בית, ווען זי איז נישט גערעדט געוואָרן, נישט שפּעטער אין בבל און אין גאנצן יידישן לעבן בכלל. נאָך מער. געשיכטלעך איז ריכטיק פאר די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר, אז העברעיש און, נאָך בעסער, לשון קודש האָט זיך אויפגעהיט בלויז אין די ערטער ווו עס האָט געהערשט יידיש, ד"ה, ווו עס איז געווען א יידיש לעבן שטייגער, אין די קרייזן, ווו עס האָט געגאלטן די פאָרמולע.

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר,
אָבער יידן זיינען מיר.

ד"ה ווידער אמאָל אין די קרייזן, ווו העברעיש ווי אזא האָט נישט געהאט קיינע באזונדערע „פריווילעגיעס" און קיינע „העברעע „סימפּאטיעס". און דווקא די קרייזן, וואָס זיינען לגמרי נישט מסכים מיטן איינפירן העברעיש אין לעבן אריין.

און נאָר פארקערט. דווקא אין די קרייזן און אין די ערטער, וואָס האָבן זיך גענומען שווערן אין זייער באזונדערער ליבע צו העברעיש, וואָס האָבן גענומען „גלייבן" אין איר, ווי אין עפּעס א קמיע פארן „קיום האומה", — דווקא די קרייזן האָבן אין איינעם, צוויי דורות גרונטיק פארגעסן העברעיש אפילו אין שריפט. נישט העברעיש האָט אויסגעהאַלטן דאָס יידיש לעבן, נאָר פארקערט — אָן יידיש לעבן האָט זי נישט קיין שום קיום. קומען און זאָגן, אז מיטן אויפלעבן העברעיש, איז דער קיום פון יידישקייט געזיכערט, „דבר עברית והבריאת" — דאָס איז געשיכטלעך פאלש פון א' ביז ת'. דאָס איז געצנדינערייִ. דאָס לאָזט זיך דער־

קלערן פּסיכאָלאָגיש, אָבער ווען דעם וועט אויסקומען געגויער צו ריידן אין א צווייטן אָרט.

לאַנד און מלוכה. דאָס איז איצט פאר א גרויסן טייל יידן די איינציקע האָפענונג איינצוהאַלטן יידישקייט. „נאַציע און מלוכה" שטרעבט צו ווערן א סינאָנים. אפילו ראטן־פּארבאנד בויט זיך פער־דעראַטיוו לויטן פּרינציפּ פון נאציעס. און וואָס דאַרף מען נאָך? עס איז דאָך באמת אזוי שווער צו לעבן אָן א „נאציאָנאַלער היים". איז דאָך באמת פארשטענדלעך די שטרעבונג אויך ביי יידן.

די ענגלענדער וואָס זאָגן? —

— אַז זייער מדינה איז אַ מדינה.

די ליטווינער וואָס זאָגן? —

— אַז זייער מדינה איז אַ מדינה.

איז אויך איך, וועלוול בן שיינדל מאודיסה זאָג

—לא אזוז ממקומי, און א מלוכה זאָל ווערן.

אָבער ווען מיר טראַכטן זיך אריין אין דער יידישער געשיכטע, קומען מיר צו אַן אמת, וואָס זעט אויס ווי א פּאראדאָקס, וואָס איז דאָך אָבער ריכטיק: און דער אמת זעט אויס בערך אזוי: „די יידישע מלוכה, אַלע פּרווון פון א יידישער מלוכה האָבן נישט גע־האַט קיין באַדייטונג פאַרן קיום פון יידישן פאָלק, פאר זיין האַלטן זיך פון אַמאָל און ביז היינט"... ניין, נישט די יידישע מלוכה האָט געשאַפן יידישקייט און נישט זי האָט איר געגעבן כוח צו לעבן און האַלטן זיך. דער „אייביקער ייד" שטאַמט נישט פון קיין יידישער מלוכה. אפשר זיינען די יידישע מלוכות געווען אַרענעס פאַר ברי־דער־מלחמות, פאַר קענגזייטיקער אויסראָטונג, אָבער נישט פאַר שמידן אָט דעם „האַרטן נוס", וואָס קיין המן קען אים נישט צע־קנאַקן.

לאָמיר גיין כסדר. קודם כל איז אין פלוג מאָדנע, אויסטערליש ממש די קאַלטע באַציונג פון דער יידישער טראַדיציע צום עצם גע־דאַנק פון מלוכה און צו די פּאַקטישע יידישע מלוכות. עס איז אונ־טערגעגאַנגען די מלכות ישראל, די גרעסערע, די רייכערע פון די

צוויי יידישע מלוכות. און די טראַדיציע האָט אפילו דעם טאָג פון חורבן" נישט פאַרצייכנט מיט עפּעס און אנדענק. עפּעס אַזוי קאַלט, עפּיש דערציילט דער תנ"ך די גאַנצע מעשה פון אונטערגאַנג „און ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין ערד קיין אשור ביז אויף היינטיקן טאָג" (מלאכים ב'יז', 23. יהואש) דער זינען פון די פריערדיקע פּסוקים איז בערך: — „און גוט אויף אים!" קיין קרעכץ, גאָרנישט.

און וועגן מלכות יהודה? קלאָגן דאָך יידן יאָר איין יאָר אויס אויפן חורבן בית המקדש, אָבער לגמרי נישט אויף חורבן בית המלכות. דער אונטערגאַנג פון דער וועלטלעכער מאַכט, פון „אונדזערע, יידישע מלכים, פון אונזער נאַציאָנאַלער מלוכה, — וועגן דעם איז כמעט נישטאָ אין דער רייכער קלאָג ליטעראַטור גאָרנישט. אין מגילת איכה איז דאָס וואָרט „מלך", „מלכות" לגמרי נישטאָ. דאָס זעלביקע אויך די אגדות פון חורבן. זיי פאַרגעסן גאָר איינגאַנצן די פּאַרלאָרענע פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט. פאַרקערט איז פאַראַן איין אגדה, וואָס גיט מיט די אייגענע הענט אוועק נבוכדנאצרן גאַנצע צוויי מלכים (ספר האגדה א' קפ"ה).

ווייטער. עס קומען זרובבל, עזרא און נחמיה. צוויי פון זיי — פּאָליטישע טוער. עזרא — דער אויפשטעלער פון דער תורה. אָן נחמיהן קען ער גאָרנישט אויפטאָן. און אין דער טראַדיציע איז געבליבן „עזרא הסופר אמר לפניך", נחמיה — אָט דער קלוגער, שטאָלענער און געטרייער בויער פון ירושלים — ער איז כמעט ווי פאַרגעסן דורך דער טראַדיציע *). און נאָך ווייטער: דער גרעסטער מלחמה־העלד און קעמפער פאַר נאַציאָנאַלער פּאָליטישקייט ביי יידן איז, דאַכט זיך, אָן ספק יהודה המכבי. און ווי די יידישע טראַ־

---

*) אפילו דער ספר מיט זיינע מעמוארן איז מער פאַררעכנט ווי אַ הוספה צום אַראָמישן עזרא „עזרא - נחמיה" ווי איין ספר. שוין אין גמרא פרעגט עמיצער מאי טעמא לא איקרו, סיפרא על שמיה (סנהדרין צ"ג ע"ב)

דיציע מיידט אים פּשוט אויס. שוין ווילהויזן באמערקט מיט אי־ראָניע, אַז בלויז די קריסטלעכע נזירים האָבן אויפגעהיט דעם אנ־דענק פון יהודה המכבי און אין דער גריכישער שפּראַך (!), וואָס דער העלד האָט אַזוי באַקעמפט. דער ספר, וואָס באַשרייבט זיינע גבורות (חשמונאים), איז אויסגעשלאָסן געוואָרן דורך דער טראַ־דיציע פון די צאָל הייליקע ספרים, ערגער ווי אסתר, ווי שיר השי־רים, דער יום טוב פון זיין גרעסטן נצחון, דער אַזוי גערופענער „יום ניקונור" (13 טעג אין אדר), וואָס איז אין זיין צייט איינ־געשטעלט געוואָרן לדורות, איז זייער גיך פאַרגעסן געוואָרן און איז פאַרביטן געוואָרן מיט א — תענית לזכר א לעגענדאַרישער (אָדער האַלב־לעגענדאַרישער) קעבסווייב פון א פּערסישן נאַרישן קיסר אחשורוש... דער געלערנטער טעאָרעטיקער פון יידישן מלוכה־גע־דאַנק, פּראָפ' יוסף קלויזנער גיט דאָ צו טרויעריק „לחרפּתנו" („כשאומה נלחמת על חירותה" ז' 89). און באמת. שטאַרק האָט זיך די יידישע טראַדיציע פאַרזינדיקט פאַרן מלוכה־געדאַנק. און זי איז נישט בעסער געוואָרן אויך שפּעטער. די שמידער און שע־פער, ריכטיקער — די היטער פון דער טראַדיציע האָבן זיך אויך ווייטער געהאַלטן אָן א זייט פון מלוכה־לעבן, ווי עפּעס אינסטינק־טיוו האָבן זיי אויסגעמיטן צו פאַרבינדן די עקזיסטענץ פון יידיש־קייט מיט דער מלוכה. די יידישע מלכים, די יידישע שרים און אַריס־טאָקראַטיע בכלל האָבן קנאַפּן אָנזען געהאַט אין די אויגן פון דער טראַדיציע. בכל אופן — קיין שום גלאָריפיקאַציע, קיינע פּראַכט־לעגענדעס. און אויף לעגענדעס איז דאָך די יידישע טראַדיציע א מייסטערין.

און אין לעצטן טראַגישן קאַמף, זיינען די לעצטע העלדן פון ירושלים אין די אויגן פון דער טראַדיציע „בריונים", (און בר כוכבא — „בר כוזינא"!) און די טראַדיציע־טרעגער האָבן זיך אָפּ־געגנבעט, אַרויסגעגנבעט פון די בריונים, געקומען צום „רשע" — „נא דיר אוועק די מלוכה, דעם מלך, די גאַנצע פּאָליטיקע אונדזע־רע, — גיב אונדז "יבנה" — א מעגלעכקייט צו שפּינען ווייטער

אונדזער טראַדיציע"... איז נישט אין ירושלים, איז נישט אין שוץ פון „אונדזערע" אייגענע מלכים, איז ווי עס איז, אָבער די טראַדיציע זאָל לעבן... נו, איז עס נישט „לחרפתנו"? — וואָלט אָבער א געלערנטער היסטאָריקער (און נישט נאָר ער אליין) געדאַרפט באַגרייפן איין קלייניקייט: א טראַדיציע פון א פאָלק, און נאָך אַזאַ אַלטע האַרטנאַקיקע טראַדיציע ווי די יידישע שטעלט מען נישט צום משפט און מען משפט זי נישט לויט דעם אָדער יענעם קאָדעקס פון דער אָדער יענער פאָליטישער ריכטונג אין איין תקופה. קודם כל מוז מען זי פארשטיין. א טראַדיציע פון א פאָלק איז בערך אַזוי ווי א אינסטינקט ביי א אינדיווידו. גיי זאָג אָט דעם „קאָלעקטיוון אינסטינקט" דעות, ווי ער האָט באַדאַרפט האַנדלען, אַז ער, דער בלינדער אינסטינקט איז דאָך פאָרט קליגער פאַרן שכלדיקן ראציאָ, ער האָט זיינס אויסגעפירט, בכל אופן אין פאַרלויף פון די עטלעכע טויזנט יאָר ביז איצט. אַזוי אַרום איז די יידישע טראַדיציע אינגאַנצן נישט פאַראינטערעסירט אין דער פאָליטישער זעלבשטענדיקייט פון פאָלק. אין א צווייטן קאַפּיטל וועלן מיר פּרוּוון זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דעם זינען פון אָט דעם אויסטערלישן לויט אונדזערע היינטיקע באַגריפן פאַקט; ביי אַזאַ שטאַרקער ליבע צום לאַנד, ביי אַזאַ בענקען און טרוימען, — אַזוי מבטל זיין די פּאָליטישע מלוכישקייט. דאָס איז עפּעס. מיט א „לחרפתנו" קומט מען עס נישט אָפּ.

ענלעך צו דעם איז מיטן באַגריף „לאַנד", „פאָטערלאַנד", וואָס איז לעצטנס אריין שטאַרק אין מאָדע. פאַראַן אפילו היסטאָריקער, וואָס ווילן באַווייזן, אַז אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע איז ארץ ישראל געשטאַנען אין צענטער פון יידישן גייסטיקן לעבן. דאָ דאַרף מען אָבער שאַרף אונטערשיידן צווישן צוויי באַגריפן — „ארץ ישראל של מעלה" און „ארץ ישראל של מטה". ד"ה ארץ ישראל אין פאַנטאַזיע און טרוים און אין די קולטור־פּראָדוקטן פון אָט די עלעמענטן און פון דער צווייטער זייט — ארץ ישראל פון ווירקלעכן סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן. אויב די ערשטע, ארץ ישראל של מעלה

א. גאָלאָמב

האָט פון תמיד אָן געדינט ווי א גרויסער און וויכטיקער סטימול אין יידישן קולטור־לעבן, האָט דווקא די צווייטע — ארץ ישראל של מטה, די געאָגראפישע — זייער וויניק געהאָלפן אויסגעשטאלטן דעם יידישן קולטור־טיפּ. לאָמיר נעמען פאקטן. די מלכות ישראל האָט עקזיסטירט ביי א דריי הונדערט יאָר. פארן אויסבילדן א קולטור־פּרצוף איז עס א גאנץ גענוגנדיקע צייט. און נאָכן אונטערגאנג פון דער מלוכה, איז פון איר יידישקייט גאָרניט געבליבן. די געוועזענע בירגער פון דער יידישער מלוכה, בלייבנדיק אויף דער ערד אין זייער לאנד האָבן אזוי גיך זיך אסימילירט מיט די געקומענע מיטבירגער, אז די טראַדיציע האָט זיי גאָרנישט אנערקענט פאר יידן אפילו. „שומרונים", „כותים", קעגנער, שונאים, „אנטיסעמיטן" פון יידישן אָפּשטאם (אז די שומרונים זיינען געווען אסימילירטע יידן זע קלויזנער „כשאומה נלחמת על חירותה" ז' 8) 1) אויך בן צבי „שומרונים".

1) קלויזנער דער היסטאָריקער האָט פשוט אָפּגעטאָן א שפּיצל קלויזנערן דעם פּאָליטיקער: אין אן אויסגאבע, וואָס דארף היסטאָריש דערמוטיקן צום רעוויזיאָניסטישן ארץ ישראל, זאָגט ער אליין אונטער אז די שומרונים זיינען קיינמאָל נישט ארויסגעטריבן געוואָרן פון לאנד, האָבן פּאָליטיש כמעט נישט געליטן און זייער צאָל איז געווען בערך איין דריטל פון אַלע יידן... און אַזוי מיאוס אונטערגעגאנגען! (ס' 124). דאָס איז א פאקט פון א היסטאָריקער. דער פּאָליטיקער אין קלויזנערן דערקלערט: ווייל עס האָט זיי אויסגעפעלט נאציאָנאלער באַוווסטזיין. פון דעם וואָלט דער חשובער געלערנטער געדארפט אויספירן, אז אַלע פעלקער מיט א נאציאָנאלן באוווסטזיין גייען נישט אונטער. צי וועט קלויזנער דער געשיכטלער מסכים זיין? און טאָמער איז דאָ געווען אפשר שולדיק גראד פארקערט דאָס צובינדן זיך צו איין הייליקן אָרט און פארבינדן דעם קיום פון פאָלק מיט איין באשטימטן פונקט? טאָמער ווייזט דווקא זער פאקט, ווי קלוג די יידישע טראדיציע האָט געפירט, ארויסגייענדיק פון די הייליקע ערטער.

און די מלכות יהודה?—אַט פון דאנען שטאמט דאָך דאָס יידישע פאָלק, טאָ ווי שטארק איז געווען די השפעה פון די אריבער פירהונ־דערט יאָר זיצן אין ארץ־ישראל?

אזוינע ציוניסטישע היסטאָריקער ווי דער זעלביקער קלויזנער 2) און אב. טשעריקאָווער 3) מוזן מודה זיין, אז דער יידישער טיפ, דער קעמפער פאר יידישקייט, דער פאַרזעצער פון יידישקייט און איר טרעגער ווייטער — איז געקומען פון בבל, פון גלות. דאָס וואָס עס האָט נישט באוויזן צו שאפן דאָס יידיש לעבן אין ארץ ישראל, אין אן „אייגענער" כלומרשט מלוכה, האָט יאָ באוויזן צו שאפן דער גלות אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר. דאָרטן איז געווען נבואה, טרוים, פארלאנג, פון דאָרטן קומען איינער נאָכן צווייטן דריי שטראָמען „חלוצים" (זרובבל, נחמיה צום ערשטן מאָל און צום צווייטן) און זיי געפינען — אסימילאציע, ווילדע אָפּגעפרעמדטע „עם־הארץ" (דער טערמין קומט פון יענער צייט. מיט גאנץ שטרענגע מיטלען און מיט קרבנות א סך קומט אוים דעם „אייזערנעם" נחמיהן צו צווינגען די געבליבענע אין לאנד אומקערן זיך צו יידישקייט, ווי נחמיה דערציילט עס אליין אין זיינע מעמוארן („נחמיה"), וואָס אָטעמען מיט אזוי פיל אויפריכטיקער מענטשלעכקייט. און מערקווירדיק. עס קומט די ערשטע עליה (זרובבל), אין משך פון עטלעכע יאָר פאלט זי מאָראליש און נחמיה (די צווייטע עליה) געפינט דאָס לאנד אין נישט קיין בעסערן צושטאנד ווי די ערשטע. נחמיה פאָרט אָפּ צוריק פון לאנד אויף עטלעכע יאָר ממש און פון זיינע אויפטועון קענען אסימילאציע בלייבט ווייניק. ער מוז שפּעטער אָנהויבן פון אָנהויב. און ווייטער שוין אין „אייגענעם" לאנד, אין „אייגענער" מלוכה מאכט די אסימילאציע (כ'מיין די העלעניזאציע) אזוינע ריזיקע נצחונות, אז עס דראָט מיט אומקום דער גאנצער יידישקייט.

---

2) „כשאומה נלחמת על חירותה" ז״9 איון ז' 35.

3) א. צירוקובר, היהודים והיוונים בתקופה החלניסטית ת״א תרצ״א ז' 301

און נאר די טראדיציע, וואס האט זיך פון לכתחילה אפגעזאגט פון די צוויי כלומרשט נאציאנאלע טריבוטן ווי לאנד און מלוכה איז געבליבן און אוועק איבער דער וועלט אויף לעבן און לעבן, אוועק איז דער „אייביקער ייד" מיט דער בענקעניש נאך דעם לאנד, אוועק אויף ליידן און פיין, אבער באפרייט זיך פון געצנדינערישן פארבינדן דעם קיום האומה מיט די סאציאלע לאנד־באזיצערישע און מאכט־באזיצערישע אינטערעסן, וואס פאר זיי איז אויסער זיי קיין נאציאנאלער קיום נישטא.

דער עלטסטער און פארשפרייטסטער ענטפער אויף דער פראגע, וואס איז יידישקייט, איז — רעליגיע. פאר דער ארטאדאקסיע פון אלע דורות איז יידישקייט און יידישע רעליגיע א סינאנים. אן רעליגיע איז פאר דער ארטאדאקסיע נישטא קיין יידישקייט. פונקט אזוי איז אויך פאר די אסימילאטארן יידישקייט א ביסעלע פון רעליגיע. די נפקא מינה איז דא אין כמות יידישער רעליגיע. דא זיינען פאר אונדז מאקסימאליסטן און מינימאליסטן. אבער אין תוך איז פארביידע ריכטונגען דער תוך פון יידישקייט די רעליגיע.

אבער דא ליגט א טיפער טעות. ריכטיק איז, אז די יידישע רעליגיע איז א פראדוקט פון יידישן פאלק, א פראדוקט פון יידישן לעבן. די יידישע רעליגיע איז נישט איבערגענומען, נישט אויסגעלערנט, נישט צוגעפאסט, ווי דאס איז מיט אנדערע רעליגיעס. זי איז ארגאניש דורכגעפלאכטן מיט דעם יידישן לעבן אין אלע זיינע דורות. און מהאי טעמא איז ביי יידן שווער אנצוווייזן די גרענעצן צווישן דעם רעליגיעזן און דעם נישט רעליגיעזן, דעם וועלטלעכן. האט די רעליגיע פארשפרייט אירע פליגלען איבער דעם גאנצן לעבן און דאס גאנצע אין תוך אריין וועלטלעכע לעבן, וואס איז געווארן סטאביל, האט שוין במילא באקומען א כאראקטער פון רעליגיע. יידן פלעגן פארברענגען א גרויסן טייל פון טאג אין בית־מדרש. אבער איז ער דאך געווען נישט נאר אן ארט פארן רעליגיעזן געברויך, פארן דאווענען. איז ער דאך אויך געווען דער „קלוב", דאס „קולטור־הויז", א טרעףפונקט, אן ארט פאר קינדער־שפילן און אויך די בירזשע פון ארעמע

לײט וכדומה. איז דען ריכטיק דעם גאנצן בית מדרש ארויפצוטראָגן אויפן חשבון פון רעליגיע? אין בית־מדרש פלעגט מען לערנען. אָבער בלויז בײ יידן איז דאָס לערנען האר און נאָר אויפן חשבון פון רעליגיע געװען פארעכנט. אין דער אמתן איז דאָס לערנען בײ יידן געװען װי רעליגיע א פונקציע פון יידישקײט, קאָאָרדינירט מיט רע־ליגיע, אָבער נישט סובאָרדינירט צו רעליגיע. פרומקײט און למדנות זײנען קײנמאָל נישט געװען אידענטיש. יידן האָבן געהאט פעסטע טראַדיציעס אין מאכלים למשל, יידישע מאכלים. אָבער זײנען דען אַט די מאכלים רעליגיע? סײדן אפשר מצה. אָבער אַט די אַלע שבת־דיקע, יום־טובדיקע, פרײטאָקדיקע און אַלע אנדערע יידישע מאכלים, געבעקסן, געפּרעגלעכצן, געקעכצן, נאשערײען, — זײ זײנען, אמת, מינהגים, פעסטע טראַדיציעס, אָבער צו רעליגיע, צו גלויבן און נאָט דינען האָבן זײ דאָך נישט קײן שום שײכות. דאָס זעלביקע קען מען זאָגן װעגן יידישע בגדים, װעגן יידישע סעודות, איבערבײסנס, צו־בײסנס אאז"וו. אין ערגעץ פארעכנט מען עס נישט פאר רעליגיע, נאָר בײ יידן. פאַרװאָס? װײל, װי געזאָגט, רעליגיע איז בײ יידן געװאָקסן און אנטװיקלט זיך צוזאמען מיט דעם שטײגער לעבן, מיט די מינהגים, זײנען די תהומים, די גרעניצן נישט געװען קײן דײטלעכע, קײן קלאָרע: האָט רעליגיע געקענט װערן א נאָמען פאר יידישקײט בכלל. צװײטנס, איז אין יידישן לעבן נישט געװען קײן שום װעלטלעכע מאכט, װאָס זאָל קאָנקורירן מיט דער רעליגיע; האָט במילא דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע און אויך פּריװאַטע לעבן אָר־גאניזאציאָנעל זיך אָנגעשפּאַרט אויף רעליגיע. אזױ ארום האָט זיך באַקומען א אילוזיע, אז בײ יידן איז אַלץ, דאָס גאַנץ לעבן בלויז רעליגיע. און אז עס האָט זיך בײ אונדז אָנגעהויבן א מלחמה קעגן רעליגיע, האָבן די קעמפער באַקעמפט אַלץ אין שטײגער לעבן, װי כלומרשט רעליגיע. אין תוך אריין אָבער איז די יידישע רעליגיע בלויז א פּראָדוקט פון יידישקײט, און א פּראָדוקט איז דאָך קײנמאָל נישט גלײך צום פּראָדוצירער. יידישקײט האָט עקזיסטירט פריער, פאַר דער יידישער רעליגיע. האָט יידישקײט געביטן דעם כאַראַקטער פון

דער יידישער רעליגיע, פון צייט צו צייט, פון תקופה צו תקופה, פון קיבוץ צו קיבוץ. די יידישע רעליגיע אין מלכות ישראל, אין יהודה, אין בבל, אין צווייטער יהודה, אין אייראפע, — אלעמאל האט די יידישע רעליגיע געהאט אן אנדער פנים. זי האט תמיד געהאט איר המשכדיקייט און דאך תמיד פארענדערלעך געווען און געבליבן, ווייל זי איז תמיד געווען א פראדוקט פון לעבן.

אלעמאל זיינען געווען אייפערדיקע אנהענגער פון דער יידישער רעליגיע, וואס האבן געשטרעבט אומצוענדערן די פארמולע פארקערט: יידישע רעליגיע דארף שאפן יידיש לעבן. די „מאקסימאליסטן"־ארטאדאקסן און די „מינימאליסטן" — „פון משהם גלויבן" ביידע קרמען זיך צונויף אויף דער פארמולע: „יידישקייט שאפט זיך דורך דער יידישער רעליגיע. כדי צו מאכן די רעליגיע פארן געביטער פון לעבן, דארף זי, די רעליגיע, זיין פיקסירט, פעסט, אומאפהענגיק פון לעבן. און יעטווידער פרווו צו פיקסירן די יידישע רעליגיע האט זיך געענדיקט מיט אומקום פון יידישקייט און במילא אויך פון יידישער רעליגיע. אפילו די דרייצן עיקרים פון רמב"ם, וואס פרומע יידן זאגן אלע טאג אין דאווענען האבן קיינמאל נישט געפרווט צו קאנקורירן מיט דער פראקטישער רעליגיע און א פשיטא שוין מיט יידישקיים בכלל. דארטן ווו עס איז פון יידישקייט געבליבן בלויז קולט, רעליגיע, האט זי בשום אופן נישט אפגעהאלטן פון אסימילאציע און אומקום. פאקטיש: אלע אונטערגעגאנגענע, אסימילירטע יידישע קיבוצים האבן זיך נישט אפגעזאגט פון דער יידישער רעליגיע און זי איז זיי נישט בייגעשטאנען לגמרי איינצוהאלטן זייער יידישקייט, זייער יידישן פרצוף אין לעבן, אין קולטור. פון די קראקאווער פרומע יידן דורך די פראנקפורטער אסימילירטע פרומאקעס ביז די ווענעציאנער „איטאליענער" פון משהם גלויבן איז א גראדער לייטער, א מין פרומע, רעליגיעזע אסימילאציע. און פארקערט פלעגן יידישע דארף־ישובים „ישובניקעס", וואס פלעגן לעבן א יידישן שטייגער כמעט אן קולט איינהיטן יידישקייט אין לאנגע דורות. די ישובים זיינען אונטערגעגאנגען, אבער נישט זייער יידישקייט.

און אַזוי אַרום קענען מיר פאָרמולירן: רעליגיע, פּראַקטישע רע־ליגיע איז יידישקייט בלויז אויף וויפל זי איז א טייל פון א ברייטן יידישן שטייגער. אָן דעם יידישן שטייגער איז די יידישע רעליגיע נאָך גאָר נישט קיין יידישקייט און די אָנהענגער פון אזא רעליגיע פארדינען דעם נאָמען „גויים פון יידישן גלויבן״. איבעריקס, פּרע־טענדירן זיי דאָך גאָרנישט אויף מער.

כמעט דאָס זעלביקע קען מען זאָגן וועגן „תורה״. יידישקייט איז תורה. אָבער קודם כל אויב אונטער תורה ווערט באגריפן „תורה שבעל פה״, וואָס דער ריכטיקער טייטש פון באגריף איז דאָס שטו־דיום פון לעבנסשטייגער, — איז דאָס שטייגער, אויסגעבונדן מיט שטייגער. מיינט מען אָבער „תורה שבכתב״, ד׳ה הייליקע ספרים בלויז, זיי לערנען און טייער האלטן, דעמאָלט איז דאָס געווים נישט קיין יידישקייט. פאקטיש זיינען די יידישע הייליקע ספרים אָנגענו־מען פיל מער ביי די נישט־יידן. זיי זיינען אויך די מומחים, די גע־לערנטע, די פאָרשער. רענאַן און ווילהויזן זיינען נישט בלויז נישט געווען קיין יידן, נאָר אין זיי האָט געשטעקט א גרויסע פּאָרציע פון שנאת ישראל, נישט געקוקט אויף זייער געלערנטקייט אין דער יידי־שער תורה. נאָך אין די צייטן ווען אונדזער היינטיקע יידישקייט האָט זיך אָנגעהויבן צו פורעמען, ד׳ה, אין די צייטן פון תלמוד איז גע־זאָגט געוואָרן „כל העוסק בתורה בלבד דומה כמי שאין לו אלוה״ (ווער עס פארנעמט זיך בלויז מיט תורה (לערנען) — איז געגליכן צו עמיצן, וואָס האָט קיין גאָט לגמרי נישט. ע״ז,יז:). איבעריקס, איז די גאנצע טעאָריע, אז יידישקייט איז תורה אויסגעטראכט דורך אסי־מילאַטאָרן. ריידן רעדט מען וועגן דער גרויסקייט און פיינקייט פון דער יידישער תורה און מיינען מיינט מען: כדי צו זיין א ייד דארף מען גאָר נישט קיין יידישקייט. געגנוג צו האלטן פון דער תורה און יוצא.

אַזוי אַרום קומט אויס אז נישט רעליגיע, נישט די „הייליקע תו־רה״ האָט איינגעהאלטן יידישקייט, נאָר פארקערט: די שטארקע, איינ־געפונדעוועטע אין לעבן, אין דער טאָג־טעגלעכקייט יידישקייט האָט

איינגעהאלטן די רעליגיע, האָט אויך די רעליגיע, וואָס האָט אַלעמאָל א טענדענץ זיך צו פארוואנדלען אין א טרוקענע פארגליווערטקייט, — די זעלביקע רעליגיע איז א דאנק דעם געוואָרן א טייל פון דעם גאנצן שטייגער לעבן און א דאנק דעם איז געווען אוממעגלעך פעסט־צושטעלן א גרעניץ צווישן שטייגער און רעליגיע בכלל.

אָבער קלאָר: רעליגיע פלוס שטייגער איז יידישקייט. רעליגיע אָן שטייגער גיט נישט קיין יידישקייט. איז במילא פון דעם געדרונגען, אז יידישקייט איז שטייגער,

---

און אָט דאָ ליגט דער טיפער לעבנס זינען פון אָט דער פארבי־סענקייט, וואָס מיט איר האָט יידישע רעליגיע־טראדיציע באקעמפט יעטווידן פרווו צו קאָנקרעטיזירן דעם מהות פון יידישקייט. קיין גוף, קיין געשטאלט האָט נישט דער יידישער גאָט. קיין ממשותדיקע הייר־ליקייטן, נישט קיין „במות", קיין בערגלעך, נישט קיין וועלדלעך, נישט קיין קברים פון הייליקע, נישט קיין מצבות פון הייליקע. דאָס איז נישט בלויז א העכערקייט פון „אונדזער" גלויבן (האלט זיך גרויס, אַלערליי גויים פון יידישן אפשטאם!), א דערהויבונג ביז צו די העכ־סטע הייכן פון אבסטראקטער געטלעכקייט. ניין, וועגן דעם וואָלט מען נאָך געקענט עפעס נאָכדענקען, אָבער, אז דאָס נישט לאָזן גייסטיק זיך צובינדן צו איין אָרט, נישט פארהייליקן קיין אָרט, — אָט דאָס האָט געהאָלפן איינהאלטן יידישקייט... „ווו דו וועסט רופן צו מיר, דארטן וועל איך צוהערן צו דיר". דאָ איז געלעגן אן אוי־סערגעוויינלעך שטארקער לעבנס־אינסטינקט, וואָס האָט נישט דער־לאָזן פארבינדן דעם גורל, דעם קיום פון פאָלק נישט מיט לאנד, נישט מיט מלוכה אאז"וו. אלץ קען אונטערגיין, אָבער טראדיציע קען מען מיט שווערדן נישט חרוב מאכן, כל זמן עס לעבט נאָך איין טרעגער אירער. יידישקייט האָט נישט קיין פיקסירטע גשמיותדיקע הייליקייט, — עס איז אין מענטשן גופא. רחמנא לבא בעי און מער נישט, תורה שבלב, יידישקייט אין מענטשן.

פון דעם זעלביקן ווערט איז יידישקייט פון אן אנדער קאטעגאָ־

ריע. יידישקייט איז כלומרשט יידיש־לשון, יידישע ליטעראַטור. און ווידער אמאָל דאָס אייגענע: אָן יידישן לשון און אָן יידישער ליטע־ראַטור, (אמת, נישט אַלץ, וואָס איז אָנגעשריבן אין יידיש, איז יידישע ליטעראַטור), איז נישטאָ קיין יידישקייט, אָבער, אויף צוריק, אַז אָט די צוויי עלעמענטן זיינען גאָר די יידישקייט, קען מען די פּאָרמול נישט לייענען. ווי רעליגיע בשעתה, איז איצט יידישע ליטעראַטור א פּראָדוקט פון יידישן לעבן, אָבער נישט דאָס לעבן. און יעטווידער פארלאַנג יוצא צו זיין מיט יידיש, מיט יידישער ליטעראַטור לגבי יידישקייט, איז נישט מער ווערט וויפל עס זיינען ווערט אַלע אַנדערע סוראָגאַטן פון יידישקייטן, וואָס מיר האָבן אויס־געדעכנט פריער. אזוי פארשטאַנענער יידישיזם איז אָדער א שעד־לעכע אוטאָפּיע, ווייל נאַיוו און אָן א באַזיס אין לעבן אָדער ער איז אן אויסרייד אוועקצוגיין פון יידישקייט.—

און דער סך הכל איז: אַז

אויף דער פראַגע „וואָס איז יידישקייט?" קען זיין בלויז איין און איינציקער ענטפער — אָדער אַלץ אָדער גאָרנישט. אָדער דאָס גאַנצע לעבן איז יידיש, אָדער יידישקייט הערט אויף צו עקזיסטירן. דאָס גאַנצע לעבן האַר און גאַר, דער גאַנצער מענטש דאַרף פאַרמאָגן זיין יידישע אייגנטימלעכקייט, זיין יידישע ספּעציפישקייט. זיין יום טוב און זיין וואָך, זיין שטוב און זיין פיר, — אַלץ דאַרף פון ערשטן קוק שוין קענטיק זיין ווי יידישעס. נישט „אדם בצאתך" אָדער „אדם בביתך". נייערט דער „אדם בצאתך און בביתך" דאַרף תמיד האָבן א יידישן פּרצוף. דעמאָלט וועלן אָט די אַלע געוויינלעכע מענטשלע־כע שאַפונגען האָבן א יידישן כאַראַקטער און עס וועלן זיין אַלערליי „יידישקייטן". אָן אָט דער יידישקייט אין טאָג־טעגלעכן פריוואַטן און קאָלעקטיוון לעבן, בלייבן אַלע „יידישקייטן" טויטע עקסטראַקטן ארויסגעצויגענע פון אן אָרגאַניזם, וואָס האָט געלעבט.

אָבער וואָס זיינען די סימנים פון לעבעדיקער, דיפוזער אין מענטשנס נשמה און במילא אין זייערע אַלע מעשים יידישקייט? ווו קענען מיר

זען יידישקייט לעבעדיקע און ווו איז סוראגאט? ווי באקאנט, ווערן דאָך סוראגאט־ארטיקלען א סך שטארקער רעקלאמירט. קענען דאָך אויך סוראגאט־יידישקייט האָבן די בעסטע רעקלאמעס. און בפרט, אז אין לעבן זיינען פאראן געווג פאקטאָרן, וואָס מאכן די פולקאמע יידישקייט פאר גאָר נישט גרינג און אנגענעם.

פאר מיר איז פאראן איין סימן אזא, א סימן, וואָס גילט אין ביאָלאָגיע אזוי גוט ווי אויך אין סאָציאָלאָגיע. און דער סימן איז — המשכדיקייט. יעטווידער אָרגאניזם שטאמט דירעקט פון אזא אָר־גאניזם און יעטווידער קעמערל אין אים — שטאמט ווידער פון אזא קעמערל. עס דערנערט זיך פון פרעמדס, אָבער עס ווערט איבערגע־שטאלטעט, איבערגעבויט. אלץ אין קולטור־לעבן אין שטייגער פון א פאָלק היינט איז א דירעקטער המשך פון נעכטן. אלץ אין לעבן פון א יחיד דאַרף זיין אָפגעשטאמט פון זיין כלל און דארף זיין אן אָרגאנישער המשך פון דעם כללס נעכטן.

— וואָס איז יידישקייט? — יידישקייט איז דאָס לעבן פון דורות מענטשן ווי יידן. און דערביי: המשכדיקייט איז נישט דווקא אָן שנויים. ניין, א בלום איז נישט ענלעך צום זאמען, וואָס פון אים איז זי אויסגעוואָקסן. אָבער א המשך איז זי. היינט איז א המשך פון נעכטן. נישט דווקא א קאָפּיע. יעטווידער שפרונג, יעטווידער אָפּרייסן זיך פון המשך, אָפּזאָג פון נעכטן, מעג עס זיין באגלייט מיט די העכסטע און הייליקסטע מאָטיוון, — איז נישט מער און נישט וויי־ניקער ווי אן אָפּזאָג פון יידישקייט.

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר

אָבער יידן זיינען מיר

וואָס יידישקייט איז, — איז זי, אָבער אין יידן לעבט זי, פון יידן שטאמט זי.

אָט דאָס איז יידישקייט און פונקט אזוי איז רוסישקייט דאָס אייגנטימלעך־ספּעציפישע אין דעם כאראקטער, אין די געוווינהייטן אין פיר און אין שטייגער לעבן פון די רוסן. דאָס אָרגאניש אייגנ־טימלעכע וואָס שיידט אָפּ איין פאָלק פון דעם צווייטן. קיינע דרויסנ־

דיקע אטריבוטן — נישט לאנד און נישט שפּראַך און נישט ביכער אָנגעשריבענע, און נישט ווערק געשאַפענע. דער עפּל איז נישט דער בוים וואָס שאַפט אים, דער שוואַלב איז נישט דער נעסט וואָס ער בויט. דאָס אייגנטימלעכע אין איטלעכן פאָלק וואָס גיט אַ ספּעציפישן כאַראַקטער אַלע זיינע שאַפונגען און טואונגען דאָס איז זיין ספּעצי־פישקייט. אזוי מיט אַלע פעלקער און אזוי אויך מיט יידן.

אומזיסט באַמיען זיך די אסימילאַטאָרן פון אַלע צייטן און פון אַלע דורות איינצורעדן זיך און אַנדערע אַז „מיר זיינען פּונקט ווי איר", אַז מיר זיינען אין אַלץ אזוי ווי דאָס הערשעריש פאָלק, אומ־זיסט זייער באַמיען זיך צו קאָפּירן דעם באַלעבאָס. עס איז אַ ליגן און מער נישט. קיינע אינסעקטן אין מימיקרי וויפל זיי קאָפּירן נישט זיינען דאָך פאָרט נישט דאָס. מיט דער יידישער מימיקרי איז עס נאָך קנאַפּער.

דאָס ספּעציפיש אַנדערשדיקע אין אונדז, אין אונדזער כאַראַק־טער, אין אונדזער לעבן — דאָס איז אונדזער יידישקייט. די פּראָ־דוקטן פון אָט דער אייגנטימלעכער שעפערישער אַנדערשקייט דאָס איז אונדזער קולטור. אזוי איז עס ביי אַלע פעלקער. עס זיינען אָר־גאַנישע אַנדערשקייט ביי אַלע פעלקער. אַ הונט איז נישט קיין קאַץ.

א שוואַלב איז נישט קיין מויז

און א ייד איז נישט קיין פראַנצויז.

מער נישט וואָס אַנדערע פעלקער דאַרפן נישט היטן זייער ספּע־ציפישקייט מיט מסירת נפש, — עס היט זיך אַליין, אינסטינקטיוו. מיט דער אָרגאַנישער ליבע צו דעם אייגענעם, צו דעם קאָלעקטיוון „איך" און צו אַלץ וואָס זיינס איז. דעריבער ציט עס איטלעכן מענטשן אין דער וועלט צו זיין פאָלק, צו דער אָרגאַניזירטער פאָלקישקייט, צו קולטורעלער, סאָציאַלער און במילא אויך פּאָליטישער פאַרזיכיקייט...

מיר אָבער האָבן נישט אָט דעם דראַנג און דערפאַר זיינען מיר צעזייט און צעשפּרייט, דערפאַר האָבן מיר נישט געקאָנט אין אונ־דזער לאַנגער און לענגסטער געשיכטע שאַפן קיין פאַרזיכיקע קיבוצים, — דערפאַר זיינען מיר אין גלות. און אויסגעלייזט וועלן מיר ווערן,

א. גאָלאָמב

ווען מיר ווילן אין זיך אנטוויקלען און איינפלאנצן א ליבע און אכטונג צו זיך, צו דער אייגענער פאָלקישקייט, צו אלץ וואָס עס איז ספּע־ציפיש יידיש און יידישלעך. אלע פעלקער האָבן זייער נאַציאָנאלן „אתה בחרתנו״, מיר האָבן געהאט בלויז א רעליגיעזן (אונדזער גאָט איז א גרויסער) האָבן מיר אים אויך פארלאָרן. און מיר מוזן איינ־פלאנצן אין זיך און אין אונדזערע קינדער א נאַציאָנאלן „אתה בחר־תנו״. און איינפלאנצן קענען מיר דאָס דורך אָפּהיטן אונדזער המשכדיקע פארזיכיקע אנדערשקייט אין שפּראך, מינהגים, זיטן, פּי־רונגען, נעמען און שטייגער — דאָס איז יידישקייט, און ווער עס וויל זיין א ייד און ווער עס וויל זיינע קינדער זאָלן זיין יידן, מוז עס היטן, היטן ווי א שוואַרצאַפּל פון אויג. דאָס איז דער גלויבן נישט אין א יידישן גאָט נאָר אין יידישן פאָלק.

די מיסיע פון יידישן פאָלק

איך ווייס, אז דאָס קעפּל פון ארטיקל איז מיט אלע זיינע דריי באַגריפן ביים גרעסטן טייל פון די יידיש־לייענער „טריף״, אָפּגע־שטאַנען.

מיסיע — דאָס וואָרט האָט אין זיך בלומרשטע עלעמענטן פון מיסטישער טעלעאָלאָגיע. עפּעס איז דער באַגריף פארבונדן מיט א פּאָרויסיקער באַשטימונג, וואָס א העכערע „געטלעכע״ מאַכט האָט געגעבן דעם מיסיע־טרעגער. במילא בינדט זיך עס שווער מיט אונ־דזערע היינטיקע קאַוזאַלע און ריין־פּראַגמאַטישע גדאַנקען סיסטע־מען. און ווידער איז די מיסיע־אידעע דאָך שוין איינמאָל געווען און צערונען געוואָרן, צו וואָס געשטאָרבענע באַגריפן איבערחזרן?

און דאָס וואָרט „פאָלק״ און יידיש פאָלק? צי איז עפּעס פאַראַן אַזאַ? מיר קאָנען רעדן וועגן א יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועגן א יידי־שער בורזשואַזיע, אָבער צי קאָן מען רעדן וועגן אזא מין צעגלידע־רונג פון מענטשלעכער געזעלשאַפט אויף פעלקער? צי איז עס נישט א וואָרט, וואָס ווערט באַנוצט צו „פארטונקלען דאָס באַוווסטזיין פון די מאַסן״? וואָס איז דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער און עקאָ־נאָמיש־מאַטעריעלער באַזיס, וואָס גיט די פעלקער א מעגלעכקייט צו עקזיסטירן?

און צולעצט, צי איז יידישקייט עפּעס מער ווי א באַקוועמלעכ־קייט זיך צונויפצורעדן מיט די יידישע מאַסן כּל־זמן יידן ריידן נאָך יידיש? אַן אויפקלער־מיטל און מער נישט? — צי איז עס בכלל

נישט משונה־ווילד פאַר אַ מענטש פון אונדזער צייט צו אָפּערירן מיט אַזוינע באַגריפן, ווי אָט די קאָמבינאַציע, וואָס איך האָב זיך דאָ דערלויבט צו שטעלן אין קעפּל? בכל אופן מוז מען זיך לכתחילה קלאָר פאַרשטענדיקן וועגן אינהאַלט פון די באַנוצטע טערמינען. דאָס אַליין וועט שוין העלפן אויסצומיידן אַ מיספאַרשטענדעניש.

און כסדר: מיטן וואָרט מיסיע וועל איך דאָ באַצייכענען די ספּעציפישע ראָלע, וואָס אַ וועלכער עס איז קאָמפּאָנענט שפּילט אין אַ קאָלעקטיוו. נעם איך צום ביישפּיל אַ ביאָלאָגישע געמיינשאַפט, אַ וואַלד, לאָמיר זאָגן: אין דער געמיינשאַפט זיינען פאַראַן אַ גאַנצע ריי קאָמפּאָנענטן: ביימער פון אַלערליי מינים און פאַרשיידענע יאַרוסן, קוסטעס, גראָזן, מאָכן, שוועמלעך, בעלי־חיים. יעדער קאָמפּאָנענט ווערט באַווירקט פון אַלע איבעריקע און ווירקט פון זיין זייט אויף די איבעריקע. דער מאָך פון באָדן שפּילט אויך אַ ראָלע — ער רעגולירט די פייכטקייט און טעמפּעראַטור אין באָדן אויף אַ באַשטימטן פאַר אים אייגנטימלעכן אופן, ער דערלאָזט נישט די זאָמען זאָלן זיך פאַרוואָרצלען, עס זאָל אַ פרישער יונגוואַלד אויפקומען... אאַז״וו. מיר קאָנען דאָ, בכן, זאָגן, אַז דער מאָך אין וואַלד האָט זיין מיסיע, זיין עובדא, אויפגאַבע אין דער געשטאַלטונג און פאָרמירונג פון דער גאַנצער געמיינשאַפט, פון דער ביאָלאָגישער געזעלשאַפט. דער באַגריף „מיסיע״ איז שוין דאָ לגמרי נישט קיין מעטאַפיזישער, נאָר אַ ריין־ביאָלאָגישער, אַ נאַטורוויסנשאַפטלעך־עקזאַקטער.

ווען עס איז מיט הונדערט פופציק יאָר צוריק בערך אויפגעקומען די מיסיע־טעאָריע, איז זי טאַקע דאַן באַגריפן געוואָרן טעלעאָלאָגיש. מען האָט געוואָלט באַשטימען דאָס אַבסאָלוטע און אייביקע, דאָס אומפאַרענדערלעכע און ספּעציפיש־אייגנטימלעכע, אין וואָס די מיסיע פון יידנטום באַשטייט. נישט ווי אַזוי ווירקן די מיסיעטרעגער אין די געגעבענע באַדינגונגען, נישט וואָס גיבן זיי צו אָפּהענגיק פון די געגעבענע פאַרהעלטענישן, — ניין. מען האָט געמיינט צו געפינען אָט אַזאַ מין אייביקן ירושה־רינגעלע, וואָס ענדערט זיך

נישט פון אברהם אבינו ביז אונדז, און אַט אין דעם רינגעלע האָט מען געזוכט די מיסיע...

איז אָבער דער באגריף „מיסיע" נישט שולדיק לגמרי, וואָס ער איז שלעכט אויסגענוצט געוואָרן. בכלל טאָר מען זיך נישט שרעקן פאַר כלומרשט געשטאָרבענע אידעען. מיר ווייסן פון דער וויסנשאַפט, אַז אידעען ווערן געבוירן, שטאַרבן און שטייען אויף תחית־המתים אין אַן אַנדער געשטאַלט, אַט איז אין 18־טן יאָרהונדערט אין דער כעמיע אַנטשטאַנען די טעאָריע פון פלאָגיסטאָן און זי איז געשטאָרבן צום סוף פון זעלבן י"ה; און שוין אין מיטן פון 19־טן איז די טע־אָריע אויפגעשטאַנען תחית־המתים אין דער געשטאַלט פון ענערגיע־דערהאַלטונג. אָדער די אַלטע אויסגעלאַכטע טעאָריע פון טראַנסמו־טאַציע פון עלעמענטן פון די אַלכעמיקער האָט אויפגעלעבט אין דער הײנטיקער ראַדיאָ־אַקטיוויקייט און אַטאָם־צעשפּאַלטונג, און אויב א געדאַנק ווײַזט זיך צו זײַן פּראָדוקטיוו, דערשרעקן מיר זיך נישט פאַר דעם באַנקראָט זײַנעם אין א פריערדיקן גילגול. מיר וועלן דאָ שטעלן די פראַגע אַזוי: צי קאָנען און צי וועלן יידן האָבן א וואָסערע עס איז, זאָל זײַן א קליינע, השפעה און ווירקונג אין דעם קנויל פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון הײנט און פון מאָרגן? צי דאַרף מען די יידן האַלטן פאַר א באַשטימטן קאָמפּאָנענט אין דעם מענטשלעכן קאָ־לעקטיוו, אָדער זיי זײַנען נאָר א פּאַסיווע גרופּע, וואָס קאָן באַווירקט ווערן, אָבער קיין השפעה אַליין האָט זי נישט? און ווײַל די פראַגע איז געווענדט אויף דעם מאָרגן, אויף דער צוקונפט, דעריבער קומט דאָס וואָרט „מיסיע". וואָלט די פראַגע געווען געווענדט אויף דער פאַרגאַנגענהייט, וואָלט מער געפּאַסט דאָס וואָרט „ראָלע".

איצט — וועגן באַגריף „יידיש פאָלק". ביים דעפינירן דעם באַגריף פאָלק אָפּערירט מען על פּי רוב מיט סאָציאַלע און עקאָנאָ־מישע קאַטעגאָריעס. מען וויל באַשטימען די קלאָרע סימנים פון באַ־גריף אין לאַנד, אין עקאָנאָמישע באַדינגונגען, שפּראַך, געמיינזאַמ־קייט פון מלוכה אאז"וו. די אַלע דעפיניציעס זײַנען אָבער נישט קיין פולע — מיט זייער פאַרנעם דעקן זיי נישט אַלע פאַראַנענע פאַקטן.

דאָס הייסט, אז דער באגריף איז פאלש. אויף די פאלשע באגריפן זיינען געבויט השערות, אז לעבנדיק אין שכנות, אין ענלעכע באַדינגונגען, דארפן פעלקער זיך צונויפגיסן. באנוצן נאָך אמעריקאַנער דאָס וואָרט „נאציע" ווי א סינאָנים צו לאנד, טעריטאָריע, פּאָליטישע גרעניצן און זיי ווילן בשום אופן נישט נעמען אין אכט די פארשיידענע קולטור־היסטאָרישע עלעמענטן פון דער באפעלקערונג. נאָך ווילן זיי זיך נישט שיידן מיט זייער שמעלץ־טאָפּ־טעאָריע — איין לאנד — איין פאָלק.

אז יעדער ווילן איינצוהאלטן נאציאָנאלע אונטערשיידן איז קעגן דער נאטירלעכער אנטוויקלונג, בכן רעאקציאָנער, און ביי אונדז איז נאָך פון אכ׳אל שטארק די דאָקטרין... איך וויל דאָ פּרווון באנעמען דעם באגריף ״פאָלק פון אן אנדער צוגאנג. דער באגריף האָט אין זיך א סך געמיינזאמע שטריכן מיטן באגריף „אָרט" אָדער „סובאָרט" אין דער ביאָלאָגישער סיסטעמאטיק. זיינע סימנים זיינען נישט נאָר פון סאָציאלער נאטור, פארשטייט זיך, אז אין דער מענטשלעכער קולטורעלער געזעלשאפט ווערט זיין זייער שווער אויסצוגעפינען אָט די ביאָלאָגישע סימנים, וואָס טיילן אָפּ איין פאָלק פון צווייטן. עס איז באקאנט, אז אפילו ביי קולטיווירטע בעלי־חיים און געוויקסן ווערט די צאָל וואריאציעס אומגעהייער גרויס, אזוי אז דאַרווינען, למשל, איז אזוי שווער אָנגעקומען דאָס באשטימען די אָפּשטאמונג פון די טויבן־ראסן. אזוי איז עס מיט אלע אנדערע קולטיווירטע בעלי חיים און געוויקסן. און פארשטייט זיך, אין א פיל גרעסערער מאָס ווערן די פארשיידענע וואריאציעס זיין אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט. בפרט נאָך, אז ביים מענטשן קומט נאָך צו די רייכע אינדיווידועלע דערפארונג פון יעדן יחיד, וואָס גיט זיך טיילווייז איבער בירושה. דער מאָמענט מאכט נאָך שווערער צו געפינען דעם גרונטאינהאלט פון באגריף „פאָלק". מיטן באגריף „אָרט" איז אין דער ביאָלאָגיע אויך גאָר נישט גרינג געווען. לכתחילה האָט מען אָרטן אויפגעפאסט, ווי באזונדערע אקטן פון יצירה. ויברא אלהים כל עץ למינו אאז"וו. אפילו לינעוס, דער שעפער פון דער נאטורוויסנ־

שאפטלעכער קלאַסיפיקאַציע, האָט ער זיך אַזוי פאָרגעשטעלט: ערטן זיינען אורשפּרינגלעך און אומפּאַרענדלעך. ערשט אַ דאַנק די עוואָ־לוציע־טעאָריעס און איבערהויפּט דעם דאַרוויניזם האָט מען ערטן אָנגעהויבן אויפצופאַסן אַנדערש. עס זיינען דאָ סיבות, וואָס פורעמען פאַרשיידן די לעבעדיקע וועזנס, און אַזוי ווי דאַרווין גיט צו פיל באַדייטונג די לעבנס־באַדינגונגען, האָבן זיינע צו־פליסיקע נאָכ־פאָלגער אָנגעהויבן אָפּט צו זען אין די באַדינגונגען דעם איינציקן פאָרמירער פון דער אָרגאַנישער וועלט. אַלע אָן אויסנאַם פאָרמען האָט מען זיך געפליסט צו דערקלערן „ביאָלאָגיש”, ד״ה דורך דער ווירקונג פון די געגעבענע באַדינגונגען. דער מעטאָד האָט טאַקע באַקומען דעם נישט ריכטיקן נאָמען „ביאָלאָגישער מעטאָד”. אָבער אין דער נאַטור איז דער פּראָצעס לגמרי נישט אויסגעהאַלטן. דען אין די זעלביקע באַדינגונגען, אין אַ קליינער סאַזשלקע, למשל, לעבן דאָך פאַרשיידענע פאָרמען, ערטן און מינים אָרגאַניזמען, וואָס זיינען אַלע צוגעפּאַסט און יעדערער באַזונדער אויף זיין אופן, שטייגער און לויט זיין באַזונדערער פאָרם. בכן האָבן די זעלביקע עקאָלאָגישע (נאַטור־ווירטשאַפטלעכע) באַדינגונגען לגמרי נישט געפירט צו דער אויסבילדונג פון די זעלביקע און איינהייטלעכע פאָרמען. קומט אויס, אַז די היינטיקע געגעבענע עקאָלאָגישע באַדינגונגען ווירקן צו פאַר־מערן די צאָל פאָרמען, וואַריאַציעס (למשל, די געוויקסן, וואָס האָבן יבשה־ און וואַסער־פאָרמען, יבשה־ און וואַסער־ערטן). און ווייטער — אַז ערטן האָבן פאַרשיידענע צופּאַסונגס־נייגונגען, איינגעבוירע־נע, געבראַכטע פון פריער, וואָס זיינען כסדר שטאַרקער איידער די ניוועלירנדיקע השפּעה פון די געגעבענע איצט ביאָלאָגישע באַדינגונ־גען. די לערע וועגן ביאָלאָגישער ירושהוודיקייט באַמיט זיך קלאָר צו מאַכן די געזעצן פון די דאָזיקע איינגעבוירענע אייגנשאַפטן. פאַר אונדז וועט דאָ זיין וויכטיק און גענוג אָנצווייזן:

1) אַז אַזוינע „אַפּריאָרי”־אייגנשאַפטן, „גענאָטיפּישע”, וואָס זיינען נישט אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען, זיינען פאַראַן:

2) אַז אָט די אייגנשאַפטן הענגען אָפּ פון דער געשלאָסנקייט אָ־

דער פּאַרקערט, — פון דער קרייצונג פון געגעבענעם אַרט אָדער ראַ־סע. וואָס לענגער, דויערנדיקער א געוויסער ביאָלאָגישער אַרט האָט געלעבט אָפּגעשלאָסן, נישט געמישט זיך, נישט געקרייצט זיך מיט אַנדערע, אַלץ שטאַרקער זיינען זיינע סימנים, אַלץ קאָנסערוואַטיווער, ווייניקער פּלאַסטיש זיינען זיינע פאָרמען (אינדזל־אָרגאַניזמען). וואָס מער קרייצונגען עס פירט אַן אַרט, אַלץ פיל־פאַרביקער זיינען זיינע פאָרמען (געזעץ פון מענדעל), אָבער די אייגנשאַפטן ווערן נישט בטל, גייען נישט פאַרלאָרן.

פעלקער קומען אויף תמיד פון שבטים, פון גרופּעס, וואָס פירן אַן אָפּגעזונדערט לעבן. דאָס איז גאַנץ געווינלעך עס זאָל זיך אויסבילדן א ביאָלאָגישער טיפּ, אַן אַנטראָפּאָלאָגישער, פּסיכאָפיזישער איינס. ווי אַזאַ גייט דאָס פאָלק אין ווייטערדיקן לעבן, האָבנדיק שוין זיינע אייגענע פאָרמען פון אויפפירונג, פון רעאַגירן אויף די געגעבענע אין יעדן געשיכטלעכן מאָמענט באַדינגונגען. די דאָזיקע צופּאַסונ־גען קאָמפּליצירן די פאָרמען, עס וואַקסט דאָס, וואָס מיר רופן אַ קול־טור פון געגעבענעם פאָלק. מיר קאָנען איצט גאַנץ באַשטימט זאָגן, אַז פעלקער — דאָס זיינען גרופּעס אינדיווידן, וואָס האָבן אין זייער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג אויסגעבילדעט באַשטימטע אַלגעמיינע אַנטראָפּאָלאָגישע אייגנשאַפטן און צוזאַמען מיט זיי אויך אַלגעמיינע עטנאָגראַפישע פאָרמען פון אויפפירונג און רעאַגירונג אויף געגע־בענע באַדינגונגען, ד"ה א געמיינזאַמע, אייגנטימלעכע פּסיכאָלאָ־גיע און קולטור.

אין דער פילאָגענעטישער געשיכטע (געשיכטע פון כלל) פון פעל־קער קאָנען מיר אונטערשיידן באַשטימטע עפּאָכעס, וואָס זיינען ענ־לעך צו די תקופות פון דער אָנטאָגענעטישער אַנטוויקלונג פון איין מענטשלעכן אינדיווידן. פעלקער לעבן אין זייער „קינדהייט" אויך אַן א קאָלעקטיוון באַוואוסטזיין, מיר באַגרייפן זיך נישט ווי א פאָלק, פּונקט ווי א קינד, וואָס פאַרנעמט נישט ביז א געוויסן עלטער זיין אייגן „איך". אין דער סטאַדיע זיינען עס פרימיטיווע וואַנדער־גרו־פּעס אָדער ערד־אַרבעטער, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין באַוואוסטזיניקע

קולטור, קיין תורה שבכתב, אָבער טאקע דאן בילדן זיך אויס די פעסטע טראַדיציעס, שפּראַך און אַלץ, וואָס איז מיט איר פארבונדן. ביי יידן איז די געשלעכטלעכע איינגעשלאָסנקייט דווקא געווען א לאנגדויערנדיקע. מהאי טעמא איז אויך דער אנטראָפּאָלאָגישער טיפּ א פעסטער. קרייצונגען, מישונגען האָבן ווייניקער געווירקט. איז דער טיפּ, די פיזישע און במילא אויך די פּסיכישע נאטור (מיר שטייען אויפן שטאנדפּונקט פון פּסיכיש־פיזישן מאָניזם) געבליבן איינגעהאלטענער, בלייבנדיקער. פארשיידן זיינען די לעבנס־באַדינגונגען, וואָס אין זיי געפינען זיך יידישע גרופּעס, וועלן זיין פארשיידן אויך די צופּאַסונגס־פאָרמען, אָבער אומעטום וועלן זיי זיין ספּעציפישע; דער טיפּ בלייבט. די נאטורוויסנשאפטלעכע סיסטעמאַטיק ווייסט פון פיל אַזוינע קאָסמאָפּאָליטישע אַרטן פון געוויקסן און בעלי־חיים, וואָס לעבן אין פארשיידענע באדינגונגען, פּאַסן זיך צו צו זיי, אָבער אומעטום בלייבן זיי דאָך איין אַרט. בכן קאָנען מיר רעדן וועגן יידישן פאָלק איננאנצן אָן וועלכע עס איז סענטימענטן, נאציאָנאַליסטישע, אַפּאָלאָגעטישע און אנדערע. מיר בלייבן גאַנץ אָביעקטיוו.

איצט וועלן מיר גיין ווייטער. צי קאָן מען אָנווייזן אין דער קולטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט יידישע עלעמענטן, אויפטועןָ? צי קאָן מען געפינען אין דער פארגאנגענהייט ספּעציפיש־יידישע השפּעות, ווירקונגעןָ? צי איז, בכן, די מיסיע פון יידישן פאָלק ניכר אין דער געשיכטעָ? — דאכט זיך, אז דאָ זיינען קיין ספקות נישטאָ, אומאָפּהענגיק פון דעם, ווי מיר וועלן די יידישע השפּעות אָפּשאַצן, אָבער זייער עקזיסטענץ וועט קיינער נישט פּרווון אָפּלייקענען. דער עצם פארלאַנג אויסצוזונדערן די ספּעציפישע גריכישע און יידישע עלעמענטן אין דער מענטשלעכער קולטור, דאָס עצם פארגלייכן באַשטעטיקט די עקזיסטענץ פון אַזוינע יידישע השפּעות. מען טאָר אָבער נישט וועלן אויסשיילן און באַשטימען „אַט דאָס איז יידיש און דאָס נישט", ווי דאָס האָט געוואָלט אחד העם. דען דאָס ספּעציפישע פון יעדן פאָלק שטעלט מיט זיך לגמרי נישט פאָר קיין מין ווינשפּינגערל, וואָס גייט איבער אומפארענדערט בירושה. עס איז א

נייגונג, א פאָרם פון רעאגירונג, וואָס פאַסט זיך צו צו די באַדינ־גונגען. די לעצטע בייטן זיך, בייטן זיך אויך די אויפטועןֿ.

ווען מען רעדט אָדער מען שרייבט וועגן ספּעציפישע יידישע קול־טור עלעמענטן, זוכט מען זיי אין ראַפינירטע אויפטועז פון גאוניש יחידים, וואָס האָבן כלומרשט אין זיך קאָנצענטרירט „דעם גייסט פון פאָלק". אין דער אמתן ליגט דאָ א טעות. יעדער גאון איז א אינדיווידואַל, וואָס קאָמבינירט אין זיינע אויפטועז אַזויפיל פאַרשיידנ־אַרטיקע השפּעות, אז דווקא ביים גאון איז שווער צו געפינען דאָס ספּעציפישע, וואָס געהער צו זיין פאָלקס־שטאַם. א גאון, זאָגט דזשעמס, איז נישט אזוי אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון אפּערצעפּ־ציע. ער דענקט פרייער, ער קאָמבינירט זעלבשטענדיקער. במילא איז ער ווייניקער נאַציאָנאַל אין זיין שאַפן. דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר דעם געגעבענעם פאָלק איז פיל גרינגער צו געפינען דווקא אין דעם אָפּט אפילו אומבאַוואוסטזיניקן לעבן פון קאָמפּאַקטע מאַסן, אין טראַ־דיציעס, אין שטייגער לעבן, אין דעם געוויינלעכן טאָג־טעגלעכן אויפ־פיר און האַנדלונגען. די אינדיווידועלע שאַפונגען, קונסט־ און קול־טור־אויפטועז פון יחידים זיינען ווי פרוכט, וואָס זיינען אויפגע־וואַקסן אויף אָט דעם באָדן פון דעם מאַסן־לעבן. ווי ביים מאָמענט פון אויפקום, פון פעלקער־געבורט, שפּילט דאָס המונישע, אינסטינק־טיווע מאַסן־לעבן די וויכטיקסטע ראָלע אויך אין ווייטערדיקן לעבן פון פאָלק. נישט אין זכות פון זיינע גרויסע וועלט־באַרימטע גאונים לעבט א פאָלק. קיינע אַזוינע גאונים, מעגן זיי זיין אַפילו צאָלרייך, קאָנען נישט איינהאַלטן א פאָלק פון אונטערגאַנג. ווען עס פאַרלירט דאָס מאַסנהאַפטיקע פון זיין לעבן, ווען זיינע אינדיווידן ווערן צע־שטויבט און עס הייבט זיך אָן א קרייצונג, א מישונג, א געשלעכט־לעבע אָדער אפילו א ריין־קולטורעלע. פּונקט אַזוי קאָן א מענטש מיט די בעסטע אויסדריק־אָרגאַנען נישט בלייבן לעבן, ווען עס הערן אויף צו פונקציאָנירן די אינעווייניקסטע, וויטאַלע אָרגאַנען — די אָטעם־, דערינערונג־ און סעקרעטאָרישע אָרגאַנען; פאַרקערט אָבער — יאָ.

און דאָ קומען מיר צו דער כוחות־דיפערענצירונג אין די ראַמען פון פאָלק גופא. בשעת מיר רעדן װעגן אַן אַנדער ביאָלאָגישער געמײנשאַפט, למשל װעגן אַ רײנעם סאָסנע־װאַלד, הײסט עס אױך נישט, אַז אַלע בײמער, אַלע גרופּעס בײמער נעמען אַ גלײכן אָנטײל אין לעבן פון דער געמײנשאַפט. אױך דאָרטן האָבן מיר אַ פאַרטײלונג פון „הערשנדיקע" און „אונטערדריקטע" קלאַסן בײמער. אַזױ אױך אין פאָלק. דאָ איז די פאַרטײלונג נאָך אַ פיל קאָמפּליצירטערע. װען מיר רעדן װעגן קולטור־פּראָדוקציע פון אַ פאָלק, מײנען מיר לגמרי נישט, אַז אַלע טײלן, אַלע קלאַסן און גרופּעס נעמען דעם זעלביקן אָדער אַ גלײכן אָנטײל אין אָט דעם שאַפונגס־פּראָצעס. קלאָר, אַז דאָ װעלן מיר אין דער ערשטער רײ האָבן אין זינען די קאָמפּאַקטערע שיכטן פון פאָלק, װאָס זײ זײנען דער באַזיס פון דעם פאָלקס קולטור. אױף דעם באַזיס װאַקסט אױס די פאָלקסטימלעכע אינטעליגענץ, װאָס פאַרמירט און פאָרמולירט אָט דאָס מאַסן־לעבן צו קולטור־װערטן. די איבעריקע קלאַסן און שיכטן װערן אַמאָל מיטגעריסן מיטן שטראָם, אַמאָל נישט. נישט זײ באַשטימען אָבער דעם גײסט פון פאָלק און זײן כאַראַקטער, מעגן זײ פאַרמאָגן זײער פיל אינטעליגענץ און געניע. נישט זײ באַשטימען די ראָלע און די מיסיע פון פאָלק. אָבער פון דעם איז נישט געדרונגען, אַז מען טאָר בכלל נישט רעדן װעגן אַ פאָלק, װי װעגן אַ קולטור־פאַקטאָר.

:: :: ::

אױפן סמך פון דעם ביז איצט געזאָגטן קאָנען מיר רויק שטעלן אונדזער פראַגע: אין װאָס זעען מיר אױף װײטער די מיסיע פון ייִדישן פאָלק? איך מײן נישט צו זוכן זי אין ליטעראַרישע אָדער אַנדערע קונסטשאַפונגען. קונסט איז סוף כל סוף אַ פּרוכט פון לעבן, און דעריבער דאַרפן מיר די ראָלע, װאָס אַ פאָלק שפּילט אין אַלגעמײנעם קולטור־לעבן פון דער מענטשהײט, זוכן אין די לעבנס־פאָרמען גופא.

אײנע פון די כאַראַקטעריסטישסטע סימנים פון ייִדישן לעבן איז די צעשפּרײטקײט פון ייִדישן פאָלק. בלײבנדיק שטאַרק צונױפגעבונ־

דן צווישן אַנאַנד אין געפיל, קולטורעל, סאָציאַל־עקאָנאָמיש (אין א געוויסער מאָס) און אויך פּאָליטיש, זיינען יידן אָבער איינגעגלידערט גרופּעסווייז אין פאַרשיידענע מלוכהשע און קולטורעלע אָרגאַניז־מען פון דער גאָרעו' וועלט. דער פאַקט גיט דעם יידישן לעבן צו א באַשטימטן ספּעציפישן קאָלאָריט. איך מיין נישט דערמיט צו זאָגן, אַז דאָ ליגט א באַשטימטע „אויסדערוויילטקייט״ פון יידישן פאָלק. לגמרי נישט. די היינטיקע פּראָדוקציע־פאָרמען און די קאָמוניקאַציע־מיטלען ווירקן ביי אַלע פעלקער אַזוי צעשטויבנדיק. דאָס פּראָבלעם פון צעשפּרייטע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען הערט אויף צו זיין א ספּע־ציפיש־יידישע. די גאַנצע געשיכטע מיט די מינדערהייטס־טראַקטאַטן זיינען דאָך א רעזולטאַט פון אָט דעם פּראָבלעם אין א אייראָפּעישן מאַסשטאַב, און די גאַנצע נאָכמלחמהדיקע פאַרטיילונג פון אייראָפּע אויף די נייע מלוכות איז דאָך א כלומרשטע לייזונג פון אָט דעם פּראָבלעם. די קליינע פעלקער האָבן געבענקט נאָך פרייהייט און די שטאַרקערע האָבן אָט די בענקשאַפט אויסגענוצט. אָבער דאָס פּראָ־בלעם פון רעכט פאַר נאַציאָנאַלע קאָלעקטיוון האָט זיך איינמאָל גע־שטעלט אויף דער אַרענע פון דער אַלוועלטלעכער געזעלשאַפטלעכ־קייט, כדי שוין מער נישט אָראָפּצוגיין פון איר. די היינטיקע פּאָליאַ־טיוון פאַרענטפערן נישט דאָס פּראָבלעם. פאַרקערט, די איצטיקע פּאָ־ליטישע פאַרטיילונג פון אייראָפּע האָט נאָך קאָמפּליצירט די לאַגע: די צאָל מינדערהייטן האָט זיך אומגעהייער פאַרגרעסערט. גאַנץ איי־ראָפּע איז באַלקאַניזירט געוואָרן, זיך פאַרוואַנדלט אין א גראַנדיעזע פאַס פּולווער. די לענג פון די פּאָליטישע גרענעצן, וואָס מוזן אָפּגע־היט ווערן, איז מוראדיק אויסגעוואַקסן; די מיליטערישע בודזשעטן עסן אויף דעם וווילשטאַנד פון דער באַפעלקערונג; די ווירטשאַפט־לעכע לאַגע פון די אויפגעקומענע מלוכות איז צוליב די זעלביקע גרענעצן פאַטאַל. קיינער גלייבט נישט אין א דויערנדיקן קיום פון די גרענעצן, וואָס האָבן קינסטלעך צעשניטן אייראָפּע, און וואָס וויניקער מען גלייבט אין זיי, אַלץ מער באַמיט מען זיך איינצוהאַלטן זיי דורך שאָוויניסטישע איינבילדונג און דערציונג. „פאָטערלאַנד״,

„מלוכה" ווערן פארוואנדלט אין פארטייען. די גאנצע דערציונג איז אין איראָפּע דורכגעדרונגען מיט אָט דער „מלוכהשקייט". מלוכה אָדער פּאָטערלאנד ווערט באלד עפּעס אזוינס, וואָס אמאָל איז געווען די אמונה. אָבער דאָס וועט לאנג נישט קאָנען דויערן. פון איין זייט איז שוין איצט שווער צו געפינען מלוכות, וואָס זאָלן זיין איינהייט־לעך אין נאציאָנאלן זינען, פון דער צווייטער זייט דערלאָזן נישט די היינטיקע ווירטשאפטלעכע און פּראָדוקציע־פּאָרמען ווי אויך די קאָ־מוניקאציע־מיטלען און קולטור־פארבינדונגען, אז אזוינע נאציאָ־נאל־איינהייטלעכע מלוכות זאָלן זיך קאָנען אויסבילדן. דאָס וואק־סנדיקע קולטורעל־נאציאָנאלע באוווסטזיין פון די „מינדערהייטן" שפּייזט זיך דורך די זעלביקע שאָוויניסטישע אסימילאציע־מאָסמיט־לען, וואָס די הערשנדיקע מערהייטן נעמען אָן. נאָך מער, די מלוכות וועלן מוזן גאָר גיך אויפהערן צו באפרידיקן די באפעלקערונג וואָס געהערט אפילו צו די מערהייטן. דערצו פירן די אומצאָליקע קרבנות, וואָס עס פאָדערט דאָס איינהאלטן די מלוכה אין אירע גרענעצן.

די היינטיקע מלוכות פארלירן זייער עקזיסטענץ־בארעכטיקונג. ווירטשאפטלעך שטעלן זיי נאָר פאָר קינסטלעכע פארצוימונגען, וואָס דערלאָזן נישט קיין פּראָגרעסיווע אנטוויקלונג; קולטורעל און גע־זעלשאפטלעך זיינען דאָס באלאָנען מיט אויפריים־גאזן. דער אמאָלי־קער אָרעאָל ארום דער „אייגענער" מלוכה פעלט, בלייבט נאָר דער יאָך פון פּאָטערלאנד. די הערשנדיקע קלאסן, אָפּיצירנטום, באאמטן־שטאנד, פּאָליטיק־פירער אאז"וו. — פאר זיי איז „פּאָטערלאנד" אן ענין, זיי זיינען די פּאטריאָטן. די באפעלקערונג האָט פון דער מלוכה נאָר שוועריקייטן מיט שטייערן און מער נישט.

היינטיקע און נאָך מער די מאָרגנדיקע ווירטשאפטלעכע פּראָדוק־ציע־פּאָרמען וועלן מוזן זיין דווקא גרעסערע פארבאנדן אָן קינסט־לעכע גרענעצן, וואָס וועלן האָבן זייער טענדענץ ארומצונעמען די גאנצע ערד. און אין די ראמען פון אזוינע ווירטשאפטלעכע פאר־באנדן וועלן קולטורעל־נאציאָנאלע פארבאנדן ווידעראמאָל זיין אומ־אָפּהענגיק פון טעריטאָריע און גרענעצן. און וואָס פריער די מענטש־

א. גאָלאָמב

הייט וועט קומען דערצו, אַלץ געזינטער וועט עס זיין פאַר איר.
דאָ ליגט טאַקע, די מיסיע פון דעם יידישן פאָלק ווי אזא. ווילנ־דיק־נישט־ווילנדיק צי פאר אונדזערע „זינד" אָדער פאַרדינסטן, שטייען מיר אין דער הינזיכט א סך וייטער ווי אנדערע פעלקער. מיר זיינען שוין איצט צעשפּרייט און צעזייט, ריכטיקער פארשפּרייט און פארזייט אויף דער גאַנצער וועלט, איינגעגלידערט אין אַלע כמעט ווירטשאַפטלעכע טעריטאָריעלע אָרגאַניזמען. מיר זיינען א מינדער־הייט אומעטום. א „אידעאַלע", אַזוי־צוזאָגן, מינדערהייט אויף דער גאַרער וועלט. מיר וועלן נישט זיין די איינציקע. די קולטורעלע און ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען, וואָס מישן, ווי א גרויסע קאָך־לעפל, פעלקער און לענדער, וועלן שוין אָן עמעצנס ווילן און קענען אפילו אַלעמענס ווילן זאָרגן דערפאַר, אז מיר זאָלן דאָ קיין בני יחידים נישט בלייבן, אָבער דערווייל זיינען מיר דאָ א ווייט־ארויסגערוק־טער פאָרפּאָסט אין דער צוקונפט אריין. ביי היינטיקן טאָג, ביי די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, ליגן אין אונדזער פאַר־שפּרייטונג נישט וייניק אומבאקוועמלעכקייטן. מיר פילן עס גאַנץ גוט (ריכטיקער, גאַנץ שלעכט) אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן. מיר קלאָגן דאָך שוין אויף דעם טויזנטער יאָר. און אַזוי קלאָגנדיק און וויינענדיק, האָבן מיר לגמרי נישט באַמערקט, אז מיר האָבן זיך גאַנץ פעסט צוגעפּאַסט צום פאַקט, אז דער פאַקט האָט אויך פּאָ־זיטיווע זייטן. מיר האָבן שוין די וויטאַלע צופּאַסונגס־פעיקייט צו אַלע נאַטירלעכע און סאָציאַלע קלימאַטן און באַדינגונגען. אַנטשפּרע־כנדיק צו דעם איז אויך אונדזער קולטור־שאַפונג אַן אַלוועלטלעכע. יעדער טעריטאָריאַלער קאָלאָריט הילכט אָפּ אומעטום, און אונדזער געזאַמטע קולטור שפּיגלט אָפּ די גאַנצע וועלט. מיר זיינען געוואָרן ענלעך צו א קאָסמאָפּאָליטישן ביאָלאָגישן ארט, וואָס קאָן נישט אונ־טערגיין, סיידן אַלע וועלט־טיילן זאָלן אומקומען; נישט ווי א וועל־כער עס איז ענדעמישער ארט, וואָס קאָן זיך האַלטן נאָר אין די געגעבענע און נישט אין אנדערע באַדינגונגען.
אַט די דאָזיקע אַלוועלטלעכקייט הייבט אָן צו קומען צום אויס־

דרוס אויך אָרגאַניזאַציאָנעל. מיר פאַרמאָגן שוין איצט אַ גאַנצע ריי קולטורעלע און ווירטשאַפטלעכע פאַרבאַנדן, וואָס נעמען אַרום אַלע וועלט־טיילן.

דאָס ווערט געטאָן דערווייל אָן אַ וועלכער עס איז ברייטערער סאָציאַלער כוונה, געטריבן דורך פּראַקטישער נויטווענדיקייט. דאָך זיינען די דאָזיקע אַלוועלטלעכע פאַרבאַנדן אַ גוטע צוגרייטונג. שפּעטער, נאָכדעם ווי די פּסיכיק פון די ברייטע מאַסן וועט באַוווסטזיניק אויפנעמען דעם דאָזיקן פאַקט וועט אונדזער אַלוועלטלעכקייט באַקומען איר באַוווסטזיניקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם: דער נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד פון אַלע יידן אויף דער גאָרער וועלט צו פאַרטיידיקן די עקאָנאָמישע רעכט פון אַלע באַזונדערע יידישע מינדערהייטן, צו אַנטוויקלען אַלע פאָרמען פון יידישער קולטור. מיט דער פּאָליטישרעכטלעכער אָנערקענונג פון אַזאַ צענטראַליזירטן און אַלזייטיקן אַלוועלטלעכן יידישן פאַרבאַנד וועט געשאַפן ווערן דער ערשטער מוסטער, וואָס צו אים וועלן שפּעטער, ביי אַ גרעסערער פאַרשפּרייטונג מוזן קומען אויך אַנדערע פעלקער. דאָ ליגט די ראָלע פון יידישן פאָלק, די מיסיע פון זיין נאַציאָנאַל־אַקטיוון טייל, פון די קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן־באַוועגונגען.

איז אָבער דאָ פאַראַן אַן „אָבער": די דאָזיקע באַוועגונג פון אונדזער סאָציאַלער קולטור קאָן דערווייל נישט קומען צו איר צילבאַוווסטזיניקן אויסדרוק צוליב דעם, וואָס אונדזער אינטעליגענץ שטייט נישט אויף דער נייטיקער הייך. איך מיין דאָ נישט יידן־אינטעליגענטן, ווי זיי זיינען פאַרטראָטן אין אַלערליי געביטן פון גייסטיקער שאַפונג פון דער גאַנצער וועלט. יענע זיינען אין זייער אינטעליגענטער שאַפונג נישט קיין יידישע אינטעליגענטן, מעגן זיי אפילו האָבן די גרעסטע סענטימענטן צו יידן און צו „יידישקייט". כל זמן די יידישע קולטור בכלל וועט נישט האָבן איר אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע, וועלן מיר האָבן אַ גרויסע צאָל אַזוינע יידן־אינטעליגענטן, וואָס שטעלן דאָך מיט זיך נישט פאָר קיין יידישע אינטעליגענץ. איך מיין דאָ אָבער דווקא די יידישע פאָלקס־אינטעליגענץ, וואָס פרעטענדירט

יאָ צו פורעמען און פאָרמולירן די אידעען, וואָס וואַקסן אַרויס פון ייִדישן לעבן. אויך די אינטעליגענץ אונדזערע איז אין איר דענקען נישט אָריגינעל און נישט גענוג דרייסט אפילו צו שטרעבן צו זיין אָריגינעל. סיבות דערצו זיינען פאַראַן גענוג וואָגיקע, אָבער מיר קאָנען זיך דאָ אויף דעם נישט אָפּשטעלן. א פאַקט איז אָבער, אַז פון די צייטן פון דער השכלה אָן און ביז צום היינטיקן טאָג האָט אונדזער אינטעליגענץ נישט פאָרמולירט קיין איין אָריגינעלע אידעע, קיין איין קאָנצעפּציע אויף א וואָסער עס איז געביט. העכסטנס איז אונדזער אינטעליגענץ פעיק איבערצוזעצן, אַזוי־צוזאָגן, אידעען, צו טראַנספּלאַנטירן, איבערצופּלאַנצן אויף אונדזער ייִדישן באָדן באַגריפן, אידעאַלן, טעאָריעס און מעטאָדן, וואָס זיינען גאַנגבאַר אין דער אַרומיקער סביבה. אונדזער אינטעליגענץ איז א אינטעליגענץ פון מפרשים, קאָמענטאַטאָרן (און זייער פלינקע און פעיקע קאָמענטאַטאָרן!), חסידים, תלמידים אָבער נישט קיין „רבי", קיין אידעען־שעפער. נישט אין אונדזער ליטעראַטור און קונסט, נישט אויף דעם געביט פון געזעלשאַפטלעכקייט האָבן מיר נישט אַרויסגעגעבן קיין איין נייעם געדאַנק, וואָס זאָל אַרויסשטאַמען פון אונדזער ווירקלעכקייט. דער סאָציאַליזם און זיינע פאַרשיידענע ייִדישע פאָרמאַציעס איז נאָר צוגעפּאַסט צו די ייִדישע פאַרהעלטענישן. די אומאָריגינעלקייט זיינע ווערט אדרבא פון זיינע אדעפּטן געהאַלטן פאַר א מעלה. אויך נישט אָריגינעל איז דער ייִדישיזם אין זיין איצטיקער געשטאַלט און פאָרמולירונג. אפילו דער ציוניזם איז מער נישט ווי אַן איבערגעפּלאַנצטע „מלוכה־אידעע", א באַוועגונג, וואָס באַזירט זיך אויף א אידעע, וואָס קאָן נישט און וועט נישט אויסהאַלטן אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. א אידעאַל פון א קליינער מאָנאַקאָ־מלוכהלע, מיט מינדערהייטן און מערהייטן, מיט שטאַרקערע און שוואַכערע, אָדער ווי מען זאָגט עס איצט, מיט אַזוינע, וואָס זיינען „מלוכה־פעיק", און אַזוינע, וואָס זיינען „נישט דערוואַקסן" נאָך... ווי קליין און נישטיק איז אַזאַ אידעאַל לגבי א פאָלק,

וואָס לעבט און ווירקט און קאָן נאָך מער, נישט קיין פארגלייך מער, ווירקן אין דער צוקונפט?

די אידעע פון אלוועלטלעכע נאציאָנאלע פארבאנדן, אומאָפּהענ־גיק פון טעריטאָריעס, וואָס זיינען צווישן זיך פארבונדן ריין ווירט־שאפטלעך, די אידעע, וואָס דרינגט אזוי מעכטיק ארוים פון אלע זייטן פון יידישן לעבן, וואַרט נאָך אויף איר פאָרמולירונג, אויף אירע אדעפטן־אָנהענגער. יאָ, געוויס. ווען די אידעע ווערט פאָר־מולירט ערגעץ אנדערשוו ביי נישט יידן, ווען דאָס ערשטע וואָרט זאָגן אנדערע, דאן וואָלט עס כשר געוואָרן אויך אין אונדזערע אויגן...

מיר גלייבן, אז קיבוצים מיט מאסנהאפטיקן יידישן לעבן גייען נישט אונטער. ענדערונגען, איבערפאָרמירונגען, פּושט צורה ולבוש צורה זיי קומען פאָר, דאָס איז די נאטירלעכע אנטוויקלונג פון לעבן און קולטור. ווען דאָס לעבן צעשפּרייט זיך, מולטיפּליצירט זיך במילא אויך די קולטור. אָט דאָס לעבן און קולטור דארפן אָרגאניזירט ווערן ווי א פילגעשטאלטיקע קולטור. אונדזער אלוועלטלעכקייט איז, בכן, א פּאָזיטיווע. בראש פון דעם דאָזיקן אלוועלטלעכן אויפבוי־פּראָצעס גייט דאָס מזרח אייראָפּעישע יידנטום מיט זיין קולטור. דערדאָזיקער שטראָם וועט מיט דער צייט ארייננעמען אויך אנדערע, קלענערע, קולטור־שוואכערע קיבוצים.

אין וואָס באשטייט די ארבעט פון אָט דער מאָדערנער אלוועלט לעכער יידישקייט? — ערשטנס איז אהער שייך די אָרגאניזאציע פארן קאמף צו פארטיידיקן די פּאקטישע רעכט פון אלע יידישע קי־בוצים. צווייטנס, קומט די אָרגאניזאציע פון עקאָנאָמישע און עמי־גראציע־פּראָבלעמען, און ווייטער — די ריינע קולטור־אינטערעסן, אלע אויסגערעכנטע ארבעטס־פאָרמען זיינען שוין נישט קיין נייע — דער סטיכישער לעבנס־פּראָצעס האָט זיי געבאָרן. אפילו די באָלשע־וויסטישע יידן פון ראטן־פארבאנד, וואָס באמיען זיך אזוי שטארק אָפּצוזונדערן זיך פון אלע אנדערע יידן, האָבן דאָ קיין סעפּאראציע נישט אויסגעהאלטן. אָבער די דאָזיקע טעטיקייט איז דערווייל נישט

באַהויכט מיט קיין אַלגעמיינעם אידעאַל, נישט באַגייסטערט מיט ווייטע און ברייטע פּערספּעקטיוון. די טעטיקייט בלייבט נישט־באַוווסטזיניק, בלינד. און אָט דאָס איז ערשט אונדזער אויפגאַבע.

אין וואָסערע קרייזן דאַרף דידאַזיקע אידעע זוכן אירע טרעגער? זי איז געווען רעוואָלוציאָנער־נייַ און אַפּיקורסיש לגבי דעם גאַנגבאַרן און אָנגענומענעם, אַז זי זאָל לכל הפּחות צום אָנהייב נישט צוציען קיין קלייַנבירגער, אַ פּשיטא שוין קיין פּאַרשטייער פון אַנדערע העכערע שיכטן אָדער קלאַסן. בלייבט צו וואַרטן אויף די סאָציאַליסטישע יידישע קרייזן. אָבער אויך דאָ איז דערווייל די לאַגע נישט פרייַלעך. די גרעסטע טייל פון אונדזערע סאָציאַליסטן האָבן מורא פאַר אַ קריטישן געדאַנק, וואָס שטימט נישט מיט דער איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנגענומענער דאָקטרין, נישט ווייניקער ווי פֿיל זייערע זיידעס האָבן מורא געהאַט פאַר אַ וואָרט קריטיק פון תורת משה מסיני. אין בעסטן פאַל זיינען זיי פעיק „אָנצונעמען אַ שטעלונג", ווען די אַרומיקע באַדינגונגען צווינגען דערצו. צום גליק זיינען אָבער אַזוי נישט אַלע. אָט די סאָציאַליסטן אונדזערע, וואָס וואַגן נישט נאָכצולויפן אין געדאַנק מיטן שטראָם, וועלן מיט דער צייט מוזן אויסקלייבן זייער נאַציאָנאַל פּראָגראַם אין דער ריכטונג פון אַלוועלטלעכע נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן. אַז די דאָזיקע פאָרם פון פאַרענטפערן דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם גייט אין איינקלאַנג מיטן סאָציאַליזם, איז צו זען כאָטש פון דעם, וואָס אין ראַטן פאַרבאַנד גייט די פאַרענטפערונג טיילווייז אין דער ריכטונג (מיט געוויסע אָפּווייכונגען צום פּרינציפּ פון טעריטאָריאַלע פאַרבאַנדן). די טוער פון קאָמוניזם זיינען לגמרי נישט אַרויסגעגאַנגען פון אַ וועלכן עס איז פּלאַן פון נאַציאָנאַלער שאַפונג. און דאָך האָט די לאָגיק פון די געגעבענע פאַרהעלטענישן געצוואונגען זיך אָפּצוגעבן מיט דער פאַרענטפערונג פון נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און טאַקע אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג.

דער עלעמענט פון דער נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג דאַרף ווערן אַ לאָזונג פון פרייען יידישן סאָציאַליסטישן געדאַנק. דאָס דאַרף זיין אונדזער חלק, וואָס מיר טראָגן אַריין אין דער אידעע. מען דאַרף

די אידעע דורך פּראַקטישער ארבעט פּראָפּאַגאַנדירן אין די מאַסן, מען דאַרף העלפן בויען אָט די אלוועטלעכע יידישע קולטורעלע, גע־זעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע און אינטערנאַציאָנאַל־רעכטלעכע אָרגאַני־זאַציעס, וואָס הויבן זיך שוין איצט אָן צו אַנטוויקלען. מען דאַרף זיי צוגעבן די פּערספּעקטיוו פון דער צוקונפטיקער אלוועלטלעכער „אַנאָנימער יידישער מלוכה". ערשט די אָרגאַניזאַציע וועט זען אויס־צונוצן דעם גאַנצן „גלות", אויסנוצן פאַר דעם קאָלעקטיוון אָרגאַ־ניזם אַלע זייטן פון דעם פילגעשטאַלטיקן יידישן לעבן אין דער גאַ־נצער וועלט, בויען איין גאַנצע קולטור, וואָס זאָל אסימילירן אַלע אַנטפּלעקונגען פון דעם אַזוי פאַרשיידענעם און דאָך איינהייטלעכן יידישן וועלט־לעבן. דאָ ליגט אונדזער מיסיע, די אויפגאַבע פון דעם פרייען יידישן סאָציאַליסטישן געדאַנק.

1931

באַמערקונג.

די ארבעט איז געדרוקט געווען אין 1931 אין די „פרייע שריפטן" אין לאָנדאָן. מען האָט לגמרי נישט געדאַרפט זיין קיין נביא צו זען אַז דער פּרינציפּ פון פאַרזיכיקע מלוכות און מלוכהלעך קען נישט אויסהאַלטן. מען האָט לגמרי נישט געקאָנט זיין קיין נביא און פאָ־רויסזען דעם חורבן אונדזערן — דעם פאָלק אָן אָרגאַניזירטער פאַר־זיכיקייט. און עס וואַקלט זיך דער געדאַנק צווישן די צוויי פּאָלוסן: איך גלייב נישט היינט אויך ווי פריער אין דעם כוח און אין דעם גליק פון פאַרזיכיקע מלוכות; עס איז מער נישטאָ קיין כוח צו גלייבן אין קיום פון א פאָלק אומאָרגאַניזירטערהייט. און אָט אין דעם אומרו כּף הקלע מוז מען געפינען אַן אויסוועג.

איך גלייב ווי פריער, אַז אויב די מענטשהייט וועט זיך אליין נישט אומברענגען מיט די גיגאַנטישע פּראָגרעסן פון דער וויסנ־שאַפט, וועט אין דעם אחרית הימים מוזן קומען צו אַזאַ מין צונויפ־לעבן פון פעלקער, אָרגאַניזירטע ווי פעלקער אין א וועלט אָן פּאָלי־

טישע גרעניצן און אָן ארמייען. אָבער ווער האָט עס כוח צו וואַרטן אויף אָט דעם באחרית הימים? דערווייל האָט די מענטשהייט מיט אַלע אירע פּראָגרעסן זיך ארויסגעוויזן צו זיין געצנדינעריש און אי־רע געצן זיינען לענדער, און אָט צו די געצן דינט מען מיט מענטש־לעכע קרבנות אָן א זינען און אָן א שכל, נאָר מיט סאַדיסטישער בלוט־דורשטיקייט וואָס האָט נישט קיין גלייכן ביי קיינע חיות...

דער באחרית הימים וועט קומען, עס וועט מוזן אָרגאַניזירט זיין עמיגראַציע נישט פון אינדיווידן נאָר פון פעלקער גרופּעס, עס וועלן מוזן זיך שאַפן פריי־טעריטאָריעלע פעלקער גרופּעס מיט אייגענערווירטשאַפט און קולטור לעבן אָן מיליטאַריסטישע גרעניצן. אָבער נישט מיר זיינען די רביים, נישט מיר דאַרפן און נישט מיר קענען לערנען די וועלט. די וועלט האָט ליב זיך צו לערנען פון רביים וואָס האָבן א קאַנטשיק אין האַנט, וואָס קענען שמייסן די תלמידים וואָס ווילן נישט פאָלגן. מיר זיינען פאַר דער וועלט נישט קיין רביים. אי־בעריקס, ווילט זיך שוין נישט מער זיין דער וועלט לערערס: מיר האָבן עס געפּרובירט נאָך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. איז אויס־געלערנט האָט זי זיך די וועלט, וויפל א וואָלף קען זיך אָפּלערנען פון זיין לערער א שעפּס, אָבער שכר לימוד האָבן מיר באַקומען, אז עס איז שוין גענוג פאַר אונדז. נישט בעסער זיינען געווען די רעזולטאַטן פון אַנדערע מאָדערנע לעקציעס וואָס מיר האָבן געגעבן דער גרויסער וועלט.

ערגער איז וואָס מיר אליין לערנען זיך נישט. מיר אליין האָבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין אומפעיק צו אָרגאַניזירן אונדזער לעבן. מיר האָבן געקאָנט אָרגאַניזירן אונדזער לעבן ווי א פאַרבאַנד פון סאָ־ציאַל־קולטורעלע געמיינשאַפטן אין גייסט פון דעם וואָס איז געזאָגט אין דעם ארטיקל און מיר זיינען געבליבן א מאַסע אומאָרגאַניזירטע יחידים ביי פרעמדע טירן. מיר האָבן געהאַט א סך מיגלעכקייטן און געלעגנהייטן צו אָרגאַניזירן קאָנצענטרירטע און פאַרזיכיקע ישובים אין א סך ערטער איבער דער וועלט, שטאַטן אין אמעריקע מיט א

אין פלאָנטער נ׳ון הײנט

זיכערער מערהייט און מיט א פּאָליטיש־יורידישער וואָגיקייט און מיט א קולטורעלער פארזיכיקייט; מיר האָבן געקאָנט האָבן ראיאָנען, שטחים ריין יידישע אין קאנאדע, אין אנדערע לענדער פון דער נייער וועלט, אין סאָוועט רוסלאנד נישט ערגער ווי אנדערע פעלקער. מיר וואָלטן געקאָנט האָבן, אויב מיר וואָלטן געוועז פעיק צו ווען האָבן, צו וועלן זיין פארזיכיק אָרגאניזירט. וויפל ארץ ישראלס מיר וואָלטן שוין געקאָנט האָבן אין אמעריקע אליין! נאָר עס פעלט אונדז דער דראנג צו פארזיכיקייט, מיר זיינען ווי פלאַטערלעך וואָס פליען צו ליכט און ווערן אים פארברענט. מיר יאָגן זיך צו פעלקער, און זיי עסן אונדז אויף. מיר קענען די מיסיע נישט אויספירן ווייל מיר האָבן זיך אליין נאָך נישט אויסגעלערנט צו לעבן פארזיכיק.

דער יידישיזם אויפן שיידוועג

אין לאנגן דויער פון אייראפעישן מיטלאלטער מיט זיינע פארגליווערטע שטאנדן־פארמעס, האט זיך אויך די יידישע אייגנטימלעכקייט איינגעהאלטן און ווייטער אנטוויקלט; עס האט זיך אויסגעפורעמט א לעבנס־שטייגער און א קולטור־שטייגער, און במילא אויך א קולטור, וואס איז געווען נישט נאר א שטאנד־קולטור, נאר אויך א נאציאנאלע. קיין סכנה פון קולטורעלער אסימילאציע איז לגמרי נישט געווען. אין יענער געזעלשאפט זיינען די יידן געווען א באזונדער שטאנד, און די ווענט פון די שטאנדן זיינען נישט דורכדרינגלעך געווען. די באציונגען פון יעטווידער יידן באזונדער מיט דער ארומיקער נישט־יידישער וועלט זיינען געווען דאס צופעליקע, די איינגעגלידערטקייט אין דער אייגענער סביבה ווי אין א שטאנד — דאס איז געווען דאס באשטענדיקע, דאס קולטור־שעפערישע אין לעבן.

ווי נאר עס זיינען אונטערגעגאנגען די שטאנדן, עס איז אויפגעקומען דער אינדיווידואליסטישער קאפיטאליסטישער ליבעראליזם, האבן יידן אנגעהויבן זיך אויסמישן סאציאל אין דער נישט־יידישער געזעלשאפט ווי אינדיווידן; דער צוזאמענבונד פון יידישן יחיד מיט דעם יידישן קיבוץ איז געווארן לויזער — דעמאלט האט זיך אויך אנגעהויבן דער פראצעס פון קולטורעלער אויסמישונג.

דער דאזיקער פראצעס ווערט כסדר אנגערופן מיטן נאמען אסימילאציע, אבער דער אויסדרוק פאסט זיך אהער לגמרי נישט. דען אין רעזולטאט פון דער פיזיאלאגישער אסימילאציע באקומט זיך א

גלייכשטאַפּיקע אומצעטיילבארע מאסע, ווו יעדעם טיילכעלע איז איין שטיק מיט דעם גאנצן — א האָמאָגענער אגרעגאט, וואָס קען שוין שפּעטער בשום אופן נישט צעגלידערט ווערן צו זיינע פריערדיקע עלעמענטן. עס איז אָבער גענוג זיך ערנסט צוצוקוקן צו דעם אזוי באַרימטן אמעריקאנער „שמעלץ־טאָפּ", כדי זיך איבערצוציינן, אז אפילו דאָרטן איז עס נישט קיין פולקומע אסימילאציע; גענוג צו באַטראכטן דעם צושטאנד פון דעם דייטשישן „אסימילירטן" יידנטום, כדי צו זען, אז עס איז ווייט נישט אסימילירט געוואָרן. אויב שוין יאָ זוכן אין דער נאטור־וויסנשאפט א וואָרט פאר אָט־דעם קולטורעלן און סאָציאלן פּראָצעס, וואָלט זיך דאָ א סך מער געפּאסט דער באַגריף „דיפוזיע". די יידישע אינדיווידן דרינגען אריין — „דיפונדירן" — צווישן די „מאָלעקולן" פון דער ארומיקער געזעלשאפט, עס צעגייט, צעלאָזט זיך ווי א שטיק צוקער אין וואסער, ביז נישט צו דערקענען מיטן אויג. אמת, עס בלייבן נישט מער פיזישע אייגנשאפטן פון דער גאנצער מאסע ווי אזא, עס פארלירט דעם אייגנעם אויסזען, עס איז פאראן א קעזנגייטיקע השפּעה צווישן צעלאָזטן שטאָף און דעם „צעלאָזער", אָבער צו קיין כעמישער פארבינדונג, צו קיין אסימילאציע קומט עס נישט. עס איז נייטיק בלויז צו שאפן באַשטימטע באדינגונגען פון טעמפּעראטור און דרוק, און דער צעלאָזנער אגרעגאט פאלט ארויס פון דער סביבה ווו עס איז צעלאָזט געווען, ער זעצט זיך אָפּ צי אין א דעפאָרמירטן, צעשטויבטן צושטאנד, צי אין א קריסטאליזירטן, אויסגעלייטערטן, אָבער ער זעצט זיך אָפּ באזונדער און טיילט זיך אָפּ פון דעם שטאָף, ווו עס איז צעלאָזט געווען. אָט אזוי „דיפונדירן" — דרינגען אריין — אָפּט גאנצע יידישע קיבוצים, ווי באזונדערע אינדיווידן אין דער געזעלשאפט פון דער נאציאָנאלער מערהייט. א דאנק אָט־דער סאָציאל־עקאָנאָמישער דיפוזיע ווערן די יידן אויך דיפונדירט קולטורעל. עס הייסט נישט, אז זיי אסימילירן זיך קולטורעל אין דער מערהייט. זיי פארלירן בלויז זייער אייגנעם קולטור־פּרצוף און אויסווייניק איז זיי שווער צו

דערקענען. אין תוך אָבער זײַנען זײ, װי געזאָגט, לגמרי נישט האָ־מאָגען, גלײַכאַרטיק מיט דער אסימילירנדיקער סביבה.

אַט־דאָס איז געװען דער זין פון די יאַהודימשע פאָרמולעס: „זײַט רוסן, פּאָליאַקן, דײַטשן פון משהם גלויבן", אָדער פון דער משכּי־לישער פאָרמולע — צו זײַן „יהודי בביתך ואדם בצאתך" (ייד — אין שטוב און מענטש אין דרויסן).

אין אַלטן רוסלאַנד איז דער דאָזיקער צושטאַנד פון פּאַקטישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און אויך קולטורעלער דיפוזיע אין דער רו־סישער געזעלשאַפט, צוזאַמען מיט דעם קולט פון העברעיִש, — געװען גאַנץ באַקװעם פאַר די בורזשואַזע קרײַזן. קײן צוזאַמענהאַנג מיט די מאַסן, װאָס האָבן נאָך געפירט אַ קאָמפּאַקטן, מאַסיװן לעבן מיט אַ מאַסיװער קולטור — פון די קרײַזן איז מען געװען אָפּגע־שײדט, אָפּגעטײלט הן לױטן שטײגער, הן לױט דער שפּראַך. דעם געפיל אָבער פון נאַציאָנאַלער אינערציע האָט מען זײער פײַן געקענט באַפרידיקן מיט דעם העברעיִש־קולט. פאַרשטײט זיך, אַז אַזאַ מין "יידישקײט", װאָס האַלט זיך בלויז אויף אַ ראָמאַנטישער באַציונג צו אַ שפּראַך, האָט לאַנג נישט געקענט אָנהאַלטן — אײן דור, צװײ דורות. די דיפוזיע פון די װײַטערדיקע דורות איז שוין געװען אַ פולקומע. די יידישקײט איז שוין דאָ געװען בלויז אַ רודימענט, אַ זאַך װאָס מען דערמאָנט זיך װעגן דעם בלויז אַזױ װי מיר דערמאָ־נען זיך אונדזער „מאַלפּישן" אָפּשטאַם.

אויף דער שװעל פון איצטיקן יאָרהונדערט, אין „שטורעם און דראַנג"־פּעריאָד פון אונדזער נײַסטער געשיכטע איז דער דיפוזיע־פּראָצעס דערגאַנגען ביז צו די ברײטסטע יידישע שיכטן. די קאָנ־צענטראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט, די אור־באַניזאַציע האָט עם מיט זיך געבראַכט, די נײַע יידישע פּראָפעסיעס, די באַדינגונגען פון אַרבעט, פון מסחר און פון קלײנהאַנדל האָבן געמאַכט, אַז דער אַמאָל גאַנץ פעסטער יידישער מאַסיװ זאָל זיך צע־לאָזן, צעגײן און זיך צעטראָגן אין פרעמדע קולטורעלע סביבות. דער פּראָצעס, װאָס האָט אַמאָל אָנגערירט בלויז די אויבערשטע שיכטן

און איז געווען פאַרבונדן מיט א מאַטעריעלן אויפשטייג, האָט איצט אָנגעריִרט די ברייטסטע אַרבעטנדיקע מאַסן.

און אָט־דאָ איז אויפגעקומען א נייער אינהאַלט פאַר דער נאַציאָנאַלער אינערציע. דאָס איז די ראָמאַנטיק פון אַקאַרשט־פאַרלוירענעם יידישן לעבן, די ראָמאַנטיק מיט איר שפּראַך, יידיש. ווען מיר קוקן זיך צו צום יידישיזם, קענען מיר גרינג דערקענען ראָמאַנטישע עלעמענטן אין אים; די יידישע ליטעראַטור שטעקט בראשה ורובה אין סאַסרילעווקע, אין בויבעריק, אין דעם וואָס איז שוין „נאָך אַלעמען", אָדער כמעט נאָך אַלעמען. דער שרייבער און דער לייענער — ביידע לעבן זיך אַריין ביסלעכווייז אין א נייער וועלט אין א נייער סביבה, און בלויז נאָך דער אַרבעט, געטריבן דורך בענקשאַפט בלויז, נעמט מען זיך צו א יידיש בוך. דער גורל פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור הענגט אָפּ פון גוטן ווילן, פון דער אָנשטענדיקייט פון מענטשן, וואָס דאַרפן נישט פאַרגעסן זייער נעכטן, נישט אָפּרייסן זיך פון זייער שטאַם. פיינע מאָטיוון פאַרן יידישיזם, אָבער אַלע מאָטיוון זיינען מאָראַלישע, עטישע, עמאָציאָנעלע, פּסיכאָלאָגישע. נישטאָ קיין מאָטיוון, וואָס זאָלן צווינגען אויך די נישט־שיינע מענטשן צו זיין יידישיסטן.

נעמען מיר, צום ביישפּיל, די יידישע שול. יעטווידער פּאָטער, וואָס וויל זיין קינד זאָל אינערלעך, גייסטיק געהערן צו א קולטור, דאַרף זיין קינד לערנען אין א יידישער שול. אָן דער יידישער שול הערט אויף א יידישער קיבוץ צו זיין א לעבעדיקער קאָלעקטיוו. אָבער צי זיינען געשאַפן געוואָרן, צי שטרעבן יידישיסטן צו שאַפן אַזוינע באַדינגונגען, אַז אפילו עלטערן, וואָס פאַרשטייען נישט די אויבנגעבראַכטע מאָטיוון, זאָלן זייערע קינדער אָפּגעבן אין א יידישער שול? עס איז בכן אויך בלויז א זאַך פון גוטן ווילן, פון אָנשטענדיקייט און מער נישט.

אפילו איר, אַמעריקאַנער יידישיסטן, זינדיקט אויך מיט ראָמאַנטיק.

„קאָנקרעטע אויפגאַבן פון יידישיזם", לייענען מיר אין „יידיש"

— איינפירן יום־טובים יידישיסטישע — א מאָמענט א ראָמאַנטי־שער, וואָס דאַרף פאַרבינדן דעם היינט מיט דעם נעכטן, אָבער דאָך נישט מיט דעם מאָרגן. ווייטער — אָרגאַניזירן רעפּעראַטן, לעקציעס, א ביכער־פאַרשפּרייטונג און א כאָר — אַלץ זאַכן, וואָס דאַרפן איינ־האַלטן אונדזער יידישקייט, אָבער וואָס איז מכוח שאַפן באַדינגונגען, וואָס זאָלן מאַכן יידיש פאַר א נויטווענדיקייט, פאַר א זאַך, וואָס אפילו די וואָכעדיקע יידן, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין נאַציאָנאַלע נשמה יתירה צו בענקען אָך עפּעס, זאָלן אויך זיין געצוווּנגען דאָס צו נוצן?

— איר פירט אן אַגיטאַציע פאַר יידיש אין די עפנטלעכע שולן — זייער גוט. עס איז אן אויפגאַבע א גרויסע און א ווייט־פאַרטראַכטע, וואָס דאַרף האָבן קודם כל א דערציערישע השפעה אין די יידישע קרייזן גופא. די אַגיטאַציע אַליין דאַרף איינפלאַנצן אין דער יידי־שער פסיכיק דעם געפיל פון אַכטונג צו זיך אַליין. אַלץ גוט. אָבער צי קען מען די אַגיטאַציע דורכפירן מיט דערפאָלג בלויז מיטן וואָרט?

ליייענען מיר די יידישיסטישע פובליציסטיק, זעען מיר דאָרטן ווי־דער אַמאָל א מין ראָמאַנטיק, כמעט ווי מיר וואָלטן געווען געוואָרן א מין „חברה חובבי שפת יידיש". דער ווילנער נומער פון „ליטעראַ־רישע בלעטער", למשל, איז דאָך פול מיט בענקשאַפט, א בענקשאַפט נאָך דעם, וואָס גייט אַוועק און מיר קענען עס נישט איינהאַלטן, און מיר ווייסן אפילו נישט וואָס צו טאָן כדי דאָס איינצוהאַלטן. אָפט באַקומט זיך אן איינדרוק, אַז די יידישיסטן זיינען מענטשן, וואָס זיינען אָפּגעריסן פון לעבנס־שטראָם: אין מיטן א רוישיקן ניו־יאָרק, א וואַרשע וכדומה, זיצן מענטשן, וואָס ווערן בעל כרחם מיטגעשלעפּט מיט דעם שטראָם, אָבער אין א ווינקעלע פון זייער נשמה טליעט א בענקשאַפט ־ פונק נאָך דעם נעכטן, און זיי דינען אָט־דער בענק־שאַפט פונקט ווי יאַהודים מיט זייער טעמפּל־יידישקייט, ווי די העב־ברעיסטן מיט זייער „חברה חובבי עברית", אַזוי זיי מיט זייער יידישן בוך, יידישער פאַרזאַמלונג וכדומה. אָט־אַזוי זעט אויס דער יידישיזם פון היינטיקן טאָג אין די אויגן פון איינעם, וואָס האָט זיך אָפּגע־

רוקט אויף א ווײַלע אָן א זייט און קוקט אויף דער באַוועגונג פון
ווײַטן.

נעמען מיר, למשל, דעם 2־טן באַנד „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק
און סטאַטיסטיק" פון ייוו"א, און עס דאַכט זיך, אז דער נאָמען „עקאָ־
נאָמיק און סטאַטיסטיק" איז דאָ א טעות און געדאַרפט האָט גאָר
זיין „שריפטן פאַר געשיכטע פון עקאָנאָמיק"... רבש"ע! מיר לעבן
אין א צייט פון אזא שרעקלעכן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן קריזיס
פון די גרויסע יידישע קיבוצים אין דער וועלט, און ווו און ווי
שפּיגלט זיך דאָס אלץ אָפּ אויף דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט פון
די יידישיסטישע געלערנטע? — ווו איז אונדזער יידישיסטישער
מאָרגן אין אונדזער פאַרשטעלונג? ווו איז די יידישיסטישע פּראָגראַם
ווי אַזוי צו בויען דאָס גאַנץ לעבן אַזוי, אז אונדזער קולטור־פּראָ־
גראַם זאָל נישט זיין אָפּהענגיק פון גוטן ווילן פון די קליינע שיכטן,
וואָס זיינען אינטים פאַרבונדן מיט דער נעכטיקער יידישקייט? צי
פילן מיר נישט, אז אונדזער גאַנצער יידישיזם אין די פאַרמען,
וואָס ער האָט אָנגענומען ביי אונדז, איז סוף כל סוף א נייע מאָדי־
פיקאַציע פון דעם אלטן „אדם בצאתך ויהודי בביתך"? אז אונדזער
יידישיסטישע יידישקייט האַלט זיך אויף סענטימענטן בלויז, און
דאָס איז זייער א שוואַכער באַזיס פאַר קולטור, ריכטיקער — עס
איז גאָר קיין באַזיס נישט. דען עס איז אוממעגלעך פאַר א קיבוץ
צו זיין סוספּענדירט סאָציאַל־עקאָנאָמיש און צו זיין פעסט קולטורעל,
מעג אפילו דער קיבוץ באַשטיין פון מיליאָנען, אָבער איז ער נאָר סאָ־
ציאַל אריינגעמישט אין צווישן די מאַלעקולן פון א צווייטער געזעל־
שאַפטלעכקייט, שאַפט ער שוין נישט קיין קולטור־שעפערישע גאַנצ־
קייט.

אָט אַזוי אַרום איז אונדזער יידישיזם אריין אין א טעמפּן ווינקל,
פאַרבלאָנדזשעט אין א אידעישן זאַק און איז געבליבן הענגען „על
בלימה", אויף שפּינוועבס־פעדים פון סענטימענטן. און נאָך מער,
אז די „מיקראָבן" פון דעם יידיש־סענטימענט זיינען אריינגעדרונגען
אין גאַנץ קליינע שיכטן, גאַנץ שמאָלע קרייזן. דען נישט נאָר די גרוי־

סע מאסן יידן, וואָס ריידן נישט יידיש, אפילו די מיליאָנען יידן, וואָס יידיש איז זייער לשון, שעמען זיך מיט אים און האָבן לגמרי נישט צו אים קיינע סענטימענטן. די טשערנאָוויצער רעזאָלוציע איז דאָך אָנגענומען בלויז דורך געציילטע פּערזאָנען, אחד בעיר ושנים במשפחה. כדי צו זיין אַ יידישיסט, דאַרף מען זיין אַן אויסדערוויילטער — און אויסדערוויילטע זיינען דאָ ווייניק און נישט אויף זיי אליין קען אַ באַוועגונג זיך בויען.

און ווו איז די סיבה פון דעם קריזיס אין יידישיזם, וואָס מיר לעבן איצט איבער? פאַרוואָס איז דער אידעאַל פון נאַציאָנאַלן זעלבסטקיום אַזוי פרי געוואָרן בלויז אַ סענטימענט?

פון לכתחילה אָן איז די יידישיסטישע באַוועגונג צונויפגעגאָסן געוואָרן פון צוויי באַזונדערע שטרעמונגען אין יידישן לעבן — פון יידישיסטן און סאָציאַליסטן. די ערשטע — דאָס זיינען געוועזענע משכילים, וואָס זיינען פון דער השכלה אַנטלאָפן נישט צום ציוניזם, אַוועק פון פאָלק, נאָר צוריק אין פאָלק אריין, אין געטאָ אריין, אום זי, די געטאָ צו באַפרוכפּערן און באַלעבן. די בעסטע פאָרשטייער פון אָט־דער שטרעמונג זיינען — ליפשיץ און שלום־עליכם. פון גאָר אַ צווייטער זייט זיינען געקומען די סאָציאַליסטן מיט זייערע „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן”. פאַר זיי איז דער אידעאַל געווען און געבליבן די דיפוזיע, זיי זיינען אין תוך געבליבן אַסימילאַטאָרן לויט זייערע אידעאַלן. יידיש איז פאַר זיי געווען און געבליבן בלויז אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם, כל זמן דאָס איז נאָך נייטיק, כל זמן מען דאַרף אָנקומען צו דעם מיטל. קיין יידישיסטישער אידעאַל איז נישט געשאַפן געוואָרן נישט דורך די ערשטע און אפשיטא שוין נישט דורך די צווייטע. ביז צום הייננטיקן טאָג איז ביי זיי דער יידישיזם נישט צונויפגעבונדן געוואָרן מיט אַ נאַציאָנאַלן אידעאַל פון אויפקום און אויפלעבונג. די ערשטע זיינען קיינמאָל קיין פּאָליטיקער, קיין געזעלשאַפטלעכע טוער נישט געווען, און זיינען עס נישט ביז היינט. די צווייטע האָבן תמיד מורא געהאַט און האָבן ביז איצט מורא פאַר יעטווידער נאַציאָנאַלן אידעאַל, ווי אַ שד פאַר ווייערך. זיי

זיינען קיינמאָל נישט געווען קיין יידישע סאָציאַליסטן, זיי זיינען בלויז יידן־סאָציאַליסטן, פאַרשפּרייטער פון סאָציאַליסטישן אידעאַל אויף דער יידישער גאַס, קאַמיוואָיאַזשאָרן וואָס פאַרשפּרייטן די נייע סחורה אויף דעם יידישן מאַרק, אָבער אַליין פּראָדוצירן זיי נישט. קיין יידישן סאָציאַליזם האָבן די יידישע סאָציאַליסטן קיינמאָל נישט געוואָלט שאַפן, זיי האָבן קיינמאָל נישט געפּרוווט צוגעבן צום אַלגעמיינעם געבוי פון סאָציאַליסטישן געדאַנק אייגענע מאָדיפיצירונגען און אייגענע ניואַנסן. פאַרקערט, מען האָט כסדר זיך באַמיט צו באַווייזן מיט ק״ן טעמים, אַז קיין שום אַנדערשקייט איז ביי אונדז נישטאָ, אַז דער „אַלגעמיינער" משיח (ווי אַזאַ אַלגעמיינער וואָלט געווען נישט קיין פאַרלאַנגעמיינונג, נאָר עפּעס אַ קאָנקרעטע ממשות־דיקע זאַך) וועט שוין אַלץ אויסגלייכן אויך ביי אונדז. יידיש איז פאַר זיי געווען און געבליבן בלויז אַ מיטל, בלויז אַ צייטווייליקע זאַך. די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, די פאָדערונג פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אויטאָנאָמיע אין דער מלוכה־פּאַרטיי און פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע אין דער מלוכה איז קיינמאָל נישט געווען קיין אינעווייניקסטער אָרגאַנישער טייל פון זייער באַוווסטזיין. פאַרקערט, איז תמיד שטאַרקער געווען דער געפיל פון דער אייגענער קנאַפּקייט און קנאַפּ־ווערטיקייט, אַז „מיר" דאַרפן דינען דער „מענטשהייט", און דאָס אַליין וועט שוין אונדז במילא באַפרידיקן.

ווי נאָר די דאָזיקע סאָציאַליסטן־יידישיסטן באַקומען אַ מעגלעכקייט אוועקצוגיין אין דער „אַלגעמיינער" אַרבעט (פאַקטיש, לגמרי נישט אַלגעמיינער!), באַלד אַנטלויפן זיי פון זייער נישטיקער אַרבעט אין פון עפּעס אַ קליינקיים, וואָס עם לוינט זיך גאָרנישט דערמיט צו פאַרנעמען. אין דער הינזיכט זיינען זיי לחלוטין נישט אַנדערש פון זייערע אַסימילאַטאָרישע עלטער־זיידעס פון דער גרוים־בורזשואַזיע. מער ווי ווער עס איז אין דער וועלט שרעקן זיך די יידישע קאָמוניסטן אין רוסלאַנד און אין דער גאָרער וועלט פון יעדן שפּור יידישער אידעאָלאָגיע, ווי דאָס וואָלט פאַרשוועכט זייער אַלמענטשלעכן אידעאַל. נישט געקוקט, וואָס אין רוסלאַנד פּרוווט מען ערנסט אַנט־

וויקלען נאַציאָנאַלע קולטורן, טוען די יידישע קאָמוניסטן אַט־די אַר־בעט בלויז ווי א ביי־זאַך, נישט לשמה, און באמיען זיך צו פאַר־שרייען זיך אליין.

די יידישיסטן פון אנדער מין האָבן אין זייער אַפּאָליטישקייט קיינמאָל נישט געקענט און נישט געפּרוווט צו שאפן א געזעלשאפט־לעכע באזע פאר זייער יידישקייט. זיי האָבן זיך כסדר נאָכגעשלעפּט נאָך די סאָציאַליסטן, אָרגאַניזאַציאָנעל און געזעלשאפטלעך. די לעצ־טע האָבן זיי גערולדעט ווי ספּעצן, ווי מיטלויפער ביז א צייט, כדי שפּעטער, ווי דאָס איז איצט אין רוסלאַנד, צו שטעמפּלען זיי ווי שאָוויניסטן, כדי זיי שפּעטער ארויסצוואַרפן ווי אויסגענוצטע שער־בלעך און ווייטער גאָרנישט.

אַט דערפאַר האָט דער יידישיזם ביז איצט נישט געקענט שאפן קיין זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע, אפילו נישט געקענט אויסארבעטן קיין אידעאַל פון א סאָציאַלן איבערבוי פון יידישן פאָלק אין הסכם מיט דעם יידישיזם. דער יידישיזם האָט אפילו נישט באוויזן צו שאפן א געזעלשאפטלעכע באוועגונג אין דער ריכטונג, כל זמן דאָס יידיש לעבן האָט אזוי אָדער אנדערש נאָך געקלאַפּט, האָט מען נישט גע־קענט באמערקן אַט־דעם טעמפּן ווינקל, וווהין דער יידישיזם איז אריין. איצט אָבער קוקן זיך די יידישיסטן ארום און זעען ארום זיך א ליידיק פעלד.

אָבער עס איז נאָך נישט שפּעט. פאַרקערט, אפשר איז איצט די פּאַסיקע צייט אויפצובויען א קאָנסטרוקטיווע באוועגונג פאר דעם נאַציאָנאַל־יידישיסטישן געדאַנק, וואָס זאָל ארומנעמען אלע זייטן פון יידישן לעבן און נישט בלויז די יידישע קולטור. דווקא איצט, אין מאָמענט פון שרעקלעכן קריזיס אין דער יידישער וועלט, וועט דער אידעאַל געפינען אויערן וואָס זאָלן הערן, הערצער וואָס וועלן פילן און הענט — וואָס וועלן מיטבויען.

און וואָס זיינען די גרונט־יסודות פון אַט־דעם יידישיסטישן אי־דעאַל? א) יידן זיינען א וועלט־פאָלק, און אזא דאַרפן זיי בלייבן, א פאָלק, וואָס איז איינגעגלידערט ווי גאַנצע און פעסט־קריסטאַליזירטע

נאציאָנאלע קיבוצים אין אלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סערפערשאפטן פון דער גאָרער וועלט און אין אלע קולטורן.

דער באגריף פון אזוינע וועלט־פעלקער איז נאָך א נייער. נאָך נאָר נישט לאנג האָט דורכגעקלונגען אין דער וועלט דער לאָזונג פון נאציאָנאלע מלוכות. ער האָט שוין, אמת, באוויזן צו באנקראָטירן און די וועלט שמאַכט שוין איינגעקוועטשט אין די קלאַמערן פון מלוכהשע גרענעצן כלומרשט לויט דעם נאציאָנאלן פרינציפּ. אָבער דאָך האָט דער נייער לאָזונג פון איבערמלוכהשע פעלקער נאָך נישט באוויזן אריינצודרינגען אפילו אין די אויערן, נישט נאָר אין די הערצער. ביי היינטיקן טאָג איז דאָס אונדזער אויפגאבע, אונדזער גורל איז איצט אריינצוברענגען דעם באגריף אין באוווסטזיין און אין קאַמף פאר דער וועלט־באפרייאונג.

ב) אין יעדן געגעבענעם לאנד און געגנט דארף דער יידישער קיבוץ זיין נישט נאָר אויטאָנאָם קולטורעל, נאָר ער מוז אויך האָבן סאָציאַל־עקאָנאָמישע אייגענע וואָרצלען. כדי דאָס צו דערגרייכן דארפן יידן אין אלע לענדער, ווו זיי זיינען פאראן, אויך פארמאָגן א לאנדווירטשאפטלעכן מער אָדער ווייניקער קאָנצענטרירטן קלאַס. לאנדווירטשאפט איצט באטייט נישט קיין פּויערים, קיין פּרימיטיווע ווירטשאפט. ניין — פאר יידן וואָלט עס באטייט אריבערגיין פון א העכערן סאָציאלן ניוואָ צו א נידעריקערן. ביי היינטיקן טאָג דארף מען ריידן פון אינטענסיווער, קאָלעקטיוויזירטער און מעכאניזירטער לאנדווירטשאפט, וואָס יידן קענען זיך צו דעם גאנץ גוט צופּאסן. איצט, אין דער צייט פון וועלט־קריזיס, איז דאָס אויך אן אויסנאנג פון א סך לאָקאלע צרות און אנגסטן. יידן ווערן ארויסגעשטויסן פון זייערע טראדיציאָנעלע פּרנסות. נישט ארבעטלאָזיקייט, נייערט לייריקגייעריי איז דער גורל פון דער יידישער יוגנט אין פיל לענדער. לאָמיר געבן פאר אָט־דער ענערגיע אן אָנווענדונג, פאר די הענט — א באשעפטיקונג, פאר די מוחות — א ריכטונג פון געדאנקס און פאר די הערצער און געמיט — א שטיצע און זיכערקייט.

דאָ מוזן מיר זיך אָפּשטעלן אויף די קאָלאָניזאַטאָרישע אויפטוען ביי יידן ביז צו היינטיקן טאָג.

ארץ ישראל. ארץ ישראל וואָלט שוין היינט געקענט געבן זייער פיל דעם יידישן פאָלק, ווען נישט — —

ווען נישט דאָס, וואָס לכתחילה איז ארץ ישראל אוועקגעשטעלט געוואָרן ווי א קעגנזאַץ צום אידעאַל פון א וועלט־פאָלק. ארץ ישראל שטרעבט צו זיין דאָס איינציקע לאַנד באוווסטזיניק אָדער טיילווייז אומבאַוווסטזיניק, שטרעבט ארץ ישראל אויסצוזויגן דעם „גלות", זיין געלט און זיין ענערגיע, אויפגעריכט צו ווערן דורך אים, און דאָס איבעריקע פון גלות מעג און דאַרף אונטערגיין ווי א שאָלעכץ, וואָס זיין קערן איז שוין אויפגעגעסן. אויב עס גיט אמאָל א שלאָג אָן אָדער אין ארץ ישראל פאַר דעם גורל פון גלות, איז עס בלויז אויף אזוי פיל, אויף וויפל דאָס קען שאַטן דעם ארץ ישראל אויפבוי, אויף וויפל דאָס קען שעדיקן דעם ענערגיע־צופלוס צו ארץ ישראל. מער נישט. דעריבער איז די השפעה פון א״י א נעגאַטיווע, אן אויס־וואָרצלענדיקע, נישט קיין איינוואָרצלענדיקע, נישט קיין מוסטער פאַר אנדערע יידישע קיבוצים אין דער וועלט. די שפּראַך און די גאַנצע אידעאָלאָגיע פון ציוניזם קלינגען ווי א שופר: „הבדלו מתוך העדה הזאת", אַנטלויפט פון דער וועלט, פאַרפלאַנצט זיך נישט, וואָרצלט זיך נישט איין אין ערגעץ, נאָר דאָ.

די קאָלאָניזאַציע אין א״י דאַרף ביי היינטיקן טאָג גערעכנט ווערן פאַר געלונגען (פאַר דער צוקונפט וועל איך קיין נביא נישט זיין), ווייל עס איז געווען פאַרבונדן מיט א גרויסן נאַציאָנאַלן אידעאַל. א פאַרעלטערטן אידעאַל, אידעאַל פון א קליינער נאַציאָנאַלער מלוכהלע, אָבער אן אידעאַל פון נאַציאָנאַלן אויפקום און אויסלייזונג.

אנדערש איז עס געווען אין — אַרגענטינע. דעם אויפטו האָט אוועקגעהרגעט דער ביוראָקראַטיזם פון איין זייט און דאָס אויס־פעלן פון א ווייטן אידעאַל פון דער צווייטער זייט. שוין, עס איז שוין מקוים געוואָרן „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה", — נו, טאָ איז איצט וואָס ווייטער? צוליב וואָס נאָך איצט זיצן אויף לאַנד, בעת

מען קען אין שטעט ווערן אדוואָקאטן און דאָקטוירים? און קיין נייעם צופלוס פון נייע אידעאַליסטן, וואָס זאָלן ווייטער בויען דאָס, וואָס די ערשטע האָבן אָנגעהויבן, האָבן די ביוראָקראַטן נישט צוגעלאָזן. ווייטער — בעתן בויען די ארגענטינער קאָלאָניעס גופא איז נישט געווען דער נאַציאָנאַלער אידעאַל פון שאַפן אויפן אָרט א פעסטן יידישן קיבוץ, שאַפן א קולטור א יידישע און א באַזיס פאַר איר. עס האָט דאָ אויסגעפעלט דער אידעאַל צו שאַפן אן אויסגעקריסטאַליזירטן און פעסטן יידישן קיבוץ, גאַנץ אין זיין קולטור און שטאָלץ מיט זיין קולטור. אָט דערפאַר האָט ארגענטינע נישט געשאַפן דאָס, וואָס זי האָט געקענט און געדאַרפט שאַפן. אָבער די זאַך איז נאָך נישט פאַרלאָרן. נאָך איצט וואָלט ארגענטינע געקענט אויפגעלעבט ווערן דורך א שטראָם פון יידישער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער יוגנט, וואָס זאָל זיך פון דאָס ניי נעמען צו דער ארבעט אָן דעם פאַרשאָלטענעם ביוראקראַטיזם און מיט דעם פולן באַוווסטזיין פון דער נאַציאָנאַלער אויפגאַבע. עס פעלט נאָר דער אָרגאַניזירטער גוטער ווילן, וואָס זאָל זיך נעמען צו דער ארבעט און צעברעכן דעם פאַרשימלטן ביוראָקראַטיזם.

אויך נישט ווייניקער וואָלט געקאָנט אויפגעטאָן ווערן אין דער ריכטונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אויך דאָ איז די יידישע פאַרמערײַ געגאַנגען אָן א פייערל פון דער ווייטן, וואָס זאָל ציען און איינהאַלטן, צו לאַנג זיינען געווען אָפּגעריסן פון דער מאַמע־ערד, זיי זאָלן זיך דאָרטן איינבירגערן בלויז צוליב עקאָנאָמישע סטימולן אליין, אָן א גרויסן אידעאַל פאָרויס.

אויך בירא־בידזשאַן וועט אונדז נישט ברענגען, וואָס עס וואָלט געקענט ברענגען און צו וואָס עס איז לכתחילה געשאַפן וואָרן, ווייל דאָרטן איז דער נאַציאָנאַלער אידעאַל פון פאָרויס פאַרמשפּט פאַר שעדלעך און טריף. בויען דעם סאָציאַליזם קען דאָך די יידישע יוגנט אויך אין מאָסקווע און אין מינסק און אומעטום ווו עס לאָזט זיך גרינגער אליין ארויפארבעטן פערזענלעך. צו וואָס נאָך גיין פאַרוואָגלט ווערן אין בירא־בידזשאַן? — דער אויספיר איז:

אין פלאַנטער פון היינט

מיר מוזן זיך נעמען צו קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט אומעטום, אין אַלע לענדער פון דער יידישער אויסשפּרייטונג באַוואָפנט מיט אַ נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אידעאַל איינציייטיק. מיט דעם נאַציאָנאַלן אידעאַל אַליין וועלן מיר גאָרנישט אויפטאָן. אונדז גייט נישט אין בעסטן פאַל צו שאַפן מער אָדער ווייניקער יידישער באַלעגופים. אויך אין ארץ ישראל איז דער דאָזיקער עלעמענט, דער באַלעגוף מיט זיינע עקספּלואַטאַטאָרישע אינסטינקטן, גאָרנישט שעפעריש. ער איז קולטורעל אמת־שאָוויניסטיש פאַר העברעיש, אָדער בלויז אויף וויפל דאָס לוינט זיך. ווען דאָס האָט אים נישט געלוינט, האָט ער גאָר אַנ־דערש געפירט זיך. איבעריקס, קען אונדזער אידעאַל מקוים ווערן אין זיין פולער מאָס נאָר מיטן נצחון פון דעם סאָציאַליזם. אָבער דאָס נאָר דעמאָלט ווען מיר וועלן זיך פון פאָרויס איינוואָרצלען ווי פעסטע און בולטע נאַציאָנאַלע קאָמפּאָנענטן אין דער פאַלי־נאַציאָ־נאַלער געזעלשאַפט. מיט אונדז צוזאַמען וועלן גיין אַ סך נאָך צע־שטויבטע און צעשאָטענע נאַציעס. אָבער פאַר קיינעם איז עס נישט אַזוי דרינגענדיק נויטיק, ווי פאַר אונדז.

יעטווידער נייער דאָרף ווערט לכתחילה אָרגאַניזירט דורך אַזאַ צוגעפּאַסטן פּיאָנערן־קאָלעקטיוו, וואָס ווייסן, אַז זיי גייען ווערן די סאָציאַלע יסודות פון דעם אויטאָנאָמען יידישן קיבוץ אין דעם לאַנד, און דורך אים — פון גאָר דער וועלט.

נאָר אַזוינע פאַרבאַנדן פון דורכויסיקע יידישע פּיאָנערן־פּונקטן, וועלן שאַפן אַ סביבה, ווו יידיש וועט זיין אָרגאַניש איינגעפלאַנצט אין נייעם לעבן, נישט בלויז אין דעם אונטערגייענדיקן שטעטל. אונ־טער דער השפעה פון אַט־די פּונקטן וועט יידיש און יידישע קולטור זיך קענען האַלטן און אַנטוויקלען אויך ווייט איבער די גרענעצן פון אַט־די קיבוצים.

די צווייגן פון אַ בוים זיינען אָפט פיל ברייטער פון זיינע וואָרצלען. די סוספּענדירטע יידישע מאַסן אין די שטעט, די סאָציאַל־אויפגע־לייזטע, דיפּונדירטע וועלן אין זייער גייסטיקן לעבן האָבן אַ היים, ווו זייער נשמה קען באַקומען איר תיקון. עטלעכע אַזוינע דורכויס־

יידישע ארבעטס־קיבוצים ארום ניו־יאָרק, און די גאנצע קולטור־אר־
בעט אין ניו יאָרק גופא וואָלט גאָר אנדערש געקענט אויסזען. ערשט
ביי אזא אויסשפרייטונג פון אונדזער יידישיסטישן אידעאַל, ווען
ער וועט אויפהערן צו זיין בלויז רוחניות, ווען מיר וועלן אים אָנ־
הייבן פון די יסודות, קענען מיר האָפן אויף גוטע פרוכט. ערשט
דעמאָלט וועט אונדזער קולטור־ארבעט נישט בלייבן הענגען אין דער
לופטן. נישקשה, אונדזער אידעאַל איז נאָך יונג, ער איז נאָך אפילו
נישט אויסגעקריסטאַליזירט אין די מוחות פון די יידישיסטן גופא,
און מען דאַרף זיך נישט מיאש זיין פון די ביז־איצטיקע קנאַפּע אויפ־
טוען. דער שווערסטער עטאַפּ פון אן אידעאַל איז דווקא דער ערש־
טער — דאָס ארויסטראָגן אים פון זיין בראשיתדיקן נעפּל־צושטאנד,
פון דעם פאַרמלאָזן תוהו ובוהו פון אומקלאָרע פארלאנגען און בענ־
קענישן. פאָרמולירן אן אידעאַל — דאָס איז דאָס שווערסטע. וועלן
מיר דאָס באוויזן, וועט דאָס אליין שוין זיין אן אויפטו און א
גרויסער. וועלן מיר דאָס דערגרייכן, וועלן מיר זיך קענען באפרייען
פון אונדזערע אפּיטרופּסים, פון אונדזערע שותפים, די בעל־כרחך־
יידישיסטן, וועט ביי אונדז די פראגע נישט שטיין: מיט וועמען זאָלן
מיר גיין, נאָר פארקערט, ווער גייט מיט אונדז. די פאנאנדערוויקלונג
פון אונדזער אידעאַל צו קאָנקרעטע נעזעלשאפטלעכע מעשים און
פאָליטישע לאָזונגען — דאָס זאָל זיין א טעמע פאר א צווייטן מאָל.

נעשריבן אין 1932

יידן-פּראָבלעם

אונדזער לאַגע איז קיינמאָל נישט געווען קיין גלענצנדיקע. די קורצע הפסקות פון קאַפּיטאַליסטישן ליבעראַליזם, ווען „די זון פון מענטשן-פריינטשאַפט" פלעגט א שיין טאָן אויך פאַר אונדז און יידישע הערצער פלעגן זיך צעגיסן פון דאַנקבאַרקייט פאַר די חסדים, וואָס מען טוט אונדז, וואָס מען האַלט אויך אונדז יידן פאַר, מ'שטיינס געזאָגט, שטיקלעך מענטשן, — אָט די צייטן זיינען בלויז כלומרשטע שיינען, וואָס מיר לאָזן זיך פון זיי נאַרן. ביי די קאַפּיטאַליסטישע אויפשוואונגען מאַכט מען זיך ברייטהאַרציק — „עס זאָל דעם „יידליס" אויך עפּעס צופאַלן". קיין אָרגאַנישעם, קיין אינעווייניקסטע גלייכאַכטונג איז עס קיינמאָל נישט געווען, און עס איז אויך נישט, דאַכט זיך, דאָרטן ווו דאָס האַלט זיך נאָך צוליב פאַרשיידענע סיבות. צי זיינען די סיבות פּאָליטישע — עס שטייט נישט אָן פאַר לייטן (פּוילן למשל), צי זיי זיינען סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע (ענגלאַנד, אמעריקע) דאָס איז אַלץ איינס. קיין אָרגאַנישע נאָרמאַליזירונג פון יידישן לעבן איז דאָ נישטאָ. נאָך מער — עס איז נישטאָ קיין ברעקל זיכערקייט, אז ביי דער קלענסטער ענדערונג אין קעשענע אָדער אין די מוחות, זאָל דער גאַנצער שלום-בית נישט אויסרינען מיט איינמאָל, און דער יידישער קיבוץ פון געגעבענעם לאַנד זאָל נישט בלייבן ביי א צעבראָכענע קאָרעטע.

נאָך ערגער איז עס דערמיט, וואָס יידן ווי א לייכטגלויביקע מיידל לאָזן זיך גערן אָפּנאַרן און וואַרפן זיך מיט לייב און נשמה אין די כלומרשט פריינדלעכע אָרעמס. פון נאַפּאָלעאָנס סנהדרין ביז די

יידיש־פּוילישע „אוגאָדעס" (פּריינטשאַפט־שליסונגען) חזרט זיך די מעשה איבער אומעטום און אין אַלע לענדער. יידן ניבן אוועק אַלץ מיט אַן אנדער, — קולטור, זעלבסטאַכטונג, אייגן־געפיל, שפּראַך און פאָלק — אַלץ. ווי פלאַטערלעך אין א פייַצטערער נאַכט לויפן זיי צום ליכטיקן פייער — פאַרברענט צו ווערן, אויסצוועפּן זיך, אונטערגיין, שטאַרבן מיט א בלומרשטער מיתת־נשיקה.

עס איז נישט נאָר א פראַגע פון קאַריערע, א שטרעבונג וואָס נעמט דורך אַלע אינדיווידן פון כלל. עס איז אויך א כאַראַקטער־שטריך: נישט אומזיסט, גאָרנישט אומזיסט האָט אָטאָ ווייַנינגער אונדז געהאַלטן פאַר א פעמיניזירטע אומה. ווי „עמאַנציפּירטע" יידן אין אַלע דורות זייַנען אויך איצט פאַראַנען היפּשע שיכטן דווקא אינטעליגענץ, וואָס האַלטן, אַז דער ענין יידישע קולטור, מאָדערנע יידישקייט און אַז"וו איז בכלל א זאַך א צייטווייליקע, ביז מען וועט עס דאַרפן, אַנדערש גערעדט, ביז מען וועט זיך קענען אַרייַנגלידערן צווישן אַנדערע.

אָט אַזוי איז אין די גוטע יאָרן. און איצט! — אויסגעניצט און אַוועקגעוואָרפן, אָן אַן „איך", אָן א זעלבשטענדיקייט און אָן א גייסטיקן און מאָראַלישן באַזיס. און דער עיקר — אָן חיונה. גאָרנישט.

איז ווו איז אַן אויסוועג? אין יידישן לעבן, אין דער פּסיכיק קורסירן, צוויייערליי אויסוועגן: סאָציאַליזם און אַלע זייַנע פאַרשיידענע פאָרמעס און ציוניזם. דער ערשטער איז אין א גרויסן טייל א פּאַסיווער: מירצעשעם, אַז ער וועט קומען, וועט שוין אונדז אויך גוט זיין. עס איז עד־היום נישט געשאַפן געוואָרן קיין איין ספּעציפיש יידיש סאָציאַליסטישע טעאָריע, קיין איין אַנטשפּרעכיקע פּראָגראַם, וואָס זאָל קלאָר שטעלן די פראַגע: און ווי אַזוי דאַרף און זאָל דער סאָציאַליזם בויען דאָס יידיש לעבן אין דער קינפטיקער געזעלשאַפט.

דאָס איז, פאַרשטייט איר, א דעטאַל, א קלייניקייט, וואָס עס לוינט נישט טאָפּילו וועגן דעם צו טראַכטן... טייל נאַאיווע מיינען גלויביק, אַז דאָס עצם פּראָבלעם „פאָלק" איז נאָר א מיספאַרשטייע־

ניש, ווערט דאָך די גאנצע פּראָבלעם אָפּפאלן במילא, און אוים, פּטור פון א צרה. ביי די דאָזיקע ליים קומט פאר א פסיכאָלאָגישער טעות: זיי נעמען אָן זייער זעלבסטגעפיל פאר אַן אָביעקטיוון פאקט און פאראלגעמיינערן אים. היות כּפי פאר זיי איז די יידישקייט זייערע א מין ארויפגעצוווּנגענע צרה, א געלע לאַטע, וואָס אנדערע הייסן טראָגן, ווערט די דאָזיקע צרה אָפּפאלן צוזאמען מיט אלע אנדערע צרות, וואָס זיינען אויף דער בידנער מענטשהייט ארויפגעוואָרפן געוואָרן. אָט אזוי איז דער קייטן־טרעגער אין כעס אויף די וואָס האָבן אים זיי אָנגעטאָן. נאָך ערגער פילט זיך דער הויקער־טרעגער, ווייל ער קען זיין צאָרן נישט אויסגיסן אויף קיינעם. אָט דער שטאנד־פּונקט אויף „נאציע” ווי אויף אַן אָנגעצוווּנגענעם לונג און לעבער לעבט ביי אלע שעפער און באדייטנדיקע פירער פון אלגעמיינעם סאָ־ציאליזם. נאָך מער, אפשר האָט עס זייער יידישער אָפּשטאם זיי גע־טריבן צום רעוואָלט. זוכנדיק א באפרייאונג פון דער געצוווּנגענער, נישט אָרגאנישער יידישקייט, זיינען זיי ווי קאָנסעקווענטע דענקער געקומען פון פרט צום כלל, פון איין מין קייטן צו א קאמף מיט אלע מינים קייטן. אויב שוין זוכן א קארדינאלן אויסוועג, א באפרייאונג, איז שוין זוכן ביזן סוף, דעם גאנצן וואָרצל פון אלדאָס שלעכטס.

אויב שוין יאָ

„מען מוז דעם יאָך אראָפּוואַרפן, די קייטן, —
איז שוין מיט „און די אנדערע שלאַלאָמייזן”.
(קולבאק)

אנדערש קען עס אויך נישט זיין פאר אזוינע מענטשן, וואָס זיי־נען לויט זייער גאנצן גייסטיקן וועזן, לויט זייער קולטורעלן „איך” — דייטשן, רוסן, ענגלענדער און מיטאמאָל, נישט דיר נישט מיר, מוזן זיי זיך פילן ווי מענטשן מינדערווערטיקע, ווייל זיי זיינען פון יידישן אָפּשטאם, א זאך וואָס איז זיי אינגאנצן פרעמד און במילא נישט גע־וואונטשן.

אין דעם זינען איז לגמרי נישטאָ קיין אונטערשייד אין דער פסי־כיק פון די יידישע בורזשואזיע עמאנציפּאציע־דענקער און די סאָציא־

ליסטן־יידן. דאָס איז נישט קיין זאַך פון אידעאָלאָגיע, פון קלאַסן־באַ־וווסטזיין, נאָר פון ריין מענטשלעכער פסיכאָלאָגיע. עס איז א דער־שיינונג, וואָס שטאַמט פון דעם זעלביקן מקור.

א צווייטער טייל יידישע סאָציאַליסטן זיינען אין זייער געדאַנק צו פיל קנעכטיש־נאָכמאַכעריש. זיי פעלט פשוט די נויטיקע גייסטיקע זעלבשטענדיקייט. ביי זיי איז די יידישקייט א סך אָרגאַנישער, גאַנצער איידער ביים ערשטן מין, אָבער עס פעלט זיי דער נייטיקער מענטש־לעכער מוט צו מאַכן אויספירן פון זייער יידישקייט. דערצו וואָלטן זיי געדאַרפט אויסבויען אַליין אַן אייגענעם יידיש־סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם, א סיסטעם, א פילאָסאָפיע. כדי דאָס צו קענען דאַרף מען זיין אינערלעך שטאָלץ און פילן זיך שטאָלץ, מוטיק, זעלבסטווירדיק. זיינען אָבער אונדזערע סאָציאַליסטן בלויז קינדער פון זייער צייט און זייער תקופה און פון — זייער פאָלק. קוקן זיי אויף דער וועלט דורך פרעמדע ברילן און נישט מיט די אייגענע אויגן.

ווען איר קוקט זיך טיפער אריין אין אונדזערע סאָציאַליסטן יחי־דים צי גאַנצע סאָציאַליסטישע קערפערשאַפטן, וועט איר תמיד מוזן קומען צום אויספיר, אַז זיי זיינען כמעט דורך און דורך איבערזעצו־גען, יידישע אויסגאַבעס פון געדאַנקען, אידעען, דענקונגס־וועגן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן ערגעץ אַנדערשוואו. העכסטנס זיינען זיי טראַנס־פּלאַנטירטע געוויקסן, וואָס פאַסן זיך מערער אָדער ווייניקער אריין אין דער יידישער סביבה. דער אָפּשטאַם איז אָבער דורך און דורך א פרעמדער. קיין אייגענע פּראָגראַם איז נישטאָ און ביי א יעטווידער דעטאַל ווערט זיך געווענדעט צום מקור, צום מוסטער און מען זוכט א סמך אין דעם רבינס תורה. היות אָבער אין יענער תורה איז נישט־טאָ קיין קלאָרע תשובה אויף דער יידישער פּראָבלעם, קען זי דער יידישער סאָציאַליסט נישט האָבן. מען מוז מודה זיין, אַז די יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן ארויסגעוויזן זייער פיל רעוואָלוציאָנערן מוט קאַמפּספעיקייט און קרבן־גרייטקייט, זיינען דאָך אָבער אין דער פּסי־כיק, אין נשמה זייערער שטאַרק קנעכטיש. נישט מערער איידער די נענער־אינטעליגענטן אין אמעריקע.

איך וויל דערמיט נישט זאָגן חלילה, אז סאָציאַליזם בכלל איז עפּעס א זאַך, וואָס פּאַסט נישט צו דער יידישער פּסיכאָלאָגיע. ניין, ניין. אפשר דווקא פאַרקערט, אָבער סאָציאַליזמען זיינען פאַראַן א סך און יעטווידער סביבה האָדעוועט אויס איר אייגנעם סאָציאַליזם, ווי אַן אָרגאַניזם וואָס וואַקסט אויס אין די און נישט אין אַנדערע באַדינגונגען.

בעת אונדזער סאָציאַליזם איז בלויז אַריבערגעטראָגן פאַרטיקערהייט, שוין אַן אויסגעוואַקסענער אין אונדזער סביבה. דעריבער זיינען די יידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין יעטווידער לאַנד מערער קאָפּיעס פון די לאַנד־פּאַרטייען. מערער אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטרעבן אַריינצוגלידערן זיך אין די לאַנד־פּאַרטייען. וועגן סאָציאַליסטן יחידים איז שוין נישטאָ וואָס צו ריידן. איר וועט אין א יעטווידער יידישן סאָציאַליסט באַלד דערקענען, אז אין אים רעדט — די יידישע אָפּשפּיגלונג פון רוסישן סאָציאַל־דעמאָקראַט, פון רוסישן סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, פון פּוילישן פּפּ״ס וכדומה וכדומה. מהאי טעמא גייט עס אַזוי שווער צו ביי אונדזערע סאָציאַליסטן דער ענין פון א טעאָרעטישער פּראָגראַם. א סך גרינגער איז „אָננעמען א שטעלונג״.

די יידישע פּראָבלעם וואַרט אָבער אויף אַן ענטפער, וואָס זאָל געשאַפן ווערן אין דער יידישער סביבה גופא.

דאָס אַריבערטראָגן פאַרטיקע וועלט־באַנעמען אין אָרגאַניש פרעמדע סביבות איז אין דער געשיכטע נישט קיין נייעס. דער גרעסטער און בולטסטער ביישפּיל פון אַזאַ מין אידעען־טראַנספּלאַנטאַציע איז דאָס קריסטנטום ביי די אייראָפּעישע פעלקער. און וואָס פאַר א פּיינקוכן עס איז פון קריסטנטום געוואָרן אין זייערע הענט — וועגן דעם איז דאָ פאַרשפּאַרט צו ריידן.

פאַרוואָס די יידישע סאָציאַליסטן זיינען אַזוי נישט זעלבשטענדיק אין זייער וועלט־באַנעם — דאָס ווידער איז א פראַגע א סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע, וואָס וואָלט אונדז געקענט צו ווייט פאַרפירן, דאָ וויל איך זיך באַנוגענען בלויז מיט אַן אַנאַלאָגיע: פּרוּוען־שריפטשטעלערינס האָבן, דאַכט זיך, וויניק אָדער כמעט גאָרנישט באַלויכטן דעם גראַנ־

דיאָזן קאָמפּלעקס איבערלעבונגען פון פארשוואנגערונג ביזן געבורט — עס איז אפשר נישט אָנשטענדיק... א סך אָנשטענדיקער איז מיט בלערליי מיטלען צו מאכן זיך ענלעך צו מענער.

אויך אזוי דענקען, ריכטיקער — פילן א סך יידן: די וועלט איז פארנומען מיט אזוי פיל וויכטיקע פראגן. וואָס וועלן מיר ארייננפאלן מיט אונדזערע, „פריוואטע" און אפשר קליינלעכע פראגן און צרות?...

עס איז דער זעלביקער מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס, וואָס האָט זיך אזוי טיף ארייגנעריסן אין דער פּסיכאָלאָגיע צייט דער השכלה אָן און הערט נישט אויף צו הערשן אין איר ביז היינט.

:: :: ::

אַן אויסוועג פון א צווייטן מין איז דער ציוניזם אין אלע מאָדיפי־קאציעס. דער אויסוועג איז שוין אַן אקטיווער און איצט לעבט ער איבער זיין בליאונגס־פּעריאָד. גענעטיש איז דער ציוניזם געקומען פון זעלביקן עמאנציפּאציע־מקור, אפילו ריין ביאָגראפיש שטאמען זיינע שעפער פון יענעם קרייז. דער אוראלטער הייליקייט־געפיל צו ציון האָט דאָ בלויז געשפּילט א ראָלע פון א פּאָפּולאריזאטאָר, געהאָלפן דעם ציוניזם זיך צו פארשפּרייטן אין אזוינע קרייזן, וואָס זיינען בכלל ווייט פון אויפנעמען אידעען. אין תוך אריין איז אָבער דער ציוניזם א קינד פון דער השכלה, פון דער באנקראָטירטער אידעאָלאָגישער אסימילאַציע. עס איז איבעריק דאָס צו באווייזן, יעטווידער קען זיך אין דעם איבערצייגן. ער דאַרף בלויז זיך דערמאָנען די באַגרינדונגען וואָס די שעפער פון ציוניזם האָבן אים געגעבן און זייערע ביאָגראַפיעס. ער דאַרף אויך אויפמערקזאם זיך צוהערן און צוקוקן צום לעבעדיקן ציוניזם ביי היינטיקן טאָג, צו דער פּראָפּאַרץ פון „פאָלק" און „לאנד" אין דער אידעאָלאָגיע און אין דער פּראקטיק פון ציוניזם, צו דעם קול־טור־לעבן אין ציוניזם אאז"וו.

אָט דער ספר היוחסין זיינער גיט צו דעם ציוניזם עטלעכע שטריכן, וואָס מען מוז זיך דאָ אויף זיי אָפּשטעלן, ווען מען וויל באטראכטן אים ווי אַן אויסגאנג פון יידן־פּראָבלעם.

מיר דערלויבן זיך צו זאָגן, אז דער ציוניזם איז לגמרי נישט

אָריגינעל. פאַרקערט, ער איז אַ קאָפּיע פון פאַרעלטערטע סאָציאַל־פּאָליטישע פאָרמעס, וואָס די צעוואַקסענע וועלט קריכט פון זיי אַרויס, ווי פון אַלטע צעלעכערטע טראַנטעס. וואָלט דאָס נאָך גע־ווען אַ האַלבע צרה. כ'מיין, ווו איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז מיר מוזן זיין אולטראַ־מאָדערן? בעסער אַן אַלט־מאָדישער בגד אַ וואַ־רעמער, איידער גאָרנישט. איז אָבער די צרה, וואָס דער בגד איז שוין גאָרנישט קיין וואַרעמער. קיין איין אויפריכטיקער ציוניסט וועט ביי היינטיקן טאָג נישט זאָגן, אַז ארץ־ישראל אַליין איז ביכולת צו פאַרענטפערן די גאַנצע יידן־פראַגע פון דער וועלט.

במילא ווערט שוין אָן דער ציוניזם זיין דאָמינירנדיקע ראָלע אין קאָמפּלעקס פראַגן פון יידישן לעבן. איז אָבער ווייטער — מיר זיינען אַן עמא פּזיזא און מיר באַגייען אַ גוואַלטיקן לאָגישן פע־לער: מיר פאַרבייטן דאָס גאַנצע אויף אַ טייל, מיר קוקן אויף איין ווינקעלע און פאַרשטעלן מיט אים דאָס גאַנצע. נאָך ערגער — מיר גיבן די מעגלעכקייט דער גאַנצער וועלט, אַנשטאָט צו שטעלן די גאַנצע פּראָבלעם אויפן סדר היום, צו פּטרן אונדז מיט אַ גוטער מינע פאַר ארץ ישראל. דאָס איז אַ זאַך אַ טראַגישע. מען מאַכט חרוב גאַנצע יידישע קיבוצים, גרויסע קיבוצים און מען מאַכט זיך חזיר פיסל כשר מיט אַ ליבע־שמייכל, וואָס פאַרפליכט צו גאָרנישט, פאַר דעם ציוניזם. און נאָך פילמאָל ערגער: מיר שאַפן ביי זיך אַליין אַ פּסיכישן צושטאַנד, אַז אַלץ מיט אַן אַנדער, דאָס גאַנצע פאָלק אין זיין גאַנצער פאַרשפּרייטונג איז שוין לאחר יאוש, פאַרלאָרן און פאַרפאַלן און נישטאָ קיין עצה פאַר אים, אומזיסט אפילו דאָס זאָרגן פאַר אים. און פון גאַנצן ברענענדיקן הויז איז געבליבן צו ראַטעווען בלויז אָט איין ווינקעלע און דעריבער — אַלע כוחות אהין...

נישט אַריינגייענדיק אין אַ טיפערן אַנאַליז, אויף וויפל אָט די לאָגיק און פּסיכיק איז באַרעכטיקט אָביעקטיוו, מוז דאָ אָפן און קלאָר געזאָגט ווערן, אַז אין עצם פּראָצעס פון דער שרפה איז אָט די פּסיכיק אויך נישט אומשולדיק. אין אָרגאַניזם, אַ כלל ווי אויך

א יחיד איז נישט קיין פּאסיווער ברען־מאַטעריאַל. דער אייגענער ווילן, דער באוווּסטזיין און גלויבן שפּילט ווייט נישט די קלענסטע ראָלע. אויטאָסוגעסטיע, ווי באַקאַנט, קען געזונט מאַכן און קען אויך קראַנק מאַכן. און עס איז נאָך לגמרי נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן די קעגנזייטיקע פאַרהעלטעניש צווישן ציוניזם און דעם יאוש־געפיל. גאַנץ מעגלעך, אַז ווען נישט אָט דאָס שטילן דעם לעבנסדראַנג דורך דעם „שאר ישוב", וואָלט נאָך דאָס פאָלק, פאַר־האַרטעוועט אין צרות, געפונען כוחות גובר צו זיין די אויסוויי־ניקסטע פלאַמען און צו זוכן לכל הפחות אַן אויסוועג צו אַ בע־סערער צוקונפט, צו קעמפן און נישט צו לאָזן זיך אַזוי פּאַניש אומברענגען.

וואָלט עס נאָך אַלץ געווען פאַרשטענדלעך, אָט דאָס „אור מוצל מאש", אָט דאָס ווינקעלע, וואָס ווערט געראַטעוועט איינער און אַליין פון גאַנצן בנין, — אויב אָט דאָס ווינקעלע וואָלט געווען זי־כער. מילא — גייט דער גאַנצער צעווייגטער בוים צוגרונד, אָבער איין צווייג זיינער ווערט איבערגעפלאַנצט און בלייבט לעבן און — זה הקטן גדול יהיה. גוט, ווו איז אָבער די זיכערקייט, אַז מיט דעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל וועט נישט זיין אַזוי ווי מיט אַלע זיינע אַנדערע ישובים אין דער געשיכטע פון זיין גרויסן גלות?

מיר האָבן שוין ברוך השם אַזוי פיל ישובים געשאַפן, אַז מיר קענען שאַפן זיך אַן אַלגעמיינע סכעמע: יידן באַקומען רעכט, פריי־ווילעגיעס, זיי קאָלאָניזירן און מאַכן רייך דאָס לאַנד. צוערשט האָבן זיי ברייטע אויטאָנאָמיעס לויט דעם מאַסשטאַב פון צייט און לאַנד. זיי גלויבן דעמאָלט אין דער זיכערקייט פון דער נייער היים און אין איר דויערקייט, גיבן זיך אָפּ מיטן גאַנצן יידישן סאַנגווישן טעמפּעראַמענט *) און — ביז אַ צייט, ווען פון באַרג־אַרויף מוז מען גיין צוריק באַרג־אַראָפּ. ביי היינטיקע ציוויליזאַציע־טעמפּן קען אַזאַ פּראָצעס פון אַרויף און אַראָפּ זיך נישט ציען קיין הונדער־

*) דערמאָנט זיך די לעגענדע וועגן „פּוילן" — „פּה־לין"

טער יאָרן. פאַרקערט איז צום גרויסן באַדויערן די פּאָליטישע לאַגע פון יידישן ארץ ישראל ווייט נישט קיין גלענצדיקע און פאַרשאַפט פיל זאָרג. נישט אַלץ קען מען שרייבן, אָבער אין דער פראַגע, וועד וועמען עס קען אויפהאַלטן — צי ארץ ישראל דעם גלות אָדער דער גלות די יידישע ארץ־ישראל — איז ווייט נישט פעסט די אויבערהאַנט פון ארץ ישראל אפילו אין דער צוקונפט. איבערהויפּט ווען די אָנגעעלעקטריזירטע פּאָליטישע לופט פון דער וועלט זאָל געבן א ציטער. פאַרקערט, איז פיל זיכערער אָנצונעמען, אַז א געזונטער און פעסטער גלות וועט זיין בכוח אויסצוהאַלטן אויך א יידישע ארץ ישראל.

אויך דער עקאָנאָמישער באַלאַנס פון יידישן ארץ־ישראל איז און בלייבט א פּאַסיווער. נאָך מער — די פּאַסיווקייט שטייגט פון יאָר צו יאָר. די „פּראָספּעריטי”, דער געלט־צופלוס איז אן אריינגעפירטער, אן אימיגראַציע־קאַפּיטאַל נישט קיין אָרגאַניש געשאַפענער.

און צולעצט איז אויך דער קולטורעלער ציוניזם ווייט אונטער א פראַגעצייכן. דער גרויסער עקספּערימענט פון שאַפן א נייע קולטור דורך א שפּראַך איז ווייט נישט זיכער. טוריסטן ברענגען אונדז באַגייסטערטע גרוסן פון דעם אויפגעלעבטן העברעיש. אָבער צי מיטן שאָלעכץ פון די העברעישע ווערטער ווערט אויך אויפגעלעבט די העברעישע קולטור, דאָס ווייסן מיר נישט. דערווייליקע האָט דער דור, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אויף העברעיש, לגמרי נישט באַרעכטיקט די קולטור־האָפענונגען. פאַרקערט זיינען די גרוסן וועגן די „סאַברעס” (ארץ־ישראלדיקע איינגעבאָרענע יוגנט) גאָרנישט קיין פריילעכע. די ארץ־ישראלדיקע סטודענטן אין אייראָפּעישע אוניווערסיטעטן זיינען לגמרי נישט אנדערש פון די יידן, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין פּויליש, ענגליש אָדער וואָסער עס איז אנדער נישט־יידישער שפּראַך. די זעלביקע פאַרפרעמדקייט פון יידישן פאָלק, די זעלביקע איננאָראַנץ און — יידישע קולטורלאָזיקייט. אפשר א סימן פון א לאַנד־שאָוויניזם און א גאווהדי־

קע שנאה צו אלע אנדערע יידן. אָבער דאָס איז דאָך ווייט נישט דאָס, וואָס עס איז פארלאנגט געוואָרן פון דעם קולטורעלן ציוניזם.

דאָס וואָלט געקענט זיין אן ערנסטע אויספארש־ארבעט פאר די ארץ־ישראלדיקע פעדאגאגן און פסיכאָלאָגן. דער מצב אָבער פון דער קולטור אין ארץ ישראל וועט פון די ארבעטן נישט ווערן בעסער. דערווייליע ווערט אין ארץ ישראל געבויט און געשאפן נישט נאָר דורך אימפּאָרטירטע קאפּיטאַלן בלויז נאָר אויך דורך אימפּאָרטירטן אידעאַליזם, גייסט און ענערגיע געבראכט דווקא פון גלות. ווען מיר זאָלן זיך פארלאָזן אויף די איינדרוקן פון דער ארץ־ישראלדיקער יוגנט אין אמעריקאנער און אייראָפּעישע אוניווערסיטעטן, קען מען קומען צו אן אויספיר, וואָס קומט אין פלוג אוים משונהדיק: ביי א פארגלייך פון הונדערט יוגנטלעכע פון א״י מיט א גלייכער צאָל יוגנטלעכע פון גלות, וועט די איבערוואָג תמיד זיין אויף דער זייט פון גלות, איבערהויפּט דער יוגנט, וואָס איז געוואקסן אין קלענערע שטעט, אין א טראדיציאָנעלער דערציונג אָדער אין א יידישער, העברעישער שול. מאָדנע! א קאָנצענטרירטע יידישע סביבה, א דערציונג אָן א וואָסער עס איז קאָנקורענץ פון פרעמדע קולטורן, א דערציונג, וואָס קאָסט גוואַלטיקע סכומים ענערגיע, און דאָך — איז די יוגנט אין זינען פון אלגעמיינער אינטעליגענץ, פון אינטערעסן־קרייז, באציונג צו יידישער קולטור (בכלל) און צו קולטור־פּראָבלעמען, אין זינען פון נאציאָנאלער געזעלשאפטלעכקייט און לסוף פון אלגעמיינער מאָראלישער עטישקייט — ווייט דערונטערדיק לגבי דער יוגנט, וואָס איז געוואקסן אין צעבראָכענעם גלות אונטער דער קאָנקורענץ פון שטארקערע מלוכישע קולטורן.

זי שטייט אין די אַלע הינזיכטן ווייט נישט העכער פון דער יוגנט, וואָס איז געוואקסן אין אמעריקע — אויף ענגליש, אין פּוילן — אויף פּויליש אָן א יידישע סביבה. מאָדנע, אָבער אזוי ווייזן די, אמת, קנאפּע באָאבאכטונגען. מען קען אזוי ארום נישט ווארפן די שולד אויף די לערער, לאָמיר זאָגן. זי מוז ליגן טיפער — אין

עצם מהות פון דעם קולטורעלן ציוניזם. בכל אופן קען דאָ, די שעה זאָל נישט זיין, דערגיין צו א סכנה, אז וואָס דער גלויביקער אידעאַליזם האָט געבוים, וועט דער צווייטער דור נישט נאָר נישט פאַרזעצן, נאָר אפילו אקטיוו אָדער פּאַסיוו צעשטערן. איבערהויפּט, ווען דער גלות זאָל באמת אויפהערן צו ליפערן אַלץ נייע און נייע טראַנספאָרמען אידעאַליסטישע ענערגיע.

:: :: ::

דאָס אַלץ גענומען אין אכט, מוז מען קומען צום אויספיר, אז דער ציוניזם קען אונדז נישט דינען פאַר אן אויסוועג פון די יידישע פּראָבלעמען אין דער וועלט. אַלנפאַלס — נישט ווי דער אויסוועג.

עס קען זיך שטעלן ביים לייענער א פראַגע: ווי איז עס מעגלעך, וואָס דאָרטן אין ארץ־ישראל, אויפן אָרט זאָל זיך נישט געפינען קיין מענטש, וואָס זאָל דאָס פילן און זאָגן, וואָס זאָל ווי א מאָל אחד־העם קומען מיט זיין „אמת מארץ ישראל״? — אָבער, עס קען גאַנץ מעגלעך זיין, אז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דער געפיל פון פאראכטונג צום יידישן גלות, דער פאַרלאַנג צו אנטלויפן פון אַלץ, וואָס עס איז געוויינטלעך־יידישלעך, בכן ווידעראמאָל אָט דער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, פון וואַנען דער ציוניזם איז לכתחילה געקומען און וואָס האָט אים די גאַנצע צייט באַגלייט, אָט דער פאַרלאַנג זיך אָפּצורייסן פון דעם, צו וואָס מען איז דורות־לאַנג צוגעוויינט געווען, אָט דער געפיל איז אזוי שטאַרק, אז ער פאַרדעקט אַלע פעלערן: אַלץ גוט, אָבי נישט ענלעך צום גלות...

בכן קומען מיר צום אויספיר, אז עד־היום האָט דער יידישער געדאַנק, דער יידישער געפיל און ווילן נישט געשאַפן קיין פּלאַן פון יידישער איינאָרדענונג אויף דער וועלט. עס איז נישט געבוירן געוואָרן קיין פּראָגראַם, שוין נישט רײדנדיק פון דעם, וואָס עס איז נישטאָ קיין פּאַרטיי, קיין ריכטונג.

דער יידישער געדאַנק איז געבליבן שטיין אין מיטן געווירמל פון צערודערטער צייט און וועלט, ווי א פאַרבלאָנדזשעטער אין א

שנייאיקער נאכט, צווישן שנייען־בערג, וואָס האָבן פאַרווישט פאַרשאָטן זיינע אַלע באַקאַנטע שטעגעלעך־וועגעלעך. „נישטאָ קיין אויסוועג, נישטאָ קיין וועג, איך וויים נישט, מיר וויסן נישט, ראַ־טעוועט זיך ווער עס קען"...

און מענטשן האָבן גענומען לויפן ווי פון א שרפה, אידעיש לויפן וווהין נאָר עס לאָזט זיך, וווהין די אויגן טראָגן. מענטשן, וואָס זיינען א גאַנצן לעבן געווען ווייט פון ציוניזם לויפן צו אים, קלאַפּן אין זיינע טירן. נישט דערפאַר, ווייל זיי זאָלן זיך מיט איין מאָל האָבן איבערצייגט אין זיין ריכטיקייט, נישט דערפאַר, וואָס עס האָבן זיך געעפנט זייערע אויגן און ווי יענע אמאַליקע לעגענ־דאַרע יידן הייבן זיי אָן צו שרייען „אדוני הוא האלוהים". ניין און ניין. מען איז פאַרמאַטערט פון טראָגן אליין דעם שווערן פּאַק אי־דעישע ספקות אונטערן רעגן פון ביטערע אנטוישונגען און מען כאַפּט זיך צו אָפּרוען אונטער א פרעמדן דאַך, פילנדיק און וויסנדיק, אַז עס איז נישט דאָס, מען לויפט צו א צווייטן עקסטרעם, אבי ערגעץ וו צוצולייגן דעם פאַרמאַטערטן קאָפּ.

פרעגט זיך — פאַרוואָס און ווי אזוי איז עס מעגלעך, אַז עס זאָל זיך נישט שאַפן אזא אויסלייזונג־געדאַנק, א פּלאַן פון איינאָר־דענונג?

אזא ייד, ווי מ. זילבערפאַרב ע"ה, האָט זיך באמת צו באַווייזן אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער", אַז אַזאַ אויסגאַנג־פּלאַן איז נישט געשאַפן געוואָרן, ווייל —

קיין אויסגאַנג איז נישטאָ. עס קומט אויס, אַז וואָס עס איז נישטאָ. קען נישט זיין. וואָרעם ווען נישט וואָלט עס דאָך געבאָרן געוואָרן. דאָס איז אָבער אין גרונט נישט ריכטיק. אויב יאָ אַזוי, טאָ צו וואָס דאָס טראַכטן, זוכן? — אין כל חדש, און א סוף. דער נישט לאָגישער געדאַנק קומט פון א פּסיכאָלאָגישן גרייז — דר' זילבער־פאַרב פּראָיעצירט זיין סוביעקטיוון צושטאַנד אין די אָביעקטיווע פאַרהעלטענישן און במילא קומט ביי אים אַרויס אָנשטאָט „איך וויים נישט קיין אויסוועג" — „קיין אויסוועג איז נישטאָ".

אין דער אמתן איז דער אויסוועג נישט געפונען געוואָרן בלויז דערפאר, ווייל עס איז נישט געווען דער שטאַרקער ווילן אים צו געפינען, אים צו שאַפן... עס קען אויסקומען משונהדיק: א פאָלק מאַטערט זיך, בלוטיקט און וויטאָקט, די אינטעליגענץ ווערט פאַר־מאַטערט טראַכטנדיק און שרייענדיק פון וויטאָק, און מיט א מאָל קומט א מענטש און זאָגט, אז עס איז נישט געווען קיין ווילן צו געפינען אן אויסוועג... יאָ, עס איז משונדיק, אָבער ליידער נישט מער ווי א פאַקט. ווען עס וואָלט געווען אָט דער שטאַרקער ווילן צו לעבן, צו בויען, ווען עס וואָלט געווען דער באַוווסטזיין, אז מען דאַרף, מען מוז אויפבויען דאָס קאָלעקטיוו לעבן, וואָלט די פראָ־גראַם שוין לאַנג געווען און עס וואָלט געקעמפט געוואָרן פאַר איר דורכפירונג. כ׳מיין — עס טרעפן זיך דאָך מענטשן, וואָס פאַר־לירן דעם ווילן צו לעבן און דעם גלויבן אין אים.

און פאַרלאָרן האָט די אינטעליגענץ דעם ווילן צו בויען דאָס לעבן מיטן אויפקום פון דער השכלה און עמאַנציפּאַציע. עס איז דע־מאָלט פאַרלאָרן געגאַנגען דער גלויבן אין אייגענעם קאָלעקטיוו, דער קאָלעקטיווער „איך”־געפיל איז אויסגערונען, א שרעקלעכער מינ־דערווערטיק־קאָמפּלעקס האָט באַהערשט אלע די, וואָס זיינען אראָפּ פון אלטן טראַדיציאָנעלן פונדאַמענט. און פון דעמאָלט אָן קוקט די יידישע אינטעליגענץ אויף אלץ דורך פרעמדע ברילן, דענקט לויט פרעמדע מוסטערן און קען גיין בלויז אין וועגן אויסגעטראָטענע דורך אנדערע.

צי עס איז אסימילאַציע, צי נאָכמאַכונג באַוווסטזיניקע און נאָך מער — אומבאַוווסטזיניקע — דאָס איז דאָ אלץ איינס. עס פעלט די אכטונג צו זיך אליין, דער מוט עפּעס צו זאָגן אזוינס, וואָס עס איז נאָך דורך אנדערע נישט געזאָגט געוואָרן. דרייענדיק זיך אין וויטאָק און פּיין, ווערט דאָך געלייגט די הויפּט־אכט אויף דעם, מען זאָל חלילה נישט אָפּשטיין פון דער „וועלט”, נישט צופיל קאָנצענ־טרירן די אייגענע און פרעמדע אויפמערקזאַמקייט אויף די אייגענע „ווינציקייט”.

וואָלטן מיר געהאַט אַ מאַנאָליטע, קאָנצענטרירטע פאָלקס־מאַסע, וואָלט אַזאַ מין באַוועגונג ארויסגעוואַקסן סטיכיש, נישט פון דער אינטעליגענץ נאָר פון אָט דער מאַסע גופא, איז אָבער ביי אונדז דאָס פאָלק מחמת אַ סך סיבות צופיל אינדיווידואַליזירט, נעגליכן צו אַן איבערגעהיצטן דאַמף, וואָס די מאָלעקולן זיינע האָבן פאַרלאָרן זייער קעגנזייטיקן צוזאַמענבונד.

און בכן איז די פראַגע ווי אַזוי צו לייזן די יידן פּראָבלעם נישט בלויז אַ פּאָליטישע, אַן עקאָנאָמישע, נייערט אויך אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע. די מאָדערנע פיזיאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע (אויך מעדיצין) ווייסן איצט אָפּצושאַצן די גרויסע ראָלע פון זעלבסטגעפיל, פון שטימונג און אויטאָסוגעסטיע פאַר דעם וווילשטאַנד פון אָרגאַניזם. „ביי אַ געזונטער נשמה איז אויך דער גוף געזונט" — אַזוי מאָדיפיצירט איינער אַ פילאָזאָף דאָס אַלטע באַקאַנטע רוימישע ווערטל, און אַ פאָלק איז ווי אַ יחיד.

געפינענדיק אַן אויסוועג פון אונדזער היינטיקן טעמפּן ווינקל וועלן נישט קענען קיינמאָל די אַלע יענע שיכטן און קרייזן, וואָס זיינען אויפגעגעסן פון אָט דער מאָדערנער יידישער קרענק, פון דעם מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס. אַז עס איז נישטאָ קיין גייסטיקע כוחות זיך אַליין אָוועקצושטעלן אין צענטער פון אייגענעם וועלט־באַנעם, טאָ ווי זאָל מען עס נעמען כוח און מוט צו שאַפן אַזאַ אייגענעם וועלט־באַנעם. און אויב מיר שטייען היינט אין מיטן ברויזיקן וועלט־ים אָן אַ ריכטונג און אָן אויסוועג איז עס ווייל מיר געפינען זיך אין אַ פאַרכישופטן קרייז: פון איין זייט האָבן אונדזערע לעבנס־באַדינגונגען געשאַפן ביי אונדז אַ קראַנקע פּסיכיק, און פון דער אַנדער זייט, אָט די קראַנקע פּסיכיק לאָזט אונדז נישט ענדערן די לעבנס־באַדינגונגען. און איצט שטייען מיר פאַר דער שווערער אויפגאַבע ארויסצושפּרינגען פון זיך אַליין.

כדי זיך קלאָר צו מאַכן די ריכטונגען, וואָס אין זיי דאַרף גיין די יידישע איינאָרדענונגס־אַרבעט, מוז מען צוערשט זיך שאַפן אַ פאָרשטעלונג ווי עס דאַרף אויסזען דאָס איינגעאָרדנטע וועלט־יידנטום.

מען דאַרף וויסן דעם לעצטן פּונקט, כדי צו געפינען דעם וועג צו אים.

מיר האַלטן בפירוש נישט פון אַ וואַסער עס איז טעריטאָריאַ־ליסטישער גאולה. עס איז, לויט אונדזער מיינונג, נישט מער ווי אַ נאַיווער גלויבן, אַז מען וועט קענען ווען עס איז אַריבערטראָגן גרע־סערע יידישע קיבוצים ערגעץ אין איין אָרט. דאָס וואָס מיר האָבן פריער געשריבן וועגן ציוניזם איז פיל מאָל גילטיקער פאַר אַלע אַנדערע טעריטאָריאַלע אויסלייז־פּלענער. און אויב דער ציוניזם איז נישט קיין אויסלייז, על אחת כמה וכמה וועט עס נישט קענען זיין קיין שום אַנדער טעריטאָריע. דער טעריטאָריאַליזם איז לגמרי אַ נישט רעאַלער, לאַגיש־דורכגעטראַכטער פּלאַן. ער איז אַ סך מער אַ רע־זולטאַט פון אונדזער אַלט יידישער „אַנטלויף־פּסיכיק": אַז מען שלאָגט אין איין לאַנד, הייבן מיר זיך אויף און לויפן ערגעץ אַנ־דערשוווּ. בעת מען לויפט פון אַ שרפה, מאַכט מען נישט קיין חשבו־נות, אָבער שאַפן אַזאַ מין לויף־אידעאָלאָגיע — דאָס איז שוין גאָר נישט אויסגעהאַלטן.

און ווידער איז אונדזער פּערספּעקטיוו איבער דער וועלט לגמרי נישט די צרה וואָס פון איר דאַרפן מיר זיך אויסלייזן. פאַרקערט, איז אָט די „צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט" געווען, איז און בלייבט אונ־דזער גרעסטער גליק אין לעבן. אויב מיר זאָלן נישט זוכן קיין מע־טאַפיזישע איראַציאָנעלע כוחות, וואָס זאָלן האָבן אונדז נעגעבן כו־חות צו לעבן טויזנטער ביטערע, בלוטיקע יאָרן, איז דאָס די פאַר־שפּרייטקייט געווען דער פאַקטאָר, וואָס האָט אונדז איינגעהאַלטן און אויפגעהאַלטן. עס איז באַקאַנט אַן אַלט ווערטל פון די תלמודיסטן: „צדקה עשה להם הקב"ה שפיזרם לבין האומות" ס'הייסט: אַ גליק איז זיי געשען, וואָס גאָט האָט זיי צעשפּרייט. מערקווירדיק איז דאָס, וואָס יענע יידן האָבן עס פאַרשטאַנען בעסער איידער די היינטיקע. מיר פאַרשפּאָרן זיך צו גריבלען ווייט אין דער געשיכטע, כדי דאָס צו זען. גענוג אַ טראַכט צו טאָן וואָס וואָלט געוואָרן פון יידן, ווען נישט דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ בעת און נאָך דער וועלט־

מלחמה. בכן איז די פּראָבלעם לגמרי נישט אין דעם טראַדיציאָנעלן „וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ". במילא איז שוין אויך דער טעריטאָריאַליזם נישט די לייזונג פון דער יידן פּראָבלעם.

פון דעם טאָר נישט זיין געדרונגען, אַז אַ וואָסער עס איז טע־ריטאָריע קען נישט זיין צו הילף דער אַלגעמיינער לייזונג. פאַרקערט שטעלן מיר זיך פאָר, אַז טעריטאָריעס, בפירוש טעריטאָריעס, נישט איין טעריטאָריע, מיט קאָנצענטרירטע יידישע קיבוצים, מיט ברייטע־רע אָדער שמעלערע אויטאָנאָמע־פּאַרוואַלטונגען קענען זייער פיל צו־שטייער געבן דעם גאַנצן פאָלק, אָבער במה דברים אמורים — ווען די טעריטאָריעס וועלן געבויט ווערן לכתחילה ווי טיילן פון אַ גאַנצן בנין, ווי איינציקע זיילן און נישט ווי עפּעס אַזוינס, וואָס קומט צו פאַרבייטן דאָס גאַנצע.

ביי אַזאַ צוגאַנג וואָלטן די אויפגעבויטע טעריטאָריעס געקאָנט דינען פאַר מוסטערן ווי אַ נאָרמאַלער יידישער קיבוץ דאַרף געבויט ווערן אויך פאַר די נישט טעריטאָריעלע קיבוצים, וואָס וועלן תמיד בלייבן, וויפל טעריטאָריעס מיר זאָלן נישט אויסבויען. די טעריטאָ־ריעס וואָלטן אויך געווען די צענטרען נישט נאָר פאַר קולטור, נאָר אויך פאַר אַ סך סאָציאַל־פּאָליטישע געביטן. אַ פאַרבאַנד פון אַזוינע אויטאָנאָמע יידישע טעריטאָריעס וואָלט געקענט מיט זיך פאָרשטעלן אַ קענטיקן כוח ווי אינערלעך אַזוי אויך אויסערלעך. אַזוינע טערי־טאָריעס וואָלטן אין אַ גרויסער מאָס געקענט לייזן די עמיגראַציע־נויטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף דער וועלט. מיר וואָלטן שוין איצט אָן גרעסערע אָנשטרענגונגען געקענט אָנהייבן צו שאַפן אויסער ארץ־ישראל און ביראָ־בידזשאַן, וואָס יעטווידער פון זיי פּרעטענדירט אויף מאָנאָפּאָליום, אויך אין אַרגענטינע, אויף די יק"אישע ערד־פאָנדן און אפשר אויך ערגעץ אין די מעריב־שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, ווי אויך אין אויסטראַליע אָדער אַנדערשוואו. דאָס וואָלט מען געקענט, ווען... נאָר וועגן דעם שפּעטער.

דאָס איז איין טייל פון דער אויפגאַבע, וואָס דאַרף רעגולירן און שפּעריש ווענדן אין ריכטיקע געלעגערס די עמיגראַציע־שטראָמען,

וואָס וועלן ביי יידן זיין תמיד. די אַזוי־צו־זאָגן „ווילדע" עמיגראַציע האָט געקענט עקסיסטירן פאַר דער מלחמה אין די ליבעראַלע צייטן פון „פאַרן מבול". דעמאָלסט האָט זי געקענט נישט לייזנדיק די פּראָבלעם דאָך געקענט שאַפן גרעסערע קיבוצים מיט א זיכערן היינט און ווער ווייסט א ווי לאַנגן מאָרגן. איצט אָבער אַז א וועלט האָט זיך צעריסן, צעבראָקלט און זיך פאַררינגלט און פאַרשלאָסן מיט זיבן און זיבעציק שלעסער, צעאַקערט מיט גרענעצן, אָנגעשנאָבלט זיך קעגן אַנאַנד ווי העגער, פון שאָוויניזם צערייצט, — איצט איז די ווילדע, נישט אָרגאַניזירטע עמיגראַציע אפילו נישט בכוח צו דינען פאַר א דאַמף־קלאַפּע, וואָס זאָל כאָטש עטוואָס קענען אָפּשוואַכן דעם פּאַרציאַלן דרוק אין די קעסלען פון די אַלטע יידישע ישובים. אויך איצט איז די סטיכישע אויפבויונג פון דעם יידישן קיבוץ אין אמע־ ריקע דורך דער ווילדער עמיגראַציע באַגאַנגען עטלעכע פּאַטאַלע קאָ־ לאָניזיר־פעלערן, וואָס רופן זיך שוין זייער שווער אָפּ אויף דעם יידישן ישוב אין אמעריקע.

דער היינטיקער „גלות־פּעסימיסט" יעקב לעשצינסקי, האָט אונדז אין זיין גלות־אָפּטימיסטישער תקופה געלערנט זיך צו פרייען, וואָס די יידישע באַפעלקערונג אין דער וועלט קאָנצענטרירט זיך אין די גרעסערע שטעט און זי „לאַבאָריזירט" זיך. ער האָט אָבער דעמאָלט געמאַכט נישט קיין קלענערן פעלער, ווי איצט. ער האָט פּשוט נישט גענומען אין אכט, אַז אָט די לאַבאָריזיטע קאָנצענטראַציע איז ווידער אמאָל אָן א געזונטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן פונדאַמענט, אַז די גאַנצע קאָנצענטראַציע איז בלויז א לאָקאַליזאַציע אין שטח אָבער נישט סאָציאַל. נישט עקאָנאָמיש ווערן די כלומרשט קאָנצענטרירטע סכור־ מים יידן קאָנצענטרירט, אומאָפּהענגיק, נישט זיי שאַפן גאַנצע גע־ ביטן פאַרן סאָציאַלן קרייז־לויף פון פּראָדוקציע און פאַרברויך, ניי־ ערט עס איז די זעלביקע קאַסרילעווקע נאָר א גרעסערע. היות כפי דער גוישער יעהופּיץ איז זיך צעוואַקסן ביז א ניו־יאָרק און לאָנ־ דאָן, האָט זיך אונדזער קאַסרילעווקע צעוואַקסן ביז צו א ווייטשעפּל און א בראָנזוויל. די עצם פאַרהעלטעניש פון יידן, ווי א פּאַרמיט־

לער־ און באַדינער־עלעמענט פאַר דער אָרומיקער נישט ייִדישער באַ־פעלקערונג איז געבליבן ווי געווען.

ווען די עמיגראַציע וואָלט געווען אָרגאַניזירט לכתחילה מיט פּאָרויסזעעוודיקע פּלענער, וואָלט דאָס איצט ביי אונדז אַ סך אַנדערש אויסגעזען.

בכן די עמיגראַציע מוז פאַרבונדן ווערן מיט אַ ווייטזעעוודיקער איינאָרדענונג אין די אימיגראַציע־ערטער. איינגעאָרדנט מיט אַזאַ פּלאַן, עס זאָל זיך מיט דער צייט קענען שאַפן באמת סאָציאַל קאָנ־צענטרירטע ייִדישע ישובים, קיבוצים וואָס זאָלן סאָציאַל־עקאָנאָמיש נישט באַדינען די פּראָדוצירער, נאָר אַליין פּראָדוצירן אויך.

פאַר אַזאַ איינאָרדנונג פּאַסן זיך נישט בלויז ספּעציעל־ייִדישע טעריטאָריעס; עס קען להיפּוך אָנגיין אַזאַ אַרבעט אין די עקזיסטירנ־דיקע קיבוצים גופא. מיר ריידן דאָ וועגן דער אַזוי גערופענער „אי־בערשיכטונג" פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. עס הייסט, מיר מוזן איבערוואַרפן גרעסערע קאָנטינגענטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון האַנדל, פון קליין־מלאכה, פון ליבעראַלע פּראָפעסיעס אויף פּראָ־דוקטיווע אַרבעט, אין דער ערשטער ריי אויף דעם וויכטיקסטן באַזיס פון קיום — אויף לאַנדווירטשאַפט, וועגן דער לעצטער אויפגאַבע ווערט איצט פיל גערעדט אי אין פּוילן, אין אין דייטשלאַנד און דער עיקר אין אַמעריקע. צוליב דעם ביוראָקראַטיזם פון דער ייק״אַ ווערן ליידער און ליידער לגמרי נישט אויסגענוצט די גראַנדיעזע ערד־שטחים פון דער „ייק״אָ אין אַרגענטינע און אין בראַזיל. דאָ נישט לאַנג האָבן מיר מיט פרייד געלייענט אַן אויפרוף פון אַמעריקאַנער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און פּערזאָנען וועגן שאַפן ייִדישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע גופא. מיר זאָגן „מיט פרייד" ווייל מען וואָלט גע־קענט אין דעם איינזען אַן „אתחלתא דגאולה", אַן אָנהייב פון אַזאַ איבערשיכטונג־אַרבעט. מען מוז אָבער נעמען דאָ אין אכט, אַז אין אויפרוף פעלט אַ קלאָרער אויסבליק אויף דעם, צו וואָס די קאָלאָ־ניעס דאַרפן ברענגען.

אין פלוג גענומען איז עס נישט אַזוי וויכטיק. עס קען זיך אויס־

דוכטן, אז וויכטיק איז דאָך די ארבעט, נישט דער „לשם יחוד״. אָבער פאר אונדזער יידישער פּסיכאָלאָגיע איז עס לגמרי נישט פּאַסיק. מיר זיינען ווייט נישט קיין רעאַלע מענטשן, מיר קענען נישט טאָן קיין רעאַלע מעשים סיידן מען הייסט אונדז אָדער מיר אליין ליגן אין דעם אריין גרויסע כוונות... אז א ייד טרינקט וויין, איז עס נישט סתם, ווייל ער וויל פריילעך זיין, נאָר עס זיינען כוסות זכר ליציאת מצרים, אז ער עסט פיש, איז עס בשר ודגים פאר דער נשמה יתירה לכבוד שבת, אז א ייד אין ביראָ־בידזשאַן האָדעוועט חזירים איז עס ווידער מיט א „לשם יחוד״ אויפבויבויען דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד. און אזוי בסדר אומעטום און אלעמאָל. מיר איז אויסגעקומען צו ריידן מיט יידישע פארמערס אין די פאַרייניקטע שטאַטן. כמעט אומעטום הערט איר אָדער בפירוש אָדער פארשטעלט אזא מין טענה: „נו, שוין, איך בין נישט קיין קרעמער, אָבער וואָס ווייטער? פון מיינע הינער וועט דאָך משיח נאָך נישט קומען...״ יאָ, א ייד קען ארבעטן אָדער פאָרן טיוול ווי ברכה, מאָטל פּייסי דעם חזנס שוועגערן (שלום עליכם), וואָס גיט זיך א קלאָפּ איבער דער קעשענע „גאָט? — אָט איז גאָט״; אָדער פאר גאָט. אזוי ווי דער ערשטער מין קען נישט גענומען ווערן אין אכט ווי א שעפּערישער עלעמענט, מוזן מיר צום צווייטן אַפּלירן מיט ווייטערע און ברייטערע אידעאַלן. א נישט, פארלירט דער ייד זיין ארבעטסלוסט און ער גיט זיך אונטער דער אינערץ פון דער טראַדיציע. מהאי טעמאָ וועט א יידישער בחור ערגעץ אין שניפּישאָק מיט פרייד גיין האַקן האָלץ האָבנדיק אין זינען ארץ־ישראל אָדער ביראָ־בידזשאַן און וועט עס נישט טאָן סתם פאר זיך אליין, אויסצובויען זיין קליינעם פּריוואַטן לעבן. ווילט איר, איז עס א שטיק מנחם־מענדעליזם, וואָס ליגט אין אונדז אלעמען: מיר קענען טאָן אויף דער ערד עפּעס, ווען מיר פליען אין פאַנטאַזיע אין די הימלען. ווי עס זאָל נישט זיין פון וואַנען אָט דער פּסיכישער שטריך זאָל זיך נישט נעמען, א פאַקט בלייבט ער און רעכענען מוז מען זיך מיט אים. גאַנץ מעגלעך, אז די ארגענטינער קאָלאָניזאַציע האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג אין א

געוויסער מאָס דווקא דערפאַר, ווייל עס האָט דאָרטן געפעלט אָט דער גרויסער ווייטער אידעאַל. און אויב אַזאַ איז לכתחילה יאָ געווען ביי די קאָלאָניסטן, האָט אים די ייק"אַ־אדמיניסטראַציע מיט איר באַרימהאַרציקייט אַרויסגעיאָגט פון די מוחות און הערצער.

אויך אין דעם איצטיקן אַמעריקאַנער אויפרוף פעלט אָט דער כלל־אידעאַל, וואָס אָן אים קען ביי אונדז נישט געטאָן ווערן קיין פּרט־אַרבעט. עס איז אַ גרויסע טאָפּעלע סכנה.

ערשטנס, צי וועט ער לכתחילה ציען מענטשן, צי וועלן די פאַרמעגלעכע יידן געבן די נויטיקע גרויסע הלוואה, וואָס ווערט פּראָקלאַמירט צוליב דעם צוועק, און צי וועלן יידישע יונגע לייט וועלן אוועקוואַרפן די שטאָט, כאָטש זיי זיינען דאָרטן אַרבעטסלאָז און גיין בויען דערפער. אמת, עס רעדט זיך אין אויפרוף וועגן קאָלעקטיווע דערפער. עס איז אַ העכערע מדרגה. עס זיינען פאַראַן שיינע ביישפּילן פון אַזוינע קאָלעקטיווע לאַנדווירטשאַפטן אין ארץ־ישראל און אין רוסלאַנד, אָבער דאָרטן ווערט עס דאָך געמאַכט לשם אַן אַלגעמיינעם אידעאַל און דאָ, אין אַמעריקע איז ער דערווייל נישט פאָרמולירט געוואָרן. צווייטנס, אפילו ווען דער פּלאַן זאָל זיך איינגעבן, ווען ווי די הלוואה, אַזוי אויך דאָס עצם גרינדן די קאָלאָניעס זאָלן דורכגעפירט ווערן, קומט די צווייטע סכנה: ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, ביי דער ערשטער פאַרבעסערטער קאָניוקטור אין שטאָט וועט אַ גרויסער טייל פון די באַזעצטע קאָלאָניסטן אַנטלויפן צוריק אין שטאָט, לאָזנדיק אויף הפקר די קאָלאָניעס מיט די אַריינגעלייגטע אין זיי אַרבעט, מיטלען און דער עיקר — כוונות. אין אויפרוף רעדט זיך בפירוש וועגן קאָלאָניזירן סתם אַרבעטסלאָזע. די קאָלאָניעס וועלן געוויס די ערשטע צייטן זיין שווער, מאַטערנדיק, אָן באַקוועמלעכקייטן און אָן צוציונגס־פעיקייטן. און סתם מענטשן, יידן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַזאַ גרינג־באַוועגלעכן עלעמענט, וועלן נישט בלייבן דאָרטן, ווען עס וועט זיין גרינגערע מעגלעכקייטן צו לעבן אין שטאָט מיט די אַלטע פּרנסות. אַזוי אַרום קען דער פּלאַן, אפילו ביי אַ געלונגענעם אָנהייב שפּעטער ליידן אַ דורכפאַל, באַגראָבנדיק די עצם

אידעע אויף לאַנגע יאָרן ביז מען וועט דעם דורכפאַל פאַרגעסן. נאָר אַנדערש וועט עס אויסזען, ווען מען טרעט צו צו דער ארבעט מיט אן אַלגעמיינער גרויסער נאַציאָנאַל-מענטשלעכער אידעע און אין איר נאָמען וועלן נישט סתם געזאַמלט מענטשן, נאָר אַפּגעקליבן אי-דעיש דורכגעדרונגענע און ווילִיקע וואָלאָנטיאָרן, פּיאָנערן. דעמאָלט איז דער רעזולטאַט פון דער פּראַקטישער ארבעט געזיכערט.

:: :: ::

מיר קענען אָט דעם אידעאַל פון דער קינפטיקער איינאָרדענונג פון יידישן פאָלק פאָרמולירן אין די עטלעכע פונקטן, וואָס קומען ווייטער.

ערשטנס, מיר דאַרפן בלייבן א וועלטפאָלק, א קאָסמאָפּאָליטי-שער, א „פּאָליצענטרישער", וואָלט איך געזאָגט. מיר מוזן איבער-רייסן מיט דער פאַרעלטערטער פאָרמולע „פאָלק און לאַנד", וואָס מאַכט קראַנק די מענטשהייט פון דער גאָרער וועלט ביי היינטיקן טאָג. פונקט אזוי ווי פאַרצייטן זיינען דאָס געווען יידן, וואָס האָבן דעם נאַציאָנאַלן, טעריטאָריאַלן גאָט פאַרביטן אויף א אוניווערסאַלן, פונקט אזוי מוזן מיר איצט אויך באַפרייען זיך (און אַנדערע אויך!) פון דעם באַגריף פון נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס. מיר מוזן עס נישט לשם מצווה סתם אזוי, נאָר ווייל יעטווידער אַנדער באַגריף פירט אונדז אין א זומפּ צוריק. עס הייסט נישט, אז מיר וועלן דאָ זיין אַן אוניקום-פאָלק. לגמרי נישט. אפילו די אזוי גערופענע טעריטאָריעלע פעלקער וועלן גאָר גיך זיין געצוווּנגען צו קומען צו דעם געדאַנק. איינס פון די צוויי: אָדער די מענטשהייט וועט זיך אויסקוילענען און אויססמען אין א משוגענעם מבול פון פייער און גיפטן, אָדער זי וועט מוזן סוף כל סוף אָפּוואַרפן די טעריטאָריעלע פּרינציפּן פון נאַציאָ-נאַלן לעבן. מיר זיינען עס אָבער מחויב שוין איצט אָנצוהויבן. עס הייסט, מיר האָבן עס שוין לאַנג געדאַרפט. נאָר אונדזער שאַבלאָן-מעסיקער דענקען האָט אונדז נישט געלאָזט קומען צו דעם פשוטן אמת.

מיר מוזן קעמפן פאַר אן איינאָרדענונג אויף די ערטער. מיר מוזן

אונדזערע קיבוצים צופּאַסן צו אַט דער לעבנס־פאָרמע. די אויפגאַבע איז א דרײַיאיקע. צוערשט קומט די עקאָנאָמישע איבערשיכטונג, ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן פריער. דאָס וועט אונדז מאַכן ווײַניקער אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן פון דער ארומיקער באַפעלקערונג.

פון דער צווייטער זײַט וועט מוזן פארשטאַרקט ווערן דער פּאָליטישער, סאָציאַל־קולטורעלער צוזאַמענבונד צווישן די פאַרשיידענע יידישע קיבוצים. אנדערש געזאָגט: יידן דאַרפן פאַרשטעלן מיט זיך א יורידיש פולבארעכטיקטע נאַציע, וואָס דאַרף אַרײַנגיין אין דער פעלקער ־ משפּחה ווי אַזאַ, נישט ווי א לאַנד. אין יעטווידער לאַנד, וווּ עס זײַנען דאָ גרעסערע קיבוצים, ווערן זיי יורידיש אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע בירגער. די באַזונדערקייט דאַרף זיך אויסדריקן אין דעם, וואָס זיי דאַרפן זײַן אָרגאַניזירט אין סעפּעראַטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע קערפּערשאַפטן מיט אויטאָנאָמע רעכט, און ווי אַזאַ אויטאָנאָמע קערפּערשאַפט דאַרפן זיי געהערן צו דעם אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד פון יידישע קיבוצים. אָט דער פאַרבאַנד שטעלט מיט זיך פאָר די אָנפירונג, די רעגירונג, לאָמיר זאָגן, פון דעם וועלט־יידנטום. ער טרעט אַרויס אין זײַן נאָמען, ער אָרגאַניזירט דעם סחורה־אויסטויש פון די יידישע קיבוצים, די עמיגראַציע־פּראָבלעמען צווישן די פאַרשיידענע קיצובים, ער פירט אָן מיט דער קולטור פון אַלע קיבוצים. ענלעך צו דעם ווי א פעדעראַטיווער מלוכה־אָרגאַן פירט אָן מיט די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון פעדערירטע צווישן זיך שטאַטן אָדער קאַנטאָנען.

די באַציונגען צווישן די יידישע קיבוצים און די מלוכות, ווו די קיבוצים געפינען זיך, וועלן מוזן רעגולירט ווערן דורך ספּעציעלע אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן. אַזוי אויך די שטייער־ און דיסציפּלין־פּראָבלעמען אין די קיבוצים גופא.

:: :: ::

מען וועט זאָגן, אַז עס שמעקט מיט דער אַלטער געטאָ. מיר האָבן זיך קוים אַרויסגעריסן פון געטאָ און איצט בויט מען צוריק פּלענער פון א מאָדערנער געטאָ. אין אָט דער טענה וועט אָבער זײַן מער

מורא פאַר „שרעקעוודיקע" ווערטער אייִדער ערנסטער אינהאַלט. אין אונדזער היינטיקער צייט פון איבערפלעכלעכקייט ווען די טאָג־צייטונג האָט פאַרביטן דעם „דיקן זשורנאַל", קען אַ וואָרט אפילו אַ בּוסטער איבערשרעקן מענטשן. מען אַפּעלירט איצט, איבערהויפּט ביי אונדז יידן, בכלל מערער מיט טראַפּאַרעט־ווערטער אייִדער מיט געדאַנקען און אידעען. ווען מיר זיך אָבער אריינטראַכטן עטוואָס טיפער, וועלן מיר זען, אַז ערשטנס איז גאָר די גטאָ נישט געווען אַזאַ „סטראַשידלע", ווי די עמאַנסיפּאַציע־גיריקע דורות האָבן זיך עס פאַרגעשטעלט און אונדז איינגעוויינט צו מיינען. אין דער אמתן איז די געטאָ געווען גאָרנישט פיל ערגער פאַר דער בלומרשטער גלייכבאַרעכטיקונג, בכל־אופן איז דער ייד אין געטאָ געווען נישט אין פאַרגלייך גאַנצער, פּסיכיש־געזינטער אייִדער דער עמאַנציפּירטער. און שוין גאָר און גאָר נישט נידעריקער קולטורעל אייִדער די אויסערגעטאָדיקע געזעלשאַפט אין יענער צייט.

און ווידער ריידן מיר דאָ פון עפּעס אַנדערש. ראשית ריידן מיר פון אַן עקאָנאָמישער עמאַנציפּירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס דאַרף דערגרייכט ווערן דורך דער אַגראַריזאַציע פון ווי ווייט מעגלעך גרעסערע קאָנטינגענטן יידן ווו נאָר דאָס וועט זיך לאָזן. דאָס איז שוין עטוואָס אַנדערש. צווייטנס דאַרף דער רעכטלעכער פאַרבאַנד פון אַלע יידישע קיבוצים שאַפן אַזאַ אָרגאַן, וואָס די געטאָ האָט עס קיינמאָל נישט פאַרמאָגט.

בכלל איז דער עצם אידעאַל וועגן אַנטלויפן פון געטאָ אין תוך אַריין געווען בלויז אַ סובלימירטע, אַ פאַרשטעלטע פאָרמע פון אַ צווייטן אידעאַל, אַ גרעבערן, אַזאַ „וואָס מען רעדט נישט פון אים". און זיין ריכטיקער נאָמען איז אַנטלויפן פון יידן. דאָס איז בלויז אַ שענערער נאָמען פאַר אַ מיאוסערן אינהאַלט, וואָס דער אייגענער געוויסן האָט געוואָלט באַהאַלטן. און בעצם אויב מיר ווילן בלייבן יידן, דעמאָלט דאַרפן מיר ריידן נישט וועגן אַנטלויפן פון געטאָ, נאָר וועגן פאַרבעסערן די עצם געטאָ, אויסמענטשלען זי, פאַרפעסטיקן זי און פאַרשטאַרקן איר כוח.

א. גאָראָמב

:: :: ::

מען וועט זיכער לאַכן פון דעם כוח, וואָס אַזאַ „אַנאָנימע יידישע מלוכה" קען האָבן. און כּידוע זיינען דאָך אין היינטיקע צייטן רעכט־שמעכט ווערט א שמעק טאַבאַק, דער עיקר איז דער כוח. — געוויס איז כוח זייער וויכטיק, אָבער — און אין „אייגענע" טעריטאָריע, אפילו נישט אונטער א מאַנדאַט, איז שוין יאָ א כוח? קיינער פון די עקזיסטירנדיקע יידישע אידעאַלן גיט דאָך אונדז נישט אַזאַ מער וויניק וואָגיקן כוח.

און איידער דער „כוח", וואָס א יידישע טעריטאָריע קאָן פאַרמאָגן מ'שטיינס געזאָגט, איז שוין אָן ספק פיל בעסער דער מאָראַלישער כוח פון א וועלט־פאָלק, וואָס איז ווי געהעריק יורידיש אָרגאַניזירט. און בפרט ווען מען זאָל נעמען אין אכט, אַז סוף־כל־סוף וועט דאָך דער מיליטערישער כוח, דווקא ווייל ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צעוואָקסן און דראָט מיט אַזוינע אומענדלעכע חורבונות, מוזן ביסלעכווייז אראָפּגיין פון דער ארענע און פאַרביטן ווערן מיט אן אנדער כוח, מיט אן אנדער קאַמפּס־פאָרם, וואַרשיינלעך פון עקאָנאָמישן כאַראַקטער. דעמאָלט וואָלט אַזאַ נאַציאָנאַלער וועלט־פאַרבאַנד שוין יאָ געקאָנט זיין א גאַנץ שטאַרקער כוח.

אַזאַ אוניווערסאַלע איינאָרדענונג פון יידישן פאָלק, וואָס זאָל ארומנעמען:

א) איבערשיכטונג אין די עקסיסטירנדיקע קיבוצים,

ב) עמי־ און אימיגראַציע צווישן די קיבוצים,

ג) שאַפונג פון נייע קיבוצים אויף טעריטאָריעלע יסודות, — אַזאַ איינאָרדענונג פאָדערט גראַנדיעזע אָנשטרענגונגען. ראשית־כל רעכט, יורידישע אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס און מאַטעריעלע הילף אין פאָרם, פון לאָמיר זאָגן, אן אינטערנאַציאָנאַלער הלוואה.

די יידישע פראַגע איז שוין געוואָרן אן אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעם סיי ווי. די צרה איז נאָר, וואָס אויף דעם דאָזיקן פאָרום האָט זי נעשטעלט — היטלער און נישט מיר אליין. אָבער בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל נישט. מיר אליין מוזן די פראַגע שטעלן און

נישט נאָר די פראגע,—מיר מוזן אויך אָנווייזן די געוואונטשענע ריכטונגען פון דער לייזונג, מיר מוזן שאפן די פּראָיעקטן און פּלענער. עס וועט אויסקומען לאנג און הארטנעקיק צו קעמפן דערפאר ווי אויף דעם אויסערלעכן פראָנט אזוי אויך אינעווייניק אין די ראמען פון יידישן פאָלק גופא. אויסערלעך דערפאר, ווייל עס איז זייער גרינג אָפּצוקומען דעם ענין יידן מיט א פיינעם ליבע־שמייכל פארן ציוניזם, וואָס דארף ריכטיק אויסגעטייטשט ווערן: מיר האָבן אייך גערן פון ווייטן, גייט אייך, לויפט אייך קיין ארץ־ישראל אבי מיר זאָלן פון אייך פּטור ווערן... א סך שווערער וועט אויסקומען אויסצוקעמפן אזא יידן־איינאָרדענונג, ווי מיר שטעלן זיך דאָ פאָר. נאָך שווערער וועט דער קאמף זיין אויף דעם אינעווייניקסטן פראָנט, צווישן יידן גופא. דאָ וועלן אונדז זיך שטעלן אנטקעגן עטלעכע פּסיכאָלאָגישע מניעות, וואָס שטאמען אין גרונט פון איין כאראקטעראָלאָגישן מקור.

ערשטנס איז דער גאנצער פּלאן אין זיין דאָ געגעבענער פאָרמולירונג א זאך א נייע, ער האָט נישט קיין אפּראָבאציע פון א וואָסער עס איז נישט יידישער פארטיי אָדער פּאָליטישער ריכטונג, און בכן איז ער פאר יידן וואָס זיינען געוויינט זיך צו באציען מיט גרינגשעצונג צו אלץ, וואָס עס שטאמט פון יידן, צו ווייניק איבערצייגנדיק. ווייטער איז דער אידעאל אויבנאויפיק צו פיל עגאָאיסטיש, שאָוויניסטיש און במילא טריף.

מען דארף בכן נישט מיינען, אז אָט ווערט דער אידעאל, פּראָקלאמירט און אָט ווערט ער אויפגענומען פון ברייטע שיכטן, וואָסווארפן זיך אין אידעאישן קאמף פאר זיין דורכפירונג, לגמרי פארקערט. עס וועט נעמען צייט און פיל צייט ביז דער אידעאל וועט אריינדרינגען אין די יידישע מוחות, ביז פעלקער וועלן אויף זייער אייגענער לייב אים באגרייפן און אונדז אונטערשטיצן.

מאסן האָבן ליב א גאָט, וואָס גלאנצט, וואָס מען קען אים לכל הפּחות אָנטאפּן, אזא גאָט, וואָס „רוט אין די נעפּלען", וואָס איז נישט אזוי מגושמדיק, אזא גאָט דארף לענגער קעמפן כדי אריינצודרינגען אין די מוחות און הערצער. און מיר זיינען אין אונדזער

גערדאנק אזוי שטארק קאָנסערוואטיוו, אויסגעהאלטענע אָרטאָדאָקסן פון יעטווידער אָנגענומענער רעליגיע. און ווער? ווער וועט קענען זיך דורכדרינגען מיט דעם נייעם אידעאל פון צווישן די יידישע שיכטן?

פארשטייט זיך, אז נישט די, וואָס זיינען אין שורש פון זייער נשמה מער ענגלענדער, אמעריקאנער, דייטשן, פראנצויזן, פּאָליאקן אָדער רוסן, די וואָס ווילן עס זיין, וואָס זייער יידישקייט איז בלויז א זאך פון אינערץ, וואָס שלעפּט זיך ווי אן אפּענדיקס אָדער די, וואָס זייער יידישקייט איז בלויז א זאך אן אָנגעצווונגענע. יאָ, מיר האָבן איצט זייער פיל „יידן־אנוסים" אין א פארקערטער ריכטונג ס'הייסט, זיי וואָלטן גערן זייער יידישע אָנגעהעריקייט פארלייקנט, נאָר מען קלאפּט נעבעך אין קארק און מען צווינגט צו זיין יידן. די אלע יידן ווערלן לכתחילה אין בעסטן פאל שטיין פון ווייטן. אזוי־נע יידן האָבן מיר ווי צווישן דער בורזשואזיע, אזוי אויך צווישן די יידישע סאָציאליסטן און דווקא אין א גרויסער צאָל. אפשר שפּע־טער, אז די אידעע וועט אָנהייבן זיך איינצובירגערן, צו פארווירק־לעכן, דעמאָלט וועט א טייל פון די קומען, אָבער לכתחילה בשום אופן נישט. וואָרעם — און דאָ קומען מיר צום לעצטן טייל פון פּראָבלעם, אָבער אפשר צום וויכטיקסטן.

אין נאָמען פון וואָס דארף דאָס געקעמפט ווערן פאר דער יידי־שער איינאָרדענונג? יעטווידער פשוטער יחיד טראכט נישט אין זיין פּריוואטן לעבן וועגן כלל, אין זיין טאָג־טעגלעכן אויפפיר האָט ער זיך זיינע פּריוואטע דאגות און כל־זמן ער קען אויסקומען אָן דעם יידישן כלל, צו וואָס זאָל ער זיך נעמען זאָרגן פארן גאנצן פאָלק? איך פאַרשטיי, אז מען שלאָגט יידן, מען טרייבט זיי, דעמאָלט וועקט זיך דער רחמנות־געפיל און עס דערמאָנט זיך דער צובונד צום כלל, אָ־בער בעת עס לעבט זיך ווי עס איז און עס לאָזט זיך לעבן, דעמאָלט איז א סך געזינטער נישט צו גערענקען וועגן כלל. פון דאנען איז נעדרונגען, אז פאר אָט דעם אידעאל קענען קעמפן בלויז די טיילן פון יידישן פאָלק, וואָס פילן זייער יידישקייט אָרגאניש, וואָס זייער

ייִדישקייט איז פאר זיי נישט קיין פארשטויסענער קאָמפּלעקס, נישט קיין אָנגעוואָרפענע צרה.

פון דאנען קומען מיר צו דעם ענגן צוזאמענבונד וואָס עקזיס־טירט צווישן אונדזער סאָציאַל־פּאָליטישער אויסלייזונג אין דער קול־טור־פּראָבלעם. בלויז מענטשן וואָס פארמאָגן א גאנצקייט אין זייער נשמה, וואָס דער גאטירלעכער לבוש פון זייער מענטשלעכער קול־טור איז א ייִדישער.

בלויז אזוינע מענטשן לײַדן נישט פון דעם מינדערווערטיקייט־געפיל, בלויז זיי קענען אויסטראָגן דעם נײַעם אידעאַל ביז ער וועט אריין אין זײַן פארווירקלעכונג־שטעג און וועט ווערן אָנזעעוודיק, באשײַנפערלעך אויך פאר אנדערע. קיינמאָל איז נישט געווען אזוי ריכטיק דער „אם אין תורה — אין קמח” ווי אין אָט דעם אונדזער פאַל. אָט דאָ ליגט עס דער זינען פון אונזער קולטור־קאמף אויף דער ייִדישער גאס. אין איר, אין דער ייִדישער קולטור ליגט עס דער ערשטער קערנדל פון דער גאולה, די אויסלייזונג פון דער אייגענער שפּלקייט און געבראָכנקייט. לײַדער, טראגישער איז דאָס, וואָס אונ־דזער קולטור קאמף האָט אליין נישט דערפירט דעם געדאנק ביז זײַן ענדגילטיקן און לאָגישן סוף. במילא איז אונדזער גאנצע קולטור־אר־בעט, די גאנצע פּראָגראם געווען ווי אן אָנהייב פון א געביידע אָן א סוף. עס קענען נישט געדאכט ווערן באזונדער, אָפּגעריסן איינער פון צווייטן, קולטור און אויפבוי־פּלאַן. איינער אָן דעם צווייטן האָט קיין אחיזה נישט און נישט קיין קיום.

:: :: ::

און אז מען רעדט ביי ייִדן — פון קולטור, מוז מען נאָך ענט־פערן אויף א משונהדיקער פראגע: אנו, זייט אזוי גוט, רב ייִד, וואָ־סער קולטור מיינט איר דאָס; די ייִדישע אָדער די העברעיִשע? — די פראגע האָט אונדז אזוי פיל בלוט אָפּגעקאָסט, אזוי פיל צרות גע־בראכט וואָס אָפּשאצן זיי וועט מען ערשט קענען אין דער צוקונפט און —

איך בין זיכער, אז דער קומענדיקער היסטאָריקער, וואָס וועט

אָט דעם קולטור־קאַמף פאַרשן, וועט קוועטשן מיט די פּלייצעס און וועט נישט פאַרשטיין די גאַנצע קליינקעפּלדיקע טעמפּקייט, אנטשול־דיקט מיר, פון דעם גאַנצן קאַמף. עס זיינען נישטאָ קיין צוויי נשמות — קיין שבתדיקע נשמה יתרה און א וואָכעדיקע. אזוי אויך זיינען נישטאָ ביי אונדז קיין צוויי קולטורן. קולטור דאָס איז דער אויפפיר פון א קיבוץ, זיין וואָך און זיין שבת, זיין שטוב און זיין געזעל־שאפט, זיין גיין און זיין שטיין, זיין אומעט און זיין פרייד. און דאָס שטעלט זיך צונויף פון צוויי קאָמפּאָנענטן: פון זיין היינט און פון זיין נעכטן, וואָס איינער אָן דעם צווייטן איז גאָרנישט, איז אומ־מעגלעך. מיר יידן האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו לעבן, במילא האָט זיך אונדזער קולטור־געוועב קיינמאָל נישט איבערגעריסן. במילא איז אוממעגלעך צו צעטיילן אונדזער קולטור אויף א היינטיקע און א נעכטיקע. איז די גאַנצע פּלוגתא אן אויסגעטראַכטע.

טאָ פון וואַנען נעמט זי זיך אָט די מחלוקת? פון וואַנען די גאַנ־צע פאַרביטערטקייט? כדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע, דאַרף מען זיך דערמאָנען דעם מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, וואָס הערשט אזוי אין דער יידישער פּסיכיק בכל אופן אין גרויסע טיילן פון פאָלק, און דער ענטפער וועט אייך קומען אליין.

אָט דער קאָמפּלעקס טרייבט זיינע טרעגער צו וועלן אַנטלויפן פון פאָלק. איז אוממעגלעך פיזיש, איז כאָטש גייסטיק, קולטורעל... וועט די גוט סיטואירטע בורזשואַזיע, בכלל די וואָס האָבן א מעג־לעכקייט צו לויפן צו פרעמדע קולטורן, וועלן לויפן אהין, די וואָס קאָנען דאָרטן צוליב וועלכע עס איז סיבות נישט אריינגיין, זוכן צו אנטלויפן צום נעכטן, פאַרדאַמנדיק, פאַרשפּייענדיק דעם היינט.

און פון דער צווייטער זייט — דו „שלאָגסט מיין יידיש, שפּיי איך אויף דיין העברעיש", אָט דאָס איז די פּסיכאָלאָגיע פון דעם גאַנצן „קולטור קאַמף". און פון דער פּסיכאָלאָגיע איז שווין צו זען, אז קיין לאָגיק איז דאָ נישטאָ. — ריידן מיר אָבער ערנסט און אָביעקטיוו וועגן א נאָרמאַלער, אמתער יידישער קולטור, מיינען מיר דאָ גאָר

פשוט — די קולטור פון יידישן לעבן מיט אלע עלעמענטן פון איר היינט מיט איר נעכטן צוזאמענגענומען.

דער דאָ פארמולירטער געדאנק וועט לכתחילה, ווי געזאָגט, קענען אָנגענומען ווערן בלויז פון זייער קליינע קרייזן יידן, איבערהויפּט פון די וואָס זיינען גייסטיק גאנצער און פארמאָגן א נאָרמאלן נאַציאָנאלן „איך"-געפיל. אָט די קרייזן זיינען דאָס מחויב אָנצוהייבן פּראָפּאגאנדירן די אידעע טעאָרעטיש און פּראקטיש. טעאָרעטיש מיינט נישט בלויז דירעקטע אויפקלערונג, נאָר בעיקר א קולטורעלע אויסהיילונג פון דער אויבנגעשילדערטער פּסיכישער קראנקייט. פּראקטיש מיינט אָנצוהייבן שוין איצט צו שאפן אין אלע יידישע קיבוצים קעמערלעך, ציגל צו דער צוקונפטיקער געביידע. אָט די קעמערלעך וועלן דאָס דארפן זיין ערשטנס די באשיינפּערלעכע קאָנקרעטיזאציע פון דעם געדאנק פאר אלע, וואָס קענען אים אין זיין אבסטראקטער פאָרעם נישט תופס זיין. צווייטנס אן ערי מקלט פאר אלע די איבערהויפּט יוגנטלעכע אדעפּטן פון דעם געדאנק, וואָס קענען נישט בלייבן מיט א פּאסיוון גלויבן בלויז און מוזן האָבן אקטיוויקייט. דריטנס, מוז יעטווידער געדאנק צוערשט געבויט ווערן, ערשט דעמאָלט קען ער אָנערקענט ווערן. א געדאנק, וואָס האָט זיך נישט אָנגעהויבן צו פארווירקלעכן, קען נישט האָפן אָנערקענט צו ווערן. און פערטנס, דארפן אָט די קעמערלעך, די פּראָדוקטיווע ווינקעלעך, צעזייטע אין אלע ערטער פון יידישע קיבוצים, זיין דער אָרט, ווו אונדזער יוגנט, וואָס שמאכט פון געצוווונגענער לײדיקגייערײ מיט אלע אירע עקאָנאָמישע און פּסיכאָלאָגישע פאָלגן, זאָל קענען געפינען אן אָנווענדונג פאר אירע כוחות, פּראקטישע ארבעט, פּראָדוקטיווקייט מיט א ווייטערן אויסבליק אויף א גרויסער צוקונפט.

צו דעם צוועק דארפן געשאפן ווערן איבערהויפּט קאָלעקטיווע לאנדווירטשאפטלעכע קאָלאָניעס און אפילו לאדנווירטשאפטלעכע „קאָמבינאטן" ווי מען רופט עס אין רוסלאנד. אָבער די אלע פּראקטישע אונטערנעמונגען קענען האָבן א קיום בלויז ווען זיי וועלן גע-

בוים ווערן מיט א קלאָרן אידעישן אויסבליק אויף פאָרויס. דעמאָלט מעגן מיר גלייבן אין דערפאָלג.

מיר ווילן איצט פרווון רעזומירן אונדזערע געדאנקען:

1) קיינע פון די אויסלייזונג־אידעען, וואָס קורסירן ביי אונדז קענען באמת די יידן פראָבלעם נישט פארענטפערן.

2) דער מינדערווערטיקייט־קאָמפלעקס, וואָס באהערשט די יידן פון די עמאנציפאציע־צייטן אָן, האָט עס אומלאָגיש אָבער פסיכאָלאָגיש געפירט צו פאלשע אידעען, וועגן און פראָגראאמען.

3) דער ריכטיקער וועג ליגט אין: א) איינאָרדענען, אויפבויען אן אלוועלטלעכע יידישע רעכטלעכע זעלבסטפארוואלטונג, וואָס דארף נאָרמאליזירן דאָס יידיש לעבן אין אלע פאראנענע קיבוצים, בויען נייע אויף יסודות פון פראָדוקטיווער ארבעט איבערהויפט אגראַריזאציע; ב) שאפן און דורכפירן די יורידישע נאָרמעס, וואָס זאָלן פארפעסטיקן דעם סאָציאלן און קולטורעלן צוזאמענבונד פון יעטווידער יידישן יחיד און קיבוץ מיט דעם אלוועלטלעכן פארבאנד; ג) אויסקעמפן פאר אָט דער אטעריטאָריאַלער נאציאָנאלער אָרגאניזאציע פון א פאָלק א גלייכשטעלונג מיט אלע אנדערע — מלוכישע פעלקער.

4) דער דאָזיקער אידעאַל איז ענג פארבונדן מיט דער שטרעבונג פון קולטור־רענעסאנס. איינער האָט אָן צווייטן קיין שום זינען נישט.

אָן דעם אידעאַל פון א וועלט־פאָלק איז די גאנצע קולטור־ארבעט געגליכן צו א טייך אין מדבר, וואָס שטראָמט און שטראָמט כדי פארלאָרן ווערן אין זאמדן.

אָן דעם גלויבן אין א קולטור־רענעסאנס איז פשוט נישטאָ ווער און נישט פארוואָס און צוליב וואָס צו קעמפן פאר דעם אידעאַל, אפילו ווען מען שלאָגט אונדז נישט אויך.

געשריבן אין 1933.

אַ פֿאָלק וואָס בלאָנדזשעט

מיר, דאָס גאַנצע יידיש פֿאָלק בלאָנדזשען מיר איצט ארום, אַלע — די אינטעליגענטן, די האַלבע און די גאַנצע, דאָס פשוט פֿאָלק, אין אַלע לענדער, אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען — אַלע, אַלע בלאָנדזשען מיר און מיר טאַפּן אין ליכט ווי בלינדע און מיר גייען — איטלעכער אויף אַן אַנדער וועג און קיינער ווייסט נישט וואָסער וועג עס איז דער ריכטיקער.

אזא בלאָנדזשען מיט אָפענע אויגן אין דער ליכט קען זיין אויך ביי א יחיד ביי א געוויסער קראַנקהייט, ווען א מענטש פאַר־לירט זיין זיכרון אויף ערטער. עטוואָס ענלעכס איז קענטיק געשען מיט אונדז — מיט דעם גאַנצן קאָלעקטיוו ווי מיט איטלעכן יחיד באזונדער: מיר געדענקען גאָרנישט, מיר ווייסן גאָרנישט און מיר ווייסן נישט קיין וועגן, מיר ווייסן נישט וווהין און ווייסן נישט ווי אזוי צו גיין. איז פון הינטן יאָגן שונאים, א וועלט מיט שונאים, ארום איז א מדבר און פון פאָרנט איז א ים, — גיי ווייס וואָס צו טאָן, גיי זוך וועגן.

דער זיכרון פון א פֿאָלק איז זיין קאָלעקטיווער שטייגער, זיין געוווינהייט, זיין אומבאַוווּסטזיניקער פיר, דער געירשנטער גאַנג אין לעבן, דער „אַט אַזוי פירט מען זיך ביי יידן", דער זיכרון פון א פֿאָלק איז זיין סטיל אין לעבן, אין עסן, אין איינאָרדענען זיין דירה, אין די שטריכן, זיטן, בגדים, מינהגים אין דעם לשון, און אין דער אינטאָנאַציע, אין דער מימיק — אין אַלץ וואָס מענטשן מוען נישט טראַכטנדיק און אָפּט — אויך נישט וויסנדיק אפילו.

אַט דער גאַנצער סכום אייגנטימלעכקייטן פלעגט אַמאָל טראָגן דעם נאָמען „מאַסן־לעבן”. ריכטיקער וואָלט נאָך געווען צו זאָגן „מאַסיוו לעבן” — דאָס שאַפט פון אַ סך אינדיווידן איין גאַנצקייט, ווי פון איינציקע זעמדעלעך ווערט צונויפגעצעמענטירט אַ שטיין. אין אַ פאָלק איז אַט דער סכום קאָלעקטיווע געוווינהייטן דאָס וואָס צעמענטירט צונויף די יחידים אין אַ קאָלעקטיוו־פאָלק.

מיר האָבן דאָס פאַרלאָרן אין היינטיקן יאָרהונדערט. אַלע מאָל, אין אַלע צייטן זיינען געווען טיילן — קלענערע אָדער גרעסערע— וואָס פלעגן פאַרלירן דאָס יידיש־מאַסיווע אין זיך... די אַלע פלעגן גיין פאַרלאָרן, על פּי רוב, זיך אַסימילירן אין משך פון איינעם אָדער דריי דורות און אָפּגעשניטן ווערן פון יידישן פאָלק. דאָס איז דער היסטאָרישער באַטייט פון דעם וואָרט „כרת” — אָפּגעשניטן ווערן פון יידישן פאָלק. דורך אונדזער גאַנצער געשיכטע האָבן מיר פאַרלאָרן אויף דעם וועג גוואַלדיקע טיילן פון יידן, גראַנדיעזע צאָלן. ווען נישט אַט דער כרת־פאַרלוסט וואָלטן איצטער געווען הונדערטער מיליאָנען יידן אויף דער וועלט.

אָבער אין היינטיקן יאָרהונדערט האָט דאָס גאַנצע פאָלק פאַרלאָרן זיין זיכרון, איך קען זיך נישט דערמאָנען קיין קיבוץ, קיין גרופּע וואָס זאָל לעבן מיטן קאָלעקטיוון זיכרון. און נאָך עפּעס: אַלע מאָל האָבן די גרופּעס אָן מאַסיווער יידישקייט זיך געקאָנט אַסימילירן, אַריינפילטרירן זיך אין אַ צווייטן פאָלק. אין דעם יאָרהונדערט איז אויך אַסימילאַציע געוואָרן אַן אוממיגלעכקייט. גייט אַרום אַ גאַנץ פאָלק ווי אין עולם התוהו, אַ גאַנץ פאָלק אין אַלע לענדער, מיט אַלע זיינע גרופּעס און ריכטונגען בלאָנדזשעט און ווייסט נישט וווהין, צו וואָס, צו ווען. זיינען מיר אַ קאָלעקטיוו, נישט אַסימילירט און נישט אינפילטרירט, אַ באַזונדערער סאָציאַלער אָרגאַניזם, אַ פאָלק וואָס אַלע אַנדערע פעלקער טיילן זיך אָפּ און שיידן זיך אָפּ פון אים. און אַ פאָלק קען נישט לעבן אָן זיין אייגנטימלעכער מאַסיווקייט ווי אַן אָרגאַניזם קען נישט לעבן אָן זיינע אינסטינקטן.

— וואָס איז געוואָרן מיט אונדז?

עס איז געשען א נאָרמאַלע דערשײנונג: אַלע מאָל ווען מיר לעבן אין שכנות מיט א העכערדיקער קולטור, קענען מיר אונדזערע נישט אײנהאַלטן. דאָס איז שוין בײ אונדז א זאַך אן אײביקע. האָבן מיר ביז אין דעם יאָרהונדערט געהאַט אונדזער גרעסטן פאָלקס־מאַסיוו אין אײראָפּע אין שכנות מיט אונטערגעדריקטע פעלקער, — און דאָס האָט געגעבן אונדז כוח אײנצוהיטן אויך אונדזער מאַסיווקײט. אָבער —

די גרויסע עמיגראַציע אין אָנהײב פון יאָרהונדערט, די ערשטע מלחמה און די וועלט אָרדענונג וואָס איז אײנגעשטעלט געוואָרן נאָך איר האָט אונדז אין אַלע לענדער כמעט געשטעלט פּנים אל פּנים מיט זעלבשטענדיקע און הערשנדיקע פעלקער, — און מיר האָבן זײער גיך גענומען פאַרלירן אומעטום אונדזער מאַסיווקײט, אונדזער אײנגנטימלעכקײט. און אַזוי לעבן מיר. אָן א מאַסיווקײט, צעשאָטן, צעשטויבט, קײן גאַנץ פאָלק זײנען מיר מער שוין נישט און אַסימילירן זיך קענען מיר נישט, — בלאָנדזשען מיר, דרײען מיר זיך אויף אײן אָרט, פּלאָנטערן מיר זיך, זײנען מיר אַלע אויפגערעגט אײנער קעגן אַלעמען און אַלע קעגן איטלעכן. און מיר זעען נישט קײן אויסוועג. מיר האָבן א סך ריכטונגען און קײן אײן ריכטונג, א סך וועגן און קײן אײן אויסוועג נישט, א סך אידעען און צווישן איז נישטאָ ד י אידעע, א סך געטער — און נישט אײן גאָט. צרות האָבן מיר ווי א פאָלק, די גאַנצע וועלט איז קעגן אונדז ווי קעגן א פאָלק, ווי קעגן א גאַנצן ײדישן פאָלק און קעגן דער קעגנערישער וועלט שטײען פאַראײנצלטע ײדן וואָס קענען זיך נישט אפילו צונויפרײדן צווישן אַנאַנד. פון געמײנזאַם לעבן, שאַפן פּראָדוצירן — איז שוין נישט וואָס צו רײדן.

די רעליגיעזע ײדן האָבן ליב זיך צו רופן טראַדיציע־טרײע ײדן, „שומרי מסורת", „שומרי החומות", — און עס איז פאַלש. די רעליגיעזע ײדן פון דעם יאָרהונדערט זײנען עס ווײט נישט,

און נישט זיי׳ קענען און נישט זיי וועלן איינהיטן יידישקייט. און אָט פאר וואָס. יידישקייט איז נישט געווען און זי איז עס איצט נישט קיין רעליגיע.

רעליגיע איז א סכום דאָגמעס און געבאָטן וואָס פארפליכטן דעם מענטשן צו זיין גאָט אין וואָסערן ער גלייבט. צו די נאציאָנאַלע אטריבוטן פון דעם אָדער יענעם פאָלק האָט די רעליגיע גאָר נישט. רעליגיע מיט פאָלק האָבן גאָר נישט וואָס צו טאָן. עס זיינען צוויי באגריפן וואָס דעקן זיך לגמרי נישט, עס זיינען צוויי באַזונדערע געביטן פון מענטשלעכן לעבן. איז עס אונדז נישט באַשערט געווען, אַז אונדזערע אידעען וועגן געטלעכקייט זאָלן ווערן אוניווערסאל און אומאָפּהענגיק פון אונדזער גייסט. די וועלט האָט, אמת, גענומען פון אונדז, אָבער בלויז טערמינען, וואָס זיי, די פעלקער האָבן אין זיי אריינגעגעבן זייערע געצנדינערישע איינהאַלטן, און מיר זיינען געבליבן מיט אונדזערע אידעען און פאָרשטעלונגען באַזונדער און אָפּגעזונדערט פון אַנדערע פעלקער. איז יידישקייט היינט ווי אַלע מאָל כולל אין זיך אַל דאָס אייגנטימלעכע אין אונדזער גייסט און אין אונדזער לעבן. עס מאכט אין גאנצן נישט אויס צי עס איז ווען עס איז געווען פאררעכנט פאר א דאָגמע, פאר א דין צי נישט. עס איז נישט וויכטיק צי עס איז „מדאוריתא" אָדער „מדרבנן", אָדער עס איז סתם אזוי אן אלטער מינהג, א „הלכה למשה מסיני", און עס איז לגמרי נישט פארשריבן, נישט געהייסן געוואָרן אין ערגעץ, עס איז ווי „א בארג וואָס הענגט אויף א האָר", ד"ה — אן איינפיר וואָס האָט גאָר נישט קיין סמך אין די שריפטן, אין דער תורה. מיט איין וואָרט — אַלץ וואָס עס שיידט אָפּ יידן פון אַנדערע פעלקער, אַל דאָס וואָס עס איז ספּעציפיש יידיש — דאָס איז יידישקייט און דאָס איז הייליק נישט מחמת קדושת הרעליגיע", נאָר מחמת „קדושת העם". דאָס איז אן אלטע מחלוקת ביי יידן: צי עס איז נאָר דאָס וואָס עס איז פארשריבן און קאנאָניזירט אין די שריפטן אָדער עס איז הייליק אַלץ וואָס עס איז אָנגענומען ביי יידן און אַלץ וואָס עס שיידט זיי אָפּ פון די

אומות. עס איז די מחלוקת צווישן די וואָס האַלטן נאָר פון דער תורה שבכתב און צווישן די וואָס פאַר זיי איז די תורה שבעל פּה נישט ווייניקער הייליק און וויכטיק.

די אמתע טראַדיציע־יידן האָבן נישט געוווסט און נישט גע־וואָלט וויסן פון דעם וואָרט „רעליגיע". עס איז געווען יידישקייט (אָדער „יהדות") און דאָס האָט אַרומגענומען אַלע עלעמענטן און פאָרמען וואָס האָבן אָפּגעשיידט יידן פון אַנדערע פעלקער. פאַר יע־נע טראַדיציע־טרייַע יידן איז אַל דאָס יידישעס געוואָרן הייליק.

אַנדערש אָבער איז דאָס פאַר די מאָדערנע „רעליגיעזע" יידן. קעמפנדיק קעגן דער רעפאָרמע האָבן זיי נישט ווילנדיק איבערגע־נומען פון איר אייניקע עלעמענטן. פון פאָלקסטימלעכקייט איז מען ווייט פונקט ווי די רעפאָרמער. אויך זיי דערפירן יידישקייט נאָר צו רעליגיע. נישטאָ פאַר זיי קיין שטייגערישע יידישקייט. עס איז פאַראַן נאָר אַ סכום געבאָטן און פאַרבאָטן, מצוות און עבירות, פאַרשריבענע אין די רעליגיע־קאָדעקסן.

אין דעם זינען זייַנען הייַנטיקע רעליגיעזע יידן געגליכן צו די אַמאָליקע צדוקים און צו די קאַראַימען: זיי אַנערקענען נאָר דאָס קאָנאָניזירטע און זיי לייקענען אין אַלץ וואָס עס איז אָרגאַ־ניש אָנגעוואָקסן אין יידישקייט און עס איז נישט קאָנאָניזירט. דאָס לעבן פון אַ פאָלק, זייַן קיום און המשך איז קיין מאָל ניט און ביי קיין שום פאָלק ניט אין דעם שטרענגן אָפּהיטן דעם רעליגיע־ריטואַל אין שול צי אין קלויסטער להבדיל. „פאָלק" דאָס איז דאָס אייגנאַרטיקע און המשכדיקע אין שטייגער לעבן און אין דעם כסדר־דיקן שאַפן. די צדוקים, קאַראַימען און די הייַנטיקע אָרטאָדאָקסן האַלטן ניט פון פאָלקס אייגנטימלעכקייט אין וועלטלעכן לעבן, פון זייַן המשכדיקן שאַפן, — און דאָס איז אומקום. אַ פאָלק וואָס שאַפט נישט, וואָס גלייבט נישט אין זייַן שאַפן איז מער נישט קיין פאָלק, נאָר אַ קופּע מענטשן און נישט מער. בכלל גלייבט נישט די אָרטאָדאָקסיע אין דער שעפערישקייט פון יידישן פאָלק: אַלץ וואָס דאָס פאָלק פאַרמאָגט גרויסעס, הייליקס, ווערט־

פּולס, דאָס אַלץ איז דאָך נישט דעם פאָלקס, נאָר גאָטס. עפּעס א געטלעכע שטימע האָט עס אין דעם באַשטימטן טאָג אַרויסגעזאָגט אויף דעם און דעם באַרג, און יוצא. די יידן זיינען בלויז שלעכטע היטערס פון די גוטע תורות, וואָס דער גרויסער גאָט וואָס ער איז מחוץ דעם פאָלק האָט זיי געגעבן צו היטן.

אין דעם זינען זיינען די היינטיקע אָרטאָדאָקסן נישט ווייניקער נעצנדינעריש ווי דאָס זיינען די קריסטן: די יידישע טראַדיציע האָט פון אייביק אָן זיך באַמיט אויסצווואָרצלען דעם באַגריף פון אַן אָביעקטיוון גאָט מיט א סובסטאַנץ און אַן אַבסאָלוטער פאַרזיכיקער עקסיסטענץ. זי האָט כסדר זיך באַמיט צו זען גאָט ווי דער סכום נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן פון דער העכערער, אידעאַליסטישער מדרגה. אויף וויפל אָט דער באַגריף איז געווען שווער פאַר דעם פאָלק, האָט די טראַדיציע זיך באַמיט בכלל וואָס ווייניקער צו אָפּערירן מיטן באַגריף גאָט, און אנשטאָט אים זיך פאַרנעמען מיט דעם אינהאַלט פון יידישקייט. פאַר דער היינטיקער אָרטאָדאָקסיע איז אויסער דער רעליגיע נישטאָ קיין יידישקייט, און אויסער יענעם גאָט, וואָס איז נישט אין די לעבעדיקע יידן איז קיין אנדער גאָט נישטאָ. האָט די אָרטאָדאָקסיע אין איר שינאה צו פאָלקסטימלעכקייט אָפּגענומען אַלץ פון פאָלק און עס איבערגעגעבן צו גאָט. האָט זי אפשר אהבת שמים אָבער ווייט נישט קיין אהבת ישראל. איז פאַר איר נישטאָ קיין פּראָבלעם פון קיום האומה נאָר פון קיום הרעליגיע. איז פאַר דער אָרטאָדאָקסיע די פּראָבלעם פון „עולם הבא" נישט דער „למען יאריכון ימיך על הארץ" אין נאַציאָנאַלן זינען, נאָר פון דעם פּריוואַטן גן עדן מיטן גרויסן חלק ליוויתן אין אים נאָכן שטאַרבן, אם ירצה השם. איז די אָרטאָדאָקסיע פּונקט אַזוי עגאָיסטיש, פאַרשווענדעריש ווי די יידישע הפקר־מענטשן מיט איין אונטערשייד — די ווילן דעם גרויסן חלק געשמאַקייט דאָ אויפן אָרט, עולם הזה — און יענע זיינען צופרידן עס אָפּלייגן אויף נאָכן טויט — עולם הבא...

אָבער אויך דאָ איז די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע אַוועק אויף

פרעמדע גויישע דרכים. אין טראַדיציאָנעלן יידנטום זיינען די פרומע יידן נישט געווען קיין פּארטיי, קיין פּאָליטישע מאכט האָבן זיי נישט געזוכט און אויך נישט געהאט. פרומע יידן וואָס זאָלן וועלן האָבן די וועלטלעכע מאכט איבער יידן אין נאָמען פון דער רעליגיע — דאָס איז א דערפינדונג פון דער נייער, היינטיקער אָרטאָדאָקסיע. איבעריקס, איז עס נישט קיין דערפינדונג, נאָר א פשוטע נאָכמאכונג נאָך דער סיסטעם ביי די קריסטלעכע פעלקער. ווייל די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע טאקע די פשוטע, וואכעדיקע עולם הזה אין נאָמען פון עולם הבא! גיט איר די מאכט, די הערשאפט, די ממשלה אויף דער וועלט, — און זי וועט; מיט גאָטס הילף, די הענט נישט געוואשן, אייך באזאָרגן מיט יענער וועלט... עס איז א פולשטענדיקע קאָפּיע פון דעם קאמף, וואָס עס האָט זיך געפירט אין דער קריסטלעכער וועלט. מער נישט וואָס מיט א גרויסער פארשפעטיקונג...

אין אמעריקע איז די יידישע אָרטאָדאָקסיע זייער שטארק, אָבער איך זע עפּעס נישט, אז זי זאָל העלפן דער המשכדיקייט פון יידישן פאָלק, דעם שעפערישן קיום זיינעם אין נייע לענדער, און אין נייע קיבוצים. ווען איך קוק זיך צו צו דעם אָרטאָדאָקסישן דערציונגס וועזן, ווען איר טראכט זיך אריין אין זיינע פּראָגראמען, קומט מיר אויס אז זי, די אָרטאָדאָקסיע לייקנט אין יידישן פאָלק נישט וויניקער ווי די אסימילאַטאָרן, זי לייקנט זיין שעפערישקייט און זיין ווערט. די אָרטאָדאָקסיע איז נישט וויניקער אסימילאַטאָריש ווי די אסימילאציע אליין, מער נישט וואָס אנשטאט רעפאָרמירטער רעליגיע נעמט זי זי קאָנסערוואטיוו. מען קען זיין אַסימילירטע און דאָך פרומע יידן!

דאָס איז דער דרך פון פראנקפורטער פרומקייט וואָס האָט נישט אָפּגעהיט יידן פון אסימילאציע, וואָס האָט נישט אויפגעהיט קיין שעפערישע יידישקייט אפילו אויפן געביט פון רעליגיע. אויף דעם זעלביקן פאלשן וועג גייט די אָרטאָדאָקסיע אין אמעריקע און צו קיין בעסערע רעזולטאטן וועט זי געוויס נישט ברענגען. אָן גלויבן

אין פאָלק און אין זיין כסדרדיקע שעפערישקייט איז דער גלויבן אין גאָט גאָר נישט נאַציאָנאַל. איז די גאַנצע אַקטיווקייט פון דער אָרטאָדאָקסיע נאָר א טומל א פּאָליטישער, א קאַמף פאַר מאַכט אין יידנטום און נישט מער. און מיר דוכט זיך טאַקע אז די גרעסטע קעמפער פאַר רעליגיע זיינען אליין גאָר ווייט פון צו זיין פרומע יידן. א סימן — מען דאַרף די רעליגיע נישט אַזוי פאַר דעם אייגענעם געברויך אין פריוואַטן לעבן, אין דער היים, ווי מען דאַרף זי אין פּאָליטישן קאַמף פאַר מאַכט.

קומט אויס אז דער וועג פון די אַסימילאַטאָרן איז אויך דער וועג פון דער אָרטאָדאָקסיע. נאָר די מאַכן דאָס אָפן, בעת די אָר־טאָדאָקסיע פאַרמאַסקירט איר גאַנג ביודעים און בלא יודעים. און נישט פון ביידע פליגלען קען קומען די המשכדיקייט פון יידישן פאָלק.

נאָך ערגער איז דאָס מיט די וועלטלעכע יידן. יענע יידן גלייבן כאָטש אין עפּעס. די אָרטאָדאָקסיע גלייבט אין יידישן גאָט, די אַסי־מילאַציע גלייבט אין דעם הערשנדיקן שטאַרקן פאָלק — זיי האָבן א גלויבן, און דער גלויבן גיט זיי מוט, ענערגיע, אימפּעט. די וועלטלעכע יידן האָבן קיין גלויבן נישט. און אָן א גלויבן איז ווי אָן א נשמה. אָן א גלויבן איז אָן א ווילן, אָן א וויסן וווהין, אָן א ציל, אָן א צו וואָס. איז ביי וועלטלעכע יידן אין אַמעריקע נישטאָ קיין פּערספּעקטיוו, קיין אויסקוק, קיין שטרעבונג, א געליימטע נשמה און מער גאָרנישט. די וועלטלעכע יידן, האָט זיך אַרויס־געוויזן, האָבן נישט קיין אידעאַל, קיין יידישן אידעאַל. ביז היינט איז נישט פאָרמולירט געוואָרן קיין אידעאַל פון א יידישן וועלטלעכן פאָלק מיט א גלייבן אין זיין קיום און אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויק־לונג. מיר האָבן אַ סך גערעדט וועגן וועלטלעכקייט, אָבער אַלץ אין נעגאַטיוון גייסט. וועלטלעכקייט איז קעגן רעליגיע, קעגן אַלץ אין יידישן לעבן וואָס עס האָט א שייכות צו רעליגיע. איז וועלטלעכקייט געוועזן און איז ביז איצט א „שלילה". די וועלטלעכע יידן זיינען שולל, זיי האַלטן נישט פון דער גאַנצער קולטור ירושה אונדזערער באַשר

זי איז דורך און דורך געווען רעליגיע. היות כפי אונדזער גאַנצער שטייגער איז געווען ביז אונדז רעליגיעז באַפאַרבן, וואַרפן מיר דאָס אַלץ אָפּ. אין לייקנען, אין דער נעגאַציע זיינען מיר, וועלטלעכע יידן, געווען און מיר זיינען זייער אויסגעהאַלטן. עס איז דאָך זייער גרינג „נישט צו האַלטן”. האַלטן מיר נישט און יוצא. אָבער ווו איז דאָס פּאָזיטיווע פון דער וועלטלעכער פּראָגראַם? פון וואָס האַלטן מיר יאָ? ווי האָט די וועלטלעכע יידישקייט איבערגעשאַפן די קולטור ירושה? ווי האָט די וועלטלעכקייט פאַרוועלטלעכט דאָס וואָס מיר האָבן גע־ירשנט פון דורות? — אויף דעם געביט איז די וועלטלעכקייט איין גרויסער באַנקראָט. קלאָר — עס זיינען געווען פּולבלוטיקע פּרוּוון צו פאַרוועלטלעכן יידישקייט, און דער גרעסטער אויפטו געהערט פּרצן. אָבער דאָס איז דאָך געווען און געבליבן ליטעראַטור, און מיר קענען נישט לעבן ווי אַ פאָלק מיט ליטעראַטור, מיט קונסט, מיט פּאָעזיע. ווי האָט וועלטלעכקייט געפּרובירט איבערבויען דאָס יידיש לעבן אין וועלטלעכע פאָרמעס? אַזוינע פּרוּוון זיינען נישט געווען און זיי זיינען נישטאָ אין אונדזער לעבן! און — לאָמיר שטעלן אַ טריט ווייטער.

ווען מענטשן טוען זיך אוים פון איין שטייגער ווייל זיי גלייבן מער נישט אין זיין אידעע, און זיי פאַרבייטן אים נישט מיט אַ צווייטען באַוווסטזיניקן שטייגער, דעמאָלט מוזן זיי אַרונטערפאַלן דעם שטייגער וואָס הערשט אַרום, — און דאָס איז אַסימילאַציע. וועלט־לעכקייט האָט פאַרפירט די וועלטלעכע יידן דירעקט צו אַסימילאַציע. עס איז אַן אמת, אַ ביטערער, אָבער אַן אמת. און מען דאַרף צוגעבן: איך האָב נישט באַמערקט אַז די וועלטלעכע יידן זאָלן שטאַרק זיך קעגנשטעלן אָט דער „וועלטלעכער אַסימילאַציע” און קעמפן קעגן איר. פאַרקערט, גלייב איך צו זיין גאָר נישט ווייט פון אמת ווען איך וועל זאָגן אַז די וועלטלעכע יידן זיינען נישט אומצופרידן מיט די רעזולטאַטן פון זייער אַסימילאַציע. אַמאָל גיט אפשר אַ טיאַכקע אין האַרצן אַ שאָטן פון פאַרדרוס, אָבער אָט דער פאַרדרוס איז לגמרי נישט בכוח צו צווינגען די זעלביקע וועלטלעכע יידן צו ענדערן זייער

פיר אין לעבן, זיך איינצושטעלן און אָפּצוהאַלטן ווי מיגלעך דעם גאַנג פון אַסימילאַציע אין זייערע היימען.

בכלל מעסט מען אַ באַוועגונג, איר גלויבן, איר געטרייקייט, די „טעמפּעראַטור" אירע, אַזוי צו זאָגן, די שפּאַנונג נישט מיט מיט דעם פיר פון די אַדעפּטן גופא נאָר מיט דעם ווי זיי האָדעווען אויס זייערע קינדער. איטלעכער מענטש פּראָיעקטירט זיינע אידעאַלן ניט אַזוי אויף זיך ווי אויף זיינע קינדער. אין די קינדער פאַרקערפּערט זיך דער אינטימער פאַרלאַנג פון דעם מענטשן. דאָ באַמיען זיך די עלטערן צו פאַרווירקלעכן דאָס וואָס זיי אַליין האָבן נישט. ווילן מיר אָפּשאַצן די וועלטלעכע יידן איז גענוג צוצוקוקן זיך צו זייערע קינ־דער. דאָ זעען מיר כמעט תמיד אַ פולע אויסגעטאַנענקייט פון איט־לעכער יידישקייט. נישטאָ קיין יידן מער אין דריטן דור ביי וועלט־לעכע יידן! איז וואָס איז וועלטלעכקייט? — וועלטלעכקייט איז אַ מאַנטל פאַר אַסימילאַציע און מער נישט. נישטאָ קיין פאַרשטעלונג פון יידישן המשך אין וועלטלעכקייט, נישטאָ אַזאַ אידעאַל, נישטאָ קיין פילאָסאָפישע אויפפאַסונג פון דעם, — און דער גאַנצער טומל איז געווען אַ פאַרשרייען דעם אייגענעם געוויסן.

אויב אין מיזרח אייראָפּע איז נאָך געווען מיגלעך צו זען קינ־דער פון וועלטלעכע יידן אין יידישקייט, איז דאָס געווען דער אויפטו און דער פאַרדינסט נישט פון די עלטערן, נאָר פון די אָביעקטיווע באַ־דינגונגען אין לעבן. די סביבה ארום האָט געטריבן אויך די אויס־געיידישטע יוגנט צוריק צו יידן. איז אָן יידישער דערציונג, אָן יידיש־וויסן, אָן יידישן ווילן, — האָט מען דאָך געמוזט זיין צווישן יידן און מיטקעמפן מיט זיי, און מיטלעבן מיט זיי, צומאָל אפשר גאָרנישט מיטן גאַנצן הארצן. ווען איך לייען אין דער פּרעסע, די רשימות פון די נעראַטעוועטע יידן, וואונדערט מיך די גרויסע צאָל נישט יידישע נע מען, פּוילישע און דייטשישע. איך קען נישט באַנעמען ווי עקלט ניט די טרעגערס פון די נעמען פון זיי. איך מיין צו האָבן רעכט צו גליי־בן, אַז אויך צווישן דעם עולם נעראַטעוועטע איז נישט צו דערוואַרטן

קײן אָפּזאָג פון אַלע אַסימילאַציעס. און דאָס דערפאַר, װײל אינעװײ־ניק איז די ײדישקײט נישט קײן אָרגאַנישע, נישט קײן פולע.

גאָר ערגער איז די לאַגע אין אמעריקאַנער לענדער, װו עס איז נאָך ביז הײנט נישטאָ קײן אָפענער טרײבן די ײדישע יוגנט צוריק צו ײדן. כל זמן דאָס װערט געטאָן פאַרמאַסקירט, ספאָראַדיש, — באַמיען זיך די ײדן דאָס נישט צו באַמערקן, מאַכן זיך נישט װיסנ־דיק. איז אפילו װען דער אַנטיסעמיטיזם איז אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די אַמעריקעס שטאַרקער װי ער איז געװען אין אײראָפּע פאַר דער מלחמה, נאָר קוים איז ער נישט אַנערקענט אָפיציעל אין די געזעצן פון די לענדער, קוים לאָזט מען די ײדן זיך מאַכן נישט װיסנדיק, װעלן זײ עס טאָן (דאָס װערט געטאָן דערפאַר װײל דער פסיכישער דראַנג צום הערשנדיקן פאָלק איז נישט אין פאַרגלײך שטאַרקער װי די צוציונג צום ײדישן פאָלק. עס איז די פסיכאָלאָגיע פון א פאַרליבטער מײדל װאָס װײל נישט און קען נישט באַמערקן, אַז איר געליבטער האָט זי פײנט). נעמען מיר אָן, אַז דערװײלע װערט די ײדישע יוגנט נישט געטריבן מיט בײטשן צוריק צו ײדן און מען לאָזט זײ נאָך יאָ אינפילטרירן זיך אין דער אַרומיקער נאַציע אַרײן. זײנען עס די קינדער פון די װעלטלעכע עלטערן פון די ערשטע צו װערן אױסגעײדישט. װי זײ לעבן זיך אײן אין דער כלומרשטער „אַמעריקאַנער" נאַציע װײס איך נישט, — אין ײדישן לעבן אָבער זײנען זײ מער נישטאָ. און אָט דער „סוף מעשה איז במחשבה תחי־לה" — אָט דער אָפּגאַנג פון ײדישקײט דורך די קינדער דאַרף פאַר־שריבן װערן אױף דעם חשבון פון דער אידעענלאָזיקײט פון די עלטערן.

כדי זיך צו פאַרענטפערן האָט מען געשאַפן א טעאָריע פון „מי־נימום ײדישקײט". היות כפי מען איז אין אַמעריקע, און דער באָדן אין לאַנד לאָזט נישט ײדן זײן גאַנצע און אױסגעהאַלטענע ײדן, דעריבער מוז מען זיך באַנוצן מיט א שטיקעלע ײדיש־קײט, מיט א כזית און יוצא זײן דערמיט. איך װײס

נישט און פאַרשטיי נישט פאַרוואָס די דעמאָקראַטישע אַמעריקע לאָזט נישט יידן צו וווינען קאָמפּאַקט אין יידישע קוואַרטאַלן און איך ווייס נישט ווער עס טרייבט עס די יידן צו יאָגן זיך דווקא אין נויישע קוואַרטאַלן. איך ווייס נישט ווער עס צווינגט די יידן, די וועלטלעכע יידן בתוכם, צו ריידן אין זייערע היימען מיט זייערע איינענע קינדער פרעמדע שפּראַכן דווקא, ווער עס לאָזט זיי נישט צו אָרגאַניזירן גאַנצע יידישע שולן און אַזוי ווייטער. ווייסן ווייס איך גוט אַז דאָס אַלץ נעמט זיך פון נישט גלייבן אין יידישקייט. אָן גלויבן — אָן מוט, און במילא אָן שעפערישער אַקטיווקייט. אָבער דער תירוץ איז „אַמעריקע איז שולדיק" און יוצא. און דעריבער קומט מען אָפּ מיט דעם קבצנישן „ביסעלע יידישקייט". מיר קענען נישט קיין גאַנצע יידישקייט, און מיר מוזן(?) זיך באַנוגענען מיט דעם מינימום יידישקייט. אָט דאָ ווייזט זיך אַרויס די גאַנצע אָרעמקייט פון דער וועלטלעכקייט, פון איר אידעענלאָזיקייט, פון איר גלויבנלאָזיקייט. לעבן זיך אויס די רעשטלעך וועלטלעכע יידן אָן יורשים און „נאָך אונדז — אפילו א מבול".

איז דער גאַנצער טערמין פון „וועלטלעכע יידישקייט" נישט פּאַסיק געווען אין אַמעריקע. וועלטלעכקייט מיינט דאָך באַפרייען דאָס לעבן פון אונטער דער אַפּיטראָפּסות פון קלער. אין אַמעריקע יוו די רעליגיע איז סיי ווי געווען אָפּגעטיילט פון מלוכה און פון אַלע נאָרמעס, האָט שוין וועלטלעכקייט נישט געהאַט פאַר וואָס צו קעמפן, און איז געווען עפּעס ווי אַן איבעריקער בגד. איך ווייס נישט ווער עס האָט אַרויפגעצוווּנגען מיט גוואַלט אויף די אַמעריקאַנער יידן „דעם היטלמאַן, דעם קיטלמאַן, דעם טיטלמאַן" (מ. ווינטשעווסקי). איז דאָך אין אַמעריקע די וועלטלעכקייט נישט געווען די פאַרטיידיקערין פון פרייהייט פון גלויבן. פאַרקערט האָט זי דאָך נעפירט די אָפענסיווע קעגן די גלויביקע יידן מיט יום כיפור באַלער וכדומה מיטלען וואָס זיינען ווייט פון דעמאָקראַטישער רעליגיע־פרייהייט. און קעמפן האָט מען דאָ געקעמפט נישט קעגן יידישער רעליגיע נאָר קעגן יידישקייט בכלל. מען איז נישט קיין יידן,

נאָר „יידיש־שפּרעכנדיקע קאָסמאָפּאָליטן". מען האָט זיך געפּרייט מיט אמעריקע פאר דער פרייהייט זיך צו אסימילירן. אמעריקע איז א גאָלדענע מדינה: מען קען ווערן א גוי און מען דאַרף זיך דערצו אפילו נישט שמדן. די שפּעטער אָנגעקומענע נאציאָנאַל־וועלטלעכע אימיגראנטן האָבן אויך אין אמעריקע נישט געשאַפן קיין פּראָגראַם פון וועלטלעכער יידישקייט, זיי זיינען אוועק אין די טריט פון דעם פריערדיקן דור. מער נישט וואָס עטוואָס לאנגזאמער, איינגעהאַלטע־נער. יידישקייט איז דאָ געווען מער א זאַך פאר עקספּאָרט — פאר „די אָרעמע ברידער אין יוראָפּ". עס איז נישט געווען בכל אופן קיין קלאָרער פארלאנג, קיין ווילן אויסצובויען א פּאָזיטיווע אייגענע יידישקייט אָן רעליגיע אין אמעריקע.

איבעריקס, איז דאָך לגמרי נישטאָ קיין שיכטן יידן וואָס זייער פּראָגראַם זאָל זיין וועלטלעכע יידישקייט. די וועלטלעכע יידן צעפאַלן זיך דאָך אויף אָן א שיעור גרופּעס, גרופּקעלעך, קרייזן, פּאַרטייען ריכטונגען און אז"וו וואָס וועלטלעכקייט איז בלויז איין באַגלייט־צייכן זייערער און נישט מער.

ווען די וועלטלעכע ציוניסטן ריידן מיר אנדערשוו. דאָ וועט זיין פאר אונדז נענוג צו זאָגן אז זיי האָבן נישט באמת זיך צו שאַפן אין אמעריקע קיין אָרטיקע נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט, קיין פּאַרזיכיקייט, — און יעדער אויפשטייג פון אידעענלאָזער אסימי־לאציע, וואָס זיי העלפן אָפּט מיט בידים ווערט פון זיי באַגלייט מיט אן „אהא, איך האָב אייך געזאָגט אזוי" (א פּאָפּולער ווערטל אין ענגליש). און מיינען מיינט מען מיט דעם: אָט זעט אז אויסער ארץ ישראל קען קיין יידישקייט נישט זיין... אזוי ווי יענער ייד, וואָס עסט חזיר און שרייט צום רב: זעט, א קלאָג, ווי יידן עסן חזיר"...

זיינען געקומען קיין אמעריקע בונדיסטן, וועלטלעכע יידן וואָס האָבן אין מזרח־אייראָפּע גרויסע פארדינסטן פאר דער פארוועלט־לעכונג פון יידישן לעבן. זיינען זיי געקומען און געבליבן אָן א

שטאָך ארבעט. קיין אידעאַל, קיין פּראָגראם פון א יידישן וועלטלעכן פאָלק האָבן זיי דאָך נישט געהאט אויך אין רוסלאַנד, אין פוילן. איז דאָך „יידיש פאָלק" געווען אויך דאָרטן א וואָרט טריף ווי חזיר פאר א פרומען יידן. עס איז דאָך פאר זיי דאָ נאָר א יידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס דארף, וואָס מוז גיין צוזאמען מיטן פּראָלעטאריאט פון דעם הערשנדיקן פאָלק. מער נישט וואָס אָרגאַניזאַציאָנעל דארף ער זיין אויטאָנאָם — די יידישע אינטעליגענץ וועט אים בעסער פירן און „אויף וויפל — אויף אזוי פיל" — אויף וויפל יידן ריידן נאָך יידיש דארף מען פאר די מאסן אין די גאסן האָבן יידישע קולטור, אָבער אויך דאָ געזייט און אָפּגעקליבן עס זאָל זיך חלילה נישט אריינכאפּן קיין ברעקל רעליגיעז־שאָוויניסטישער חמץ. אָט ווי מען קלייבט פון ארבעס ארויס די ווערימדיקע. אין תוך אריין איז אויך אין מזרח אייראָפּע דער בונד געווען נישט קיין פארטיי פון יידישן סאָציאַליזם נאָר א פארטיי פון סאָציאַליסטן־יידן, סאָציאַליסטן פון א פאָלק, וואָס מען האלט אים אָפּגעזונדערט פון הויפּט פאָלק און זיי קעמפן נישט פאר זיין פארזיכיקער פרייער אנטוויקלונג, נאָר פאר דער רעכט צו גיין צוזאמען, אין איינעם. האָט דער בונד אין רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע מער נישט געהאט וואָס צו טאָן. האָבן אים זיינע אייגענע אדעפּטן, זיינע געטרייע אָנהענגער ביז דער רעוואָלוציע אליין דערשטיקט, באַגראָבן און זיין קבר פארשוועכט.

ווען די בונדיסטן זיינען געקומען קיין אמעריקע האָבן זיי אויך געפונען אייגנטלעך זייער אידעאַל פארווירקלעכט, — און במילא האָט דער בונד דאָ נישט וואָס צו טאָן. טויזנטער און צענער טויזנטער בונדיסטן אין אמעריקע און קיין בונד איז דאָ נישטאָ. פארוואָס? — ווייל ער האָט דאָ נישט וואָס צו טאָן. זיין פּראָגראם איז אויסגעשפּילט און נישטאָ מער פארוואָס צו קעמפן. אין דער צייט פון דער מלחמה זיינען געקומען קיין אמעריקע די פירערס פון בונד, מען גיט ארויס א זשורנאַל. אָבער מען לעבט און מען אָטעמט מיט דעם בונד אין פוילן און מען... זוכט עברות אויפן ציוניזם. און איצט אז פוילן איז פארן בונד אָפּגעשניטן דורך די השפעות פון רוסלאַנד

איז גאָר אומעטיק געװאָרן, און מען לעבט מיט דעם „זכרתי לך חסד נעוריך" מיט זיכרונות װעגן אמאָליקן בונד װען ער איז געװען יונג און שטאַרק. און די בונדיסטן װאָס זײַנען געראַטעװעט געװאָרן אין פּױלן גופא. מען דאַרף נישט זײַן קײן נביא פּאָרױסצוזען אַז אין גאָר אַ קורצער צײַט װעלן זײ צופּאַסן זײער אידעאָלאָגיע צום רוסישן קאָמוניזם, זײ װעלן זיך „אױסלינקען" און גײן אױף דעם זעלביקן װעג װאָס דער בונד האָט דורכגעמאַכט אין רוסלאַנד.

מיט אײן װאָרט: דער בונד האָט קײן מאָל נישט געהאַט קײן אײגענע יידישע פּראָגראַם, קײן יידישן אידעאַל האָט ער נישט און האָט נישט געהאַט. ער איז דער „פאָרשטײער פון דער שטאַרקסטער סאָציאַליסטישער פירמע (פּאַרטײ) אױף דער יידישער גאַס „און ער קעמפט פאַר דער „מאָנאָפּאָליע" פאַר זײַן פאָרשטײערשאַפט. דאָס אַלץ. אַ פּאַרטײ האָט אָפּגעלעבט אַ האַלבן יאָרהונדערט און האָט אַנטפּלעקט אַ סך מוט, קעמפערישן גײסט, געגעבן אַ סך קרבנות, אַרױסגעפירט אַ סך שײנע גײסטער און אידעאַלע טיפּן. און — אַלץ איז געװען צײַטװײַליק: ביז װאַנען מען װעט מוזן זײַן אָפּגעזונדערט; און אַלץ איז געװען אײַנגעטלעך אַ פּלאַנצן פרעמדע געװיקסן אין אײגענעם „קלײנעם גערטנדל אַרײן". מען זאָגט אַז אין די לעצטע יאָרן פון דער פּױלישער רעפּובליק איז צװישן די בונדיסטן אױך אין פּױלן געװאָרן שטאַרק די אסימילאַציע, איבערהױפּט די פּאַרפּױלישטקײט פון די קינדער. עס איז פון רײן מענטשלעכן שטאַנדפּונקט אַ רחמנות אױף די פאַרעלטערטע בונדיסטן, װאָס דערלעבן זײערע יאָרן מיט זיכרונות װעגן בונד װאָס איז געװען, געװען אָבער ער איז שױן נישטאָ. אָבער דאָס באַפרײט נישט פון צו זאָגן דעם אמת: דער בונד איז אָפּגעשטאָרבן דערפאַר װײַל ער האָט נישט געװאָלט זען קײן גאַנץ יידיש פאָלק, נישט אָנערקענט אַזאַ, ער איז געװען קאָסמאָפּאָליטיש אין אַ װעלט פון טאָטאַלער נאַציאָנאַליזאַציע און אָביעקטיװ האָט ער געפירט צו אסימילאַציע, אפשר נישט װילנדיק, נישט װיסנדיק, — אָבער אַזאַ איז געװען זײַן װעג. דער בונד איז געװען אַ פּראָלעטאַרישע אױפלאַגע פון דער משכּילישער אסימילאַציע אין מערב־

איירּאָפּע מיט הונדערט יאָר פריער ביי דער יונגער יידישער בורזשו־אַזיע. פאַרשיידענע פאָרמעס אָבער דער זעלביקער אינעוואַיינירסטער דראנג.

און צווייטנס האָט דער בונד נישט געשאַפן קיין אייגענעם באַגריף פון סאָציאַליזם. נישט געקאָנט און נישט געוואָלט באַגרייפן אַז דער יידישער סאָציאַליזם קען נישט און טאָר נישט זיין קיין קאָפּיע פון דעם ביי אנדערע איירּאָפּעישע פעלקער. דאָרטן איז ער, און ער קען אנדערש נישט זיין ווי א סטימול אין קאַמף פאַר מאכט. צוערשט לאָמיר האָבן די מאכט און דעמאָלט וועלן מיר שוין איינפירן מיט דעקרעטן דעם סאָציאַליזם. אונדזער יידישער סאָציאַליזם קען גיין נאָר אויף דעם וועג פון מיצוות מעשיות אין אייגענעם לעבן. פון שאַפן פאַר זיך א סאָציאַליסטיש לעבן. אזוי האָט זיך געשאַפן דער יידישער סאָציאַליזם אין ארץ ישראל. דער בונד האָט נישט פאַרמאָגט די נייטיקע מאָראַלישע נאַציאָנאַלע פארזיכיקייט ער זאָל זיך דערלויבן צו האָבן אייגענע פאָרשטעלונגען וועגן סאָציאַליזם, — און דערפאַר איז ער אונטערגעגאַנגען. געוועזן יחידים, און זיי זיינען איצט דאָ, וואָס באַנעמען דאָס מיט דער גאַנצער קלאָרקייט, אָבער זיי וועלן נישט זיין בכוח אריבערצושטעלן די פּאַרטיי זייערע אויף רעלסן אנדערע, אויף רעלסן פון „כל ישראל" באַגריפן און פאַר־שטעלונגען. אין חשבון פון יידישע ריכטונגען דאַרף מען מער דעם בונד נישט רעכענען.

פאַראַן אנדערע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ריכטונגען אלערליי, און זיי זיינען זייער אקטיוו אין יידישן לעבן. אָבער זייער אימפּעט שטעקט נישט אין זייער גלויבן אין זיך, אין זייער פאָלק, נישט אין זייער אייגענעם גלויבן. אַ, ניין! מען וואָלט געקאָנט זייער נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אידעאָלאָגיע צעטיילן אויף עטלעכע באַגריפן:

א) דאָס יידיש פאָלק לעבט נישט און קען נישט לעבן מיט איי־גענע כוחות. מיר זוכן דעריבער מעכטיקע פעלקער אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן.

ב) מען אונטערשיידט זיך נאָר מיט דעם, אין וואָסער פאָלק מען

גליבט: ווער עס גלייבט אין ענגלאנד (אָדער ער האָט געגלויבט) און ווער עס גלייבט אין רוסלאנד, און ווער סתם אין א „פּראָגרע־סיווע וועלט". דער צד השווה איז — יידן קענען זיך אליין נישט איינאָרדענען. זיי מוזן ווארטן אויף דעם משיח פון גערעכטיקייט און יושר וואָס וועט אם ירצה השם דאָך קומען אויף דער וועלט. און מיר, וואָס טוען מיר? — מיר דארפן האלטן אין איין שפּרינ־גען קדוש און זאָגן הלל פאר דעם לאנד, וואָס אין אים וועט משיח געבאָרן ווערן... איך וויל דאָ נישט אריינגיין אין דער אָפּשאצונג פון אזא סובאָרדינירטער פּסיכיק, פון דעם גאנצן אידעאָלאָגישן אָנשפּארן זיך אָן עמיצן, פון אָט דעם בעטלערישן גלויבן אין גרויסן באַלעבאָס, פון דער אייגענער פּאסיווקייט. מען מוז אָבער אונטערשטרייכן, אז אלע אָט די „וועלטלעכע" ריכטונגען אין יידישקייט זיינען פאר־שטעלטע אסימילאציע ריכטונגען. מען זאָגט אז מען איז קעגן רע־ליגיע, אָבער אין דער אמתן איז מען קעגן אלץ וואָס איז יידיש, אייגנטימלעך: ווי קען מען וועלן עס אויפהיטן, אז מען האלט פון דעם נישט און זיכער וויל מען זען די קינדער אין די רייען פון די נאציעס און פון די קולטורן וואָס אין זיי גלייבט מען.

און דערפאר ווייל אלע פאָרמען פון וועלטלעכע אידעאָלאָגיעס האָבן נישט קיין גלויבן אין פּאָלק ווי אזא, דערפאר קען דאָ נישט זיין קיין איינהייט. אויב מען רעדט און מען שרייבט וועגן „איינ־הייט", — מיינט מען דאָך עס אן איינהייט ארום נאָר א צווייטן פּאָלק... דערפאר איז נישטאָ קיין גאנצקייט. באזונדערע גרופּעס, באזונדערע קרייזן און קלייזלעך. מען האלט אוים שולן יידישע, אָבער איטלעכער גייט זיך באזונדער און מען קען זיך נישט צונויפריידן, מען דרוקט ביכער און מען פּראוועט קולטור איטלעכער באזונדער, ווייל אָט די וועלטלעכע יידישע קולטור איז נישט דער אידעאל, נאָר דער אייגענער גלויבן, עס איז נאָר א פּאָזיציע אין יידישן לעבן בעת אין ווייטער אידעאליסטישער פּערספּעקטיוו זעט מען נישט דאָס יידישע פּאָלק אין זיין גאנצקייט, נאָר איטלעכער זעט דאָרטן זיין „פּראָגרעס" אין שוים פון פרעמדע פעלקער.

אַלע אָט די „וועלטלעכקייטן" זיינען מאָדיפיקאַציעס פון אסימי־לאַציע. כראָנישע אסימילאַציעס, ביסלעכווייז. אזוי איז עס און אנ־דערש קען עס נישט זיין — אָן א גלויבן אין אייגענעם פאָלק מוז זיין אסימילאַציע. און דער אינדיקאַטאָר פאַר דעם אומגלויבן אין יידישקייט איז — די אויפרעגונג וואָס עס רופט ארויס ביי מענטשן איין וואָרט „אתה בחרתנו"... אָדער איין וואָרט וועגן ווערטיקייט פון יידישער אנדערשקייט... דאָ מיינט וועלטלעכקייט נאָר נעגאַציע פון אַלץ וואָס עס איז יידיש, — און נישט אין זיי קען מען זוכן דעם יידישן מאָרגן. אין געוויסע הינזיכטן זיינען די פארשיידענע „וועלטלעכע יידישקייטן" ערגער פון אָפענער אסימילאַציע. די דאַרף כאָטש האָבן טעמפּלען, ראַבאַים, וויסנשאַפט „דעם יודענטומס" וכדומה, בעת די וועלטלעכע זיינען פריי פון אַלץ, זיי דאַרפן גאָר־נישט. מען דרוקט ביכער — נאָר פאַר אַלטע יידן, מען מאַכט פאַר־זאַמלונגען אויף יידיש — פאַר די אַלטע. מען האָט א פאַרלאַג, א זשורנאַל — ווייל מען דאַרף געבן פּרנסה עטלעכע מענטשן און מען וועט קענען שיקן משולחים. אָבער וואָס ווייטער? וואָס פאַר פּראָ־גראַם איז פאַראַן פאַר די קומענדיקע דורות? ווייטער פון אלף בית גייט עס נישט.

אָט אזוי ארום איז דאָס גאַנץ יידיש לעבן אין די געבליבענע קי־בוצים איין דורכווייקיק און כסדרדיקע אסימילאַציע — אָן אָפענע און א דרייסטע און פארשטעלטע. אסימיאַלציע מיט ראַבאַים און אָן ראַבאַים, אסימילאַציע אפילו מיט די פרומע, ביי די וועלטלעכע און רעליגיעזע, ביי דער בורזשואַזיע און ביים פּראָלעטאַריאַט, ביים המון און ביי דער אינטעליגענץ. אן אסימילאַציע אָן א אידעע, אָן א מאָראַלישן פּרצוף. אסימילאַציע אויף אַלע פראָנטן אין אַלע יידי־שע קיבוצים וואָס עקסיסטירן נאָך אויף דער וועלט. וואָלט די אסימי־לאַציע געקענט דערפירט ווערן ביזן סוף, וואָלט מען נאָך געקאָנט זאָגן: מילא קיין זאַך איז נישט אייביק, — איז אויך נישט אייביק דאָס יידיש פאָלק. אויך פאַר אים איז געקומען זיין צייט. געוועזן א פאָלק ישראל און מער נישטאָ... איז דאָס אָבער אויך נישט אזוי. יידי־

שע יחידים אסימילירן זיך ביזן סוף. קאָלעקטיוון ייִדישע גייען נישט אונטער דירעקט דורך אסימילאציע. כל זמן אין אמעריקע זיינען געווען טויזנטער ייִדן, האָבן זיי געקאָנט האָפן אויף פולער אסימילאציע (און דאָס איז געווען די סיבה פארוואָס די ערשטע ייִדן אין אמעריקע האָבן נישט געוואָלט קיין גרויסע ייִדישע אימי־גראציע קיין אמעריקע).

זיינען אָבער פאראַן אין אמעריקע מיליאָנען ייִדן, איז אין ניו יאָרק יעדער דריטער איינוווינער א ייִד, — איז נישטאָ און עס קען נישט זיין קיין פולע אסימילאציע. עס קען זיין און עס איז דאָ א דע־מאָראליזאציע. א גייסטיקע אויסגעלייִדיקטקייט און א קולטורעלע נאקעטקייט, אויב אפילו אין גאס און אין געשעפט איז מען אין א פיינער געזעלשאפט. דאָס ערשט פירט צו פאטאלע פועל יוצאס: די גאנצע וועלט גייט קעגן אונדז און פאלט אָן אויף אונדז פון דער ייִדישער זייט... מענטש און ייִד, אמעריקאנער און ייִד, שפאניער און ייִד, פראנצויז און ייִד. אָט אזוי זיינען מיר און אזוי האָדעווען מיר אונדזערע קינדער. מיר באמיען זיך שטארק וועגן דער צווייטער זייט, דער נישטייִדישער, און מיר לאָזן זייער שוואך, נישט באפעם־טיקט דעם ייִדן אין דעם מענטשן, און אָט דער פראָנט איז ביי אונדז אין דער גרעסטער סכנה, און אויף דעם פראָנט זיינען מיר זייער שוואך צוליב אונדזער נישט דערפאָרענער אסימילאציע. דאָס אטראָ־פירט אונדזערע מאָראלישע כוחות אין קאמף פארן קיום — ווי פון קאָלעקטיוו אזוי אויך פון פרט. דאָס פאראליזירט אונדזער ווילן צו אָרגאניזירן אונדזער לעבן אין גלות און עס גיט אונדז נישט קיין כוח מיר זאָלן נעמען און ארויסגיין פון גלות. זיינען מיר צוליב אָט דער האלבער אסימילאציע פארמשפט אויף א כף־הקלע — נישט אומ־קומען און נישט לעבן — נישט אָרגאניזירן דעם גלות און נישט ארויס פון גלות.

אזוי ארום לעבט דער ייִדישער קיבוץ אין אמעריקע און די קלע־נערע קיבוצים אין אלע לענדער מיט דעם טאָג, מיט דעם היינט אָן

אן ערנסטן און קאָלעקטיוון פּלאַן פאר אן אָרגאַניזירטן מאָרגן. וואָס זאָל זיין? וואָס דארף זיין מיטן יידישן פאָלק אין די אמעריקעס? קיינער פאָרמולירט נישט, קיינער לערנט נישט און

עס קייקלט זיך דער יידישער קיבוץ אין אלע אמעריקעס בארג אראָפּ, בארג אראָפּ, — און גאָט ווייסט וווהין ער וועט זיך פאר־קייקלען.

אויף דעם זעלביקן וועג אָן אן אויסוועג האָבן זיך געלאָזט אויך די ישובים אין אייראָפּע פאר דער מלחמה — א גאנץ פאָלק האָט פארלאָרן זיין אָריענטאַציע אין לעבן. און אָן אן אָריענטאַציע איז נישט קיין גאנג, נאָר געבלאָנדזשעט.

ציוניזם — זיכער גוט און ריכטיק. נאָר ווען? ווען די אלע, וואָס קלעפּן זיך צו דעם נאָמען ציוניסט וואָלטן זיך געפּאַקט און געגרייט צו פאָרן קיין ארץ ישראל. איז דאָך עס נישט, גרייט מען זיך דאָך צו בלייבן אין די אמעריקעס, טאָ מיט וואָס, מיט וואָס פאר א פאָלקס גלויבן וועט איר ד אָ לעבן? עס קען א פאָלק נישט לעבן מיט דעם האלטן פון דעם ארץ ישראלדיקן לעבן. דאָס דערמאָנט מיר יענע לייט וואָס אליין לעבט מען מיט מאָרד און רציחה און זיי קומען אין א טעמפּל און גיסן אוים זייער פרום הארץ צו יענעם וואָס האָט געהייסן ליב האָבן אלעמען און שענקען אלץ. מיין גרעסטער דרך ארץ פאר די וואָס כל זמן זיי זיינען געצוווּנגען צו לעבן אין חוץ לארץ, פירן זיי זיך דאָ ווי זיי וואָלטן געווען אין ארץ ישראל. דאָס איז אויסגעהאלטנקייט. אָבער דאָס איז דאָך אויך נישט. פרעגט זיך: וווּ איז דער גלויבן פון דעם יידישן פאָלק אין זיין אייגענעם לעבן? צו וואָס פאר א גאָט דינט דאָס לעבן פון דעם געבליבענעם טייל פון יידישן פאָלק?

מיר בלאָנדזשען. אלע בלאָנדזשען מיר. פון רעכטס ביז לינקס, פון רעליגיעז ביז וועלטלעך. א פאָלק האָט פארלאָרן זיין זיכרון, און אָן זיכרון איז אָן אָריענטאַציע. מוז מען זוכן אָריענטאַציע. לאָמיר.

און ארום און ארום אין אלע לענדער וווּ עס איז נאָך דאָ א לעבן פון יידן איז דאָך נישטאָ קיין יידיש לעבן. אומעטום הערשן

די אַסימילאַטאָרישע ראַבאַים אין אַמעריקע. זיי באַהערשן דעם ציוניזם, די געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס ביי יידן אומעטום — און עס דראָט אַטראָפּיע. צוויי מינים יידישע קיבוצים האָבן מיר געהאַט פאַר דער מלחמה: שעפערישע און אַטראָפּירטע, פּאַראַליזירטע כאָטש נישט קיין געשטאָרבענע. די יידישע קיבוצים אין מערב אייראָפּע מיט זייער גאַנצער קולטור און וויסנשאַפט, זיינען געווען אַטראָפּירט, נישט שעפעריש, נישט געשאַפן אויף קיין קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן געביט ווי יידן. שעפעריש איז אין אייראָפּע געווען נאָר און גאָר דער קיבוץ יידן מירח־אייראָפּע און מער נישט. די איבעריקע — פראַנקפורטער פרומע יידן, פראַנצויזישע, איטאַליענישע יידן — אַטראָפּירטע שעפערישקייט אויף אַלע געביטן פון אַ קאָלעקטיוו. און אַט אויף די וועגן פון אַטראָפּיע גייען אויך די יידן אין אַמעריקע. יידן מיט אַטראָפּירטער יידישקייט האָבן געקאָנט לעבן אין 19 י"ה. זיי וועלן אָבער בשום אופן נישט קענען לעבן און איינהיטן זייער לעבן אין אַ וועלט פון די גרויסע וועלט מלחמות. עס פאָדערט זיך איצט פון יידן אַן אַ שיעור אָנגעשטרענגטע אָרגאַניזירטע ענערגיע ווי פון אַ קאָלעקטיוו, און אַטראָפּירטע צעאיינצלטע יידן וועלן בשום אופן נישט קענען די ענערגיע שאַפן. עס גייט נישט נאָר וועגן אָפּוועגדן שינאה און האס און רציחה ווען זיי זיינען שוין דאָ. יעמאָלט איז שוין צו שפּעט. עס גייט וועגן אָרגאַניזירן דאָס יידיש לעבן, דאָס לעבן פון יידן אַזוי מען זאָל פאַרשפּאָרן מורא צו האָבן פאַר דער רציחה, עס זאָל נישט זיין אַזוי גרינג די רציחה אויסצוגיסן אויף אונדז. אַט וועגן וואָס עס האנדלט זיך. די ענערגיע קומט נישט פון נאָרנישט ווען מען דאַרף זי. ס'הייבט זיך נישט אָן. ענערגיע מוז מען פּראָדוצירן, אקומולירן. גייסטיקע לעבנס־ענערגיע פון אַ קאָלעקטיוו קען זיך אָנזאַמלען נאָר אין קאָלעקטיוון, אקטיוון לעבן. קאָלעקטיוו לעבן איז אידענטיש צו „נאַציאָנאַלער דיסציפּלין", אַזאַ דיסציפּלין קען געשאַפן ווערן דורך אַ שטאַרקן נאַציאָנאַל־קאָלעקטיוון ווילן. אַט דער ווילן קען זיך אַנטוויקלען נאָר אין די ראַמען פון אַ נאַציאָנאַלער דיסציפּלין... האָבן מיר דאָ אַ פאַרכישופטן קרייז. און ניי

געפין און אויסוועג! עס לעבט זיך גרינג די יידן אין די אמעריקעס, אָבער — שווער איז צו גיין בארג ארויף אויף הויכע בערג, ארויף, ארויף. עס איז א סך גרינגער זיך אוועקלייגן און זיך קייקלען אראָפּ, אראָפּ... גאָט ווייסט אין וואָסערע אָפּגרונטן. אָט די יידן מיט אטראָ־פּירטער יידישקייט ווי גרויס זייער צאָל זאָל נישט זיין זיינען אין דער סטאדיע פון פּאַסיוון קייקלען זיך בארג־אראָפּ. קוקט זיך צו און זעט, אז שוין איצט ווערט ביי יידן אין אמעריקע גאָרנישט געטאָן אָן דער ברכה, אָן דער איניציאַטיוו פון א גרויסן גוי. דאָס איז דער ערשטער סימן פון אָט דער נאציאָנאַלער אטראָפּיע.

לאָמיר פּרובירן זוכן די קמיע אין זיך וואָס דאַרף ווי א קאָמפּאַס פירן אין אונדזער בלאָנדזשעניש. דאָס איז דער נאטירלעכער חוש, דער לעבנס־אינסטינקט וואָס מיר האָבן פארלאָרן.

ב.

ווער זיינען מיר?

קודם כל ווער זיינען מיר? אונדזערע ראבאים באמיען זיך איינ־צורײדן די גאנצע וועלט באלעבאטים אז מיר זיינען א שפּיגל פון זיי. ס'איז אומזיסט די טירחה און עס איז פאַלש. אומזיסט — עס איז אין די נשמות פון יענע איינגעפלאַנצט א שטאַרקער חוש פון זייער אנדערשקייט, — און וויפל די יידישע ראבאים וועלן נישט שוויצן איבערצוציגן און איינצורײדן אלעמען, אז מיר זיינען נישט „מיר" נאָר מיר זיינען „זיי" וועט עס נישט העלפן.

און פאַלש איז עס ווייל

„וואָס א קלאָג איז נישט קיין ליד,\
און וואָס א גוי איז נישט קיין ייד,\
און א וואָלף איז נישט קיין ציג\
און א העלפאַנד איז נישט קיין פליג.

די גוטע גויים זיינען אונדז דאנקבאר (אוי, אָט די דאנקבארקייט, ווי מוחל מיר זיינען!) פאר דעם מאָנאָטעיזם וואָס מיר אָבן געגעבן דער וועלט. איין קלייניקייט: באזאָרגט די גאנצע וועלט מיט מאָנאָ־

טעיזם! מיר מאַנאַטעיסטן — זיי מאַנאַטעיסטן — אונדזער גאָט — זייער גאָט... און דער גרויסער גוט איינגעזונגענער כאָר פון די ראַ־באים אין אמעריקע האלט אין זינגען — — —

מיר און איר,
איר און מיר —
זיינען מיר ביידע
ווי א קלאמקע מיט א טיר. (פון א פאָלקס־לידל)

מער נישט מען זינגט עס געוויינטלעך נישט אויף יידיש, נאָר מיטן בעסטן גלחישן ענגליש און אָט האָט זיך אוועקגעשטעלט דער גרעס־טער יידישער שרייבער אויף די קני פארן פריץ און שוין יאָרן ווי ער מאַטערט זיך איינצורײדן די גויים אז זייער גאָט איז אונדזער גאָט. און מיט דער זעלביקער ענערגיע וואָס ער באמיט זיך איינצורײדן די באלעבאטים, מיט דער זעלביקער ענערגיע שטויסט ער אָפּ פון זיך אַלע ווארענונגען פון זיינע יידן, פון זיין גאנצן פאָלק, וואָס האלטן אין איין שרייען צו אים — אַש, חזור בך!" — קער זיך אום... אומ־געקערט מיטן נאַקן צו זיין פאָלק און וויל נישט הערן וואָס מען ווארנט אים.

איז נישט געקוקט אויף דעם אַלעם די גאנצע מעשה פאַלש פון א' און ביז ת'.

שוין דאָס אליין וואָס אָט דאָס לידל און דאָס בעטלעריש זינגען די פריצים אין די אויערן צוערשט די קאטוילישע פראנצויזן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע „מיר זיינען פראנצויזן גלייך מיט אייך, און פארגעסט אז מיר שטאמען פון יידן", שפּעטער האָט מען זיך צעזונגען אין דייטשלאנד דאָס זעלביקע לידל אויף א דייטשישן שטייגער. מען האָט עס געזונגען צו די פאָליאקן ווען זיי זיינען געווען באלעבאטים, מען האָט עס געזונגען סערענאדעס צו די רוסן און צו וועמען נישט? און איצט זינגט מען עס אויף אַלע כלים צו די אמע־ריקאנער פעלקער. איז דאָס דער ערשטער סימן אז עס איז שקר: אויב מיר זיינען אַלע, זיינען מיר קיינער נישט.

און בכלל הייבט זיך די גאנצע מעשה נאָר נישט אָן:

מאָנאָטעיזם? אונדזער גאָט איז אַן אַנדערער. מיר האָבן געלערנט די וועלט אַמאָטעריאַליזאַציע פון גאָט־באַגריף, — גאָט איז אידעען אין הארצן פון מענטשן, גאָט איז נישט אין די הימלען, אויסער דעם דעם מענטשן און אויסער זיין גייסט, גאָט איז אין דעם באשאף, גאָט איז אין דער נשמה פון דער וועלט אין איר גאַנצקייט און אין אירע קלענסטע טיילכעלעך, גאָט איז די אידעע פון דער וועלט, פון מענטש, פון זיינע געדאַנקען, פון זיין שטרעבן הויך און העכער, אין זיין רייסן זיך צו די הימלשע ריינקייטן, פיינקייטן. און זיי — א גאָט פון בלוט און פלייש, פון א מאמען, — מאטעריע, גשמיותדיק. און אלץ וואָס גוף איז געץ. און נישטאָ קיין אונטערשייד צי מען דינט צו צען, אָדער צו איין געץ. און דער איינער איז קיין איינער נישט, — גאַנצע פאַנטעאָנען. און מען דינט צו אַנדערע געצן. האָט מען נאָך אַמאָל איבערגעניצעוועט די אַלטע גריכיש־רוימישע געטער, זיי געגעבן אַנדערע נעמען און — צווישן אונדז און זיי איז געבליבן דער זעלביקער תהום וואָס פריער. דער זעלביקער און טיפער אַלץ דער זעלביקער תהום נאָר אנשטאָט וואסער האלט מען אים אין איין אָנפילן מיט אונדזער בלוט.

זייער גאָט (ריכטיקער — געטער) זיינען אויסער זיי, זיי זיינען שוין געווען און מען דאַרף זיי טייער האלטן. אונדזער גאָט, להבדיל — איז אין אונדז און מיר מוזן זיך גופא היטן כדי טייער צו האלטן דאָס געטלעכע וואָס אין אונדז. גאָט און געטער דאָס זיינען זאכן וואָס מיט זיי פוצן פעלקער אויס זייערע היימען, זייערע שטעט, זייערע פּאַלאַצן, און מען דינט צו זיי מיט דעם וואָס מען איז מקריב. יענעם איז מען מקריב. גאָט איז מחוץ דעם מענטשן, עקסאָגען איז ער.

גאָט איז נאָר דאָס גוטס וואָס אין די מעשים פון די מענטשן, דאָס דערהויבענע. ציען זיך צו גאָט נישט דורך רייכקייט, פּאַלאַצן טעמפּלען, דורך קרבנות נאָר דורך וואשן און רייניקן אז די אייגענע מענטשלעכקייט אין אונדז זאָל ווערן ווי א געטלעכקייט. גאָט איז ענדאָגען. נישטאָ ביי אונדז קיין מאטעריעלע געטער, קיינע געצן ווי מען זאָל זיי נישט רופן און פון וועמען זיי זאָלן נישט שטאמען. „למה

יאמרו הגויים איה אלוהיהם" — אוודאי פארשטייען זיי נישט! זיי גיט א גאָט וואָס מען קען אים א קוש טאָן אין פּיאטע צי אין נאָז... ווי קענען זיי באנעמען א גאָט אָן א גוף? זיינען עס צוויי וועלטן — ירושלים און אטען. זוכט איינע צו באהערשן די וועלט וואָס אויסער דעם מענטשן פאר דעם מענטשנס הערש־אינסטינקט. זוכט די צווייטע צו באהערשן דעם מענטשן פאר דער הערשאפט פון געטלעכן גייסט וואָס אין גאָר דער וועלט. און זיי האָבן געירשנט די רייכע אלעקסאנדריע און דאָס קליין דערפל יבנה. און פון זיי אויף אייביק — די זוכן פּראָגרעסן אין ציוויליזאציע איבער גאָטס וועלט און יענע — אין דער קולטור פון דעם מענטשן גופא פאר דער וועלט. דאָ זיינען דאָס „חובות הלבבות" און ביי יענע איז דאָס „חכמות חיצוניות" — אויסער דעם מענטשן. קאנט זוכט דעם סוד פון זאכן ווי זיי זיינען פאר זיך גופא, כדי זיי צו באהערשן. ר' שניאור זלמן פון ליאדי לערנט אז מיר דארפן באהערשן דאָס שלעכטע אין זיך ווייל „מיר די ברואים קענען דאָך נישט באנעמען די בריאה ווי דער בורא כביכול" איז יוחנן דער מלמד (פּריץ) נישט צופרידן וואָס די מאשין פארהילכט דעם נביא, איז דע בוא ריימאָנט דער דייטש נישט צופרידן וואָס מיר זיינען באגרעניצט צו באהערשן די וועלט. דאָ גייט א דראנג איינצוצאמען די אינסטינקטן, און דאָרטן — זיי צום פארגעטערן, דינען צו זיי מיט פּראכט און גלאַנץ. דאָרטן איז די גאולה שוין געקומען, מיט איִם איז די וועלט שוין יוצא און דער ציל און זינען איז די עולם הזה. דאָ אָבער איז די גאולה אין דער צוקונפט, כסדר פּאָרויס און ווייטער — עולם הבא.

צוויי וועלטן ווי געוועזן אזוי געבליבן, נישט קיין טראָט נענטער, א סך טריט ווייטער. יעקב—עשו —

וועלט באהערשן — זיך באהערשן;
מאכט איז גערעכט — גערעכטיקייט איז מאכט.
פילאָסאָפיע און וויסנשאפטן — גלויבן און ליריק,
פּראָמעטעאוס און — אליהו הנביא,
אטאָם־באָמבעס — קידוש השם,

א. גאָלאָמב

גליקזוכעניש — גאָטזוכעניש,
בלוטהייליקייט און בלוטדאָרשטיקייט,
פעלקער וועלף און פעלקער שאָף (רמבם און זשיטלאָווסקי)

אייביקע צוויי וועלטן, צוויי שטראָמען, וואָס האָבן זיך קיין מאָל נישט צונויפגעגאָסן און זיי וועלן זיך קיין מאָל נישט צונויפגיסן.

דער פּרווו יעקבס איינצוצאמען עשון מיט א צוויי טויזנט יאָר צוריק איז באַלד געווען באַנקראָט — היהפוך כושי עורו? און אָט דער פּרווו איז אליין געוואָרן א מאָטיוו צו בלוטדאָרשטיקייט וואָס יעקב האָט נישט אויפגעהערט אייביק צו ליידן פון איר.

אינקוויזיציעס, צלם־טרעגערס, דער הייליקער קבר פון גאָט פון ליבע, מגפות, אויפשטאַנדן, מלחמות — אומעטום פירט עשו יעקבן צו דער עקדה און טראָגט פרום פּאָרוים פאר זיך דעם פארבלוטיקטן צלם פון גאָט פון ליבע. נישט עשו דינט צו זיין גאָט נאָר דער אָרע־מער גאָט נעבעך דאַרף נאָר דינען אים און זיינע פון רוים געירשנטע פירונגען. אלע מלחמות אויף דער וועלט זיינען נישט קיין רעזולטאט פון קיינע עקאָנאָמישע צי סאָציאלע, אָדער פּאָליטישע שוועריקייט — נישטאָ גאָרנישט וואָס מען וואָלט נישט געקאָנט דערליידיקן אָן מלחמות וואָס זיי דערליידיקן סיי ווי גאָרנישט און זיי מאכן נאָר אָן גרעסערע און שווערערע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, סאָציאלע צרות. מלחמות זיינען א רעזולטאט פון פּסיכישע איינגשאַפטן פון די אייר־ראָפּעיש־קריסטלעכע פעלקער, פון זייער בלוטדורשטיקייט וואָס זי טראכט עס צו פארשיידענע תירוצים פאר די מלחמות. אין מלחמות לעבן זיי זיך אויס, דאָ ליגט זייער נשמה און איינצאמען זיך — דאָס האָט מען זיי נישט אויסגעלערנט. קיין שלום קענען זיי נישט שאפן — ער איז ביי זיי אין נשמה נישטאָ. און מען זיצט ביי איין טיש און מען טרינקט פארן שלום און הינטן שארפט מען שוין שווערדן און מען זוכט ווען וועלן די געטער געבן און מען וועט שוין זיי, די נייע שווערדן, קענען לאָזן אין דער ארבעט און ציטערן, צאפּלען זיך ווי א וואָלף וואָס פארכלינעט זיך מיטן בלוט פון א שאָף ווי א דער־געגעראַט איבערן לייב פון א צארט מיידל...

זיי און „והיה באחרית הימים"... ווער, סיידן א נאַר אָדער אן אומ־גליקלעכער קען טראַכטן וועגן אײנהייטלעכקייט דאָ?

א גוי גײט אין שענקל אַריין, אין שענקל אַריין...

א ייד גײט אין בית מדרשל אַריין...

אזוי איז עס געווען, אזוי איז עס און אזוי וועט עס זיין לעולם ועד. דער בלומרשטער שפינוועבס־חלום פון יעקבס פאַררײדן די בלוטדאָרשטיקייט פון עשו איז מיט היטלער תקופה געענדיקט. יאָ, דאָס גאַנצע קריסטנטום איז געווען א מין „פאַרריידן" אָט ווי אינ־דוסן פאַררײדן שלאַנגען... און עס איז מער נישט מיגלעך צו פאַר־ריידן די בלוטדאָרשטיקייט — דאָס האָט היטלער אויפגעטאָן און ער האָט געווירקט ווייט נישט נאָר אויף די דײטשן אַליין. און אין א דעמאָקראַטישער וועלט, אין וואָס פאַר א וועלט נאָר פון „יושר און גערעכטיקייט „די גרויסע דריי" און פינף און וויפל זײערע עס זאָלן דאַרטן נישט זיין — זאָל גלײבן דער וואָס וויל זיך נאַרן — די שינ־אה פון עשו צו יעקבן האָט נישט מער קיין צאַם, און עס וועט אײ־ביק זיך ציען די נקמה פון וואָלף אויף דעם שעפס פאַרוואָס ער האָט אַמאָל אים געוואָלט מאַכן שעפסיש.

געטע נאָך, נישט עמיצער פון די היטלעריסטן, האָט עס געזאָגט: מיר האָבן גאָרנישט בשותפותדיקס מיט די יידן און וועלן זיך נישט טרעפן מיט זיי נישט אין גוטן, נישט אין בייזן" (ציטירט לויט מאַקס ווײנער, ייוואָבלעטער 23 ז' 51). נישט ריכטיק: אין בייזן זיך יאָ געטראָפן! און נאָך ווי געטראָפן!

נאָך בעסער דערציילט עס די יידישע אגדה ווי די צוויי ברידער יעקב און עשו האָבן אײדער זיי זײנען געבאָרן געוואָרן זיך צעטײלט און איטלעכער האָט גענומען פאַר זיך אן אַנדער וועלט...

עס וועט קיין מאָל מן הסתם נישט זיין קיין סינטעז פון יעקב און עשו וויפל די ראַבאַים אין אַלע לענדער און איבערהויפּט אין אַמעריק־קע וועלן זיך נישט באַמיען און וויפל דער אומגליקלעכער שלום אש וואָס האָט זיין קמיע פאַרלאָרן וועט נישט בישופן מיט זיין קינסט־

לערישן כישוף — צווי פּאָלוסן פון דער וועלט קענען זיך נישט צו־נויפקומען און זיי ווען זיך נישט צונויפקומען.

ג.

יידישקייט איז נישט קיין רעליגיע

מיר האָבן שוין וועגן דעם געשריבן. אָבער מען מוז נאָך מער דאָס אויפקלערן ווייל אָט דער טעות איז ווייט איינגעבירגערט אין די מוחות פון יידן. איבערהויפּט זיינען דאָס די אָרטאָדאָקסיע און די אסי־מילאטאָרן וואָס האַלטן אין איין טענהן — אַז יידישקייט איז נאָר רעליגיע. אָבער עס איז פאלש. וואָס איז רעליגיע — עס איז א טעאָ־לאָגיש־פילאָסאָפישע סיסטעם פון אטריבוטן, דאָגמעס, פּרינציפּן, אָנגענומענע אמתן, וואָס מען דאַרף אין זיי גלייבן. און דאָס איז גע־נוג. רעליגיע פארמעסט זיך נישט צו פורעמען דאָס לעבן, צו זיין דער אינהאלט פון נאציאָנאל־פאָלקישן איך: „גיב צו גאָט וואָס צו גאָט און דעם קייסער גיב זיינס" (פון יעוואנגעליע). רעליגיע, ה"ד איז איין געביט פון לעבן און זי לאָזט צורו די אנדערע געביטן. דיינע אַלע שייכותן מיט דער וועלט, מיט מענטשן דערליידיקסטו דורך „דעם קייסער" — דאָס איז דיין וועלטלעך לעבן. און אַז דו ווילסט זיין בשלום אויך מיט דעם גאָט וואָס האָט אמאָל געלעבט ווי א מענטש און ער האָט מיט זיין לעבן און מיט זיין טויט דיך אויסגעלייזט און דיך באַזאָרגט אויך מיט א גוט לעבן נאָכן טויט, טאָ זיי א פיינער מענש און גיב אים אויך וואָס אים קומט...

יידישקייט איז עפּעס גאָר פון אַן אנדער קאטעגאָריע. זי האָט נישט צו טאָן מיט קיינע באשטימטע איין מאָל און אויף אַלע מאָל דאָגמעס, יידישקייט ווייכט אוים ווי ווייט מעגלעך די אַלע טעאָלאָ־גישע טראקטאטן און רעליגיעז־פילאָסאָפישע סיסטעמעס. יידישקייט איז גאָר דער סכום נאָרמעס ווי א יידישער מענטש דאַרף זיך פירן מיט מענטשן נישט מיט גאָט, מיט זיינע אייגענע און מיט פרעמדע מענטשן. יידישקייט איז נישט קיין טעאָלאָגיע נאָר א סאָציאלער קאָ־דעקס גאָר.

אלע פרווון וואָס האָבן געוואָלט מאַכן פון יידישקייט א רעליגיע האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט אומקום פון יידישן פאָלק צי מיט דעם ביסל שמד־וואסער, צי אָן דעם — אלץ איינס. דאָס האָט מענדעלסאָן געוואָלט איינהיטן די יידישע רעליגיעזע פראַקטיק אָן די נאַציאָנאַלע אידעאַלן וואָס אין יידישקייט, — און — ער איז געווען דער לעצטער ייד אין זיין משפחה.

דאָס האָבן די משכילים זיך פארקוקט אויף דעם קלויסטער און געוואָלט אים נאָכמאַכן: ער גיט א קלאָר וויסן וואָס מען דארף האַלטן און אין וואָס מען דארף גלייבן. קלאָר און דייטלעך — געגומער־רירטע דאָגמעס און יוצא. און זיי האָבן מקנא געווען: יידישקייט האָט נישט קיין דאָגמעס און קיין קאַטעכיזם, וואָס מען לערנט אים אויס און מען ווייסט שוין אלץ. דאָס האָבן די משכילים קוקנדיק פון זייער געפּאַלנקייט ארויף צום קלויסטער, וואָס איז ביי זיי אין די אויגן געווען העכער ווי ער איז, האָבן זיי נעבעך געבענקט נאָך דער פריי־הייט פון צוימען אין לעבן וואָס דער קלויסטער האָט געגעבן זיינע אדעפּטן, נאָך פּאַוול וואָס האָט זיין רבין פארקויפט צו די געצנדינער פאַר א נייעם געץ, האָט זיי געגעבן די פרייהייט: יידישקייט איז א שווערער יאָך, זייט איר פריי פון טאָן, איר דארפט נאָר גלייבן און מיטן גלויבן אין אים, אין זיין גאָטהייט זייט איר שוין יוצא מיט אייער גלויבן אין זיין טאָן. האָבן די יידישע משכילים אויך אזוי געוואָלט: „די אבות אונדזערע האָבן אויסגעטראָטן פאַר אונדז א וועג דורך זייער לעבן אין א דיסציפּלין פון מצוות און עברות, און מיר קענען איצט לעבן מיטן ריינעם גלויבן נאָר אין גאָט און אין זיינע נביאים". האָבן די משכילים געזוכט א היתר צו לעבן ווי גויים און גלייבן אין יידישקייט. און וואָס עס איז פון דעם געוואָרן — דאָס ווייסן אלע: נישטאָ דאכט זיך פון די משכילים קיין דריטער דור יידן אין יידישקייט. און אנדערש קען עס נישט זיין. יידישקייט איז נישט קיין רעליגיע נאָר א סכום לעבנס געבאָטן און פארבאָטן. אָפּגעוואָרפן דאָס, — בלייבט נישט קיין יידישקייט. קען מען זייער פיין גלייבן אין דער רעליגיע פון יידן און זיין א גוי, פונקט ווי איך

סען זייער און זייער האלטן און גלייבן אין בודא און זיין א ייד, א טערק און וואָס עס איז. האָט נאָך ספּינאָזע געזאָגט אז יידישקייט איז גאָר א סכום חוקים, געזעצן, א ייד מוז אויספירן די עלעמענטאַרע מאָראלישע חובות. מיטן גלויבן, מיטן באַנעמען דעם העכסטן מאָראַלישן אמת איז א ייד נישט יוצא. דערפאַר איז קריסטנטום אוני־ווערסאַל, ווייל מען דאַרף נאָר גלייבן. יידישקייט איז נאָר נאַציאָנאַל ווייל נישט גלויבן נאָר פירונג, שטייגער און אַרט לעבן.

מערגנישט וואָס ספּינאָזע האָט עס געהאַלטן פאַר א חסרון. ביי אונדז אין די אויגן איז עס א מעלה. און דעריבער איז עס ריכטיק, אז די תורה איז נישט קיין רעליגיע נייערט „די נאַציאָנאַלע קאָנסטי־טוציע פון יידישן פאָלק".

ווילט זיך מיר דאָ צוגעבן פון זיך, אז אָט די פאָרמולע לייענט זיך אויך פאַרקערט: „אַל דאָס יידיש־נאַציאָנאַלע איז תורה". איך גלייב מיט אַלע מיינע חושים אז אין דעם זינען גיי איך אין פולן הסכם מיט דער יידישער טראַדיציע.

די ערשטע פראַגע צו פאָרמולירן יידישקייט — די עשרת הדיב־רות — האָבן נישט קיינע דאָגמעס רעליגיעזע, קיינע אַטריבוטן, פאַר־קערט — פאַרנעם זיך נישט מיט די גאָט־פּראָבלעמען, זוך נישט זיי־נע פאַרשטעלונגען, דערמאָן אים נישט... דער ערשטער ייד האָט גע־בראָכן אַלע מאַטעריעלע געטער פון זיינע אבות (אברהם), משה האָט געוואָלט באַזייטיקן און כאָטש באַגרעניצן דעם טעאָלאָגישן מאָ־מענט פון יידישקייט. געזעצן און דינים — אַלע סאָציאַלע, לעבנס־נאָרמעס. קיין רעליגיע!

איז משהס תורה נישט מער רעליגיע ווי דאָס איז געווען כאַמו־ראַבים קאָדעקס, אָדער פון סאָלאָן אין גריכנלאַנד.

די גמרא באַמיט זיך אָפּצוהאַלטן יידן פון טעאָלאָגיע. זוך נישט וואָס עס איז העכער, און דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט „מעשי מרכ־בה" דער גייט זעלטן ארוים בשלום...

פון די תרי"ג מיצוות ביי יידן האָב איך געפונען נאָר דריי פון א טעאָלאָגישן כאַראַקטער (כה', תי"ז, תי"ח).

פאראן זיבן מיצוות וועגן מסית (מיסיאנער), אָבער דאָס זיינען דאָך די וואָס ווילן דורך דער רעליגיע אָפּרייסן פון יידישן פאָלק.

דער שבת איז איינגעשטעלט געוואָרן דורך משהן מיט ריין נאַציאָנאַל־סאָציאַלע מאָטיוון. די זעלביקע מאָטיוון פון נאַציאָנאַלער אָפּשיידונג און פאַרזיכיקייט האָבן געווירקט אויך אויף נחמיהן איינצושטעלן דעם שבת א צווייטן מאָל.

אין רמבמס משנה תורה, אין די טורים, אין שולחן ערוך, אין אנדערע ענלעכע ספרים איז דאכט זיך נישט צו געפינען קיינע רעליגיעז־פילאָסאָפישע קאָנצעפּציעס, קיינע קאטעכיזמען, קיין זאך נישט צום גלויבן, אלץ מקיים צו זיין, צו טאָן.

איז יידישקייט גאָר עפּעס אנדערש און זי שטרעבט צו עפּעס גאָר אנדערש: דורך סאָציאַלע נאָרמעס, געבאָטן און פאַרבאָטן איינצאמען די אינסטינקטן פון דעם מענטשן ער זאָל אין זיין לעבן זיך פירן לויט די פארשטעלונגען פון יידן וועגן גוטלעכקייט.

אזוי איז געווען דער אידעאל פון משהן „והייתם קדושים, ממלכת כהנים וגוי קדוש"; „מי יתן והיה כל עם ד' נביאים'". בכן איז געשטרעבט געוואָרן צו שאפן א פאָלק וואָס זאָל זיך אויסטיילן פון צווישן אלע אלע אנדערע פעלקער מיט אויסגעצייכנטער עטיק.

אזוי האָבן אלע אמתע נביאים (פאלשע זיינען מן הסתם געווען מער ווי אמתע, נאָר מען האָט זיי אויסגעמעקט פון פאָלקס זיכרון) געשטורעמט און געשטראָפט די יידן איבערהויפּט דערפאר וואָס זיי ווילן זיין מיט אלע אנדערע פעלקער צוגלייך און זיי ווילן נישט אָפּזונדערן זיך פון אלע אנדערע.

אין תלמוד איז ווידער אמאָל דער זעלביקער נאציאָנאַל־עטישער אידעאל — מה הוא רחום, — אף אתה כך". פון אלע פילאָסאָפישע ביכער און ספרים האָט דאָס פאָלק אָפּגעקליבן פאר זיין טישבוך דעם „חובות הלבבות". און אזוי האָבן די אויטאָריטעטן די יידישע געלערנט: „אננעמען זיך מיט די מידות פון דעם הייליקן, געבענטשט זאָל ער זיין".

אין די צייטן ווען יידן זיינען געווען אונטער דער דירעקטער

השפעה פון אנדערע פעלקער, האָט מען געשאפן אויך ביי יידן רע־ ליגיעזע פילאָסאָפיעס. אָבער דאָס פאָלק האָט עס לגמרי נישט געהאט שטארק גערן, מען פלעגט עס אויסמיידן אויב אפילו הינטער זיי זיינען געשטאנען אזוינע אויטאָריטעטן ווי דער רמבם אליין. האָט מען אויף דעם לערנען דעם „מורה נבוכים" געקוקט נאָר קרום. און די דרייצן עיקרים, די דאָגמעס וואָס דער רמבם האָט פאָרמולירט האָט מען יאָ ארייגעשטעלט אין דאווענען (פאָרט דער רמבם!) אָבער ווי? — אָפגעכאפט ביחידות, פאר זיך צום סוף פון דאווענען און געגוג. איך האָב אין ערגעץ נישט געטראָפן מען זאָל די אני מאמינם לער־ נען מיט קינדער. איז מען אי יוצא פארן רמבם און אי מען האלט עס נישט פאר עפעס וויכטיקס. בכלל דארף מען נישט צו פיל בעטן און בעטלען ביי גאָט. תפילות אָבער נישט בקשות. תפילה איז חיי שעה בעת לערנען איז חיי עולם. די יידישע תפילות ווי רעליגיעזע פּאָעזיע האָבן געשטרעבט קענטיק צו ווירקן אויף דעם דאוונער גופא, ארויסרופן אין אים דאָ געטלעכע. אין דער זעלביקער צייט קריטיקירט דער יעוואנגעליע די פרושים דערפאר וואָס אין זייערע תפילות זינ־ גען זיי צו פיל, זיי „חנפהנען זיך צו גאָט". דעריבער דארפן דיינע תפילות זיין פארקערט נאָר בקשות, דירעקטע ווענדונגען צו דיין גאָט וואָס איז ערגעץ ווייט, נישט אין דיר.

דערפאר איז עס ביי אנדערע פעלקער פון רעליגיעס געווען ראַ־ ציא, פילאָסאָפיע, פרינציפּן, טעאָריעס, מאכט, פּאָליטיק און צוואנג.

ביי יידן, פארקערט, —עמאָציעס, ברכי נפשי, כתר מלכות.

ביי די יידן תשובה — ענדערן זיך, איבערשאפן זיך, גובר זיין די אינסטינקטן. ביי די אייראָפּעער — אינדולגענציע — אויסקויפן זיך פון די זינד, באפרייען זיך פון זיי.

און בכן — יידישקייט איז א נאציאָנלער גלויבן אין דער געט־ לעכקייט וואָס אין פאָלקס גייסט און ווילן, א שטרעבן דאָס געטלע־ כע וואָס אין מענטשן צו מאכן הערשן איבער דעם מענטשן און דערמיט נאציאָנאל זיך אָפּשיידן פון אלע אנדערע פעלקער, וואָס שטרעבן צו גאָר אנדערע צילן אין זייער לעבן.

יידישקייט דאָס איז א סכום געזעצן און נאָרמען ווי צו לעבן נישט ווי צו גלייבן. נאָר אויך דאָ איז פאראן אן אונטערשייד — ווו, אין וועמען און פון וואנען קומען די געזעצן? ווער באשטימט די נאָרמעס?

— ביי אנדערע פעלקער גייען די געזעצן אין נאָמען פון דער מאכט, פון הערשער, און די געזעצן קענען זיך ענדערן ווי עס לוינט זיך דער מאכט.

ביי יידן אָבער שטאמען די געזעצן פון דער אבסאָלוטער גערעכטיקייט וואָס זי איז איבער אלעמען און איבער אלץ, און קיינער קען נישט ענדערן די אבסאָלוטע געזעצן פון לעבן, אפילו גאָט אליין אויך נישט.

נישט די מאכט דיקטירט די געזעצן, נאָר די אבסאָלוטע, אומאָפּהענגיקע גערעכטיקייט — זי דארף הערשן איבער אלע מאכטיקע, איבער אלע מאכטן. נישט אומזיסט האָט די לעגענדע באשטימט אז די תורה איז פריער פון דעם מענטשן־באשאף אויף דער וועלט. די תורה — די לעבנסנאָרמעס זיינען אבסאָלוטע און בראשיתדיקע אין לעבן.

און די תורה איז נישט קיין פארהייליקטע ספרים, נאָר — ווען א פאָלק הייבט אָן צו לעבן מיט א ספר, און ער לייגט אין די ווערטער פון דעם ספר אריין זיין נשמה, זיין געמיט, — דעמאָלט ווערט פון דעם ספר א תורה. תורה איז די שעפערישע עסענץ פון פאָלקס לעבן. גאָט — זיין גייסט; תורה די פּראָדוקציע פון אָט דעם געטלעכן גייסט אין פאָלק.

דערפאר איז ביי זיי — פאָרמוליעס, פרינציפּן און אויטאָריטעט און פיקסירט אלץ, ביי יידן אָבער — כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, ניתנה למשה מסיני

ווי א רעזולטאט פון דעם אלעמען וועלן מיר דאָ געבן עטלעכע פונקטן:

א) יידישקייט איז נישט קיין רעליגיע אין דעם זינען פון אנדערע רעליגיעס ביי אנדערע פעלקער. עס איז דער סכום אייגנטימלעכקייטן פון דעם פאָלק אין אלע זיינע דורות.

ב) אלע הייליקייטן פון פאָלק זיינען נישט געגעבן געוואָרן מגבוה, פון ערגעץ אויסער דעם פאָלק און זיין שעפערישן גייסט. אלץ איז געשאפן געוואָרן און געוואָקסן אין פאָלק און מיטן פאָלק דורך דעם העכערן „געטלעכן" גייסט וואָס הערשט אין פאָלק.

ג) דער ציל פון יידישקייט איז נישט צו שטארקן גאָט, נייערט צו שטארקן דעם קיום פון יידישן פאָלק און דעם קיום פון זיין גייס־טיקער אייגנטימלעכקייט און אנדערשקייט. און פון דאנען שטאמט די הייליקייט פון אָט די שאפונגען. עס איז א הייליקייט נישט פון א ווייטן גאָט אין הימל, עס איז הייליק „בקדושת העם".

ד) די פרינציפן פון יידישקייט וואָס האָבן זיך נישט געענדערט אין פארשיידענע תקופות, און וואָס זעען בכן אוים צו זיין אייביקע זיינען: 1) גערעכטיקייט איבער אלץ און פאר אלץ, 2) איינצאמען די אינסטינקטן און זיי באהערשן אין נאָמען פון דער גערעכטיקייט, 3) קולטור פון דעם מענטשן גופא און נישט פון עפעס אויסער דעם מענטשן, פאר דעם מענטשן. 4) נעגאציע פון סימבאָלן, ווייל זיי זיינען דרויסנדיקע און ווען זיי ווערן פארהייליקט, איז זייער נאטור, אז מען פארגעסט די אידעע וואָס דער סימבאָל דארף באצייכענען און ער, דער סימבאָל, ווערט די הייליקייט אויפן אָרט פון דער אידעע. און אָט די ענדערונג איז שוין געצנדינסט.

ה) דעריבער איז יידישקייט לגמרי נישט קיין שטער צו וועלט־לעכקייט. אין איטלעכן דור און אין יעדער צייט איז יידישקייט דאָס וואָס שיידט אָפּ אירע היטער פון אלע אנדערע מענטשן און פעלקער אויף דער וועלט. קען אין איטלעכן דור דער שווערפונקט ליגן ערגעץ אויף אן אנדער אונטערשייד, אין אן אנדער גייסטיקן נאציאָנאלן שטריך. דער עיקר איז אז אין יעדער דור זאָל זיין אָפּגעהיט דער „ובחוקותיהם לא תלכו".

ו) און בכן מוזן אויך וועלטלעכע יידן האָבן א נאציאָנאלן שולחן

ערוך פון געבאָטן און פאַרבאָטן, וואָס מוז אײנהיטן זײער אנדערש־קײט און אָפּגעזונדערטקײט פון אַלע נישט ייִדן.

ד.

שווער צו זײן א ייִד

אין משך פון אונדזער גאַנצער געשיכטע ראַנגלען זיך אין אונדז צוויי אנטקעגנדיקע כוחות: עס ווילט זיך א גרינג לעבן, און ייִדישקײט איז שווער: א שטרענגער גאָט אָט דער ייִדישער מיט זײנע כסדרדיקע „לאָ, לאָ און ווידער לאָ".

„מען טאָר נישט און מען טאָר נישט און מען טאָר נישט,
און אז מען מעג טאָר מען דאָך אויך נישט!". (פון א פאָלקס־ לידל)

און אנטקעגן דעם זײנען דאָ אזוינע גוטע געטער וואָס
„עס גלוסט זיך און מען טאָר דאָך און מען מעג דאָך"

און פון אמאָל און ביז הײנט האַלט זיך אָט דער קאַמף אין אײן איבערחזרן אין פאַרשיידענע געשטאַלטן לויט צײט און אָרט, אָבער אַלע מאָל מיט דעם זעלביקן תוך און אינהאַלט. און אזוי גײט ער דער קאַמף דורך אַלע דורות: אָדער פאַרפיקסירטע, קאָנסערווירטע ייִדישקײט אָדער שעפערישע, קוואַלנדיקע ייִדישקײט. אָדער א יאַרמל־ קע אויף א קאָפּ וואָס שאַפט שוין גאָרנישט קײן ייִדישקײט, אָדער — שעפערישע אקטיווקײט אָן א יאַרמלקע.

און אַלע קאָנסערווירטע ייִדישקײטן זײנען אויסגעטריקנט געוואָרן און פאַרדאַרט געוואָרן. און דער המשך פון דעם עלטסטן פאָלק צווישן אַלע אײראָפּעישע פעלקער באַזירט זיך אויף דער כסדרדיקער שע־ פערישקײט דורך דורות. און די שעפערישקײט איז פאַראַן נאָר דאָרטן ווו עס איז פאַראַן אויסגעהאַלטנקײט, אויסגעהאַלטענע פאַר־ זיכיקײט, אָן דעם איז נישטאָ קײן שעפערישקײט און במילא נישטאָ קײן ייִדיש פאָלק, אויב עס זײנען אפילו געווען ייִדן.

דאָ ליגט דער שליסל צו דער ייִדישער אײביקײט, צו דעם קיום פון פאָלק ישראל: אויסגעהאַלטנקײט און כסדרדיקע שעפערישקײט.

קיינע מאַטעריעלע אַטריבוטן, קיינע מאַטעריעלע גיטער און אייגנ־טומס.

דאָס איז געווען דער קאַמף צווישן דעם „גלותיסט" ירמיהו און די דעמאָלטיקע „ריכטיקע ציוניסטן". דאָס איז געווען דער גרענעץ צווישן יבנה און מסדה. דאָס איז דער אונטערשייד צווישן ר' יוחנן בן זכאי און די קנאים. דאָ ליגט דער סוד פון דעם קיום פון יידן אין בבל און דעם אונטערגאַנג פון יידנטום אין אַלעקסאַנדריע. דאָ איז די סיבה פאַרוואָס אַראַמיש איז געוואָרן כמעט א לשון קודש ביי יידן און גריכיש האָט געהאָלפן דעם אונטערגאַנג. יידן האָבן שוין גערעדט אויף א צוואַנציק שפּראַכן. נאָר דריי פון אָט די שפּראַכן האָבן געהאָלפן דעם קיום פון יידישן פאָלק. און דאָס זיינען העב־רעיש, יידיש און אַראַמיש. דאָס זיינען די שפּראַכן, וואָס יידן האָבן גערעדט כדי זיך אָפּצושיידן און אונטערצושיידן פון די ערשנדיקע פעלקער. אַלע אַנדערע שפּראַכן וואָס יידן רעדן און זיי האָבן גערעדט כדי צו זיין ענלעך צו דעם הויפּט פאָלק — אַלע די שפּראַכן פירן צום אומקום און אונטערגאַנג. און זאָל מען נישט באַרימען זיך מיט די רייכע קולטורן פון די שפּראַכן וואָס מען רעדט. נישט גריכיש אין אַלעקסאַנדריע, נישט שפּאַניש און נישט אַראַביש און נישט דייטש און פראַנצויזיש און אַזוי וועט אויך אין יידישקייט גאָר נישט בלייבן פון אַלע וואָס יידן שאַפן און טוען אין ענגליש. און זאָל זיך קיינער נישט איבערנעמען מיטן יחוס פון העברעיש. כל זמן מען נוצט העברעיש כדי אָפּצוהיטן די יידישע אַנדערשקייט איז העברעיש א מיטל קעגן אַסימילאַציע און א מכשיר אָפּצוהיטן יידנטום. נוצט מען אָבער העברעיש כדי אָפּצושוואַכן די יידישע אַנדערשקייט, איז זי דעמאָלט נישט בעסער ווי בעת די קאַראַימער האָבן מיט דער זעל־ביקער העברעיש געשמיסן די יידישע טראַדיציע־קולטור. איז אָט דאָס העברעיש נישט בעסער פון דער זעלביקער מיט וועלכער עס האָבן געפּאָכעט די משכילים קעגן דער היימישער יידישקייט כדי צו קענען למעשה אונטערגיין אין זיסער אַסימילאַציע.

אַזוי פיל משיח־באַוועגונגען האָט דאָס יידיש פאָלק איבערגע־

לעבט און אַלע האָבן זיי זיך אויסגעלאָזט פאַלש, אַלע האָבן זיי אָפּ־געריסן לעבעדיקע שטיקער פון יידישן פאָלק און פאַרפירט אין פרעמדע פעלדער אַוועק. פאַרוואָס? עס איז דאָך עפּעס נישט קיין מיסטישע סיבה דערביי. עס מוז דאָך דאָ זיין אַן אָרגאַנישער גאַנג אַזאַ — פון יידישקייט ווער ווייסט וואוהין. און אָט איז זי די סיבה: איטלעך מאָל ווען אַזאַ משיח־באַוועגונג איז געקומען האָט זי גע־האַט אין זיך צוויי עלעמענטן: אַ פּאָזיטיוון — דעם דראַנג צו גאולה און אַ נעגאַטיוון — דעם דראַנג קעגן דער טראַדיציע. שווער צו זיין אַ ייד. ווען די גאולה באַפרייען, מאַכן גרינגער, קען מען שוין באַ־צייטנס אָפּוואַרפן אַל דאָס וואָס מאַכט יידישקייט שווער. יידישקייט — אויסגעהאַלטענע פאַרזיכיקייט און אַנדערשקייט לגבי אַלעמען — דאָס איז אַ גאַנג אַ וואָלונטאַריסטישער, אַ פּראָצעס פון אָנגעשטרענג־טן ווילן. האָבן אַלע משיחישע באַוועגונגען געשטרעבט אָפּצושוואַכן די קייטן פון אָט דעם וויליקן יידישן גיין באַזונדער, אָפּגעזונדערט. עס איז דער אַלטער „נהיה ככל העמים, בית ישראל" און דערפאַר האָבן תמיד די טראַדיציע־געטרייע יידן באַקעמפט די משיחים נאָך איידער זיי זיינען געוואָרן פאַלש: אין דעם אָפּווייכן פון דער פאָלקס־טימלעכער טראַדיציע איז שוין געלעגן די פאַלשקייט. געוויס איז יידישקייט פון איין תקופה נישט קיין פאָטאָגראַפישע קאָפּיע פון דער יידישקייט אין דער פריערדיקער. אָבער תמיד מוז זיין די אָרגאַנישע המשכדיקייט. ווי איין דור וואַקסט אַרויס פון דעם פרי־ערדיקן אַזוי אויך די יידישקייט פון איין דור מוז אָרגאַניש אַרויס־וואַקסן פון דער יידישקייט וואָס אין דעם פריערדיקן דור. איטלעכער איבעררייסן איז — אומקום און אונטערגאַנג. נאָר אָט די אויסגע־האַלטענע פּראָגרעסיווע טראַדיציע, וואָס קען דורך דורות גיין פאַר זיך און זיך נישט אויסמישן — נאָר זי איז דער כוח פון יידנטום אין זיין לאַנגן וועג דורך אַלע אייביקייטן. נאָר אָט די אויסגעהאַל־טענע פאַרזיכיקייט וועט ווייטער גיין און איינהאַלטן דעם שטראָם פון יידישקייט אויף דער וועלט. און דאָ איז אויך דער קריטעריום אויף ווייטער — אָפּצושאַצן איטלעכן געדאַנק, איטלעכע באַוועגונג

און ריכטונג אין יידישקייט אויף ווייטער. אין לשון פון תנ״ך וואָלט מען דאָס געקאָנט פאָרמולירן: „און עס וועט זיין אז עס וועט קומען א נביא, צי א לערער און ער וועט דיר עצהנען אָפּצושניידן זיך פון דיין נעכטן און אייערנעכטן, אָפּצוזאָגן זיך פון דיין טאטן און פון דיין מאמען, — דעמאָלט זאָלסטו וויסן זיין אז אָט דער נביא איז א פאַלשער, נישט דער גאָט פון יידישער אייביקייט האָט אים געשיקט און נישט פון אים וועט קענען קומען די גאולה״.

ה.

פאַרוואָס זיינען יידן אין גלות

אלע אונדזערע סאָציאָלאָגן און עקאָנאָמיסטן, אלע מאטעריאַ־ליסטן באַמיען זיך צו דערקלערן די דערשיינונג מיט די ספּעציפישע באַדינגונגען וואָס מיר לעבן אין זיי. איך גלייב נישט אין „באַדינ־גונגען״. איך בין גענייגט צו זוכן די סיבות פון גלות אין די יידן גופא, אין זייער כאַראַקטער, אין דער פּסיכיק פון יידן. צוויי טויזנט יאָר ציט ער זיך אָט דער שרעקלעכער גלות, איבער אלע לענדער און איבער אלע וועלטן. נישט שוין זשע האָבן דאָס אומעטום און אלע מאָל געהערשט די זעלביקע באַדינגונגען און אלע מאָל נאָר פאַר אונדז. אין דער צייט פון אונדזער גלות זיינען אויפגעקומען א סך פעלקער, און זיי זיינען נישט אין גלות. נאָר מיר האָבן דאָס קיין מאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו ווערן אוים גלות־פאָלק? ניט שוין זשע? אויב עס וואָלט געווען אזוי וואָלט געווען גערעכט יענער רוסישער גלח, וואָס האָט מיר מיט א סך יאָרן צוריק אין א דיסקוסיע געזאָגט, אז דאָס יידיש פאָלק איז פאַרשאָלטן פון גאָט אויף אייביק צו ווערן געיאָגט און געפּלאָגט א מוסטער פאַר אלע אנדערע פעלקער אויף דער וועלט... אויך א מיסיע, נאָר אויף דער לינקער זייט...

מיר זיינען דאָס עלטסטע פאָלק צווישן אלע וואָס מיט זיי צוזאַ־מען לעבן מיר. מיר זיינען אויסגעוועון אין אלע וועלטטיילן, אויסגע־פּרובירט אלע באַלעבאַטים, — און אומעטום זיינען מיר אין דער פרעמד, אין גלות. נישט אנדערש ווי אָט די „באַדינגונגען״ גייען מיט

מיט אונדז, נישט אַנדערש ווי אַט דער גלות־פּערמענט ליגט מיט אונדז, אין אונדז און אַט ער איז דער שולדיקער אין אונדזער שווערן גלות. און אויב מיר ווילן זיך באַפרײַען פון גלות, מוזן מיר זיך קודם כל באַפרײַען, אויסהײלן זיך פון אַט דעם „גלות־פּערמענט". אײדער מיר הײבן אָן צו בויען אונדזער גאולה, אײדער מיר נעמען זיך צו בויען אונדזער באַפרײַאונג פון גלות, מוזן מיר פריער פון אַלץ געפינען אַט דעם מיקראָב און זיך פון אים באַפרײַען. אַנישט וועט קײן גאולה־חלום נישט קענען פאַרווירקלעכט ווערן, אַנישט וועלן אַלע אונדזערע גאולה אָנשטרענגונגען זיך ענדיקן ווי די ביזאַנטיקע משיח־באַוועגונגען: דאָס נעגאַטיווע וועט בלײַבן, — דאָס פּאָזיטיווע אָבער נישט. אונדזער גאולה וועט קומען ווען מיר וועלן זיך באַפרײַען פון דעם אינעווייניקסטן, אין אונדז נעסטנדיקן גלות־מיקראָב. נאָר דעמאָלט. נישט פריער און נישט אויף קײן אַנדער וועג. בכן — די פּראָבלעם פון אונדזער אויסלײזונג איז נישט קײן פּאָליטישע, נישט קײן פּראָבלעם — פון „עפנטלעך־רעכטלעך". זי איז נאָר אַ פּראָבלעם אַ פּסיכאָלאָגיש־דערציערישע, און אָרגאַנישע.

לאָמיר זען — צײַט עס איז געפונען געוואָרן אַמעריקע זײַנען ייִדן געלאָפן אַהין, פון אומעטום. לענדער אַ סך האָבן זיך קאָנסטרואירט אויף דעם נײַעם קאָנטינענט, מלוכות זײַנען אויפגעקומען, פעלקער האָבן זיך באַזירט. וויפל מאָל האָבן ייִדן געהאַט דאָ געלעגנהײטן צו באַזעצן זיך קאָמפּאַקט אין מאַסן און אײַנאָרדענען זיך ווי אַ פאָלק פאַר זיך? לאָמיר זאָגן — פעלקער רויבערישע, קריגערישע וואָלטן זײ אין מלחמות באַרויבט פון זײערע לענדער. אָבער צי האָבן די ייִדן געפּרוּווט? ווײַטער — אין די ראַמען פון די עקסיסטירנדיקע מלוכות, צווישן זײ אין דער גרעסטער דעמאָקראַטיע פון דער וועלט, אין די פאַראײניקטע שטאַטן, וויפל מאָל האָבן די ייִדן זיך געקאָנט קאָנצענטרירן אין ערגעץ אַ פּונקט און באַשאַפן אַ קאָמפּאַקטן ייִדישן ישוב, וואָס זאָל זײַן מער אומאָפּהענגיק? ווער האָט געשטערט ייִדן צו שאַפן ערגעץ אַ פּראָווינץ, אַ שטאַט מיט אַ ייִדישער מערהײט, מיט אַ שטאַרקער מינדערהײט, מיט אַ ייִדישער השפעה אויף דער געזעצ־

געבונג אין לאַנד, מיט א יידישן כאַראַקטער און סאָציאַלן לעבן? האָבן אַנדערע פעלקער יאָ זיך באַמיט. יידן נישט. ווער האָט נישט געלאָזן אז פון די פינף מיליאָן יידן קיין עין הרע זאָלן זיך אויסטיילן עטלעכע הונדערט טויזנט וואָס זאָלן זיין באַהערשט פון א געפיל, מיט א שטרעבונג צו זיין צווישן איינענע, און אָט זיי זאָלן אויסבילדן עטלעכע דערפער, שטעטלעך מיט א ספּעציפיש־יידישן כאַראַקטער. אין קאַנאַדע זיינען איינציייטיק איינגעוואַנדערט יידן און אוקראַינער, און ווי פאַרשיידן זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט. אין רוס־לאַנד האָט די סאָוועטישע רעגירונג געגעבן די יידן די מיגלעכקייט איינצואָרדענען זיך טעריטאָריעל ווי אַלע אַנדערע פעלקער. די רע־גירונג האָט געהאָלפן צו שאַפן אַזוינע יידישע טעריטאָריעס, א יידי־שע רעפּובליק א באַזונדערע. — נו, האָט עס עפּעס אַרויסגערופן א סך ענטוזיאַזם, מוטיקע שעפערישקייט ביי די יידן פון סאָוועטן פאַר־באַנד? פאַרוואָס זיינען די טעמפּן אַזינע שוואַכע? און דאָס סאָוועטי־שע יידנטום איז דאָך פון שטענדיק אָן געווען דאָס אַקטיווסטע, דאָס שעפערישסטע. פאַרוואָס שאַפט זיך ביראָבידזשאַן אַזוי שוואַך?

אלא — דער תירוץ איז: עס פעלט אונדז אין אונדזער פּסיכיק עפּעס אַזאַ דראַנג צו איינענער קאָלעקטיווער פאַרזיכיקייט. נישטאָ די קענגזייטיקע צוציונגס קראַפט וואָס זי איז פאַראַן ביי אַלע פעל־קער און ביי אונדז פעלט זי.

נאָך איידער מען האָט יידן אַרויסגעטריבן פון ארץ ישראל האָבן זיך יידן צעשפּרייט איבער אַלע לענדער פון דער רוימישער אימפּע־ריע און געלעבט דאָרטן ווי גאַנץ אָדער האַלב אַסימילירטע מינדער־הייטן. יידן פלעגן בענקען נאָך ארץ ישראל און לעבן אין גלות. ווי נאָר עס מאַכט זיך פאַר א יידן די קלענסטע מיגלעכקייט זיך אַרויס־צורייסן פון דעם יידישן קאָלעקטיוו, טוט ער עס. ווו נאָר מען לאָזט — אַסימילירט ער זיך און ווו מען לאָזט נישט — בענקט ער מען זאָל אים לאָזן. אַלע אַנדערע פעלקער ווען זיי זיינען אין פרעמדע לענדער באַמיען זיי זיך אויסצובויען ווינקעלעך ווו מען קען זיין צווישן איינענע. אַלע פעלקער שטרעבן זיך צו קאָנצענטרירן נאַציאָ־

נאָך און זײ באַמיען זיך אײנצוהיטן און אײנצוהאַלטן זײערע נאַציאָ־נאַלע אײגנטימלעכקײט. בײ ײדן איז פאַראַן אַ פאַרקערטער דראַנג— זיך צו צעשטױבן, צעשיטן זיך אויף באַזונדערע מאָלעקולן, צע־רײסן דעם אײגענעם ײדישן קאָלעקטיװ און אַזױ אײנציקװײז צו די־פונדירן אין דער געזעלשאַפט פון די אַרומיקע פעלקער. יעדער גע־דאַנק װעגן אַ באַזונדערן אײגענעם קאָלעקטיװ מיט אײגענע נאַציאָ־נאַלע אײגנטימלעכקײטן איז פאַרשריען בײ ײדן, און מען רופט עס מיט אַ פאַלשן נאָמען „געטאָ״. אונטערשײדן זײ נישט צװישן הײם און תפיסה, צװישן הײם און געטאָ. ײדן לױפן פון זיך אַלײן װו נאָר און װען נאָר מען לאָזט זײ. האָבן ײדן אין דעם רוסלאַנד פון דעם „ניקאָלײ דעם שטעקן״ (אַזױ רופן די רוסן אַלײן זײער קײסער ני־קאָלײ דעם ערשטן) נאָך אין די דרײסיקער יאָרן פון פאָריקן יאָר־הונדערט, אין די שרעקלעכע צײטן פון די קאַנטאָניסטן געחלומט װעגן דעם מען זאָל זײ לאָזן האַלטן רוסישע דינסטן און אַמען, זײע־רע קינדער זאָלן פון געבאָרן אָן אַרײנזאַפּן פון די דינסטן און די אַמען די גרױסע, די שײנע, און די פּראַכטיקע רוסישע קולטור. בכל אופן אַזאַ פּעטיציע איז נעגאַנגען צום רוסישן קײסער פון ײדישע סוחרים ערגעץ פון דרום רוסלאַנד. ײדן זײנען גליקלעך װען מען צװינגט זײ נישט צו זײן אין אַ ײדישן קאָלעקטיװ, — און אַזױ צע־שיטן זיך ײדישע קאָלעקטיװן. און אַט צוליב אָט דעם דעפעקט אין אונדזער פּסיכיק קענען זיך נישט שאַפן קײן נײע קאָלעקטיװן. אָן דעם חוש זײנען אַלע משיחישע באַװעגונגען צערונען געװאָרן. זײער נעגאַטיװע איז בײ אונדז געבליבן. קײן פּאָזיטיװע איז נים געשאַפן גע־װאָרן. דען דאָס פּאָזיטיװע דאַרף דאָך אַרױסװאַקסן פון אָט דעם חוש און פון דער ליבע צו דעם אײגענעם איך, צו דעם אײגענעם אינהאַלט װאָס מען פאַרמאָגט פון נעכטן און אײערנעכטן. אָן דעם חוש צו פאַרזיכיקײט און צו גײסטיקער אײגנטימלעכקײט איז אויך ארץ ישראל אין סכנה. דער אימפּעט אין ארץ ישראל שטאַמט אין אַ געװיסער מאָס פון פונצענטרישן דראַנג. דאָ האָט ער אָנגענומען די פאָרמעס פון אַנטיגלותיזם. אָבער אין בעסטן פאַל: מיר װעלן זיך

פאַרפעסטיקן אין ארץ ישראל און מיר וועלן שאפן אן אייגענע א נייע קולטור, — וועט קומען א צייט ווען אַט די נייע שפּראך — העברעיש און די נייע קולטור וועלן זיין יידישע. און דאָס אליין וועט שוין זיין גענוג, אז יידן זאָלן זיך אויפהערן באגייסטערן מיט זיי ווייל זיי זיינען דאָך נישט מער ווי יידישע. האָבן דאָך יידן נישט איין מאָל פאַרלאָזן העברעיש ווי זיי האָבן פאַרלאָזן אנדערע זייערע שפּראכן און זי פאַרביטן מיט אנדערע, פרעמדע שפּראכן. איצט איז העברעיש די יחסנטע ווייל יידן רעדן א צווייטע שפּראך — יידיש — און אַט די ציט צו זיך צו גאָר דעם ביטל און גאָר דעם האס וואָס יידן האָבן צו זיך און צו אייגנס. אָבער אין דעם מאָמענט ווען יידן אין ארץ ישראל וועלן האָבן נאָר איין שפּראך — העברעיש און די נעגאציע צו אייגנס וועט בלייבן, וועט דאָך דעמאָלט העברעיש נישט ווילנדיק מוזן ווערן די ציל ברעט פון אַלע שינאה פיילן פון יידן צו אלץ וואָס עס איז יידיש.

דעם חוש און דעם דראנג צו פאַרזיכיקייט מוז מען אנטוויקלען אין גלות, מען מוז אים ברענגען מיט זיך קיין ארץ ישראל. אָן דעם חוש וועט מען קיין ארץ ישראל נישט קענען אויפבויען, נישט קענען אויפהאלטן.

דעם חוש קען מען אנטוויקלען נישט דורך אגיטאציע, נאָר דורך אויסגעהאלטענער יידישקייט אין שטייגער לעבן. אַט די אָנגע־שטרענגטע אויסגעהאלטנקייט אין אָפּהיטן די אייגענע פאָרמען פון לעבן אנטוויקלט ביסלעכווייז אכטונג און דרך ארץ צום אייגענעם איך. פון דאנען קומט דער דראנג צו סאָציאלע פאָרמען ווו דאָס אייגענע הערשט אויך געזעלשאפטלעך. דאָס גיט מוט און ווילן צו שאפן אייגענע קאָלעקטיוון. און דאָס איז גאולה. אזוי דעפינירט אויך דער רמבם: דער אונטערשייד צווישן אונדזער לעבן און די ימות המשיח איז נאָר בנוגע צו דעם „שעבוד מלכיות און מער נישט. און אזוי זאָגט עס די גמרא (ברכות לד, שבת סג.)

היוצא לנו — אז דער ערשטער טריט צו דער גאולה, דער ווינקל שטיין אירער איז די אויסגעהאלטענע המשכדיקייט אין שטייגערי־

שער יידישקייט. אויף דעם פראָנט אלע אָנשטרענגונגען. דאָ דאַרף מען האָבן פּיאָנערן, חלוצים!

לאנגע יאָרהונדערטער זיינען יידן געווען פארעקשנט אויסגע־האלטן אין זייער יידישקייט. זיי האָבן זיך געלאָזט מוסר נפש זיין צוליב „ערקתא דמסאנא" — צוליב א קליניקייט שבקליניקייט, — און דאָך איז די גאולה נישט געקומען. איז דאָך דאָס א טיפע סתירה צווישן דעם וואָס מיר האָבן געזאָגט און די פאקטן פון געשיכטע. עס איז אָבער נישט קיין סתירה. אונדזער גוואַלדיקע עקשנותדיקע אויסגעהאלטנקייט איז געווען נישט אונטער דער פירמע פון פאָלק, נאָר פון גאָט. דאכט זיך אין פלוג, א קליניקייט, אָבער דאָס האָט אנטוויקלט אין פאָלק א גוואלדיקע אכטונג און א מסירת נפשדיקע געטרייקייט צום יידישן גאָט, אָבער נישט צום יידישן פאָלק. און מיר דארפן איצט דאָ אין דער ריכטונג די גאנצע ענערגיע פון פאָלק!

די גאולה מוז קומען אין טעריטאָריעלע קאָנצענטראציעס. צי אין ארץ ישראל בלויז, צי אנדערשוואו, צי אין איין לאנד צי אין עט־לעכע לענדער — דאָס אלץ לאָזן מיר דאָ אָן א זייט. דער עיקר — מיר האָבן פארענדיקט א תקופה פון אינפילטראציע. א תקופה א גלאנציקע פאר די וואָס זעען בלויז דעם אויבערשלאק, אָבער אין תוך אריין א תקופה פון ירידה, פון אנווערן נאציאָנאל־שעפערישע ענערגיע, פון אטראָפּיע פון גאנצע יידישע קיבוצים, פון אונטער־גאנג. נישטאָ מער קיין גלויבן אין גלות. איז דער גלות א גוטער, — פירט ער צו דעקולטוריזאציע, די פירט ווייטער צו דעמאָראליזא־ציע און פון דאנען איז דער גראדער רעזולטאט דעגענעראציע צו־ערשט סאָציאל און שפּעטער אויך פיזיש. ווייל אסימילאציע איז — מאָראלישער פאראליז — נישט בעסער פון פיזישן. איז דער גלות א שלעכטער איז ער דירעקטער אומקום. נישטאָ מער קיין גלויבן אין גלות. אויב יידן באמערקן דאָס נישט, אויב זיי פילן דאָס נאָך נישט, — איז עס נאָר ווייל יידן ווילן זיך איינריידן און פארבלענדן מיט אינפילטראציע כל זמן מען דערלאנגט נישט מיט פלאָקנס איבער די

א. גאָלאָמב

קעפּ. אַמעריקאַנער יידן ווילן זיך נאָך איינריידן אינפילטראַציע־חלו־מות... נאָר אין טעריטאָריעלע אָרגאַניזירטע און דיסציפּלינירטע קיבוצים איז די גאולה. אָט די גאולה קען געשאַפן ווערן נאָר פון יידן וואָס ווען זיין באַשאַנקען מיט דעם דראַנג צו פּאַרזיכיקייט, מיט דער ליבע צו פּשוטער יידישקייט, מיט אהבת ישראל, פּשוטער אהבה צו פּשוטער ישראלדיקייט. דאָ ליגט דער געבונדענער משיח אונ־זערער און וואַרט אויף די וואָס קומען אים אויפבינדן. און אויב זיי זיינען ווייניק, נאָר ל״ו, — וועט משיח קומען צוליב אָט די ווייניקע, צוליב די ל״ו.

מקורים פון ציוניזם

מען וועט זאָגן — אין ציוניזם האָט זיך אנטפּלעקט דער געשיכט־לעכער ווילן פון פאָלק צו לעבן, דער אינסטינקט צו דערהאַלטן דעם קיום. דאָ איז דער גורל און „מזל" פון פאָלק. דאָ איז דער אינסטינק־טיווער דראַנג צו ציען ווייטער דאָס לעבן, דאָס גוטע אין פאָלק און אים אויסצוהיילן פון דעם שלעכטן. בכן איז אָט דאָ אויך די „פּראָ־גרעסיווע טראַדיציע". דאָס איז נישט קיין נאָכמאַכן, נאָר אַן אָריגי־נעלע יידישע באַוועגונג און דאָס יידיש לעבן אין ארץ ישראל איז אַן אָריגינעל יידיש לעבן, אַן אָריגינעלע יידישע קולטור־שאַפונג. דאָ בוים אַ פאָלק באַוווּסטזיניק און מיט דער גאַנצער כוונה זיין באַניי־טע קולטור־טראַדיציע.

וואָלט עס געווען גוט, ווען עס וואָלט געווען אַזוי. איז עס אָבער, צום באַדויערן, נישט און נישט. צום באַדויערן האָט דער ציוניזם שרעקלעך ווייניק אָריגינעלס און דאָס יידיש לעבן אין ארץ־ישראל —ווייטאָקדיק קנאַפּ, וואָס זאָל קענען אָננעמען ווערן ווי געלייטער־טע, איבערגעפורעמטע יידישע קולטור־טראַדיציע. לאָמיר גיין כסדר.

די צעשפּליטערטקייט פון ציוניזם

א.

ווער עס מיינט, אַז ציוניזם באַדייט עפּעס גאַנצעס, עפּעס איינהייטלעכעס, האָט בלויז אַ גרויסן טעות, שווער צו געפינען אַ

צווייטע באַוועגונג, וואָס זאָל אַזוי זיין פאַרשידנאַרטיק, טראָגנדיק אין נאָמען, וואָס זאָל שטאַמען פון פאַרשיידענע מקורים, ריכטונגען, וואָס גייען צוזאַמען אַזוי ווי פאַרשיידענע פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן אין איין וואַגאָן. יעטווידער פון אָט די מקורים גיט דעם ציוניזם אַן אַנדער פּרצוף און פירט אים אין אַן אַנדער ריכטונג לויט דעם סאָציאַל־קולטורעלן אָפּשטאַם. איך מוז בלויז צוגעבן, אַז איך רייד דאָ נישט פון פּאָליטיש־פּאַרטייאישע ריכטונגען אין ציוניזם. די זיינען פּראָדוקטן פון אַ סך פאַקטאָרן און אויך פון דעם אייגענעם אויסוואַל (אין באַשטימטע גרענעצן). מיר גייט דאָ אין דעם פאַנאַנדערוויקלען די סאָציאַל־קולטורעלע און אויך די פּסיכאָלאָגישע וואָרצלען פון די ריכטונגען אין ציוניזם. אַזוינע ריכטונגען זע איך גאַנצע פיר. איך וועל זיי אָנרופן:

א) עמאַנסיפּאַציע־ציוניזם
ב) פּראָספּעריטי־ציוניזם
ג) משיחישער ציוניזם און
ד) סאָציאַליסטישער ציוניזם

איך וואָלט מיט די זעלביקע רעכט אפשר געקענט באַנוצן אַ סאָציאַלע טערמינאָלאָגיע און זאָגן: „בורזשואַזער ציוניזם, באַלעבאַטישער, קליינבירגערלעכער און אַרבעטער־ציוניזם”. אָבער עס דאַכט זיך מיר, אַז אָט די טערמינאָלאָגיע וואָלט דאָך נישט איבערגעגעבן אַזוי גענוי דעם אינעווייניקסטן מהות פון די ריכטונגען, ווי די נעמען, וואָס איך האָב אָנגענומען.

לאָמיר גיין כסדר:

איך הייב אָן פון דעם עמאַנסיפּאַציע־ציוניזם נישט דערפאַר ווייל ער איז דער וויכטיקסטער, דער עלטסטער, נאָר דערפאַר ווייל ער איז דער בולטסטער, דער אַקטיווסטער און דער וואָס גיט אַ פּרצוף דער אַלגעמיינער באַוועגונג.

עס איז געווען דער אַלטער אידעאַל פון די גוטע, נאַאיווע השכלה־צייטן, ווען סאָציאַל־באַשטימטע קרייזן פון יידן האָבן געגאַרט, געהייליק, אַלץ וואָס עס איז נישט פיקסירט איז גאָרנישט ווערט. און

ייִדישקייט קיין גלויבן אין דער שעפערישקייט פון ייִדישן פאָלק פאַר דער הײנטיקער אָרטאָדאָקסיע איז ייִדישקייט א קאָנסערווירטע לעבצט, געטרוימט און געבענקט נאָך — דער עמאַנסיפּאַציע. עס איז געווען נישט בלויז א פּאָליטישע פראַגע וועגן גלײכע רעכט. עס איז געווען א בענקעניש פיל מערער צו מאָראַלישער גלײכקייט, אַרײנ־צוגײן אין דער „געזעלשאַפט". דער „אדם בצאתך" איז געווען דער אידעאַל, וואָס פאַר אים איז דער „יהודי באוהלך" געווען א גאָר קלײ־נער קרבן. די „עמאַנסיפּאַציע" איז געווען אָט דאָס גרויסע גליק, וואָס קיין געצאָלט איז פאַר אים נישט טײער. צו אָט דעם ציל און אידע־אַל איז געווען צוגעפּאַסט דער גאַנצער געדאַנק, די גאַנצע „נאַציאָ־נאַלע" טעאָריע. נאָך אײדער די טויערן פון דער געזעלשאַפט האָבן אפילו געגומען טראַכטן זיך צו עפענען פאַר די געטאָ־בירגער, האָבן זיי, די עמאַנסיפּאַציע־טרוימער, גענומען זיך גרײטן, זיך ווירדיק מאַכן אַרײנצוגײן אין זיי, טובלען זיך, שײערן זיך, פּוצן זיך און רײניקן זיך פון אומווירדיקן געטאָ־שטויב. „הבדלו מתוך העדה הזאת", — אַלץ וואָס איז נאָנט צו ייִדישקייט, איז שוין במילא פּסול, אַלץ, וואָס שמעקט מיט „געזעלשאַפט", מיט נישט ייִדישקייט איז געווען דערהויבן, גוט. די עמאַנסיפּאַציע איז געווען נישט קיין פּאָליטישע באַוועגונג פאַר גלײכע רעכט פאַר ייִדן, נײערט א באַווע־גונג צו באַפרײען די ייִדן פון אַלץ, וואָס שטערט זיי צו זײן „גלײכע" מענטשן. און דאָס איז דער גאַנצער אינהאַלט פון דער השכלה־קול־טור. קיין נאָרמאַלע קולטור־באַוועגונג איז זי, פאַרשטײט זיך, נישט געווען, ווײל אזא מוז תמיד אָנהייבן פון דער פאָלקסימלעכער „הל־כה", פון שטײגער און פון די עמאַנסיפּאַציע האָט אל דאָס פאָלקס־טימלעכע באַקעמפט. די גאַנצע השכלה־ליטעראַטור פאַרנעמט זיך איבערהויפּט מיט קריטיק. די טראַגישע פּראָבלעם פון ייִדנטום ליגט כלומרשט אין „קוצו של יוד" (יל"ג) אין „ארבעה אבות נזיקין" (אד"ם הכהן) — אל דאָס ייִדישעס, אַלץ וואָס שײדט אָפּ דעם ייִדן פון דעם נישט ייִדן, איז אויסגעוואַקסן בײ די עמאַנסיפּאַציע־שטרע־בער צו גרויסע, טראַגישע מניעות אין זײערע אידעאַלן. פון דאַנען

שטאמט ארוים א בפירושע שנאה און בעסדיקע פאראכטונג צו דעם גאנצן אינהאלט פון יידישן שטייגער. אזוי קען פיינט האָבן בלויז א יונג מיידל איר אומגעזעצלעך קינד, וואָס שטערט איר אין לעבן, וואָס פארדרענגט זי פון דער געזעלשאפט, כאָטש עס איז איר בלוט און פלייש. אזוי פלעגט פיינט האָבן א „געראטענער", אויסגעשטו־דירטער זון זיין טאטן דעם שניידער. די עמאנסיפאציע און די השׂ־כּלה האָבן בפירוש געזען יידן, דאָס יידיש לעבן און שטייגער נאָר דורך שווארצעברילן. און דאָך איז עס געווען א נאציאָנאלע באוועג־גונג. זיי האָבן דאָך סוביעקטיוו געמיינט, געוואָלט, געשטרעבט צו „ראטעווען" די יידן. ראטעווען די יידן דורך דעם באפרייען זיי פון יידישקייט. עס איז א ספעציפישע געשטאלט פון נאציאָנאלן געפיל. א שווארע, וויטאָקדיקע פאָרמע פון נאציאָנאלן באוווסטזיין. זי פארמאָגט עלעמענטן פון קנאה, געפאלנקייט ביי זיך, שנאה צו די סיבות פון געפאלנקייט, פארדרוס פון דער איינענער שוואכקייט. עס איז א שווערער קאָמפּלעקס פון איבערלעבונגען אין צוזאמענהאנג מיטן פריוואטן און סאָציאלן באוווסטזיין.

געגומען סאָציאל געשיכטלעך איז די עמאנסיפאציע־השׂכּלה — א איבערחזרונג פון דער העלעניזאציע־באוועגונג אין די צייטן פון די חשמונאים. די זעלביקע סאָציאלע שיכטן און די זעלביקע סאָציאלע מקורים האָבן ארויסגערופןביידע באוועגונגען, כאָטש אין צייט און אָרט זיינען די ביידע באוועגונגען אזוי ווייט איינע פון דער צוויי־טער. אויך דער גורל פון די ביידע באוועגונגען איז פארשיידן. דאָרטן, אמאָל איז די העלעניזאציע־באוועגונג פאָרמעל לכל הפחות ארונ־טערגעריסן געוואָרן דורך אינעווייניקסטע קרעפטן פון דער שטארקער, איינגעפונדעוועטער טראדיציע און נישט איינגעבראָכענע סטאביל־פעסטע פאָלקס־שיכטן. דאָ אָבער האָט די באוועגונג נישט געפונען אין גאנץ מערב־איירָאָפּע קיין שטארקע טראדיציאָנעל־פעסטע מאסן, און די עמאנסיפאציע־אסימילאציע (די מאָדערנע העלעניזאציע) האָט געזיגט. פון יידישע יידן מיט אן איינענעם קולטור גאנג זיינען די קי־בוצים אין איטאליע, פראנקרייך און דייטשלאנד פארוואנדלט גע־

וואָרן אין „העלעניסטישע" בירגער פון יידישן אָפּשטאַם. דייטשע, פראַנצויזישע אאַז"וו בירגער מיט א רעשטל פון „תורה שבכתב", א מין פאַרגוייִשטער „גאָטעסדינסט" 1). אונטערגעגאַנגען ווי אַמאָל די צען שבטים. אויסגעשטאָרבן אין אַסימילאַציע.

בלויז אין די סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען פון אַלטן צאַרישן רוסלאַנד האָט די מאָדערנע העלעניזאַציע נישט געהאַט אַזאַ „דער־פאָלג". דאָ האָט זי באַגעגנט א שטאַרקן, אמת, פּאַסיוון ווידער־שטאַנד פון יידישע מאַסן און — פּאָגראָמען. קיין אַקטיוון ווידער־שטאַנד אין אָן אָרגאַניזירטער פאָרם פון א היפּוכדיקער קולטור־באַ־וועגונג האָבן די יידישע מאַסן איצט נישט געשאַפן. צופיל דער־דריקט זיינען זיי געווען, צו ווייניק גלויבן אין זיך האָבן זיי פאַר־מאָגט, צו ווייניק אכטונג צו זיך אליין, צום אייגענעם גייסטיקן וועזן. און ועל כולם — עס זיינען נישט געווען די שיכטן, די קרייזן פאָלקס־אינטעליגענץ, וואָס זאָלן אָט די „פּרושישע" פאָלקס־קולטור באַווע־גונג אָרגאַניזירן. זיינען די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד געווען אָט דער אייניציקער כוח, וואָס האָט די עמאַנסיפּאַציע־אידעאָלאָגיע איבער־געריסן. איבערגעריסן ביי די אידעאָלאָגן, אויסגעניכטערט די אידעענ־טרעגער (אָבער נישט איבערגעריסן די באַוועגונג גופא, אויף וויפל זי איז געטריבן געוואָרן דורך די אָביעקטיוו געזעלשאַפטלעכע קרעפטן). און אזוי אַרום האָט די מאָדערנע העלעניזאַציע־באַוועגונג, די עמאַנסיפּאַציע־השכלה געביטן איר אויסערלעכן אויסזען. פון עמאַנסיפּאַציע איז געוואָרן א באַוועגונג פאַר „אויטאָעמאַנסיפּאַציע". מיט וואָס שיידט זיך דער נייער גלגול אידער פון דעם פריערדיקן?

די גאַנצע נעגאַציע צו דער פאָלקסטימלעכער טראַדיציע ווי צו א קולטור־מקור איז געבליבן נישט געענדערט אויף א האָר. די שטרעבונג און די שנאה־שפּאַנונג זיך צו באַפרייען פון די „קיימן"

1) מען גלויבט, אז אויך אמאָל זיינען גרויסע שיכטן פון יידן ענד־גילטיק העלעניזירט געוואָרן. אָבער פון זיי איז אונדז קיין זכר נישט געבליבן.

פון פאָלקס־שטייגערישער־קולטור טראַדיציע איז געבליבן. געענדערט האָט זיך בלויז די אידעאָלאָגישע ריכטונג, וווהין צו אנטלויפן פון אָט דעם שווערן „געשיכטלעכן הויקער.” אויב עמאַנסיפּאַציע איז אוממעגלעך, אויב די פעלקער, וואָס צו זיי האָט מען געוואָלט אַנט־לויפן, זאָגן זיך אָפּ צוצונעמען; אויב די געגאַרטע „געזעלשאַפט” איז פאַר אונדז געשלאָסן, — טאָ וועלן מיר אַליין זיך אויסבויען אַ געזעלשאַפט, אַן עקוויוואַלענטע, אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיין גלייך צו יענע, און מיר וועלן זיך אַהין, אָט אין דער דורך אונדז אויסגע בויטער געזעלשאַפט ראַטעווען פון דעם יידישן הויקער־שטייגער.

אויטאָעמאַנסיפּאַציע — אַליין שאַפן פאַר זיך, פאַר יידן די עמאַנסיפּירטע געזעלשאַפט. און עמאַנסיפּאַציע איז, ווי שוין פריער געזאָגט, אַ באַוועגונג אַן אינעווייניקסטע. אַ יידישע געזעלשאַפט באַ־פרייט פון יידישע שטריכן, וואָס זיינען אין די אויגן פון די עמאַנ־סיפּאַציע־אידעאַליסטן אויסגעוואַקסן ווי אַ פאַרקריפּלטער הויקער. בכן, אויב די עמאַנסיפּאַציע־באַוועגונג איז דאָ פאַרגליכן געוואָרן צו דער העלעניזאַציע, איז די אויטאָעמאַנסיפּאַציע אַ גלגול פון דער צדוקישער באַוועגונג. זי האָט אין זיך אַלע עלעמענטן פון יענער. ווי יענע איז זי פּאָליטיש נאַציאָנאַל, פּונקט ווי יענע באַזירט זי איר יידישקייט אויף דער פיקסירטער תורה און לייקנט די קבלה, די מסורה, די טראַדיציע, די תורה שבעל פה, פּונקט ווי יענע שטרעבט זי צו אַ יידישקייט, וואָס איז געבויט לויט מוסטערן פון דער פרעמד מיט דעם פאַרהייליקן די שוין פאַרענדיקטע תורה שבכתב. און פּונקט ווי יענע שטרעבט זי צו זיין סאָציאַל־פּאָליטיש. נאָך מער פון יענער, דען אויב יענע, די אַמאָליקע צדוקים האָבן געהאַט פאַר זיך אַ שיין פון אַ זעלבשטענדיקער מלוכה, האָבן די געמוזט אָנהויבן צו שטרעבן צו שאַפן אַזאַ. דען אָן איר, איז דאָך נישט געמאָלט קיין אויטאָ־עמאַנסיפּירטע יידישע געזעלשאַפט. אָט אַזוי איז די לכתחילה מאָ־דערנע העלעניסטישע אסימילאַציע־באַוועגונג מגולגל געוואָרן אין איינעם פון די שטראָמען פון ציוניזם, פּסיכאָלאָגיש איז ער גאַנץ קאָמפּליצירט. עס איז אַ מין יאוש־נאַציאָנאַליזם, זיין ענערגיע נעמט

זיך פון אן אינעווייניקסטן גייסטיק־מאָראַלישן אויפרייס, עקספּלאָ־זיע: אנטלאָפן פון אייגענעם „וואָס מיר זיינען, זיינען מיר", געלאָפן, געלאָפן און אָפּגעשטויסן געוואָרן צוריק צום אייגענעם פאָלק, אָבער מיט א געבראָכן הארץ און פון אן אנדער זייט. אָט דעם שטראָם אין ציוניזם האָבן מיר אָנגערופן „עמאנסיפּאציע־ציוניזם".

ער איז אין ציוניזם זייער שטארק. ער איז דער אמשטארקסטן אָרגאַניזירטער, דער געבילדעסטער אינטעלעקטועל און דער אימפּאָ־נירדיקסטער. אויף וויפל עס פעלן אין יידישן לעבן ביי היינטיקן טאָג, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, שיכטן, וואָס זאָלן זיין פעסט אין זייער „פּרושישער" יידישקייט. דער ערשטער וואָס האָט באמערקט אָט דעם צדוקישן כאראקטער איז געווען דווקא אחד העם, פון דאנען נעמט זיך זיין קאמף קעגן דעם פּאָליטישן ציוניזם. זיין קריטיק אויף דר' הערצלס „אלטניילאנד" אאז"וו. אחד העם איז געווען אליין א קינד פון זיין צייט און סביבה. און האָט געטראָגן אין זיך א שטאר־קע שנאה צו דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט, אָבער דאָך איז ער געווען א שטאָלצער ייד פון דער מזרח־אייראָפּעישער יידישקייט און האָט נישט פארטראָגן קיין „קנעכטשאפט אין פרייהייט". זיין קאמף איז געבליבן אָן דערפאָלג, „נסיון שלא הצליח" טאקע צוליב זיין אי־דעאלאָגישער האלבקייט, צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אליין א „מודה במקצת". קעמפנדיק אויף איין פראָנט קעגן דעם צדוקישן כאראקטער אין ציוניזם, האָט ער אויפן צווייטן פראָנט, וואָס איז אים געווען פיל נענטער הן סאָציאַל, הן גייסטיק, געקעמפט קעגן דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט. און אזוי ווי אחד העמס אויטאָ־ריטעט איז געווען דווקא דאָ, אין דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט, דעריבער האָט ער דאָ אויף דעם פראָנט פיל מער אויפגעטאָן, פיל גרעסערן דערפאָלג געהאט און במילא ווערבירט אדעפּטן פאר דער באוועגונג, וואָס ער אליין האָט באקעמפט אויפן צווייטן פראָנט...
א גורל פון א יידן א דענקער. אן ענלעכן גורל האָט געהאט פריער פּרץ סמאָלענסקי, וואָס האָט אין זיין צייט און אויף זיינע אופנים גע־קעמפט אויך אויף דיביידע פראָנטן: פון איין זייט קעגן דער „הע־

לעניזאציע״־השכלה און פון דער צווייטער זייט קעגן דער פאָלקס־טימלעכקייט. נישט קיין פיל בעסערער גורל איז נאָך אחד העמן אויסגעפאַלן ביאַליקן אין דער זעלביקער סיטואַציע. אָבער דעם קאַפּיטל וועט אונדז אויסקומען באַהאַנדלען אין אַן אַנדער אָרט.

אָט דער ציוניזם קען נישט זיין קולטורעל־שעפעריש און אַן דער קולטורעלער שעפערישקייט וואַקסט אויס א שטאַרקע, א גרויסע אינעווייניקסטע סכנה פארן ציוניזם בכלל, פאר זיין אלגעמיינעם צוועק צו ווערן די אויסלייזונג פון יידישן פאָלק. די צוויי טעזיסן פון פריערדיקן זאַץ מוזן מיר דאָ באַגרינדן. קולטור און קולטור־שעפערישקייט באַשטייט תמיד אין פּראָיעצירן דעם אייגענעם „איך" אין דעם אַרום. עס איז אַן אויסדרוק אין די אָדער אַנדערע פאָרמען פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין אָט דעם „איך”. קולטור קען בלויז אַרויסוואַקסן, אַרויספורעמען זיך פון דעם אינעווייניקסטן גייסטיק־מאָראַלישן וועזן, פון דער „נשמה”. איז ווען קען געמאָלט זיין אַזאַ קולטור־שעפערישקייט? — בלויז ווען די אַקטיווקייט, די טעטיקייט פון פּערזאָן (אָדער פון קבוץ. אַלץ איינס) איז אָרגאַניש איינס מיט דעם „איך”; ווען די האַנדלונגען, דער אויפפיר איז נישט צעקריגט מיט דעם „איך”; ווען עס איז נישטאָ קיין קאָנפליקט צווישן דעם „וואָס מיר זיינען, זיינען מיר” און דעם — וואָס מיר ווילן זיין, איז אָבער פאַראַן ביי א יחיד אָדער קבוץ א דיסטאַנץ צווישן דעם „איך”, וואָס איז דאָ, און דעם „איך”, וואָס איז געווונטשן, דעמאָלט קען זיין א קאָפּירן קולטור, נאָכטאָן, אָבער בשום אופן נישט קיין קולטור־שאַפונג. און וואַקסט די „שער” צווישן דעם פאַראַנענעם „איך” און דעם נעגאַרטן אויס ביז צו דיאַמעטראַל קעגנגעשטעלטע ריכטונגען, דעמאָלט שטיקט דער טרוים דעם וואָר, דער „איך” פון אידעאַל — דעם „איך” פון לעבן, דער נעגאַרטער לאָזט נישט דעם פאַקטישן „איך” קומען צום אויסדרוק און אויך ער אַליין האָט דעמאָלט נישט פון וואַנען צו שעפּן דעם ליים זיין קולטור צו קנעטן. די גאַנצע קולטור־שעפערישקייט ווערט אָפּגעהאַקט. עס איז א קולטור־פּסיכאָלאָגישע סביזאַפרעניע, דער מענטש (דער קיבוץ) איז גייסטיק האַלבירט

אוןביידע העלפטן באַקעמפן איינע די צווייטע. איין העלפט, די פּאַראַנגענע ווערט אנערקענט ווי אַן אומווירדיקער „יצר הרע", וואָס שלעפּט צו עבֿרות און די צווייטע, די געגאַרטע איז דער „יצר טובֿ", וואָס איז גאַנץ שטאַרק אין זיינע כּסדרדיקע „על חטא", אָבער גאָר שוואַך אין זיין קאָנסטרוקטיווער שעפערישקייט. דווקא די געשפּאָלטנקייט, די מלחמה צווישן די צוויי „איכן" קען ברענגען צו עקסטאַז, צו נאַציאָנאַליסטישער מוסרניקיזם, צו אַ פאַרלאַנג זיך צו פאַרשרייען, זיך אליין איבערצייגן. אָבער דאָס אַלץ האָט ווייניק צו טאָן מיט אמתער שעפערישקייט.

קיין פראַגע נישט. אָט דער דאָזיקער עמאַנסיפּאַציע־ציוניזם ביי זיין גאַנצער קראַנקהאַפטער נאַטור איז נאַציאָנאַל, זייער נאַציאָנאַל, פרום ווי אַ בעל תשובֿה. אָבער עס איז אַ נאַציאָנאַליזם פון אַ באַזונדערן מין. דער נאָרמאַלער נאַציאָנאַליזם איז פּשוט — דאָס באַוווסטזיין פון דעם אייגענעם „איך"־געפיל אין קאָלעקטיוו. און זיין קולטור שעפערישקייט איז פּשוט — קולטיווירן, פאַראיידלען, פאַרמולטיפּליצירן און פאָליפאָרמירן דעם אינהאַלט פון דעם „איך". אָבער דער דאָ באַשריבענער נאַציאָנאַליזם איז אין אויפּריים, אַ שטאַרקער אפעקט קעגן זיך, קעגן דעם „איך"־געפיל, צולהכעיס זיך און דער וועלט. עס איז אַ נאַציאָנאַליזם „מיט יאַשטשערקעס", וואָס איז אַזוי נאַציאָנאַל ווי דאָס „לאָכן מיט יאַשטשערקעס" איז — פרייעך. אַזוי אַרום קומט אַרויס אין אויסטערלישע פּסיכאָלאָגיש־קולטורעלע דערשייגונג: אַז דער סוביעקטיוו זייער און זייער שטאַרקער נאַציאָנאַליזם זאָל אָביעקטיוו זיין לגמרי נישט קאָנסטרוקטיוו, און אפילו דעסטרוקטיוו. עס איז אַ ספּעציעלע פאָרם פון דער סובלימאַציע פון נאַציאָנאַלן געפיל. און דעסטרוקטיוו סובלימירן זיך קענען אויך אַנדערע געפילן.

און אַ שאָד. דער עמאַנסיפּאַציע־ציוניזם פאַרמאָגט זייער פיל גוטן ווילן, אַ סך אינטעליגענץ און וויסן (נישט פאַרבייטן מיט קולטור), אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן און דאָך איז ער קולטורעל נישט שעפעריש, אויב נישט נאָך ערגער — דעסטרוקטיוו.

דער ציוניזם בכלל שטרעבט נישט בלויז צו באזעצן אזויפיל און אזויפיל יידן אין ארץ ישראל, נאָר אויך איבערצונעמען די קולטור־העגעמאָניע איבער אלע יידישער קיבוצים. און אָט דער ציוניזם רייסט איבער די פעדים, וואָס פארבינדן אים גייסטיק מט די קבוצים, האקט אונטער די מעגלעכקייט פון אזא העגעמאָניע־ראָלע. סיידן... „גאָט וועט געבן", די יידן אין דער וועלט וועלן בכלל פארלירן זייער קול־טור־פּרצוף און וועלן לעבן בכלל מיט דעם, וואָס אין ארץ ישראל זיינען דאָ יידן. ד׳ה, אז די ספּעציפישע אָפּגעזונדערטע יידישקייט, אַד האָק דעקלארירטע פאר אזא זאָל ווערן דער פעטיש פאר אלע יידן, דערמיט זאָל זיך זייער יידישקייט האלטן, אָן אַן אָרגאנישן צובונד צו זייער לעבן. די קולטור־טעטיקייט פון דעם עמאַנסיפּאציע־ציוניזם איז דיאמעטראל אנטקעגנגעשטעלט צום נאָרמאלן: זי זוכט צו שאפן אזוינע קולטור־פּאָרמען, וואָס אין זיי זאָלן יידן קענען זיך אויס־יידישן, אסימילירן, עמאנסיפּירן זיך פון זייער „שלעכטער" יידישקייט. אָבער אזוי ווי קולטור קען וואקסן בלויז פון זאָמען (פון לעבן) און אויב די אייגענע קולטור־זאָמען זיינען פּסול, מוז אָט די קולטור־טעטיקייט קומען צו קאָפּירן פרעמדס, נאָכמאכן סוראגאטן פון קולטור. און ווי עס איז דאָס צונויפפּאָרן מיט דער „תורה שבכתב", וואָס איז שוין ווייט פון לעבן, קאנאָניזירט, מומיארטיק.

און אויף וויפל אָט דער ציוניזם בויט זיין קולטור־טעטיקייט אויף קאָפּירן און אויף וויפל אין ארץ ישראל איז לעת עתה נישטאָ קיין אימפּאָנירנדיקע „לאנד־קולטור" צו קאָפּירן, ווערט אַן דער דאָ־זיקער ציוניזם ביסלעכווייז זיינע סטימולן צו קולטור־אקטיווקייט בכלל און ער דערנענטערט זיך אין ערשטן־צווייטן דור צו דעם פּראָספּעריטי־ציוניזם. עס איז לגמרי נישט די שולד פון אַן אידעע, אויב עס כאפּן זיך אָן איר עלעמענטן, וואָס ווילן פּריוואט פון איר געניסן. פארקערט איז עס א סימן ברכה פאר אַן אידעע. עס ווייזט, אז די אידעע האָט מיט וואָס צוציען מענטשן אויסער ריין אי־דעאָלאָגישע סטימולן אויך נאָך אנדערע, מאטעריעלע. במילא ווייזט עס, אז די אידעע איז שטארק, געזונט. איז עס נישט קיין שולד

אָבער א פּלאַג איז עס יאָ. און אפשר איז אויך די פּלאָג נישט צו גרויס. אפשר האָט אָט דער פּראָספּעריטי־גײסט ארײנגעטראָגן אין ארץ ישראל א סך איניציאטיוון, א סך אונטערנעמונג, עקאָנאָמישע געוואַגטקייט אאַ״וו. מען דאַרף לגמרי נישט אזוי שווארץ מאכן די פארבן. אָבער אין זינען פון קולטור איז אָט דער גאנצער קרײז אינ־גאנצן א נול, אָדער א נעגאַטיווע גרײס. דער ציוניזם פון דעם מקור האָט נישט קײן אײגענעם אידעאַל איבערהױפּט אין די פראגן. זײ גײען אים בכלל נישט אָן. אָבער אויף וױפל מען איז דאָך מענטשן, און מען דאַרף האַלטן „שטאַט", מען דאַרף (אויסערלעך) אײנהאַלטן א קולטורעלן באַנעמען זיך, מען איז דאָך מענטשן צווישן מענטשן, — אויף אזוי פיל זײנען די שיכטן לכל הפּחות קאָנסומענטן פון קולטור. לאָז זײן אפילו נישט לשמה, אָבער דאָך — קאָנסומענטן. סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיש איז פאר זײ אַלץ, וואָס האָט א שײכות צו קולטור א מין בירזשע־אַרטיקל: זײ זײנען תמיד אָנהענגער פון דער „סחורה", וואָס קאָטירט זיך גוט אויף דער בירזשע בכלל און אויף דער אַרטיקער אויך.

איך האָב געזאָגט „אָנהענגער". דאָס וואָרט נײטיקט זיך אין אויפקלערונג. אין תוך ארײן האָבן זײ צו דעם אַלעם קײן שײכות נישט. אין זײער אינעווייניקסטן, שטוביקן און פערזענלעכן געברויך לעבן זײ מיט די געבראַכטע געוווינהײטן. אויסערלעך — איז דאָ א מאָדע און — יעטווידער מאָדע איז גוט און שײן, איבערהױפּט ווען מען ווײזט זיך פאר לײטן. עס איז א פּאַסיווער נאָכלויפער־שיכט, וואָס לויפט נאָך דעם אָנגענומענעם „שטאַט". קײן שום שעפערישקײט אויפן געביט פון קולטור איז נישטאָ צו דערוואַרטן פון אָט דעם ציוניזם, פון אָט די שיכטן. זײ נעמען אינגאנצן כמעט נישט קײן אנטײל אין דעם גאנצן קרײזלויף פון קולטור. נישט אויף דער מדר־גה פון קולטור־שטײגער אין לעבן, נישט אויף דער מדרגה פון אי־בעראַרבעטן דעם שטײגערישן מאַטעריאַל צו קולטור־ווערטן און אזוי אויך נישט אויף דער מדרגה ווען די געשאַפענע קולטור־ווערטן דרינגען ארײן אין שטײגערישן קולטור־לעבן... די ייִדן האָבן נישט

קיין אייגענעם שטייגער אין זייער לעבן, זיי פירן זיך לויט די קוראַנטן פון בירזשע אויך אויפן געביט פון פּריוואַטן, שטוביקן און געזעל־שאַפטלעכן לעבן. און דאָך קען אָט דער שיכט שאַפן אַ קאָנסומציע פאַר קולטור. ווען? ווען אָט די קולטור שטייט הויך אויף דער בירזשע. אין אַלגעמיין גענומען איז פאַר זיי אומעטום די „שענסטע״, די בעסטע קולטור, די וואָס געהערט צו דעם הערשערישן פאָלק. יידישע קולטור — נו וואָס פאַר אַ ווערט האָט זי אויף דער בירזשע, מ׳שטיינס געזאָגט? אין ציוניזם, אין ארץ־ישראל וועלן אָט די שיכטן גיין מיט דעם אויטאָעמאַנסיפּאַצע־ציוניזם. זיי האָבן אַ צד השווה — ביידע נעגירן די יידישע קולטור און די יידישע עלעמענטן אין קול־טור; ביידע זוכן קולטור ערגעץ אַנדערשוואו, נישט אין יידישן לעבן, נישט אין יידישער נשמה. אמת, אויך דאָ איז דער פּראָספּעריטי־ציוי־ניזם נישט קיין זיכערער שותף. די קולטור פון עמאַנסיפּאַציע־ציוי־ניזם איז גוט כל זמן עס איז אויפן געביט פון ארץ ישראל נישטאָ קיין אַנדער קולטור, וואָס איז „נאָך העכער״. און קיינער קען נישט געבן קיין גאַראַנטיעס, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן וועט עס נישט זיין ענגליש אָדער עפּעס אַנדערש.

מען דאַרף צוגעבן: אָט דער שיכט איז נישט דווקא אַ יידישער. ער איז פאַראַן ביי אַלע פעלקער און אין אַלע לענדער. אָבער דאָרטן איז פאַראַן אַ כוח, וואָס בינדט אים. דאָס איז די הערשערישקייט פון דער אָנגענומענער און איינגעפונדעוועטער קולטור. איר מאָנאָ־פּאָל־כאַראַקטער אימפּאָנירט אים און צווייטנס קען אויך דער שיכט אָפּט פאַרמאָגן אַ באַשטימטע קולטור־טראַדיציע. זיינען דאָך אויך ביי יידן אַמאָל געווען פאַרמעגלעכע סוחרים, הענדלער, גבירים, וואָס זיי־נען דאָך אָבער קולטורעל געווען איינגעגלידערט אין דער יידישער סביבה־קולטור. זיינען דאָך אין אַמאָליקן תחום פון רוסלאַנד געווען „מאָסקווער״ סוחרים (סוחרים, וואָס פלעגן האַנדלען מיט מאָסקווע) און זיי זיינען דאָך אין קולטור־שטייגער געווען גאַנצע יידן... אָבער דאָס איז געווען ווען אין יידישן לעבן אין „תחום״ איז דער יידישער שטייגער געווען גאַנץ, מאָנאָליט און עס איז פאַראַן יחיד אוממינ־

לעך געווען סאָציאַל זיך ארויסצורייסן פון דער יידישער סביבה און איר שטייגער, ווען די גאנצע יידישע באפעלקערונג מיט אלע שיכטן זיינען סאָציאַל־פּאָליטיש געווען איין שטאנד. די טענדענץ אָבער א־רויסצורייסן זיך פון יידישן קולטור־שטייגער איז דאָ געווען אויך פריער. והא ראיה — פון אָט די שיכטן דווקא זיינען דאָס געקומען די ערשטע „שטורמער" פון געטאָ. כל זמן מען האָט זיך געזעל־שאפטלעך נישט געקענט ארויסרייסן פון דעם יידישן סאָציאַלן קאָ־לעקטיוו, איז אָט די פונצענטרישקייט, דער שטאַרקער דראנג ארויס־צוגיין פון דער יידישער געזעלשאפט געווען א מין פּאָטענציאַלע ע־נערגיע, וואָס האָט זיך פארוואנדלט אין קינעטישע ביי דער ערשטער מעגלעכקייט.

היות אָבער ווי דאָס יידיש לעבן האָט ביי היינטיקן טאָג אין ערגעץ נישט קיין סאָציאַל־פּאָליטישן כוח איינצוהאלטן אלע יידן, און אזוי ווי אויך אין ארץ ישראל איז די פאקטישע אייגנגעגלידערטקייט אין יידישן לעבן א זאך פון אינדיווידועלן ווילן, איז נישטאָ קיין שום כוח איינצוהאלטן אָט דעם שיכט אין דער יידישער קולטור־ספערע. און אויך שפּעטער, ביי די בעסטע סאָציאַל־פּאָליטישע פארהעלטע־נישן, וואָס א ציוניסטישער גלויבן קען זיך פארשטעלן, וועלן דאָך פאר די פּראָספּעריטי־שיכטן שיינען ווי העכערע פרעמדע קולטורן, ד'ה, קולטורן פון הערשערישע פעלקער, די וועלט־מאָדע. תמיד וועלן זיי זיך ציען (כלומרשט) צו דער „אלמענטשלעכער" קולטור, פּאַק־טיש — צו דער אויסערלעכקייט פון דער גאַנסטער הערשערישער קולטור. ביי די שיכטן פון דער אויטאָעמאנסיפּאַציע־ריכטונג איז פאראן אן אמתער סוביעקטיווער ווילן צו א יידישער קולטור. זיי קע־נען בלויז זי נישט שאפן, ווייל אלץ וואָס זיי טוען, שאפן זיי דאָך פון עלעמענטן פרעמדע, ווייל זייער עצם גייסטיקער מהות שטאמט דאָך נישט פון יידישע קוואלן. און זיינען די ציגל נישט פון יידישן לייס געקנאָטן, — איז די גאנצע געביידע נישט קיין יידישע. אָבער די פּראָספּעריטי־שיכטן זיינען נישט אין פארגלייך געפערלעכער. ביי זיי פעלט די עצם שטרעבונג צו אָרגאנישער קולטור בכלל. אלץ וואָס

זיי טוען און ווי זיי פירן זיך איז בלויז א נאָכמאַכן, א נאָכטאָן דער מאָדע, א מין — „זאָל דער קייסער אזוי קענען לעבן, ווי איך קען שרייען — הוראַ!!!—ראַ־אַ!!"

אין א געווויסן הינזיכט זיינען אָט די שיכטן אין „גלות" ווייניקער שעדלעך איידער אין ארץ־ישראל. אומעטום, אין אַלע יידישע קיבוצים איז אָדער אָדער: אָדער אן אויסוווייניקסטער פּאָליטיש רעכט־לעכער דרוק טרייבט זיי אריין אין קרייז פון יידישער קולטור־ספּערע און וועקט ביי זיי אויף א באשטימטע אויפריכטיקע שייכות צו דער קולטור־ספּערע, אָדער, ווען עס איז נאָר מיגלעך זיינען זיי אָפּן און קלאָר אויסער די ראַמען פון יידישע קולטור־קרייזן. קיין צביעות טראָגן זיי נישט אריין אין יידישן לעבן. אין ארץ ישראל זיינען זיי פון די גרעסטע שרייער, זיי פארקלינגען פּשוט די אויערן מיט זייער נאציאָנאַליסטישער פראזע. ווערט במילא דאָס עצם שרייען „הוראַ!!" א מין מאָדע, אַלע שרייען דעם ארכי־נאציאָנאַליסטישן „הוראַ!" און אַלע ווייסן גאַנץ גוט, אז אָט דער געשריי איז לגמרי נישט פון הארצן, נאָר... „צייט קרענקען מיינע שונאים, וואָס איך וועל נישט אָפּשטיין פון אַלע שרייער". טראָגט דאָס אריין א צביעות אין קולטור־לעבן. נישט נאָר אן אומעכטיקייט, נאָר אויך — אן אומאויפריכטיקייט. וואָלט געווען אין לאַנד א סטאַבילע, איינגעפונדעוועטע יידישע שטייגער־קולטור, וואָלט אָט די אומאויפריכטיקייט געווים זי נישט געקענט פארסמען. איז דאָך אָבער אזא מין קולטור־שטייגערישע סטאַבילקייט נישטאָ נאָך (און אפשר קען זי נאָך נישט זיין). קען במילא אָט די אומאויפריכטיקע, צביעותדיקע שרייאיקייט פארנעמען דעם אויבן אָן און אריינדרינגען צו טיף אין אַלגעמיינעם קולטור־שטייגער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד. קייקלט זיך די צביעות ווי א בארג שניי, וואָס צעברעכט אין זיין לויף יונגע גערטענער און שוואכע פלאַנצונגען.

און אָט דעם פּראָספּעריטי ־ ציוניזם דארף מען נישט זוכן בלויז אין די קרייזן פון קרעמער און הענדלער. ניין. אויב אין יאָר איקס זיינען אַלע „הכשרה־פּלעצער" פול געפּאַקט און זיין האַלטן אין

שטײגן, כדי אין יאָר אײנרעק — אױסגעלײדיקט צו װערן, און אין יאָר זעט װידער אָנצופילן זיך מיט חלוצים, — איז אין דעם פאַראַן א גרױסע מאָס פון פּראָספּעריטי־ציוניזם. א גרױסער טײל פון די אַרבעטס־עלעמענטן האָט די טענדענץ אַרײנצוגיסן זיך אין די פּראָספּעריטי־שיכטן בײ דער ערשטער מיגלעכער געלעגנהײט. און װײטער, — װען מענטשן געזעלשאַפטלעכע טוער בײטן זײערע באַציונגען, אין פלוג, רײן טעאָרעטישע צום ציוניזם בײ יעטװידער פאַרענדערטער קאָניוקטור אין לאַנד, איז אין דעם פאַראַן עלעמענטן פון פּראָספּעריטי... פאַר די לײט איז דער ציוניזם נישט קײן פּרינציפּיעלע פּראָגראַם, נאָר א — װערט־פּאַפּיר אויף דער בירזשע. װען די אַקציעס שטײגן, קױפט מען זײ, — װען זײ פאַלן, װיל מען פון זײ פּטור װערן. אויך דער צוגאַנג טראָגט אַרײן פּלאָנטער אין דעם גאַנג פון ציוניזם.

:: :: ::

דער דריטער מקור פון ציוניזם איז פּונקט דער היפּוך פון די. דאָס איז א פּראָדוקט פון דעם טיפן פאָלקסבענקען, פון דעם „ותחזינה עינינו בשובך לציון, אוי װײ, טאַטעניו", פון דעם אײביקן און שטענדיקן „לשנה הבאה בירושלים", פון דעם „לארצנו מארש פּאַידיאָם" אאַז"װ און װ' אָן א סוף. אָט דער ציוניזם איז א גילגול פון דעם משיח־גלױבן, פון די אײביקע טרױמען און שטרעבונגען, װאָס האָבן אין פאָלק קײנמאָל נישט אױפגעהערט. ער איז א מאָדערנע פאַרגרעסערטע אױפלאַגע פון די פּילצאָליקע „עליות", װאָס קלענערע און אױך גרעסערע גרופּעס יידן פלעגן אין פאַרשײדענע צײטן עולה זײן קײן ארץ־ישראל. אָט דער מקור האָט אױך געגעבן פון אײן זײט „בנימין השלישי", און פון דער צװײטער זײט האָט ער געגעבן אַזױנע טיפּן װי ר' שמואל מאהליװער למשל. דער מקור האָט אױך געשפּײזט אַלע באַװעגונגען פון די פאַלשע משיחים, איבעריקס זײנען אָט די „משיחי השקר" װי די אַמאָליקע „נביאי השקר" פאַר אַזױנע געװאָרן בלױז שפּעטער, פּאָסט פּאַקטום. לכתחילה האָט דאָך דער גרעסטער טײל פון זײ זײער משיחיש־

קיים אָנגענומען ערנסט, מיטן גאַנצן גלויבן. אויבן האָבן מיר אָט דעם מקור אָנגערופן „משיחישער ציוניזם". ער איז דורך און דורך פאָלקסטימלעך. ער האָט דעם ציוניזם זייער פיל געגעבן. — ער האָט אים געשאפן פּאָפּולערקייט און אָנזען, ער פלעכט אריין די באַוועגונג אין געוועב פון אָרגאַנישער יידישקייט. אָבער איינס פעלט אים — אָרגאַניזיר כוחות. אלץ וואָס פאָלקסטימלעך ליידט ביי אונדז יידן פון מאַנגל אין אָרגאַניזיר־כוחות. פאַרוואָס? — ווייל אָרגאַניזיר טעטיקייט פאָדערט אינטעליגענץ, און ביי יידן איז שוין פון לאַנגע צייטן אינטעליגענץ צעקריגט מיט פאָלקסטימלעכקייט. דאָס פאָלק האָט תמיד געקענט טרוימען וועגן ארץ־ישראל, אָבער שאפן — דאָס האָט עס נישט געקענט. נאָך מער, ס'איז א טשעקאַווער שטריך: אין די פאָלקס טרוימען איז פאַראַן פיל בילדערישע פאָרשטעלונגען וועגן דעם ווי „יידן וועלן פאָרן קיין ארץ ישראל", אָבער כמעט גאָרנישט וועגן דעם, ווי דאָס וועט אויסזען, ווען יידן וועלן שוין זיין אין ארץ ישראל. דאָס ארויסגיין פון גלות, דאָס פּטור ווערן פון צרות, — דאָס איז פאַר יידן, ברוך השם, תמיד געווען נאָנט און אקטועל, און די פאַנטאַזיע האָט דאָ געקענט שאפן פאָרשטעלונגען, בילדער. אָבער איינאָרדענען זעלבשטענדיק א יידישן לעבן אָן גויים, דאָס —איז געווען אזוי ווייט פון זייער פּסיכיק, אזוי מאָדנע פרעמד, אז אפילו די פאַנטאַזיע האָט ביז דאַנען נישט געקענט גרייכן. בלויז די מתנגדישע (אָדער די משכילישע) סאַטירע האָט געקענט צוטראַכטן צום לאַכן די „ציביקעס מיט ליולקעס" פאַרן רבין.

אפשר איז אָט די פּסיכישע אומפעיקייט פון משיחישן ציוניזם צו אָרגאַניזירטער שעפערישקייט שולדיק (לכל הפּחות טיילווייז) אין דעם, וואָס די ביזאַיצטיקע משיחישע באַוועגונגען זיינען תמיד געוואָרן צו „פאַלשע". אויך אין דעם מאָדערנעם ציוניזם האָט אָט דער פאָלקסטימלעכער מקור געגעבן רויע מאַסיוון, רויע סכומען ענערגיע, אָבער גאָרנישט אין זינען פון אָרגאַניזאַציע, פון בויען, ווי צו פאַרקערפּערן און פאַרווירקלעכן די טרוימען אין מעשים. דאָס איז

אויך איצט געקומען נישט פון דעם מקור. און מן הסתם דאַרף מען אויך דאָ זוכן די דערקלערונג פון אָט דעם פאַקט: דער משיחישער ציוניזם איז „אין וועג״ צו ארץ ישראל פון תמיד און ביז היינט גייסטיק פולער, נשמהדיק רייכער, מאָראַליש העכער, איידער נאָכן באַזעצן זיך שוין אין ארץ ישראל. שטראָם נאָך שטראָם קומען די „עליות״ קיין ארץ ישראל מיט ברען, התלהבות און הייליקן פייער־אין הארצן. אָבער ביסלעכווייז ווערט עס אויסגעלאָשן און אָפּגע־קילט אין „אווירא דארץ ישראל״. עס ווערט פאַרוואָכעדיקט ביז גאָר. און פּאָרט איר אַרום איבער די יידישע ישובים אין לאַנד און איר באַזיצט אַ מין טערמאָמעטער צו מעסטן די מאָראַליש־אידעאַ־ליסטישע „טעמפּעראַטור״, דעמאָלט קענט איר לויט איר באַשטי־מען דעם עלטער פון דעם באַפעלקערטן פּונקט, — פון דעם זיד־פּונקט אין די גאָר נייע ערטער ביז דעם אבסאָלוטן נול אין די עלטסטע.

פּונקט אַזוי איז עס דאָך געוועזן ביי שיבת ציון פון גלות בבל: עליה נאָך עליה זיינען געקומען און דאָרטן, אין ארץ ישראל אָפּ־געשוואַכט געוואָרן.

:: :: ::

קאָנקרעטער, ממשותדיקער און רעאַליסטישער איז דער פערטער מקור פון ציוניזם — דער סאָציאַליסטישער (ריכטיקער — דער ארבעטס־סאָציאַליזם). דער איז געקומען נישט מיט טרוימען, נאָר מיט קאָנקרעטע פּלענער. מיט קלאָרע פּאַרלאַנגען, האָט אויף זיך גענומען התחייבותן און זיך איינגעשפּאַנט אין זיי. פון וואַנען נעמט ער זיך אָט דער מקור? ער איז אייגענטלעך אַ קרייצונג פון עטלעכע פאַרשיידענע פאַקטאָרן, וואָס דער וויכטיקסטער פון זיי איז — דער רוסישער פאָלקיזם און פאָלקס־סאָציאַליזם. פון דאַנען אין אַ גרויסער מאָס דאָס נישט זוכן אין אידעאַל דאָס פּערזענלעכע גליק, נאָר דאָס מקריב זיין זיך פאַר דעם לעתיד לבא. אויפן רוס־לאַנדישן באָדן איז אָט די פאָרמע פון גאָטזוכעניש אויסגעוואַקסן און באַקראַנצט געוואָרן מיטן גרויסן אָרעאָל פון הייליקן מאַרטי־

דערטום פאַרן גליק פון פאָלק. און די יידישע פאָלקסטימלעכע אינ־טעליגענץ האָט זיך אויך אין דעם אריינגעלעבט און שפּעטער מיט א דאנען די שטרעבונגען צו קאָלעקטיווע לעבנס פאָרמען און נאָך א באַשטימטן פּסיכישן אויפריים מאָמענט אריבערגעטראָגן עס אויף יידישע געביטן. פון דאנען שטאַמט אויך דער קולט פון ארבעט, פון גאַנצע ריי אַלגעמיינע און אויך אינדיווידועלע שטריכן. ווען איר קוקט זיך נאָך היינט צו צום בעסערן טיפּ פון די פּאַרשטייער פון דער ריכטונג אין ציוניזם, איז לגמרי נישט שווער צו דערקענען אונטער דעם העברעיש־ארץ־ישראל מאַנטל דעם רוסלענדישן־יידישן אינטע־ליגענט, וואָס האָט געפונען זיין אייגענעם פּירוש ווי מקיים צו זיין די מצווה פון „גיין אין פאָלק”, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן פון דער רוסישער בעסערער אינטעליגענץ.

און באמת איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן ווי וואָלט אויס־געזען דער ציוניזם אָן אָט דעם שטראָם. דערצו איז גענוג צו באַ־זוכן א וואָסער עס איז יידישן ישוב אין ארץ ישראל, ווו אָט דער שטראָם איז נישט דערגאַנגען און פּרובירן דאָס בילד פאַרשפּרייטן אויף אַלע ישובים. עס וועט נישט זיין קיין שום גוזמא אויב איך וועל זאָגן, אז אָן דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם, וואָלט איצט שוין אין ארץ ישראל נישט געווען גאָרנישט וואָס וואָלט געקאָנט דער מאָנען אויף דעם ציוניסטישן אידעאל. עס וואָלט שוין איצט בערך געווען אזויפיל וויפל עס פלעגט פאַרבלייבן לעבעדיקס, ברוזיקס נאָך אַלע פריערדיקע עליות קיין צפת, טבריה, ירושלים, חברון וכדומה.

אָבער דאָ שטעלן זיך א גאַנצע רייע פראַגעס און ספקות. ער־שטנס, — צי זיינען אָט די גייסטיקע יסודות געירשנטע אין רוס־לאַנד טיף פאַראייגנט און אָרגאַניש אסימילירט געוואָרן, אויף אזוי־פיל, אז ער זאָל קענען שעפעריש סטימולירן ווייטער און ווייטער אפילו ווען ער בלייבט אָפּגעריסן פון זיין ערשטן מקור, אָדער זיין השפעה איז באַגרענעצט אין צייט, ווי אַלע אנדערע שטריכן, וואָס מיר האָבן ערגעץ ווו און ערגעץ ווען איבערגענומען? צי ווערן אָט

די שפּעטערישע עלעמענטן נישט אָפּגעשוואַכט ביסלעכווייז? צי זיי־נען די שטריכן שוין געוואָרן אָרגאַניש אַזוי צו זאָגן יידישע און זיי גייען איבער, לאָמיר זאָגן, שוין בירושה אָדער זיי בלייבן אַ פּענאָ־טיפּישע אויסבילדונג אין יידישן כאַראַקטער, וואָס בייט זיך צו־זאַמען מיט די באַדינגונגען. און — וואָס בלייבט אַנשטאָט אָט די שטריכן, ווען זיי לעבן זיך אויס?

צווייטנס, איז אַ וויכטיקע פראַגע — אין וואָס אָט די דערוואָר־בענע שטריכן האָבן זיך אַסימילירט? מיט וואָס זיי האָבן זיך פאַר־אייניקט אָרגאַניש? דען עס איז דאָך קלאָר, אַז אָט די שטריכן זיינען דאָך נישט געקומען אויף אַ ליידיקן באָדן, נאָר זיי זיינען געגרעפּט געוואָרן אויף אַ באַשטימטן יידישן שטאַם און אין אַזוינע פאַלן איז תמיד וויכטיק נישט יעטווידער אייגנשאַפט באַזונדער, נאָר זייער סכום אין אַלגעמיין, גלאָבאַל... עס איז אַ גרויסער אונטער־שייד צי אָט די דערוואָרבענע שטריכן זיינען געגרעפּט געוואָרן אויף אַ שטאַם פון פאָלקסטימלעכער יידישקייט, אָדער עס איז אויך דאָ פאַראַן די עקספּלאָזיוע יידישקייט. ממה נפשך, איז דאָ פאַראַן די פאָלקסטימלעכקייט אין איר פולער מאָס, איז פאַראַן דער פו־לער סכום קינעטישע ענערגיע. איז אָבער דער באַזיס אַן אויפריס־יידישקייט, איז איר נאַטור נאָכן גרויסן אימפּעט גיך אויסגעלאָשן צו ווערן און דער אַרויסגעשאָסענער קויל בלייבט ליגן ווי אַ קאַל־טער שטיין.

און עס דוכט זיך מיר אָפּט, צוקוקנדיק זיך צו די אין אידעאַ־ליסטישער מסירות נפשדיקער האַרוואַניע גרוי געוואָרענע עמק־מענטשן, אַז אויך דאָ ווירקט דער אויפריס, אַז אויך דאָ האָט די נשמה געמאַכט אַ גרויסן זאַנזאַג — פון באָדנדיקער „עמך"־יידיש־קייט צו דער אַנטיטעזע, צו נעגאַציע, צו השכלה־יידישקייט און ערשט פון דאָרטן צוריק צו דער יידישער, ציוניסטישער אויפלאַגע פון רוסישן פאָלקיזם. עס דוכט זיך מיר, אַז אין דעם אָרגאַניש יידישן טייל איז אָט דער ציוניזם קרוביש נאָנט צום עמאַנציפּאַ־ציע־ציוניזם.

א. גאָלאָמב

פאַראַן א יידישע לעגענדע וועגן פליען אין דער לופטן מיט דער הילף פון שם המפורש. ווען מען זאָל אָבער דעם שם המפורש טמא מאַכן, דעמאָלט מוז דער פליער אראָפּפאַלן. און פּונקט אזוי דוכט זיך מיר, אז ווען מען זאָל צו די מענטשן פון דעם מין זאָגן מיט אמאָל, אז זיי זיינען קינדער נישט נאָר פון אברהם, יצחק, ויעקב, נאָר אויך פון די א סך נענטערע אווראָם, איציק און יאַנקל, — אזוי דוכט זיך מיר, אז זיי וועלן מיט אמאָל פאַרלירן זייער מוט, זייער אינעווייניקסטע אויסגעהאַלטנקייט, זייער שם המפורש. דער שם המפורש, וואָס מיט זיין הילף פּרוּוון זיי זיך אויפהויבן העכער, ליגט אין דעם וועלן איינרעדן זיך, אז מען רייסט זיך אָפּ פון „גלות״, ד״ה, פון אל דאָס אָרגאַניש טראַדיציאָנעלע אין יידישקייט. במילא איז דאָ פאַר אונדז א נייע אויפלאַגע פון דער אויטאָעמאַנציפּאַציע (באַפרייאונג פון אָרגאַניש־געוויינלעכער יידישקייט), אָן אויפלאַגע לויטן נוסח פון אַן ארבעטער־שיכט. אמת, דאָ איז דאָס פיל שווער־ רער, אפשר פּסיכאָלאָגיש ווייטאָקדיקער, ווייל אלע די טרעגער פון דעם ארבעטס־ציוניזם, — אלע שטאַמען זיי דאָך סאָציאַל און קול־ טורעל דווקא פון די עמבדיקע, פאָלקסטימלעכע שיכטן, פון יידישע שטעט און שטעטלעך און פון אָט דער יאַדערדיקער יידישקייט, וואָס נישט אלע נאָפּל שנורן מיט יענער זיינען איבערגעריסן. פון דאַנען שטאַמען אָפּט קאָליזיעס, שווערע אינעווייניקסטע ריין מענטשלע־ כע וואַקלונגען, ווי אין יענעם יידישן פאָלקס לידל:

„און עס גלוסט זיך, און עס גלוסט זיך, און מען טאָר נישט,
און מען טאָר נישט,
און מען טאָר נישט ווילע...״

זיינען דערפאַר פון די שיכטן די שטרענגע אויסמיידער פון דער היימישער יידישקייט. מיט דעם אונטערשייד, וואָס די צווינגען זיך. זיי באַנוצן דעם איסור פאַר זיך גופא, מען היט זיך ווי מוסרניקעס פאַר א הרהור עברה. מען באַמיט זיך אָפּט מיט אלע כוחות אָפּצו־ שוואַכן דעם יצר הרע פון היימישער, גאַנצער, אָרגאַניש נאַטירלע־ כער יידישקייט, וואָס נאָגט און ציט אין הארצן דאָ א סך מער ווי

ערגנעץ אנדערשוווּ, אין אנדערע שיכטן. דאָ איז דאָ א גאַנץ שטאַר־קער יצר הרע און נאָך א שטאַרקערער באַגער אים צו פאַרטויבן, דערשטיקן אין זיך, פאַרשלאָגן זיך די רעיונות דערטרינקען דעם יצר הרע אין „מצוות מעשיות". קומט אויס, אז אויך דאָ איז דאָ דער „צעצווייטער איך" — דער פּאַקטישער און דער געוווּנטשע־נער. פון דאַנען נעמט זיך, למשל, דער פאַרלאַנג צו דערציען קינ־דער אנדערש ווי מען איז אליין, אין א „בעסערער" קולטור און אין דער זעלביקער צייט איז מען אומצופרידן מיט דעם וואָס די דערציונג שאפט: „עס איז דאָך אָבער פּאָרט נישט דאָס!"...״

דער אנאַליז פון די מקורים פון ציוניזם ווערט נאָך שווערער ווייל אַט די אַלע פירערליי ציוניזמען זיינען אין לעבן לגמרי נישט אָפּגעזונדערט. פּאַקטיש עקזיסטירן זיי נישט באַזונדער. דאָס זיינען בלויז ווי פיר כעמישע עלעמענטן, וואָס קומען אין דער ווירקלעכ־קייט בלויז אין כלערליי פאַרבינדונגען צווישן אנאַנד. זיי קומען נישט אין פאַרשיידענע שיכטן. דעמאָלט וואָלטן מיר געקענט באַ־נוצן א ריין סאָציאַלע טערמינאָלאָגיע פאַר זיי. זיי קומען פאַרקערט אין די זעלביקע שיכטן און אפילו ביי איינע און די זעלביקע פּער־זאָנען קען זייער ציוניזם שטאַמען פון אַט די פאַרשיידענע מקורים צוזאַמען. און זיי פּלאָנטערן זיך אויף צוזאַמען אָפט אין קאָמפּלי־צירטע קנוילן פון פאַרוויקלטע סטימולן. און דאָך מיין איך, אז די נעבראַכטע קלאַסיפיקאַציע לויט א גענעטישן, סאָציאַל־פּסיכאָ־לאָגישן קריטעריום קען אונדז העלפן באַגרייפן כלערליי דערשיי־נונגען אין ציוניזם.

פון די פיר ציוניזמען זיינען דער ערשטער און דער לעצטער די אַקטיווסטע. דער ערשטער גיט אָרגאַניזאַציע, פּאָליטיק, „פּראָנט", — דער לעצטער — ברען, פייער, שוויים און בלוט. דער ערשטער — דער קאָפּ, דער לעצטער — הענט און האַרץ און מיט די צוויי קען מען דערקלערן דעם אָפיציעלן פּרצוף פון ציוניזם. די איבעריקע צוויי ווירקן בלויז אין דער טיפעניש. זייער אָנזען איז קלענער. דער־פון איז אָבער נישט צו דרינגען, אז זייער נעזעלשאַפטלעכע השי־

פעה, זייער דערציִונג קען מען אוועקמאכן מיטן האנט.

:: :: ::

אין אמעריקע איז אויסגעקומען צו באקענען זיך מיט א פינפטן טיפ פון ציוניזם. אָט דער אמעריקאנער ציוניזם איז אפשר אויך געווען אין מיזרח איירָאָפּע, אָבער ער האָט דאָרטן בשום אופן נישט געקענט פארנעמען אזא אָרט, נישט זיין אזוי פארשפּרייט ווי ער איז דאָ. אפשר איז אזא ציוניזם געווען אין מערב איירָאָפּע. איך האָב אָנגערופן דעם ציוניזם „אמעריקאנער" נישט ווייל עס איז דער בעסטער נאָמען, נאָר ווייל דער ריכטיקער, דער פּאסיקסטער נאָמען וואָלט באליידיקט, און עס ווילט זיך נישט באליידיקן אזא גרויסע יידישע באוועגונג.

דער כאראקטעריסטישסטער שטריך פון דעם ציוניזם איז וואָס ער איז פאר יענעם. דער הצד השווה פון אלע פיר פריער אויסגערעכנטע טיפּן האָבן אין זינען זיך. איטלעכער ציוניסט פון וואָסער טיפּ ער זאָל נישט זיין גארט אליין עולה צו זיין קיין ארץ ישראל, אהין צו ברענגען זיינע קינדער. ער פילט אין זיך און אויף זיך: ער איז אין גלות און ער שטרעבט אויסגעלייזט צו ווערן, און זיין גאולה, זיין אייגענע גאולה פאר זיך און פאר זיינע קינדער זעט ער אין ארץ ישראל.

גאָר אנדערש איז דאָס מיט דעם אמעריקאנער ציוניסט: ער אליין פאר זיך און פאר זיינע קינדער טראכט גאָר נישט וועגן א״י ישראל; ער פילט זיך אין „זיין" אמעריקע ווי אן אויסגעלייזטער, פאר אים איז שוין משיח לאנג געקומען. ער איז דאָ גליקלעך און צופרידן. ער אליין דארף גאָרנישט קיין אנדערע גאולות. דער ציוניזם דינט פאר דעם אמעריקאנער ציוניסט א טאָפּעלע דינסט: עס איז זיין „האבי" — זיין פארוויילונג וואָס גיט אים אן אינהאלט פאר זיינע אָוונטן. אנדערע גייען אין קלוב שפּילן אין קאָרטן, אנדערע האָבן זייער מאסאָנישע לאָזשע, וו מען קומט זיך צונויף, ווידער אנדערע האָבן זייערע לאנדמאנשאפטן, זייער צווייג וכדומה, און אנדערע גייען זיך „אויסלעבן" (א טערמין אזא וואָס מיינט —

אָפּרוען זיך פון דעם שווערן זאָרגעוודיקן טאָג ארבעט, פון דעם „מאכן אַ לעבן") אין א „טשאריטי" (צדקה) געזעלשאפט צי גאָר אין א קלוב וואָס אָרדנט איין וועכנטלעכע ליטעראַרישע לעקציעס. און גאָר אנדערע לעבן זיך אוים מיטן ציוניזם, וואָס אין תוך אויך אמעריקאנער טשאריטי, א צדקה ציוניזם: פאראן ערגעץ ווו אָרעמע און פארפאָלגטע יידן, וואָס זיינען נישט געווען אזוי קלוג ווי מיר צו קומען באצייטנס אין אמעריקע, און זיי ווילן ארץ ישראל, — איז עס פיין פון אונדזער זייט זיי צו העלפן. מיר וועלן שיקן דאָלארן, מיר וועלן אָננעמען רעזאָלוציעס, מיר וועלן בעטן אונדזערע גרויסע לייט און עס וועט שוין זיין „אָ קיי" (זייער גוט).

:: :: ::

איטלעכע באוועגונג, איטלעכע מענטשלעכע שטרעבונג האָט פּאָזיטיווע און נעגאטיווע עלעמענטן אין זיך. אויף דעם לשון פון יידישער טראדיציע וואָלט מען דאָס געקענט זאָגן: די קדושה מיט דער טומאה ראנגלען זיך אין יעטווידער טואונג און שאפונג פון מענטשן, דער יצר הרע ראנגלט זיך מיטן יצר טוב, און די רעזולטאנטע פון אָט דעם קאמף באשטימט די ריכטונג פון דער באוועגונג. אין דעם געפלעכט פון אלע פריער כאראקטעריזירטע ציוניזמען איז פאראן שטארקע האָפענונגען אז די קדושה וועט גובר זיין די טומאה. וועגן דעם פינפטן, אמעריקאנער ציוניזם, דעם „צדקה ציוניזם" פאר די אָרעמע יידן ערגעץ אנדערשוו, וועגן דעם ציוניזם איז ביי מיר קיין ספק נישטאָ אז ער איז כולו שאָדן, שאָדן פון דעם ריין ציוניסטישן שטאנדפונקט. ער ברענגט שאָרן אין אמעריקע, אין יידישן לעבן פון אמעריקע; ער שעדיקט די פּאָליטישע און קולטורעלע אינטערעסן פון ציוניזם, און אפשר האָט ער אויך אַ שלעכטע השפעה אויף דעם ציוניזם אין ארץ ישראל גופא.

לאָמיר גיין כסדר: אין יידישן לעבן אין אמעריקע גייט א גוואלדיקע אויסיידישונג. עס איז נישט קיין אסימילאציע. די יידן מישן זיך נישט אוים מיט קיינעם, ריכטיקער — קיינער מישט זיך מיט זיי נישט אוים. נאָר אליין צווישן זיך ווערן זיי אויסגעליידיקט פון

יעדער יידישן אינהאַלט. זיי הערן אויף צו פילן אין זיך דעם שעפערישן יידישן גייסט. זיי בלייבן ביאָלאָגיש, ראַסיש יידן, און זיי מוזן אין דעם געזעמל פון פעלקער לעבן ווי יידן, — און אין דער זעלביקער צייט פאַרמאָגן זיי גאָר נישט קיין יידישע ענערגיע, וואָס זי נעמט זיך פון א יידישן לעבן. און דאָס ווילן נישט די יידן אין אמעריקע, ווי די יידן אומעטום וו זיי זיינען אין שכנות מיט א הערשנדיקן פאָלק. דער ציוניזם וואָס איז דאָך אין זיין תוך א שטרעבונג צו פאַרזיכיקייט, וואָלט דאָך געדאַרפט איינפּלאַנצן אָט דעם פאַרזיכיקייט דראַנג איינפּלאַנצן אין די יידן, — קומט פאַרקערט דער צדקה־ציוניזם און ער גיט א אינדולגענציע אויף גאָו דער אסימילאַציע פון א׳ ביז ת׳. ציון איז פאַר יענעם, און אויך יידישקייט איז פאַר די וואָס דאָרטן, נישט פאַר אונדז. נאָך מער: דער ציוניזם האַלט אין איין איבערחזרן אז יידישקייט, פולע אויסגעהאַלטענע יידישקייט איז מיגלעך נאָר אין ארץ ישראל. אין אנדערע לענדער קענען יידן נישט זיין פולשטענדיק יידיש אויסגעהאַלטן, — און אזוי ווי מיר זיינען דאָך אין אמעריקע, און אזוי ווי מיר קלייבן זיך צו בלייבן אין אמעריקע, — זיינען מיר במילא פּטור פון זיך צו באַמיען צו זיין יידישער, אויסגעהאַלטענער. סיי ווי זיינען מיר נישט מסוגל צו זיין פולע יידן, סיי ווי פיגורירן מיר נישט אויף דעם צעטל פון יידישער צוקונפט, — איז בכן זיינען מיר יוצא לכל הדעות מיט אונדזער געלט, מיט אונדזערע רעזאָלוציעס, און „באַדערט אונדז נישט מער".

קומט אויס אז דער אמעריקאַנער ציוניזם פירט נישט די יידן קיין ציון, אָבער ער גיט זיי א היתר צו זיין קנאַפּערע יידן אין אמעריקע. נאָך מער: דער ציוניזם לייקנט נאָך די יידישקייט פון גלות, ער האַלט נישט פון דעם. בכן קען זיך דער ציוניזם כשר צונויפּפּאָרן מיט דער אָפּנסטער און אויסגעהאַלטנסטער אסימילאַציע. סיי ווי איז דאָך יידישקייט נישט פאַר אמעריקאַנער יידן, אין אמעריקע וועט דאָך סיי ווי סיי יידישקייט נישט אויסהאַלטן. מיר יידן אין אמעריקע ווען זיך סיי ווי דאָך אסימילירן, טאָ צו וואָס זיך אָנ־

שטרענגען? געגנוג פאַר אונדז וואָס מיר מאַכן געלט. אַסימילאַציע הייסט זיך אָפּרייסן פון דער שטייגערישער יידישקייט פון דורות, פון דער שפּראַך וואָס מיט איר האָט דאָס פאָלק זיך גענוצט אין משך פון דורות און וואָס זי פּיקסירט דעם פאָלקס לעבן. דער אַמעריקאַנער ציוניזם איז מיט דעם מסכים, פאַר אים איז דאָך דאָס טריף און מוקצה מחמת גלות. במילא פאַלן זיך צונויף אין אַמעריקע די צוויי שטראָמען: אַסימילאַציע און ציוניזם. עס טרעפט אַמאָל אַז אַ טייך וואָס פליסט אייגנטלעך קיין מזרח דרייט זיך מיט איין מאָל אויס קיין מערב און גיסט זיך צונויף מיט דעם צווייטן טייך. עס טרעפט אויך אין געשיכטע אַז דער שטראָם וואָס איז לכתחילה געווען ווי קעגנזאַץ צו אַסימילאַציע דרייט זיך אויס צוריק און גיסט זיך צונויף מיט דעם שטראָם וואָס ער האָט לכתחילה באַקעמפט און וואָס איז געבאָרן געוואָרן פון זיין נעגאַציע. אין אַמעריקע האָט דער ציוניזם דורכגעמאַכט אַ פולן קרייז:

אַרויס פון אַסימילאַציע ווי איר אַנטיפּאָד, געגאַנגען אין דער פּאַרקערטער ריכטונג ווי איר אַנטיטעזיס און זיך אויסגעדרייט צוריק און זיך סינטעזירט מיט דער זעלביקער אַסימילאַציע, ווי איר שותף, מיטגייער אין דעם זעלביקן וועג.

ציוניזם ווי אַ מיטשפּאַנער פון אַסימילאַציע — דאָס איז די גרעסטע טראַגעדיע פון דעם ציוניזם. קיין מאָל און אין ערגעץ איז די סכנה פון דער דאָזיקער „כשרער" און גערעכטער אַסימילאַציע נישט געווען אַזוי גרויס, ווי איצט אין אַמעריקע. דאָס דערמאָנט נישט ווילנדיק אַנדערע שטרעמונגען צו דער גאולה קיין ארץ ישראל, און וואָס זיינען אָבער קיין ארץ ישראל נישט געקומען, נאָר אוועק פון יידישקייט האָבן זיי, אָפּגעשניטן זיך פון דער היסטאָרישער יידישקייט, און פון גאַנצן יידישן פאָלק בכלל. אָט דער אַמעריקאַנער ציוניזם איז שוין איצט נישט בעסער ווי דער שבתי צביישער אין זיין צייט.

און עס איז עטוואָס טראַגישעס אין דעם וואָס עס קומען פירער פון ארץ ישראל און גיבן אַ הכשר אויף דער אַסימילאַציע, אויף

דעם פאַרוואַרפן דעם פאָלקס שפּראַך מיט אַלץ וואָס דאָס פאָלק האָט דאָ אָנגעזאַמלט און אָפּגעלאַגערט. באַשר, עס גייט דאָך סיי ווי אונטער... ווי ארץ ישראל וואָלט פון זיך געוואָרן אַ יידישע היים אָן אָנשטרענגונג. פאַרשטייט זיך אַז עס ברענט אַ שׂרפה, און מען לעשט נישט, און מען קומט און מען גיסט נאָך אונטער נאַפט אין נאָמען פון ציוניזם, אין נאָמען פון ארץ ישראל אויף דעם מזבח פאַר דעם געץ פון אַסימילאַציע, — נו, יאָ וועט עס אַלץ פאַרברענט ווערן...

און אָן יידישקייט, אין אַסימילאַציע, אַפילו מיט ציוניזם וואַקסט אויס אַ דור אַ פרעמדער צו יידישקייט און במילא צום ציוניזם. אַזוי גראָבט דער אַמעריקאַנער ציוניזם אונטער זיינע אייגענע וואָרצלען. ער העלפט דער אויסיידישונג פון יידן אין אַמעריקע, ער גיסט אויל אויף די רעדער פון דער אַסימילאַציע, און ער שוואַכט אָפּ זיך אַליין. קיין מאָל וועט זיך אָן ארץ ישראל נישט קענען האַלטן אַליין, אויף אייגענע כּוחות סיי עקאָנאָמיש און סיי פּאָליטיש. און אַז די יידן אין די „גוטע״ גלותן וועלן זיין פאַרפרעמדט און אָפּגע־פרעמדט פון יידישקייט, ווער זשע וועט העלפן אויפהאַלטן ארץ ישראל? די יידן פון מזרח אייראָפּע — גאָט ווייסט וואָס עס וועט זיין מיט זיי, די יידן פון אַמעריקע וועלן זיך נאַציאָנאַל אויסשמדן (אַסימילירן), טאָ ווער דאַרף און פאַר וועמען דאַרף מען ארץ יש־ראל? אפשר פאַר דעם צווייטן דור סאָוועטישע יידן? וועלן זיי נאָך געדענקען אַז זייערע זיידעס זיינען געווען יידן?

איז אַ יידישע ארץ ישראל נאָך, צום אומגליק, אונטער אַ גרויסן ספק, און די אַסימילאַציע איז זיכער. דאָס איז געשען אויך מיט שבתי צבי.

דאָס איז דער פינפטער טיפּ פון ציוניזם, דער ציוניזם פאַר יע־נעם, דער צדקה־ציוניזם. איין ייד זאַמלט געלט פון אַ צווייטן, כּדי ד׳ער דריטער זאָל פאָרן קיין ארץ ישראל.

דאָס איז דער ציוניזם וואָס העלפט די אַמעריקאַנער יידן זיך באַפרייען פון יידישקייט, זיך און זייערע קינדער. און דער סימן

צו דעם — עס איז פול געוואָרן דער ציוניזם אין אמעריקע מיט די ראבאים, וואָס זיי זיינען דאָך די כוהנים פון דער אָפענער און חוצפהדיקער אסימילאציע, זיי זיינען די היינטיקע „כוהנים פון בעל״״; די ירבעם בן נבטס פון היינט וואָס פירן אוועק די יידן פון יידישקייט. דאָס וואָס זיי פירן אין ציוניזם אין אמעריקע די גאנ־צע גרענדע, זיי זיינען די וואָרטזאָגערס, — דאָס ווייזט וווהין דער ציוניזם פירט אין אמעריקע.

פאראן אין אמעריקע יידן וואָס באמיען זיך אויפצוהיטן און אָפּהיטן יידישקייט אין פאָרמע פון רעליגיע. אָבער די רעליגיע אין אמעריקע איז נאָר די „יידישקייט שבכתב״ (יידישקייט און תורה איז די זעלביקע זאַך); אָן „יידישקייט שבעל פה״ קען די רעליגיע נישט מציל זיין פון אסימילאציע. אין אמעריקאנער ציוניזם זיינען פאראן רעליגיעזע מענטשן, מזרחיסטן וואָס זאָרגן פאר דער יידיש־קייט שבכתב. קיין איין ציוניסטישע גרופע זאָרגט אָבער נישט פאר יידישקייט שבעל פה. נישטאָ אין אמעריקע קיין פאָלקיסטישער ציונ־ניזם וואָס זאָל ארייננעמען אין סכום פון נאציאָנאלע ווערטן וואָס מיר מוזן אָפּהיטן די ירושה פון מזרח אייראָפּעישער יידישקייט — דעם יידישן לשון, די גאנצע קולטור וואָס אין איר, און דאָ ליגט די טויט סכנה פארן גאנצן ציוניזם און נישט נאָר פאר אים. אמעריקאַ־נער ציוניסטן אסימילירן זיך און זיי קויפן פאר זיך א קדיש אין ארץ ישראל. און דער ציוניזם עקספּלאָאטירט די אמעריקאנער יידן ווי בארבארישע פויערים עקספּלאָאטירן דעם באָדן: וויפל מען קען פון אים ארויסציען היינט, און גאָרנישט זאָרגט מען עס זאָל זיין וואָס צו ציען פון אים מאָרגן. . .

. . . און א פאָלקיסטישער ציוניזם וואָלט אין אמעריקע איצט געקענט אויפטאָן גאָר א סך. נאָר ווו נעמט מען אים?

די קולטור פראקטיק פון ציוניזם

וו ו ה י ן ?

אזא גרויסע באוועגונג איז דער ציוניזם, אזוי מעכטיק פארצווייגט איז ער, אז סתם „אפּשאצן" אים איז לגמרי אוממעגלעך. ער האָט זייער טיפע וואָרצלען און פארשיידענע מקורים אין פאָלק און אין זיין אנטוויקלונג. די סביבות, ווו דער ציוניזם ווירקט זיינען אויך נישט סתם קיין נייטראלע, נאָר זיי ווירקן ווי פאקטאָרן, זיי געשטאלטן, פורעמען אין אים אלערליי געשטאלטן און פארענדערן זיין פרצוף לויט צייט און אָרט. די דרויסנדיקע רעכטלעכע און סאָציאלע באדינגונגען אין וועלט און לענדער טרייבן אלץ ברייטערע שיכטן יידן צו זוכן א רעטונג אין ציוניזם. די אומגליקלעכע געוויינהייט פון די פעלקער איינצוטיילן די ערד אויף מלוכות מאכט דעם ציוניזם פאָפולערער ביי די געוויינטלעכע מענטשן. דער ביישפּיל לאקט:

„כל עיר על תלה בנויה
ועיר אלהים מושפלת עד שאול תחתיה"

די אָנגעשטרענגטע, דענערווירטע פסיכיק טרוימט כאָטש וועגן אן אייגענעם פאָליציימאן. „זאָל מען שלאָגן, אָבער אן אייגענער"

און דער ציוניזם איז צעוואָקסן אין אלע יידישע קיבוצים אויף דער גאָרער וועלט (ראטנפארבאנד ארייַנגערעכנט), איינגעוואָרצלט זיך אין אלע קרייזן און שיכטן און קלאסן, אין דער לענג, ברייט און טיף פון פאָלק, פון עקסט רעכט, ביז לינק שבלינק, אזוי, אז נישט

אומזיסט קען דער ציוניזם דורך אנדערע באטראכטער געזען ווערן ווי א סינאָנים פון יידישקייט. עס איז א אידעאַל, וואָס פאַרבינדט אסימילאטאָרן און נאציאָנאַליסטן, פרומע אָרטאָדאָקסן און אפּיקור־סים, ארבעטער און בורזשוען, פאַשיסטן און סאָציאַליסטן. אלעמען באדעקט דער ציוניזם מיט איין מאנטל. ער האָט קאָנצענטרירט גראנ־דיעזע קאַפּיטאַלן, ער האָט צונויפגעזאמלט אין איין ברען־פּונקט אומגעהייערע סכומים ענערגיע און ער האָט אָט די ענערגיע אקטיווי־זירט. דער פאַרמעסט פון ציוניזם איז א גרויסער, אויף אלע געביטן: פּאָליטיק, עקאָנאָמיק, קולטור, אלץ מיט אן אנדער האָט ער זיך פאַר־מאָסטן אריבערטראָגן אויף אנדערע רעלסן. אזא באוועגונג איז און קען זיין נאָר א פילגעשטאלטיק געפלעכט פון א גוואלדיקער צאָל עלעמענטארע באוועגונגען, וואָס קרייצן זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, אָדער ווי א שטראָם, וואָס גיסט זיך צענויף פון א סך באזונדערע ריטשקעס און טייכלעך.

אזא מין באוועגונג אָפּצושאצן איז שווער. מען וואָלט געדאַרפט איינגנלעך זי צעליינגן אויף אלע אירע עלעמענטן, „טעסטירן" יעט־ווידערן באזונדער און דעמאָלסט וואָלט עס נאָך געווען נישט גענוג. ווייל

א וואלד איז מערער ווי דער סכום פון זיינע ביימער; א זיינער איז מערער ווי אלע זיינע רעדלעך און שרייפעלעך. עס קומען נאָך צו די קאנזייטיקע ווירקונגען צווישן זיך און אלע אויף יעטווידערן. אזא מין אנאליז פון א קאָמפּליצירטער באוועגונג אין גאנג איז נאָך פילמאָל שווערער ווי אנאליזירן א מאשין אין גאנג. צום גליק אָבער ווייסט די וויסנשאפט אויך א צווייטן מעטאָד. צי איז דאָס אין כעמיע א אינדיקאטאָר־פּראָבע. נישט צעגלידערנדיק קיין זאך ווייזט אונדז די פּראָבע די אָדער יענע מעגלעכע רעאקציעס פון שטאָף. אָדער ווי עס איז אין פּסיכאָלאָגיע אן „אלגעמיינער טעסט". אזוי ארום קען מען אויך פאר א לויפיקן געשיכטלעכן פּראָצעס זיך פאָרשטעלן אן „אלגעמיינעם טעסט", א פּראָבע מיט א אינדיקאטאָר און דורך דעם

אָפּשאַצן די אַלגעמײנע טענדענצן פון דער באַװעגונג, איר פּאָטענ־ציעלע ריכטונג: — ציוניזם, װוּהין?

נאָך אײנמאָל: דאָ גײט נישט אין אױסרעכענען עברות אָדער מצוות. אין אַזאַ באַװעגונג איז פאַרשטענדלעך, אַז עס זײנען פאַראַן אַ שלל עברות און אַ תהום מצוות. און זײ אַלע זאָגן אונדז װײניקער װי־פל אַ װאָסער עס איז כמעט אומבאַמערקטע דערשײנונג פון אינדי־קאַטאָר־כאַראַקטער, װײל דװקא אָט אַזאַ „קלײניקײט" אַנטפּלעקט די געשיכטלעכע טענדענצן פון דער באַװעגונג און נישט די דיקע בענד מיט באַשולדיקונגען אָדער מיט ליבגעזאַנגען. נישט ליבן „אין טאָג אַרײן" און נישט „ליגן אין דר'ערד אַרײן", נישט דאָס זײנען מיר דאָ אױסן.

אָבער װוּ נעמט מען אַזאַ פּילבאַרן און אַלגעמײנעם אינדיקאַ־טאָר? מיר דאַכט זיך, אַז מיר דאַרפן זוכן אַזאַ אינדיקאַטאָר פאַר אַ געשיכטלעכער באַװעגונג אין דער געשיכטע. מיר האָבן שױן געזען, אַז אין אַלע ביז איצטיקע געשיכטלעכע מחלוקותן אין ײדישן פאָלק איז די קולטור געװען אָט דער אינדיקאַטאָר. זאָג מיר נאָר װי עס האָט אױסגעזען די קולטור־טעטיקײט פון עפּעס אַ באַװעגונג, און איך װעל דיר זאָגן װוּהין זי האָט געפירט — צום אומקום אָדער צום אױפבלי. איך זאָג נישט, אַז די קולטור איז די ערשטיקע סיבה. נײן, אָבער, אומאָפּהענגיק פון דעם צי זי איז אַ סיבה אָדער אַ תולדה, — אַ װײזער, אַ אינדיקאַטאָר איז זי אַ ריכטיקער. און די קולטור־פּראַק־טיק און איר ריכטונג דאָס איז שױן פיל גרינגער צו זען, צו באַ־טראַכטן אײדער אַלע פאַקטאָרן צוזאַמען, די קולטור־פּראַקטיק איז תמיד פיל אײנפאַכער אײדער די סאָציאַלע פאַקטאָרן װאָס שטעלן זי צונױף. און דעריבער װעלן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן באַזונדער אױף דער קולטור־פּראַקטיק פון ציוניזם אין ארץ ישׂראל און אין אַלע אַנדערע ײדישע קיבוצים.

די גאַנצע ציוניסטישע קולטור־טעטיקײט איז נישט אין פאַרגלײך אוניטאַרער, מאָניסטישער. דער ערשטער פּרינציפּ איז

די שפּראַך. די ציוניסטישע קולטור אַנערקענט בלױז העברעיש װי

איר שפּראַך. אמת, זי באַנוצט זיך מיט אַלע אַנדערע אומגאַנג־שפּראַכן. אָבער זיי זיינען פאַררעכנט בלויז ווי מיטלען, ווי צייטווייליקע מכשי־רים. ספּעציעל ווערט באַקעמפט יידיש ווייל זי קאָנקורירט מיט העב־רעיש אדאנק איר "יידישקייט". פון דאנען דאָס באַקאַנטע „עברית או רוסית". עס איז א פאַקט, אז אין קיין איין העברעישער שול ווערט יידיש נישט געלערנט. אין קיין איין שול פון דער נידעריקסטער מדר־גה ביז צום אוניווערסיטעט איינשליסלעך. ד'ה, אז נישט נאָר עס ווערט געלערנט העברעיש, נאָר יידיש ווערט איגנאָרירט, אויסגעמיטן. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס איז דורך אַלעמען אַנערקענט אז די נייע יידישע ליטעראַטור איז אין העברעיש שרעקלעך אָרעם לגבי דער יידישער. די שפּראַך־פּראָגראַם איז דאָ א טאָפּעלע: זאָל לעבן העברעיש, זאָל שטאַרבן יידיש. גאַנץ מעגלעך, אז טעאָרעטיש ווערט עס נישט אזוי פאָרמולירט, אָבער די קולטור־פּראַקטיק איז אזא בכל אופן.

דער צווייטער פּרינציפּ איז די באַקאַנטע „שלילת הגלות" — די נעגאַציע פון „גלות". אָבער — וואָס איז „גלות" אין קולטור זינען? גלות פון סאָציאַל־פּאָליטישן שטאַנדפּונקט איז קלאָר: — אויסנאַם־רעכט, פּאָגראָמען, נגישות און אַלערליי אַנדערע „יידישע פּעקלעך". אָבער וואָס איז „גלות" פון קולטור־שטאַנדפּונקט?

דאָ זיינען אין טעאָרעטישן ציוניזם פאַראַנען צוויי ריכטונגען. איינע מעגן מיר אָנרופן „ביאַליקיזם" און די צווייטע — „בן יהו־דהיזם". כאָטש ווי דער אזוי יענער האָבן זיך געפילט גלייך אין ציו־ניזם, דאָך זיינען זיי דיאַמעטראַל אַנטקעגנגעשטעלטע און פירן אין אַנטקעגנדיקע ריכטונגען. ביאַליקיזם באַמיט זיך צו וועבן די ווייַ־טערדיקע העברעישע קולטור פון יידישע פעדים, אָריגינעל און גאַנץ. אַלץ מוז געבויט ווערן פון אָריגינעלע יידישע ציגל. ליטעראַטור, מו־זיק, וויסנשאַפט, טעאַטער — אַלץ און אַלעמאָל מוז גענומען ווערן פון דעם, וואָס עס איז אויסגעוואָקסן ביי יידן. אויך די העברעישע שפּראַך מוז זיין נישט קיין קלאַסישע נאָר אַן „אָנגעוואַקסענע", אַן „יידישיזירטע" וואָלט איך געזאָגט. ביאַליקיזם זוכט א „כינוס": עס

טאָר נישט גײן פאַרלאָרן קײן קולטור־עלעמענט, װאָס עס איז בײ ײדן געשאַפן געװאָרן. ביאַליק דער שרײבער און פאַרלעגער זעצט אי־בער און גיט אַרױס איבערזעצונגען פון ײדיש. ביאַליק פרײט זיך מיט גוטע נײע װערק אין ײדיש. עס זײנען דאָך שאַפונגען פון ײדישן גײסט, פון ײדישער קולטור. ביאַליקיזם אין העברעיש איז דאָס זעל־ביקע, װאָס דער פאָלקסטימלעכער ײדישיזם אין ײדיש. בײדע שטרעבן זײ װײטער צו בױען פון אײנע און די זעלביקע עלעמענטן. מער נישט װאָס דער ביאַליקיזם זוכט עס אַלץ איבערצוזעצן. 1)

אָבער דער „בן־יהודיזם", — זײן שטרעבונג איז נישט סתם העב־רעישע קולטור, נאָר אַ „נײע" העברעישע קולטור, אַ קולטור װאָס זאָל זײן אַנדערש נישט נאָר מיט איר שפּראַך, נײערט אױך מיט איר אינהאַלט. אַט דער „בן־יהודיזם" איז אין גרונט פּונקט די היפּוכ־דיקע באַװעגונג — ער לײקנט און װאַרפט אָפּ נישט בלױז ײדיש, ער װאַרפט אָפּ אַלץ, װאָס איז געשאַפן געװאָרן נישט אין ארץ־ישראל, אַלץ, װאָס האָט אַ שײכות צום גלות. די „שלילת הגלות" מײנט דאָ אָפּװאַרפן אַלץ, אַלע קולטור־װערטן, אַלע קולטור געװױנהײטן, זיטן, כאַראַקטער שטריכן, נעמען, — אַלץ װאָס שטאַמט פון גלות, ד"ה אײגנטלעך פון אַלע לעבעדיקע ײדן, פון אַלע אַקטיװע ײדישע קי־בוצים אין דער װעלט. אַלץ ײדישעס איז פאַר דעם בן־יהודיזם „מוק־צה מחמת מיאוס", קײן זאַך פון דעם טאָר נישט אַרײנקומען אין דער „נײער" העברעישער קולטור, װאָס דער בן־יהודיזם װיל זי שאַפן. דער ערשטער, װאָס האָט באַמערקט די שטריכן פון דעם בן־יהודישן העברעיזם און אים באַקעמפט, איז דאַכט זיך געװען נישט קײן אַנ־דערער װי דער פאָטער פון העברעיזם אַלײן, אחד העם. אין זײן אַר־

---

1) נישט אומזיסט האָט ביאַליק אַ גאַנץ לעבן געדעדט, געפּרײ־דיקט, געמוסרט און כסדר איבערגעחזרט אין העברעיש דאָס, װאָס י. ל. פּרץ האָט געזאָגט מיט אַ סך יאָרן פריער אין זײן „װאָס פעלט דער ײדישער ליטעראַטור". צװײ ײדישע שרײבער, גרױסע תלמידי־חכמים. בײדע רײדן װעגן המשכדיקײט.

טיקל וועגן דער גימנאזיע „הרצליה" (על פרשת דרכים ד') שרייבט ער: „שלילת הגלות זהו מקור להרבה שלילות אחרות הנראות לנו לפעמים בא'י ומעוררות בנו תמהון וצער". דאָס וואכע אויג פון אנטי־יידישיסטישן דענקער האָט שוין דעמאָלט דערקענט דעם אנטי־יידישן כאראקטער פון „שלילת הגלות". דער בן־יהודיזם האָט אין גרונט זיינע וואָרצלען גאָרנישט אין דער אלטער העברעישער קולטור. ניין. ער שטאמט אינגאנצן פון דער השכלה, פון איר נעגאציע, פון איר ווערן ראטעווען די יידן דורך דעם, וואָס זי וועט זיי באפרייען פון יידישקייט, „אויסמענטשלען". נאָר מער נישט, ווייל עס איז נישטאָ וווהין צו אנטרינען פון יידישקייט. נישט אומזיסט שרייבט איינער פון זיי, וואָס האָט א טבע ארויסצוזאָגן אלץ, וואָס אויפן לונג, אז ארץ ישראל דארף זיין די „גאנצע געביידע" פון יידישן פאָלק, דער גאנצער גוף, אָן א וואָסער עס איז רעשט אין גלות (א. שרון „דבר" יא' ניסן תרצו'). אלץ, וואָס דאָרטן אין גלות איז „מוקצה", מיאוס, דער טראגיזם פון יידן אין דער וועלט איז נישט דאָס, וואָס זיי ליידן צוליב זייער יידישקייט, וואָס זיי קענען נישט אנטוויקלען די יידיש־קייט, — טראגיש איז די יידישקייט גופא. דער בן־יהודיזם שטרעבט זיך צו באפרייען פון דעם עצם נאָמען „ייד", ער וויל זיין „העברעער" (נישט „יהודים" נאָר „עברים"). פארן בן־יהודיזם זיינען אויך העברעישע קולטור־ווערטן „טריף", אויב „זיי שמעקן מיט גלות". פון דאנען די ספרדישע הברה, פון דאנען דאָס אויסמיידן די תנכישע נעמען, וואָס זיינען געברויכט ביי יידן 1). פון דאנען דאָס אויסמיידן

---

1) א באקאנטע פרוי האָט א נאָמען געגעבן איר זון משה. זאָגט איר א שכנה: „עפעס גאָרנישט קיין יידישער נאָמען, סאמע גלות".
אמאָל באזוכט א קאָנצערט פון א תימנערין. זיצט א ייד, וואָס איז בשעתו געקומען פון גראָדנע און איז זיך מחיה: „אָט איז סאמע מזרח, דער מקור!"
— עס איז דאָך אזוי ווי אראביש — זאָג איך צו אים.
— איז וואָס, איישישקער נגונים, ווילט איר זאָלן זיין אונדזערע!

אין דער העברעישער שול די יידישע ליטעראטור אפילו אין איבער־זעצונגען אויף העברעיש. פון דאנען דער שלעכטער מזל פון דער ליטעראטור בכלל אין דערציונג. פון דאנען אויך בן־יהודהס העברעיש וואָס ביאַליק זאָגט, אז עס איז אויף צוויי דריטל אויסגעטראכט פון קאָפּ אָן א שורש אין דער העברעיש־יידישער קולטור. דאָס האָט דער בן־יהודיזם לכתחילה באקעמפט דעם „דיבוק" אין טעאטער. און א סך זיינען זיינע דערשיינונגען אין לעבן. ביאַליקיזם איז די קולטור־פּראָגראם פון דעם פאָלקסטימלעכן משיחישן ציוניזם, — דער בן־יהודיזם — געהערט אינגאנצן דעם עמאנסיפּאציע־ציוניזם. די ביאַליקיסטישע ריכטונג מאכט לייוויקן א הארציקן קבלת פּנים. די בן־יהודיסטן מאכן צוליב דעם קבלת פּנים א וועלט נישט אנטשטענדיקן קאַנניאָמער. אָט אזוי ארום לעבן איינצייטיק ביידע ריכטונגען, ווי עס ווירקן די פארשיידענע מקורים פון ציוניזם בכלל. אין טעאטער האָט ביי דעם מאָמענט, דאכט זיך, מנצח געווען דער ביאַליקיזם. די פּרוּוון צו גיין אויף בן־יהודישע וועגן אין טעאטער האָבן נישט גע־בראכט קיין דערפאָלגן. דאָ, אין טעאטער ווערט דאָך יעטווידער טראָט גלייך געשאצט, געמשפּט. און, קענטיק, דאָס האָט געטריבן אין דער ריכטונג דווקא, אפשר קעגן דעם באוווסטזיניקן ווילן פון די טעא־טרען גופא.

אין דערציונג אָבער הערשט פון אָנהייב אָן און ביז היינט כמעט אומבאגרענעצט דער בן־יהודיזם. די טענדענצן זיינען איינגעשטעלט געוואָרן נאָך ווייט פאר דער ערשטער מלחמה, זיי האָבן זיך איינגע־בירגערט, פּארפעסטיקט, זיינען געוואָרן א טראדיציע און — נישטאָ

אָדער אָט באקלאָגט זיך דער „דבר" (29. 10. 37) אז אויף א טאנץ־קאָנקורס האָט דעם ערשטן פּרייז באקומען א „מזרחדיקער" טאנץ, פּשוט גערעדט, שרייבט די צייטונג — אן אראבישער. („מזרח־דיקער" — א נייע אויפלאגע פון דעם אייראָפּעישער אמאָל) אָבער אויך די צייטונג וואגט נישט צו דערמאָנען, אז עס זיינען דאָ אויך — יידישע פאָלקסטענץ.

אין דער לערערשאפט, אין דער געזעלשאפט קיין נענוג שטארקער ביאַליקיזם צו באקעמפן די צווייטע ריכטונג. גאנץ מעגלעך, אז די ביאַליקיסטישע שיכטן זיינען פסיכאָלאָגיש אין זיך צו שוואך צו וועלן אפילו באקעמפן די בן־יהודיסטישע דערציונג. גאנץ מעגלעך, אז דאָ איז פאראן א מין באציונג (אונטערן באוווסטזיין, קען זיין): מילא איך — איך קען זיך נאָך נישט אָפרייסן פון גלות, אָבער מיין קינד, דער צווייטער דור בכלל, — צו וואָס דארפן זיי דאָס? בכן, קען זיין, אז דער ביאַליקיזם איז ביי די „ביאַליקיסטן" אליין נישט קיין קולטור־באוועגונג, נאָר א געדולדעטע דערשיינונג, ווי א שוואכקייט, וואָס עם לוינט זיך נישט דערמיט מלחמה צו האלטן. בכל אופן איז מיר נישט אויסגעקומען כמעט צו לייענען קיין באגרינדונג, קיין אגיטירונג פאר דעם ביאַליקיזם אויסער ביי ביאַליקן גופא. און טאקע דערמיט איז צו דערקלערן די דערשיינונג: ביאַליק איז אין ארץ ישראל געוואָרן א הייליקטום. פאר א וואָרט קעגן ביאַליקן וואָלט מען איך מחרים געווען, — און דער ביאַליקיזם איז לגמרי נישט אָנגענומען, פארקערט, מען דערמאָנט אים נישט, ווי עפעס נישט קיין שיינע שוואכקייט פון א געליבטן און געשעצטן טאטן... דערמיט אויך דערקלערט זיך, וואָס נישט געקוקט אויף דעם כמעט פיקסירטן ביאַליק־קולט, איז ביאַליקס פּאָעזיע (זי איז אינגאנצן אידעאָלאָגיש אויך ביאַליקיסטיש) אין שול און ביי דער יוגנט גאָרנשט, נאָר גאָרנשט באליבט. איך בין שטארק מסופק אויב צווישן די צוויי הונדערט טעלעבע און זיבעציק אביטוריענטן פון מיטלשולן אין ארץ ישראל אין הײַנטיקס יאָר זיינען געווען כאָטש צוויי, וואָס זאָלן קענען ביאַליקס א ליד אויסווייניק און אים ליב האָבן, אָט ווי מען האָט ליב א ליד, וואָס איז נאָנט צום הארצן. און דאָס ביי דעם גאנצן ביאַליק־קולט. דאָס איז אויך א באווייז, אז דער ביאַליקיזם איז פסיכאָלאָגיש, מאָראליש שוואך בעת דער בן־יהודיזם איז אָנגרייפעריש שטענדיק. דערמיט קען מען אויך דערקלערן, וואָס אמאָל אין אינטימערע קרייזן קענט איר אמאָל הערן, אז ביאַליק איז טאקע א גרויסער שרייבער, אָבער... אָבער ער געהערט דאָך נישט צו דער נייער העברעישער

קולטור, נאָר צו דער אַלטער, וואָס פון איר זאָגט מען זיך אָפּ... אָדער — „פון ביאַליקן קען די נייע העברעישע ארץ ישראלדיקע קולטור נעמען בלויז זיין שפראך" וכדומה אזוינע סימפּטאָמאַטישע ארויסזאָגונגען.

אמת, ווען מען דערמאָנט עס עמיצן פון די ארץ ישראלדיקע קולטור־טוער, וועט ער עס גלייך מבטל זיין: מאַלע וואָס נאַראָנים ריידן, ווער קען גאַראַנטירן זיך פון משוגעתן? אפשר, קען זיין, אָבער ווי באַקאַנט, זיינען פּאַטאָלאָגישע ארויסזאָגונגען אָפטמאָל וויכטיקער, ווייל זיי זאָגן אויס דאָס אינטימסטע. נישט אומזיסט זאָגט די יידישע פאָלקס חכמה: „וואָס ביי א ניכטערן אויפן לונג, — ביי א שיכורן אויפן צונג" און אָט די „שיכורע", די „פּאַטאָלאָגישע" ארויסזאָגונגען וועגן ביאַליקס „פאַרעלטערטקייט" — זיי זיינען די ערשטע אָנזאָגער פון דעם קאַמף, וואָס דער בן־יהודיזם פירט — דערווייל שטום און באַהאַלטן — קעגן דעם ביאַליקיזם. דער קאַמף וועט אָבער ווערן אָנגרייפערישער, חוצפּהדיקער, ווען דער עלטערער דור העברעיסטן וועט ווערן שיטערער, אָדער ווען מערב־אייראָפּעישע יידן (אויך אַמעריקאַנער) וועלן פאַרנעמען זייער אָרט; „אשר לא ידעו את יוסף".

אָבער אויך איצט איז דער בן־יהודיזם דער שטאַרקערער צד. צו אים געהערן פון איין זייט אַלע עמאַנסיפּאַציע־ציוניסטן. פון איין זייט די אַלע „בירגער", וואָס דאָ ווי אומעטום איז ביי זיי רעכט די נאָז אָפּצושניידן נאָר נישט צו זיין „ענלעך צו א יידן", פאַר די איז ממש משיח־צייטן — אז מען איז נישט קיין יידן און אז „סאַמע סמעטענע", „אתה בחרתנודיקע" יידן פון צווישן אַלע יידן. אהער ציט עס די דייטשישע יידן, וואָס האָבן נאָך פון אַמאָל געבראַכט א ווידערווילן צו „אָסטיודישע" קולטור־עלעמענטן, וואָס דערמאָנען זיי דעם געטאָ. דער בן־יהודיזם לאָקט אַלע מזרח־אייראָפּעישע יידן, וואָס זיינען אויסגעוואָקסן אין דער השכלה־אַטמאָספערע און קענען זיך פון איר נאָך נישט אָפּרייסן. בעת דעם ביאַליקיזם אויפנעמען באַוווּסטזיניק קענען בלויז באַוווּסטזיניק פאָלקסטימלעכע עלעמענטן, — און די זיינען ביי יידן אומעטום שוואַך.

א. גאָלדאָמב

איז ווי זעט אויס דער ישוב אין ארץ ישראל אין דעם שפיגל פון זיין קולטור־לעבן?

כדי צו זיין אָביעקטיווער, וועל איך דאָ זיך באַמיען געבן וואָס ווייניקער מיינע מיינונגען.

אין אָקטאָבער 1936 איז אין תל אביב פאָרגעקומען א לאַנד־צונויפפאָר פון קולטור טוער און דער אָנפירער זיינער דר׳ י. קויפמאן האָט אין זיין קולטור־באַריכט געזאָגט צווישן אנדערע: „די קוואַלן אונדזערע (פון קולטור) זיינען פאַרשטאָפּט. דער ישוב האָט נישט קיין איינהייטלעכע שפּראַך. אין דעם זינען איז דער ישוב ערגער ווי א וואַסער עס איז אנדער צענטער אין גלות. דאָרטן פאַרשטייען זיך אלע יידן איינער דעם צווייטן. א פרעמדע שפראַך, אָבער זיי פאַרשטייען זי. דאָ אין לאַנד אָבער געפינען מיר זיך אין א לאַבירינט פון מחיצות. די גאַס און נאָך מער — דאָס אינעווייניקסטע לעבן שפּיגלען דאָס אָפּ.

„ווער קען באַשרייבן די ליידן פון דעם עולה (אימיגראַנט), ווען עס גייט אויף אים אראָפּ די גרויסע שטומקייט, טויבקייט און בלינדקייט צו אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום, אין לאַנד פון דער בענקעניש, פון צוקונפט? און שפּעטער, אז ער ווערט שוין אריינגעצויגן אין דעם גרויסן פּלוידער, וואָס מאַכט יעטווידער געדאַנק אומפּרוכטבאַר, — יעטווידער נייער געקומענער גראָבט אויס א תהום צווישן אונדזערע ווונטשן און אונדזערע דערגרייכונגען — מיר זיינען פאַרגליווערט געוואָרן ביי רודימענטן, פאַרמישפּט אויף א שרעקלעכע אלף־ביתיקייט. מיר קענען זיך נישט באַפרייען פון דעם אלף־בית־ביכל, אָט דאָס איז געוואָרן אונדזער גורל, דאָס שטאַמלען — דער יסוד פון אונדזער קולטור. שפראַך איז נישט קולטור, נאָר דער אריינגאַנג צום קולטור־פּאַלאַץ. און אויב מיר וועלן זיך נישט באַפרייען פון דעם כסדרדיקן אָנהייבן, זיינען מיר קולטורעל פאַרלאָרן. א קרעטיניזם וועט אונדז באַהערשן". —

און ווייטער — „זיבעציק קולטורן הערשן ביי אונדז און שאַפן א קולטורלאָזיקייט, גייסטיקע אָפּגעריסנקייט, אָפּגעלאָזנקייט און

גרויסהאַלטעריי" (דאָס איז א ציטאַט פון ב. קאַצנעלסאָן). און על פּי רוב איז דאָס נישט קיין קולטורן ממש, נאָר שאָלעכצן פון קולטורן און אָט דער „בבל פון קולטורן" איז נאָך ערגער פון א שפּראַכן־בבל". און ווייטער — אין לאַנד, זאָגט דער אויטאָריטעטער רעדנער, — פעלט דאָס לערנען „לשמה". די יוגנט רייסט זיך אָפּ פון בילדונג (דאָס איז נישט ריכטיק, ריכטיק איז, אז די בילדונג גיט נישט קיין קולטור. —א. ג.) די אָנגעקומענע ווערן אָפּגעריסן (צוליב דער שפּראַך) פון ממשותדיקע קולטור: די ערשטע יאָרן איז מען אָפּגעריסן פון א צייטונג, פון א בוך — לענגער (נישט ריכטיק: מען לייענט א סך אין אַלע שפּראַכן אויסער העברעיש והא ראיה — א סך פּריוואַטע ביבליאָטעקן מאַכן נישט קיין שלעכטע געשעפטן — א. ג.) פון טע־אַטער, פאַרלעזונג — די קולטור־שעפער ווערן אָפּגעוויטערט פון די קולטור־געברויכער, פאַרפרעמדט" און ווייטער — „די קולטור־שע־פער דערווייטערן זיך פון די קולטור מקורים און דאָס איז א קללה. (זייער ריכטיק, אָבער ווידער א טעות: קולטור־מקורים זיינען נישט קיין ביכער, קיין שאַפונגען, מוזייען אאַז"וו, נאָר לעבעדיקע מענטשן, מאַסן און די שאַפונגען, וואָס זיינען אין זיי, דורך זיי פאַרדייט גע־וואָרן. אויסער וואָס אין לעבעדיקע מענטשן קענען זיין קולטור־פּראָ־דוקטן קאָנסערווירט אין גלעזערנע, פּאַפּירענע כלים, אָבער נישט קיין קולטור־קוואַלן א"ג) (דאָס איז אַלץ געבראַכט געוואָרן לויט דעם „דבר" 6. 10. 1936).

אויף דעם זעלביקן צוניפּפאָר דערציילט בן־צבי אז 50 פּראָ־צענט פון ישוב פאַרשטייען נישט קיין העברעיש. ביי פּופציק פּראָ־צענט האָט נישט קיין שייכות צו דעם גאַנצן קולטור־לעבן, אָפּגעריסן, פרעמד. אָט אַזוינע זיינען געוועזן גאָר נישט קיין פּריילעכע אַלע אָפּ־שאַצונגען פון קולטור־מצב אין לאַנד. נאָך אין 1926 האָט אַן ערנס־טער קולטור־טוער געשריבן וועגן דער סכנה פון קולטורלאָזיקייט וואָס גייט אויף דעם ישוב (א. שיין „נתיב"). שאַרף און בולט פּלעגט אויף דער טעמע כסדר ריידן ביאַליק (זע — די „דברים שבעל פּה"). די ליטעראַטור איז א נאָכמאַכערישע, נישט קיין אייגענע, די שפּראַך

איז אָרעם אָן וואָרצלען אַאַז'וו א'וו. פון צייט צו צייט כאַפּן זיך ארויס אנדערע שרייבער מיט דעם זעלביקן קלאָג־ליד. פון די וועל איך ציטירן בלויז איינעם א. שטיינמאַנען. (מאזנים כ'ה, כ'ו).
". . . עס קען א יידישער יחיד וווינען אין ארץ ישראל יאָרן לאנג. אויסהאָדעווען דאָ קינדער, פלאנצן פּרדסים, בויען הייזער אָדער לעבן פון יגיע כפּיו און פונדעסטוועגן זיין אָפּגעריסן פון די וואָרצלען פון העברעישן וווקס, ריכטיקער — זיין אן אסימילאנט פאקטיש און אידעאָלאָגיש. נאָך מער, נישט קיין פּרט, א גאנצער יידישער קיבוץ אין ארץ ישראל אסימילירט זיך. אָפּגעריסן פון אונדזער אריגינעלער ספּערע, א מין קולטורעלער ערב רב". און ווייטער שרייבט ער: — „יעטווידער ייד איז פרעמד דעם אָריגינעלן יידישן גייסט, ער איז אָנגעזאַפּט מיט א נישט־יידישן באַוווסטזיין. אפילו די בעסטע אונדזערע זיינען פארזונקען אין פרעמדע קולטורן און פרעמדע שפּראַכן. א ייד וואָס לעבט אין ארץ ישראל, וואָס איז אפילו דאָ געבאָרן איז פרעמד דער קולטורעלער זעלבשטענדיקער שעפערישקייט מער ווי א ייד אין גלות..." . . . פון די נביאים קען מען היינט נישט מאכן קיין לעבעדיקע קולטור אויב עס ווערט נישט פארבונדן מיט ווערטיקן שטאָף... קולטור איז נישט קיין סך הכל פון געלערנטע, צדיקים, וואָס זיינען אריינגעפאלן אונדז בירושה. די קולטור איז אפילו נישט אין די זאמלונגען אגדות, הלכות, משלים וואָס מען לערנט אין די שולן. נאציאָנאלע קולטור איז דאָס וואָס נעמט ארום די מענטשן פון פאָלק ווי אן אטמאָספער אין זייער לעבן, אין פּריוואטן, געזעלשאפטלעכן, און גייסטיקן און מאטעריעלן... קולטור איז נישט קיין בגד, וואָס מען קען אים אויסטון, נאָר א הויט. עס איז אן אלגעמיינער לעבנס־סטיל... אָבער וואָס איז ווערט א קיבוץ א געלאַטעטער פון אלערליי ברעקלעך סטילן און דאָס געמיינזאמע איז אזוי שוואך, אז ווער עס וויל, קען זיך ארויסרייסן פון אָט דער געמיינזאמער סביבה...". „ווער איז אין ארץ ישראל העברעיש ביז צו די וואָרצלען? צי טוען נישט אפילו די געטרייסטע א טובה, א גמילת חסד די שפּראַצונגען פון דער נייער קולטור. אלע זיינען מיר געסט אין דער שוואכער

קולטור־סוכה אונדזוערער. מיר לעבן פרעמדע קולטורן, מיר האָבן דורך ארץ פאר זיי, מיר האָבן צוטרוי בלויז צו דעם, וואָס עס קומט צו אונדז פון דער פרעמד, פון דרויסן, פון גויִישן דרויסן...". „מיר זײַנען א קיבוץ פון א סך גלותן, א מישמאַש פון קולטורן און שפּראַכן... פון א סך קולטורן זײַנען מיר קולטורלאָז, מחמת דער שפע פון שפּראַכן קענען מיר זיך דווקא נישט פארטיפן אין דעם אָריגינעלן גייסט פון העברעיש... געבראַכט אין דעם „מרכז רוחני", זײַנען מיר דאָ עדות פון א שרעקלעכער קאַלטקייט צום גייסט. יעטווידער ליר־דיקגייער באַרימט זיך, אז ער האָט קיין צייט נישט פאר אן ערנסטן בוך. דער פּלאָנטער פון קולטורן און פּסיכאָלאָגיעס דערווייטערט איינעם פון צווייטן. עס וועט זײַן אן עבֿרה קעגן דעם אמת, אויב מיר וועלן נישט באַצייכענען מיט ציטער, אז קיין אין יידישער קיבוץ אין דער וועלט האָט נישט אזוי מורא פאר די אנטפּלעקונגען פון יידי־שער אָריגינעלקייט, עכטקייט. פאַראַן א שנאה צום גייסט אין ארץ־ישראל... יעטווידער ייד אין לאַנד, אפילו דער לאַנגיאָריקער תושב, דער געבוירענער איז איינגעוואָרצלט אין פרעמדע ספערעס — כמעט א איבערזעצונג. ער דרינגט נישט אריין אין העברעיש און אין אירע שאפונגען. פאַרקערט, ער וואַרפט זיי קומענדיק אין לאַנד... ווער עס מיינט, אז אין ארץ ישראל וועט זײַן העברעיש, האָט א טעות לויט אַלע סימנים. א ייד איז פּראַקטיש, און ער גרייט זײַנע קינדער זיי זאָלן זיך קענען צופּאַסן צו דער וועלט וואָס איז לגמרי נישט העברעיש. א ייד פון לאַנד האָט דורך ארץ פאר דעם בלויז, וואָס האָט א צעטל „מייד אין יענעם אָדער אין יענעם לאַנד". פאר דעם אימפּאָרטירטן האָט ער דורך ארץ. ער באַגייסטערט זיך פאר גרויסאַרטיקע געסט. דער קיבוץ פאַרוואַנדלט זיך אין א געזעלשאַפט פון סנאָבן, וואָס האָט דורך ארץ פאר דעם ווייטן, אָבער וואָס האָט פײַנט זײַן משפּחה... דער ישוב אין ארץ ישראל איז נישט באַשיצט פון אַסימילאַציע. א מי־ליאָן, צוויי מיליאָן יידן קענען דאָ ווינען גערעכט יובֿלות און נישט שאַפן קיין העברעישע קולטור. אַמאָל איז געווען א נס און קיינער האָט נישט קיין קאָנטראַקטן, אז נסים וועלן זיך איבערחזרן. ווײַל

איז דעם, וואָס האקט ווייניקער א טשייניק (קשקש) וועגן יחוס און זכות אבות. פון גרויסע עלטערן קומען ארוים שרעטעלעך".

„נישט געגארט זיך: א ייד, אז ער קומט קיין ארץ ישראל טוט ער זיך אוים פון דעם ביסעלע, וואָס בינדט אים צו צום אמאָל, ווייניקער פאראנטוואָרטקייט פאר דער קולטור עקזיסטענץ. פטור פון גייסטיקע ווערטן..." און אין דעם גייסט רעדט דער שרייבער ווייטער און ווייטער. און אָט אזא ארטיקל האָט נישט געמאכט קיין איינדרוק, קיין שום פּאָלעמיק נישט ארויסגערופן, קיין דיסקוסיע. דער גרעסטער טייל — די גאנצע פּראָבלעם גייט אים נישט אָן. גערעכט דער שרייבער: מיט קולטור ענינים אינטערעסירן זיך געציילטע. א קלענער טייל זאָגט מסתמא: אָט, מאלע, וואָס מען זאָגט. עס איז דאָך דער און דער. איז מען מבטל דעם שרייבער. קלאָר, קיין „פירער", קיין פּאָליטיקער וואָלט עס נישט געזאָגט, אָבער דווקא דערפאר איז דאָס אמתדיקער, אויפריכטיקער און מער פון הארצן. וואָס ביי א פּאָליטיקער אויפן לונג, דאָס ביי דעם שרייבער אויף דער צונג. און אזוי א סך פון די קולטור־מענטשן. יעטווידער באזונדער ווייטאָקט דעם ווייטאָק פון קולטורלאָזיקייט. איר פילט אין די דאָזיקע רייד דעם אָפּקלאנג פון דעם נביא „ויקו לעשות ענבים ויעש באושים". צו זיינען די מאָטיוון אזוינע אָדער אנדערע, דער עיקר איז דער אומיטלבארער ווייטאָק פון די קולטור־יידן, פאר וועמען קולטור האָט אַן אינהאלט און איינענעם. פאר דעם גרעסטן טייל אָבער איז קולטור בלויז „זיין צו לייטן גלייך", ד'ה, וואָס ווייניקער ענלעך צו געווייגלעכע פשוטע יידן פון א גאנץ יאָר. עס איז ביי יידן אין די נשמות א גרויסע דאָזע קענגערישקייט צו אלץ וואָס יידיש איז אויב זיי נעמען איינגנווויליק און מאכן זיך שטום, זאָגן זיך אָפּ פון זייער לשון, פון זייער ריידן. זיי דוכט זיך, אז מיטן אָפּזאָגן זיך פון דעם באפרייען זיי זיך פון א שטיק קנאפּווערטיקער יידישקייט, זיי ווערן אויסגעלייזט, א גאולה אויף זיי. און וואָס איז ביי יידן צופיל פאר א גאולה פון יידישקייט? די יידן באקלאָגן זיך נישט — יאָ קולטור, נישט קולטור, אָבער פון „יענע" יידן איז מען דאָך ווייט. און דאָס איז

שוין געגנוג. דער שרײבער האָט אָבער דעם זעלביקן טעות װײטער. און ער מײנט, אַז עס איז גענוג צו מאַכן אָנשטרענגונגען כּדי צו פאַררינטן. שרײען אויף ײדן איז לגמרי נישט קײן קונץ און נוצן קען דאָס אויך נישט ברענגען. און װאָס איז דער סך הכּל? —

עס איז פאַראַן בײ א קלײנעם ברוכטײל פון ישוב א שפּראַך אַן אויסגעלערנטע. יעטװידער קולטור איז פאַרבונדן מיט א שפּראַך, אָ-בער שפּראַך טראָגט לגמרי נישט תּמיד קולטור. אַן אויסגעלערנטע שפּראַך איז װי טעלעגראַף־צײכנס, װי ציפער, אָבער נישט קײן קול-טור. װערטער זײנען „שאַלעכצן". װײן איז תּמיד אין כּלים. אָבער כּלים קענען זײן לײדיק, אָן װײן און אָן א װאַסער עס איז אַנדער אינהאַלט, לײדיקע קריגלעך, װי „װערטער אין א װערטערבוך" (ביאַ-ליק). העברעיש װי א קולטור־שפּראַך איז אויסגעװאַקסן אין אַלטער, טראַדיציאָנעלער ײדישקײט, אין בית־מדרש, אין חדר און ישיבה, צו-נויפגעװאַקסן װי א סיאַמישער צװילינג מיט ײדיש. „שיר — א געַ-זאַנג, השירים — פון אַלע געזאַנגען" איז נישט קײן איבערזעצונג, עס איז אײן מאָנאָליטיש קולטור־שטיק. װאַרפט מען אָפּ דאָס גאַנץ אַלט לעבן, דעם גאַנצן קולטור־שטײגער, װאַרפט מען אָפּ ײדיש און די גאַנצע קולטור־טראַדיציע, — בלײבט דעמאָלט פון העברעיש בלויז א שאָלעכץ פון װערטער, נאַקעטע, לײדיקע קריגלעך, װאָס מוזן ערשט איצט פון דאָס נײ אָנגעפילט װערן מיט נײעם אינהאַלט. די פּשוט-טע רײן פיזיאָלאָגישע קלאַנגען דאַרפן ערשט פון דאָס נײ פאַרבונדן װערן, אַסאָציאירט װערן מיט קולטור־אינהאַלט, װאָס שמידט זיך אין דעם נײעם לעבן.

בכן, דאַרף מען װעגן „מקורים", װעגן אומקערן זיך צו די מקו-רים נישט רײדן, נישט אײנרײדן נישט זיך, נישט אַנדערע. מיט דעם אָפּזאָגן זיך פון דער קולטור־טראַדיציע זײנען איבערגעריסן אויך די פאַרבינדונגען מיט די מקורים פון דער העברעישער קולטור. עס קען זײן א רײד בלויז און מער נישט װי װעגן א נײער העברעישער קול-טור, װאָס װאַקסט מיט דעם נײעם לעבן. עס װערט אויסגעהאַקט אַן

אַלטער מינדערוועטיקער וואַלד כדי דאָס אָרט צו פאַרפלאַנצן מיט נייע געוויקסן.

אָבער דאָס יונגע לעבן און די יונגע קולטור־שפּראָצונגען ווערן פאַרפּלייצט מיט קולטור־רעשטלעך פון דער גאַרער וועלט, רעשטלעך און פּיצלעך, וואָס אַלע צוזאַמען אַנולירן זיי זיך, בילדן א מישמאַש און שאַפן א קולטור־לאָזיקייט. א קולטור קען זיין אָרגאַניש גאַנץ אין איר סביבה. די „שענסטע" קולטורן אָבער נישט אין זייערע קולטור־מאַסן, קולטור־גזעלשאַפטן, נאָר אין א מין מאָדנער מאָזאַיק פון אַזוינע „אַרויסגעריסענע" קולטורן זיינען מער נישט ווי רעשטלעך אָן א פּנים און אָן א פּרצוף. און אָט די קולטורלאָזע קולטורן־מאָזאַיק צעוואַקסט זיך ווי א „לעוואַנטינישקייט", ווי ווילדע קריטעכצער און פאַרשטיקט די יונגע קולטור, וואָס מען שטרענגט זיך אָן צו שאַפן פון דאָס ניי. די איינציקע קולטור, וואָס וואָלט געקענט זיין אָרגאַניש און וואַקסן אָרגאַניש גאַנץ איז די יידישע. ווייל עס איז דאָ א יידישע סביבה, א גאַנצע אין זיך. זי ווערט אָבער נישט דערלאָזן, ווייל גאָר פּשוט, יידן האָבן נישט קיין דרך ארץ צו זיך און האַלטן נישט פון אַלץ, וואָס איז — „צו יידישלעך". אַלץ אַנדערש שאַפט ניט קיין קולטור און דאָ שטעקט א פּשוטע נאַציאָנאַלע סכנה. פון דער אַלטער (יידישער און העברעישער — אַלץ איינס!) קולטור אָפּגעריסן און קיין נייע קען זיך נישט שאַפן.

אין אַנדערע קיבוצים איז אָט די קולטור־סכנה אפילו קלענער, בכל אופן אַנדערש. אמת, די פרעמדע קולטור, די הערשערישע אַסימילירט שטאַרק, אָבער זי איז דאָך קולטור, גאַנץ, אָרגאַניש, נישט קיין רעשטלעך און, צווייטנס, איז אומעטום, אין אַלע קיבוצים פאַראַן א געפיל פון צוגעבונדנקייט צו אַנדערע יידן, צום כלל, צו דער „אַלטער היים". און אָט דאָס געפיל בינדט צו. מער אָדער ווייניקער בינדט עס צו דעם נייעם קיבוץ צו די אַלטע, די אַלטע היים ווערט ראָמאַנטיש און אַלטע קולטור ווערט פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דער נייער. אמת, דער צובונד פאַרבינדט קליינע טיילן פון די נייע ישובים. גרויסע טיילן גייען פאַרלאָרן. אָבער די קליינע טיילן—זיי האָבן

קולטור־המשבדיקייט. זיי זיינען ממשיך דאָס יידיש פאָלק מדור לדור, פון קולטור צו קולטור. אין ארץ ישראל איז ביי יידן א פארקערטער קאָמפּלעקס „אתה בחרתנו מכל היהודים". אלץ, אלע יידן אויסער ארץ ישראל איז „עט — גלות". ווערט די אָפּגעריסנקייט סאנקציאָנירט, די אָפּגעפרעמדקייט — שטארקער. ארץ ישראל איז נישט מיט אלע יידישע קיבוצים, נאָר „שקול כנגד אלעמען". מיר — און דער גלות, איינער און ווייטער קיינער. און די אָפּגעפרעמדקייט איז ווידער א סכנה. און אָט דער צושטאנד ווערט באגלייט דורך א פּסיכאָלאָגישער דערשיינונג, וואָס טראָגט אריין פארביטערטקייט, כעס און דערצאָרענונג. די „נייע העברעישע קולטור" האָט דאָך געדארפט זיין דער אנטיטעזיס פון אלץ וואָס „גלות" איז. דער שפרונג פון אלטן „גלותדיקן" טעזיס צום „נייעם" אנטיטעזיס איז געמאכט געוואָרן מיט פולן אימפּעט פון „עמאנסיפּאציע"־גיריקייט. איז דאָס אנטלויפן פון אלטן פאראן, אָבער דערמיט אליין ווערט דאָס נייע נישט געשאפן, פון דעם „מינוס אלטן ווערט קיין פּלוס נייע. זיינען די ביאַליקיסטן אומצופרידן, וואָרטן זיי אָפּט אויף פרישע כוחות, אויף קולטור־פאקטאָרן פון אנדערע קיבוצים. וואָלטן די בן־יהודיסטן אין תוך אריין געבליבן צופרידן — דאָס אלטע, דער „גלות" איז נישטאָ דאָך. איז אָבער דאָך: פאראן אן עליה, קומען נייע יידן, זיינען צווישן די אלטע פאראן יידן א סך וואָס קענען זיך נישט באפרייען פון דעם „אלטן". און וואָס גרעסער דער קיבוץ ווערט, אלץ שטארקער וועט ווערן אָט די „אלטע" כלומרשט פארעלטערטע עלעמענטן. וועקט עס אויף ביי זיי כעס און ווייטאָק. ווי א שטייגער למשל, ווי עמיצער, וואָס וויל זיך אָפּשיידן פון זיין שאָטן, אנטלויפן פון אים און קען נישט. און פון כעס און צאָרן זוכט מען שולדיקע: אָט די און יענע זיי זיינען דאָס שולדיק. זיי פירן דאָס איבער, זיי מאכן קאַליע אלץ. איז דער כעס און ווייטאָק שטארק. און די פאַרביטערטקייט — נאָך מערער, נאָך שטארקער. און געגליכן איז עס צו א דינסטמיידל, וואָס האָט זיך אויסגעפוצט ווי א הארנטע און... אָט יענע דערמאָנען איר אלץ „דינסטמיידל", „דינסטמיידל" — גלות; גלות. צו מאָל שפיגלט

זיך אָפּ אָט דער פּסיכישער צושטאַנד אין פאַרשיידענע געזעלשאַפט־לעכע אַרויסטרעטונגען.

אין אַזאַ אַטמאָספער פון קולטור־באַגערן, אין אַ סביבה פון אַ באַוווסטזיניקער אָנשטרענגונג צו עפּעס, און ווו עס פעלט עפּעס איינגעוואָרצלטקייט, ווו אין מענטשן ווירקן נישט "טיפּ", כאַראַקטער", נאָר ווילן, געדאַנק, — אין אַזאַ סביבה איז שווער עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַ ליטעראַטור. אפשר ליריק. פעלן אַפילו די שרייבער. ווייל קודם כל מוז דער שרייבער זיין קולטורעל גאַנץ, כאַראַקטער. און דאָ איז ער צעשפּאָלטן: די וואָרצלען שטעקן דאָ און דער ווילן, די אידעאָלאָגיע ציט אַהין. דער „איך", דער גייסטיקער געהערט צו דער „אַלטער" און דער פאַרלאַנג — צו דער „נייער" קולטור. איז דער רעדנער, דער פּריידיקער, דער פּובליציסט, דער לידער און פירער — זיי קענען אַרבעטן, ווירקן, רופן און אַגיטירן מיטן כוח פון „ווילן", פון געדאַנק, פון לאָגיק. אָבער דער שרייבער, דער דער קינסטלער — ער קאָן אַרבעטן בלויז מיט אינטויציע מיט „רוח הקו־דש", און זי ליגט בלויז אין די קולטורוואָרצלען. און מהאי טעמא איז די ליטעראַטור אָרעם ביז גאָר. מאַכט עס נאָך דעם קאָנפליקט שטאַרקער, ביטערער און פאַרביטערטער. דער טעאַטער וויל, באמת זיך, האָפט צו זיין „ניי", און מוז כסדר קומען צום „אַלטן", צום „גלות". איז ווידער אַ מאָראַליש־פּסיכאָלאָגישער קאָנפליקט: ער וויל זיין געטריי דער „נייער", און „פאַראַט" איר מיט דער „אַלטער". רק ער זינדיקט און כסדר ער שלאָגט זיך „על חטא". דאָס צאַמט, דאָס פּענטעט, דאָס האַמעוועט.

נאָך ערגער איז מוזיק: כידוע, „איז דאָך קיין יידישע מוזיק נישטאָ" — הערשט דאָ אינגאַנצן נישט קיין נייע, נאָר אַ פרעמדע אינגאַנצן מוזיק, אַריינגעפירט איבערהויפּט דורך די דייטשע יידן.

אָט אַזוי זעט אויס אין אַלגעמיינע שטריכן דער אַלגעמיינער קולטור־פּרצוף פון ישוב.

עס קומט אויס אפשר צו הערן: אונדזער דור איז דער „דור המדבר", — ערשט דער צווייטער דור, ער וועט שוין זיין גאַנץ אין

אָרגאַניש אײַנגעוואָקסן אין דער נײַער העברעישער קולטור. נישט אומזיסט שליגנט איין די דערציונג אין ארץ ישראל אזוי פיל מאַטעריעלע כוחות און ענערגיע. דאָס דאַרף זי דאָך די נײַע קולטור אַרײַנפירן! און די דערציונג האָט שוין דאָ א סטאַזש מיט א טראַדיציע, זי עקזיסטירט שוין היפּשע עטלעכע צענדליק יאָר. בלויז די מיטלשולן האָבן דאָס יאָר אַרויסגעלאָזט צווייהונדערט עטלעכע און זיבעציק אַביטוריענטן. אזוי אַרום איז שוין מעגלעך (און נייטיק!) צו באַטראַכטן אָט דעם נײַעם קולטור־טיפּ. עס איז געווים בעסער צו נעמען צום אַנאַליז די יוגנט וואָס האָט באַקומען איר גאַנצע מיטל־בילדונג אין לאַנד, א יוגנט וואָס האָט געצייטיקט און זיך אויסגע־בילדעט אין דער מאָניסטישער העברעיש־קולטור און העברעישער קולטור, א יוגנט, וואָס איז אַרומגערינגלט פון ערשטן טאָג אָן מיט א קאָנדענסירטער נאַציאָנאַלישקייט. און אָט ווי זעט אויס די יוגנט? — קודם כל וועל איך, דאַכט זיך, קיין טעות נישט מאַכן, אויב איך וועל זאָגן אז

פון די בערך צוויי טויזנט אַביטוריענטן פון העברעישע מיטלשולן אין ארץ ישראל, פאַר די לעצטע צען יאָר בערך וועלן זיך געפינען הלוואי א פּאָר צענדליק, וואָס זײַנען פאַראינטערעסירט מיט דער העברעישער ליטעראַטור. דער עולם לייענט נישט. אויב יאָ — איז אין פרעמדע שפּראַכן, העכסטנס — איבערזעצונגען. דער איינציקער ליטעראַרישער זשורנאַל „מאזנים" באַקומט שטיצע און דרוקט זיך אין טויזנט דרײַ הונדערט עקזעמפּליאַרן פאַר דער גאַנצער וועלט. קיין שום אינטערעס נישט צו ליטעראַטור בכלל. צו יידישער — נישטאָ וואָס צו ריידן. אויך פון דער מאָדערן־העברעישער ווייסט מען ווייניק. דער גאַנצער קאָמפּלעקס ליטעראַטור־אינטערעסן פעלט לגמרי. עס וועט זײַן איננאַנצן ריכטיק צו זאָגן, אז די קלענסטע און אומבאַדײַטנדסטע ישיבה האָט אַרויסגעלאָזן רעלאַטיוו און אפשר אויך אַבסאָלוט — א גרעסערן צאָל פאַראינטערעסירטע אין דער העברעישער ליטעראַטור איידער אַלע ארץ־ישראלדיקע מיטלשולן צוזאַמען. און די סיבה איז איינע א טאָפּעלע: פון איין זײַט איז די העברעישע

ליטעראַטור, אויף וויפל זי איז פאַראַן, דורך און דורך דורכגעבונדן, דורכגעוויקט מיט דער טראַדיציאָנעלער יידיש־העברעישער קולטור. פון דער צווייטער זייט איז אָט דער מקור פון דער העברעישער ליטע־ראַטור פרעמד און אומבאַליבט דער דערציונגס־אידעאָלאָגיע, עס איז גלות, גלותדיק. במילא זיינען די העברעישע דערציונג אין ארץ ישראל (אין גלות איז עס נישט אזוי בולט) און די העברעישע ליטע־ראַטור נישט קיין פּאָר קליידער. ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, בלייבט עס א פאַקט. מען לערנט פאַרשטייט זיך ליטעראַ־טור. מען קען דאָך נישט נישט לערנען קיין העברעיש! אָבער אָט אזוי איז עס! בנוגע צו יידיש איז דאָ א תירוץ: יידיש טריף, אָבער בנוגע דער זעלביקער ליטעראַטור אין העברעיש איז קיין תירוץ אפילו ניש־טאָ. אָבער אין תוך אריין איז די מערכה פון דער העברעישער ליטע־ראַטור אין די שולן א ביטערע. עס קען למשל געמאָלט זיין אז אין אַלע קלאַסן פון ערשטן ביזן לעצטן אין פאָלקסשול זאָלן געלייענט ווע־רן בלויז איבערזעצונגען, אז דער דירעקטאָר זאָל נישט וויסן פון אזא העברעישן בוך ווי „מאָטל בן פּייסי החזן". און אז מען לערנט יאָ, איז די באַציונג פון לערנען אזא, וואָס דערמאָנט יענעם לייוונטע־נעם צדיק, וואָס האָט נישט געוואָלט אויפעסן די עולם הבא אויף דער וועלט און קריגן זיך מיט דער ווייב טאָר מען דאָך אויך נישט. פלעגט אים די ווייב בראָטן הינדעלעך און ער פלעגט זיי באַשיטן מיט זאַלץ און פעפער אזוי, אז ער זאָל אין זיי קיין טעם נישט האָבן...

אגב, האָב איך אַן איינדרוק, אז נישט נאָר די טעמאַטיק פון דער ליטעראַטור, נייערט אויך די שפּראַך, די העברעישע שפּראַך פון דער ערנסטער העברעישער ליטעראַטור איז פרעמד דער יוגנט, וואָס האָט זיך אויסגעבילדט און צייטיק געוואָרן אין העברעיש. ווי פּאַראַדאָק־סאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, האָב איך געגוג גרונטן און אכטגעבונגען צו גלויבן, אז אזוי איז דאָס. און דער מקור איז דאָ א פשוטער: די ליטעראַטור, די פּובליציסטן, בכלל די וואָס זיינען נענטער צו הומאַ־ניסטישער קולטור באַמיען זיך צו באַנוצן א קולטור־שפּראַך, א קול־טורעלע. און אזא העברעיש מוז דאָך זיין א „ביאַליקיסטישע", זי מוז

אומבאדינגט זיין אָנגעזאפּט מיט „אלטקייט”, מיט אלטן העברעיש. דאָס איז דאָס העברעיש, וואָס מענדעלע האָט געשאפן פאר דער בעלעטריסטיק און ביאליק פאר דער פּובליציסטיק אויך. און דער בן־יהודיזם, און די גאנצע דערציונג איז מיט דעם העברעיש לגמרי נישט צופרידן. דעריבער איז בכלל די הומאניסטישע זייט פון דער בילדונג נישט אין פארגלייך שוואכער ווי די רעאליסטישע.

במילא, אָן א ליטעראַרישער דערציונג, אָן אן אריינלעבן זיך אין די ליטעראַרישע טיפן איז די גאנצע הומאניסטישע און אין א גרויסער מאָס אויך די הומאניטארע אויסבילדונג בכלל שטארק הינטערשטעליק. ווי אומעטום און אלעמאָל קומען דאָ אלערליי קאָמפּענסיר־קאָמפּלעקסן. קודם כל זיינען עס סתם תירוצים, פארענטפערונגען: די ליטעראַטור איז ווייט, דאָס געשילדערטע לעבן איז ווייט פון די קינדער און זייער וועלט... פּונקט ווי אמיטשים, ווי דיקענס וואָלטן געשילדערט א נאָענטערן לעבן איידער שלום עליכם. פּונקט ווי פאר קינדער וואָלט פּסיכאָלאָגיש נאָענט געווען בלויז דאָס פיזיקאלישנאָענטע. נישט כדאי בפירוש זיך אָפּצושטעלן אויף די תירוצים. זיי אנטפּלעקן בלויז די אינטימערע באציונג פון די תירוצים־געבער צו דער יידישער ליטעראַטור אפילו אין העברעיש. ווי אן אקטיווער קאָמפּענסאציע־קאָמפּלעקס מיט אן אינהאלט קומט דער תנ"ך, זיין אָרט אין שול און אין דערציונג. אָבער די ראָלע פון תנ"ך איז דאָ לחלוטין נישט אנדערש ווי די וואָס מיר האָבן געשילדערט שרייבנדיק וועגן דער השכלה און אסימילאציע. און אויך דאָ איז דער גורל פון לערנען נישט קיין סך בעסער. אויך דאָ בלייבט דער פילגעלערנטער און געטריי געלערנטער תנ"ך בלויז אין זכרון פון תלמיד, ווי א זאך, וואָס האָט אָבער דאָך קיין שייכות נישט צום לעבעדיקן לעבן. עס איז מיר לגמרי נישט געלונגען צו געפינען א וואָסער עס איז נאָענטערע שייכות, א וואָסער עס איז קענגזייטיקע השפעה צווישן לעבן און דעם תנ"ך לערנען. נישט אומזיסט באקלאָגט מען זיך אָפט אין די לערער־קרייזן אויף די שוועריקייטן און די שוואכע פּעולות פון דעם לימוד.

און ווייטער. אָן אָט דעם באזיס פון נאַציאָנאלער הומאַניסטישער קולטור בלייבן זיי תלמידים אָפּגעריסן פון זייער פאָלק, תלושים, אָפּ־געפרעמדט פון יידן און יידנטום. דאָס שרייב איך אויפן סמך פון א סך אכטגעבונגען און אריינטראכטונגען. און ווינד און ווי דעם יע־ניקן, וואָס וואָלט זיך געפרוווט פרייען מיט אָט דעם... „אהא!" עס איז קיינעמס קיין נצחון — עס איז אלע יידנס א טראַגעדיע, א וויי־טאָג. אָבער נאָך מער ווינד און ווי צו די וואָס שפּירן דאָס און ווילן דאָס פארשווייגן, פארררייבן. אל תגידו בגת... דער פאקט איז א פאקט און א פילבאַדייטנדיקער. פאר אָט דער יוגנט איז „יידיש פאָלק" אַן אויסגעלערנטער באַגריף. עלעהיי "כינעזיש פאָלק", — אזוי פיל און אזוי פיל מיליאָנען, דאָ און דאָרטן אאז"וו. אויב עס קען זיין א רייד וועגן דעם געפיל־טאָן, וואָס באַגלייט אָט דעם באַגריף, איז ער א נע־גאַטיווער: דער באַגריף „יידיש פאָלק" רופט ביי דער יוגנט ארויס א שווערן, דערדריקנדיקן, אומאַנגענעם געפיל: אַ פאָלק, מיין פאָלק, עס דאַרף זיין מיין פאָלק... מיין נאַציע... אָבער מיט וואָס? עפּעס דאָך נישט דאָס... נישט קיין גוט פאָלק... צוויי, צען, זעכצן מיליאָנען מענ־טשן מיט שלעכטע זיטן, שלעכטע געוווינהייטן, שלעכטע מנהגים, שלעכטע פּרנסות, שלעכטן לשון, שלעכט און שלעכט, זעכצן מיליאָן מענטשן אָן אזא שיינער קולטור „ווי די, ווי יענע", פארקבצנט, פאר־טאָרבעט, געשלאָגענע, געשמיסענע — אָט איז מיין פאָלק? מיט וואָס? מיט וועז? —

— אידעאָלאָגיע, נאַציאָנאַליזם, מוט און קרבנות־גרייטקייט אויסצופאַריכטן דאָס פאָלק—באַוווסטזיין...

— דאָס אלצדינג איז גוט, אָבער וועז? — ווען עס איז פון פרי־ער פאַראַן א ברעקעלע אָרגאַנישע, נישט קיין אויסגערעכנטע, נישט קיין אידעאָלאָגישע, נאָר פּשוט — חיישע ליבע אָט צו דעם פאָלק. די אלע אויבן אויסגערעכנטע מעלות זיינען דעמאָלט גוט ווען זיי זיי־נע באַזירט אויפן פונדאַמענט פון אומבאַוווסטזיניקער ליבע און פשוטער צוגעבונדנקייט. עס איז גוט א פליכט־באַוווסטזיין לגבי א נאָענטן ליבן מענטשן. אָבער עס וועט קנאַפּ העלפן אזא פליכט־באַ־

װוסטזײן פאַר א פרעמדן װײטן יתום, װאָס איז נאָך דערצו מיר נישט אזוי אנגענעם.

קײן נאציאָנאלן געפיל קען מען נישט אויסלערנען, קען מען נישט אדײנלערנען, מען קען אים נישט אדײנגעבן דורך קײנע באַלערנדיקע מיטלען. תנך? קען מען דאָך די גרעסטע צאָל פון תנכישע טיפּן אויך זען פארשײדן און אָפּשאצן פארשײדן. מען קען דאָך קענען תנ״ך און „עשון״ מער ליב האָבן פון „יעקבן״. און מען קען אויך זײן שטארק צוגעבונדן צום תנ״ך און אין דערזעלביקער צײט װײט אָפּ־געבונדן פון יידן. פאַר א יידן איז תנך אַן אײגנס, אָבער פון קײנעם האָט נאָך דער תנ״ך נישט געמאכט קײן יידן.

א ייד קען מען װערן דורך צװײ װעגן. א) מען דאַרף פון קינד־װײז אָן אריינלעבן זיך אין א יידישער סביבה — שטײגער. א גע־װײנהײט צו יידישע מאכלים קען מער העלפן אויסצופירן א יידן אײ־דער פיל הונדערטער פּאַרטראַגן און „פריידיקטן״ װעגן יידישער מאָ־ראַל וכדומה. מענטשן פון אזא יידישן שטײגער זײנען במילא יידן. אזוי זײנען געװאָרן יידן אַלע יידישע גראָבע יונגען, גנבים, פערד העגדלער, יידן אָן תורה און נישט דורך תורה, נאָר דורך שטײגער בלויז. דאָס איז די „רויע יידישקײט״, די װאָס װאַקסט „װילד״, פון זיך, נישט געאַקערט, נישט געזײט.

און ב) מען קען װערן אַ ייד דורך דער יידישער ליטעראַרישער סביבה. איך מײן דערמיט צו זאָגן, אז מען קען זיך אדײנלעבן אָר־גאַניש אין יידישן פאָלק װען מען לעבט דורך אָרגאַניש די ליטעראַ־טור פון דער יידישער סביבה — פון דער קינדער מעשהלע, פון װיג־ליד אָן, װען מען בינדט זיך צו צו יידישע ליטעראַרישע טיפּן, װען זײ װערן ליב און הײמיש און זײער לעבן־נאָענט. דעמאָלט פאַר־נעמען די אין קונסט פאַרקערפּערטע יידן דאָס אָרט פון לעבעדיקע און דורך די ערשטע קען דער יונגער דור זיך צובינדן צו די צװײטע, צו יידן און פון זײ װײטער צו זײער „אײגנס״. דאָס איז דער פאַרקער־טער װעג פון דער טראַדיציע. זי גײט פון דעם „אמאָל״ צום הײנט און יעטװידער יחיד קען גײן פון דעם הײנטיקן צום אמאָליקן.

און דערצויגענע אָפּגעריסן פון דעם אַלץ וואָס איז „פאָלקיש״, בלייבט די יוגנט אָן א באזיס פאר דעם גאנצן נאציאָנאליזם. זיינען זיי אין קינדהייט, אין פעריאָד פון נאָכטאָן באגייסטערט פון דעם, וואָס זיי גייען נאָך, זיי טוען נאָך די גרויסע, די דערוואקסענע, דע־מאָלט איז ביי דער יוגנט בולט דאס נאציאָנאלע. אָבער אויך דעמאָלט איז דאס — וואָרט און נאָכטאָן. און שפּעטער, ווען די יוגנט ווערט עלטער, מער אינזיכיסטיש, מער אריינגעקראָכן אין דער אייגענער הויט, דעמאָלט דערשפּירן זיי א לייִדיקייט, דעמאָלט דערשפּירן זיי, אז דאס אַלץ, וואָס עס האָט פריער געהילכט פון זיי גייט פון א ליידי־קער כּלי. דערמיט דערקלערט זיך דער פאקט, וואָס די יוגנט איז היציק און נאציאָנאל פאראינטערעסירט אין שול־עלטער און זי ווערט שפּעטער קאַלט, אינדיווידואליסטיש, אפילו עגאָיסטיש און לאָזט אָפּ ביסלעכווייז אַלע אידעאַלן: „מה איכפּת לי?״־פּסיכאָלאָגיע. ס׳הייסט — לאָז געמאך מיט אַלץ מיט אן אנדער, וואָס גייט עס מיר אָן.

אָט דאָ ליגט דער מקור פון אָט דעם כאראקטער־שטריך, וואָס רופט ארויס וואונדער און שטוינונג ביי אַלע וואָס טראכטן זיך אריין אין דעם טיפּ „סאברה״. (זע רעזאָלוציעס פון עפנטלעכן משפּט אי־בער דער יוגנט אין ארץ ישראל).

זומער 1933 האָט דער העברעישער שרייבער פאריין איינגעאָרדנט א משפּט איבער דער ארץ־ישראלדיקער יוגנט. קיינער וועט פאר־שטיין זיך נישט וואָגן חושד זיין די אָנטיילנעמער פון יענעם גע־זעלשאפטלעכן משפּט אין ״שלעכטן ווילן״, אין „שנאת ציון״, בכלל אין א לכתחילהדיקן וועלן נעגירן די ארץ־ישראלדיקע יוגנט, זוכן ביי איר עבירות. פארקערט, זיינען דאָ אַלע אנטיילנעמער געווען אַלטע בכבודיקע טוער אין ציוניזם בראש מיט ביאליקן. און טאקע דער־פאר איז אין משפּט פאראן היפּשע כאראקטעריסטישע שטריכן. קודם כּל איז כאראקטעריסטיש דער פאקט, אז פארטיידיקן האָבן זיך גע־נומען צוויי לערער, אין תוך אריין פארשטייער פון די, וואָס זיינען די־רעקט שולדיק אין דער ריכטונג פון דער דערציונג.

שוין אין אריינפיר־וואָרט האָט דער פאָרזיצער ביאליק געזאָגט:

„אַט נאָך א ביסל, און מיר וועלן זיין עדות פון א דור, וואָס איז כאַ־ראקטעריזירט אין משלי — „א דור וואָס שילט דעם פאָטער און די מוטער בענטשט ער נישט, א דור, וואָס איז ריין אין די אייגענע אויגן און איז פון זיין שמוץ נישט געוואשן. איך וויל נישט ציטירן קיין סך ערטער פון דעם ערשטן באשולדיקער (יעקב פיכמאן). איך וועל נאָר ברענגען דעם הויפט מאָמענט: „די יוגנט דווקא, וואָס איז גע־וואָקסן אונטערן זון פון פאָטערלאנד, וואָס האָט זיך דערצויגן אין שפּראך פון פאָלק (העברעיש, געמיינט), אין א העברעישער שול, — דווקא אָט זי האָט זיך גרינג געמאכט דעם יאָך פון העברעישער קול־טור. די יוגנט לייענט נישט אפילו קיין ליריק און אָן דעם איז דאָס לעבן וואָכעדיק. די יוגנט איז פּראקטיש פּראָזאיש. איז קיין וווּנדער נישט, וואָס זי איז פאַרפרעמדט פון די קלאסיקער, אָפּגעווייטערט פון אלץ, וואָס איז געשאפן אין גלות. (אונטערגעשטראָכן ד״רך מיר, א.ג.)

אין באשולדיקונגס־אקט, געשריבן נישט חלילה דורך קענער ווערט געזאָגט צווישן אנדערע: א) די א״י־יוגנט איז א פּאסיווער פאקטאָר אין רענעסאנס פון פאָלק אין זיין היימלאנד. און אויך דאָס, וואָס די יוגנט טוט יאָ, איז עס אָן א טיפן באוווסטזיין, אָן א גרעסערן נאַציאָנאלן פּאַרנעם, נישט קיין נשמה־אימפּעראטיוו, נישט קיין שטרעבונג צו באנייען דאָס פאָלק.

ב) אומגעקערט צו דער טראדיציע, אנדערש ווי פריער האָט די יוגנט נישט קיין אחיזה אין דער אָריגינעלער קולטור און דווקא פון איר זייט דראָט א סכנה פון א דעגראדירונג פון קולטור־ניוואָ אין לאנד...

ג) זי איז אָפּגעריסן פון יידישקייט אין גלות...

דער ערשטער פּעדאגאָגישער עקספּערט האָט נישט ארויסגעוויזן קיין קולטור־טיפקייט און מען קען פון אים ווייניק לערנען.

אָן עדות, אליין פון ארץ־ישראל ברענגט אומעטיקע פאקטן פון קולטורלאָזיקייט. ער ציטירט פון דער פּרעסע נישט קיין פרייל־עכע ידיעות וועגן נידעריקן ניוואָ פון די ארץ־ישראלדיקע סטודענטן אין אויסלאנד (פון „דבר״ נומ׳ 2254 און 3184, פון „הארץ״ נומ׳

4086 ציטירט ער וועגן דער יוגנט, וואָס קומט צוריק פון שטודירן אין אויסלאַנד: „ווי ענגלענדער פון קאָפּ ביז די פיס קערן זיי זיך אום צו אונדז, גרייסן זיך מיטן נאָכמאכן די ענגלענדער אין די גאסן צווישן די „נייטיווס" (איינגעבאָרענע). צווישן זיך רעדט מען ענגליש (און א שלעכטן). און אז עס קומט אויס אין געזעלשאפט צו ריידן העברעיש, באמיט מען זיך אויסריידן די ווערטער מעשה ענגלענדער"... פאר די לייענער איז דער טיפּ נישט אומבאַקאַנט פון אַרמעטום. בכן גיט די דערציונג אין העברעיש ענלעכע רעזולטאטן, ווי די דערציונג אין פרעמדשפּראכיקע שולן אין פּוילן וכדומה.

דער פּאַרטיידיקער, אליין א גרינדער פון דער מיטלשול־בילדונג אין לאַנד פּאַלעסטינע, רעדט אייגנטלעך נישט קעגן די הויפּט פּונקטן פון באשולדיקונג. זיי טוען אים קענטיק נישט וויי. בכלל ווען מ׳צן לייענט איצט אריינגעטראכט דעם סטענאָגראפישן באריכט פון פּראָצעס, זעט מען, אז די פּאַרטיידיקער און באשולדיקער גופא זיינען צעטיילט — בן יהודיסטן און ביאַליקיסטן. די ערשטע „זאָגן אויך נישט קיין הלל" אָבער זיי זיינען דאָך צופרידן. די צווייטע ווייטאָקן און באשולדיקן.

און דער פּסק דין צונויפגעשטעלט פּאַרזיכטיק, מיט אלע באוואָרענישן, כדי חלילה נישט אָנצוגרייפן, נישט צו געבן קיין „פּתחון פּה", שטעלט דאָך פעסט:

א) עס פעלט פּאַרטיפקייט און איינגעוואָרצלטקייט אין דער נאַציאָנאַלער שאפונג פון אלע דורות.

ב) אויבערפלאכיקע באגריפן וועגן יידישע שאפונגען.

ג) קנאַפּע נייגונג צו דער אָריגינעלער נייער ליטעראַטור (העברעיש געמיינט)

און פון דאנען:

א) אויבערפלאכיקע באציונג צו די נאַציאָנאַלע אידעאַלן,

ב) קנאַפּע פּאַראינטערעסירונג מיט דעם יידישן לעבן אין דיאַספּאָרע, עס פעלט א פאַרלאַנג צו דערקענען יענע יידן און זייער וועלט.

דאָס װאָלט געװיס געקענט פּאַרטײפן זײער נאַציאָנאַלע באַװוּסטזײן און געפיל (אונטערגעשטראָכן א. ג.)

ג) קאַריערים בײ א טײל יוגנט, ענגלישער סנאָביזם (שמענדריקיזם), א נײגונג צו לײכטע פּאַרװײלונגען אָנשטאָט ערנסטער גײסטיקער פאַרפּולקאָמונג. (דער גאַנצער משפּט איז געבראַכט געװאָרן לױט דעם סטענאָגראַפישן באַריכט אין „מאזנים" 1933 נומערן — 196, 199, 200, 201).

פון הײנט און װײטער. אַלץ װאָס עס איז פיקסירט פון פריער איז איך מײן, אז דער פּסק דין װאָלט געקענט זײן גענוג צו באַשולדיקן די דערציונגס־סיסטעם. אָבער דאָס װאָלט שױן געדאַרפט זײן נישט קײן שפּיל אין א משפּט, נאָר א קולטור־קאַמף און דאָס האָט מען, פאַרשטײט זיך, אױסגעמיטן.

:: :: ::

דער פּאַרדרוס און װײטאָק איז אָבער נישט בלױז א נאַציאָנאַלער, נײן, עס דערדריקט דעם מענטשלעכן טיף, ער בלײבט א פּסיכאָלאָגישער תּלוש פון פאָלק און אָפּט, קעגן דער גאַנצער דערציונג אױך א מאָראַלישער תּלוש.

אפשר קען דער קיבוץ אין ארץ־ישראל געבן דאָס, װאָס די סביבה דאַרף געבן. סוף כל סוף איז פאַר יעטװידער יחיד אומעטום פאַראַן נישט קײן פאָלק, נאָר א קלענערער קיבוץ און אמאָל גאָר א קלײן שטעטל, א ישוב. סוף כל סוף איז דאָך אין ארץ ישראל דער ייִדישער ישוב קאָנצענטרירט געאָגראַפיש, אין א קלײנעם שטח פון א שמאָלן פּאַס בײם ים און עמק קאָנצענטרירט פינף הונדערט טױזנט ייִדן, און די ייִדישע ישובים זײנען דאָך רײנע, אױסשליסלעך ייִדישע, נישט קײן געמישטע װי אומעטום אנדערשװו. אין װילנע זײנען ייִדן עטלעכע און צװאַנציק פּראָצענט, די ארץ ישראלדיקע ישובים זײנען אַלע הונדערט פּראָצענט ייִדישע. און דאָך, נישט געקוקט אױף דעם פעלט דער יוגנט דער צובונד צום פאָלק. עס פעלט אזױ, אז אמאָל קומט אױס צו הערן װעגן שיקן די יונגע מענטשן אין ייִדישע(!) קיבוצים אַרײן זײ זאָלן דאָרטן זיך דערנענטערן צו ייִדן.

אָבער אין תּוך אריין איז דאָ א פעלער. נישט די כמות יידן גיט דאָס געפיל, די צוגעבונדנקייט. פאַרקערט, איז זייער אָפּט צו באַגעגענען אזא אָפּגעפרעמדטקייט ביי א טייל יוגנט אויך אין גלות. דאָס ווענדט זיך אָן דער דערציונג.

און דער ישוב אין ארץ ישראל איז נישט קיין קולטור סביבה. איבערהויפּט פאר דער יוגנט. די קולטור־סביבה, וואָס די דערציונג פּרעדיקט, זי איז נישטאָ, אויסער די ווענט פון דער שול איז זי נישטאָ. די סביבה וואָס איז יאָ פאראַן, אז נישט די, „וואָס דארף זיין". נישט אומזיסט האָט מיר אמאָל אזא יונגערמאַן געזאָגט: — א „ערב רב זע איך פאר זיך נישט קיין פאָלק. ברעקלעך, ברעקלעך פון פעלקער און קיין פאָלק איז נישטאָ".

:: :: ::

די ציוניסטישע דערציונג האָט צוגעגעבן פאר דער יוגנט נאָך א קאָמפּענסיר־קאָמפּלעקס — פאָטערלאַנד, מולדת. אויב מיט דעם געפיל „פאָלק" איז שוואך, קומט אנשטאט אים א שטארקער הארציקער צובונד צו דעם קאָמפּלעקס קענטשטאנדן, וואָס מען רופט מיט דעם נאָמען „פאָטערלאנד". און דעריבער פארנעמט אין דער ציוניסטישער דערציונג דער באַגריף „מולדת" אזא גרויסן אָרט, אפשר דעם גרעסטן. און נאָך דעם אלעם קען מען לגמרי נישט זאָגן, אז ביי דער יוגנט וואָס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט און צייטיק געוואָרן אין ארץ ישראל איז דער צובונד צו דער „מולדת" שטארק. און רעלאַטיוו איז ער ווידער אמאָל אויף א פאטאלן אופן שוואכער, קעלטער איידער ביי דער יוגנט, וואָס איז געוואַקסן אין אלערליי יידישע שטעטלעך אין „גלות" און דערצויגן געוואָרן נישט אין אַ דורכאויסיקער יידישקייט, און איז פון גלות געקומען קיין ארץ־ישראל.

פארוואָס?

עס דאכט זיך מיר, אז א קלייגער אנאַליז פון דעם „פאָטערלאנד־געפיל" וועט אונדז די זאך אויפקלערן. אָט דאָס געפיל צום „פאָטערלאנד" וואקסט אויס פון אַ פּרימיטיוון מקור, געפיל פון היימישקייט, „אונדזערס", „מיינס". יעטווידער מענטש בענקט א גאנץ לעבן נאָך

זײַן „הײם". אַט בענקען ייִדן, אַלט און רײַך געוואָרענע אין אַמעריקע נאָך זײערע „הײמען" — שטעט און שטעטלעך אין ליטע און אין פּױלן. בױט מען לאַנדסמאַנשאַפטן, שיקט מען געלט, דרוקט מען ביכער פאַר דער אַלטער הײם. זיצט אַ העברעישער דיכטער אין דער שװײץ און טרױמט און שרײַבט „מײַן באָבע װילנע" (וילנה סבתי — שניאור). און פאָטערלאַנד געפיל (אױב אַזאַ איז בכלל פאַראַן אין די ראַמען פון פּאָליטישע גרענעצן, — איך ספק זײער אין דעם) איז אַ װײטערדיקע אַנטװיקלונג, אַ צעװאַקסונג פון אַט דעם הײם־געפיל. און אַט דאָס הײם־געפיל נעמט אַרום צװײ עלעמענטן: נאַטור־סביבה און קולטור־סביבה. בענקט יעטװידער מענטש נאָך די טײַכלעך און בערגלעך, נאָך די װעלדלעך און שטעגלעך פון זײַן קינדהײט, נאָך די הײַזלעך און שטעלכלעך, נאָך די װאָלקנס און פרעסט. און װידעו' בענקט ער נאָך דעם שטײגער, נאָך דער אידילישקײט פון זײַן קינדהײט, װאָס איז אים פאַרבליבן אין הארצן. אַט דאָס איז דער זאָמען, װאָס פון אים װאַקסט אױס, קען בכלל אופן אױסװאַקסן דאָס געפיל „פאָטערלאַנד", װאָס נעמט אַרום װידער אַמאָל אַט די זעלביקע צװײ עלעמענטן נאָר אין פאַרגרעסערטער געאָגראַפישער ברײטקײט. מיט דער אַנטװיקלונג פון מענטשן װאַקסט זײַן — „פאָטערלאַנד". זײַן הײמיש דערפל און משפחה איז דער אָנהױב. פאָלק און לאַנד — איז די װײטערדיקע מדרגה פון דעם זעלביקן אינהאַלט. פאַר דער יוגנט, װאָס איז געװאַקסן אין ארץ ישראל פעלט אײן מאָמענט פון „הײם־געפיל" פון לכתחילה — קײן צובונד צו קולטור־סביבה איז נישטאָ, װײל זי פעלט אין תוך אַרײַן. בלײַבט די נאַטור־סביבה. איז זי געװנג אפשר פאַר קינדישן עלטער. װערט דער מענטש עלטער, באַקומט ער מאַסשטאַבן צו פאַרגלײַכן, דערזעט ער זיך עפּעס אַפּגענאַרט, בכל אופן װערט ער אָפּגעקילט. װאָס ייִנגער, אַלץ שטאַרקער האָט געװירקט די אַלגעמײנע אַרומיקע סוגעסטיע. װאָס עלטער — אַלץ קעלטער, אַלץ שװאַכער װערט די סוגעסטיע פון װערטער.

און בכלל, אַז פאָלק פעלט, — טאָ פאָטערלאַנד פאַר װעמען? און אַזױ אַרום װערט דער ציוניזם און דאָס דערהױבענע, דאָס שענס־

טע זיינס. ער הערט דאָ אויף צו זיין א פאָלקס־אידעאל. אָט דער גאַנ־
צער קאָמפּלעקס מוט און אויסדויער און שווייגעוודיקע קרבנות־גרייט־
קייט, וואָס אויך קעגנער שטעלן זיך דאָ מיט שטומער אכטונג, דאָס
אלץ, וואָס גייט באגלייט מיט דעם דורשטיקן פארלאנג — א היים
פארן פאָלק, — אָט דאָס אלץ איז שוין פאר דער א"י־יוגנט נישט
מעגלעך. בלייבט דאָ, — אויב עס בלייבט בכלל אַן אידעאל, — א
שטרעבונג צו א ווינקעלע אָפּגעזונדערט פון יידן, אָט ווי אלע אנדע־
רע. זאָל זיין א קליינינקע מדינהלע, די הויפּטשטאָט פון דעם האלבן
שבט מנשה, עטלעכע מיניסטאָרן וכדומה. אָט דער ציוניזם פון א
בן־אבי, וואָס קען אויך פארעכנט ווערן צו די, וואָס זאָגן אויס
מיטן צונג דאָס, וואָס ביי אנדערע איז דאָס בלויז אויף דער לונג.

אזוי ארום פירט די דערציונג־ און בילדונג־סיסטעם צו א קליי־
נעם דאָגמאטישן, אויסגעחזרטן ציוניזם, וואָס אין אים פעלט: א)
די אָרגאנישע צוגעבונדנקייט צום פאָלק, ב) די הומאנישקייט, וואָס
איז איינגעוויקלט אין פאָלקס לעבן, אין זיין גייסט, אין זיינע נאריש־
קייטן און חכמות, — אין פאָלקישן און פאָלקסטימלעכן, עס פעלט
אָט די הומאנישקייט, וואָס בלויז זי קען דורך קולטור און בילדונג
שאפן, אויסבילדן די פערזענלעכקייט.

און עס פעלט דאָ דער ברייטער נאציאָנאלער פארנעם פון א
גרויסן נאציאָנאלן אידעאל. בלייבט א דאָגמע, פארעקשנט, איינגע־
חזרט, אָן יסודות, פעלן דאָ אלע די סטימולן, וואָס זיינען דאָ ביי א
מענטשן ווען „דאָס הארץ איז דערביי". ווערט דער גאנצער באגריף
באגרענעצט, איינגעצאמט: ציוניזם דאָס בין איך, דאָס איז מיין דארף
וכדומה. דאר און איינגעדארט. דערמיט דערקלערט זיך דער „וואָס
אמאָל ווייניקער" פון די בילויים ביז זייערע אייניקלעך... פון דאנען
די באגרענעצטקייט, די אויסגעטאנענקייט פון טיפערע סאָציאלע און
קולטור־פּראָבלעמען. פון דאנען אויך דאָס אויספעלן פון יעטווידער
אינטערעס צו ליטעראטור.

פארשטייט זיך, עס זיינען פאראן אויסנאמען. בעסערע טיפן שפּי־
רן די אָפּגעריסנקייט, און אָדער זיי רייסן זיך ארויס, אָדער עס שאפן

זיך קאָמפּלעקסן, שפלות און קנאה לגבי אנדערע „גרויסע" נאַציעס, שנאה און פארביסנקייט לגבי יידן. דאָס איז דער טיף פון די אויסגעצייטיקטע, מיט בילדונג פארזאָרגטע יוגנט. די פון פאָלקסשול זײַנען פון זעלביקן מין, נאָר מיט װייניקער בילדונג.

טיפערע מענטשן פון ישוב זעען דעם מצב, װײטיקן אים. אָבער װען פאקטן שטימען נישט מיט דער אידעאָלאָגיע, דעמאָלט — װערן די פאקטן אויפגענומען און אויסגעטייטשט אנדערש. עס װערן געזוכט אלערליי תירוצים, אבי נישט צו קומען צו ריכטיקע מקורים, כדי די אידעאָלאָגיע זאָל נישט ליידן, חלילה. און אין דערציונג הערשט אומבאגרענעצט דער בן־יהודיזם. אויף דעם געביט זײַנען אויך דאָס רוב ביאַליקיסטן בן־יהודיסטן.

און דער בן־יהודיזם, דורך און דורך א המשך פון דער משכילישער נעגאציע, איז — װי זיין פאָרגייער נישט שעפעריש. נישט אָריגינעל. א מיטל שול האָט ביז דעם פינף און צוואנציקסטן ארויסלאָז, די ערשטע העברעישע גימנאזיע אין דער װעלט האָט נישט געהאַט צו פּובליקירן קיין איין אײגענעם אָריגינעלן יידיש־פּעדאַגאָגישן געדאנק: אָט דאָס אָדער יענץ איז „נתחדש" געוואָרן אין אונדזער ארבעט. צענדליקער יאָרן עקזיסטירן לערער־סעמינארן און די פאָלקסשולן האָבן נישט צו פארצייכענען קיין איין גאנג אין לערנען, קיין איין געדאנק, — „אָט דאָס איז די שיטה פון דעם אָדער יענעם סעמינאר", נישטאָ אזוינס. עס איז פאר דער גאנצער צייט נישט ארויסגעוואקסן קיין איין פּעדאַגאָגישע פּערזענלעכקייט, װאָס זאָל אין ישוב זײַן אויטאָריטעט װי א פּעדאגאָג. קיין ערנסטער פּעדאַגאָגישער אָרגאַן...

נאָך אלץ איז, אנשטאט אן אייגענעם, אָרגאנישן פּעדאַגאָגישן גאנג, װאָס זאָל ארויסשטאמען פון דעם גאנצן און סינטעטישן װעלטבאַנעם, — נאָך אלץ איז אנשטאט דעם — מוסטער, קאָפּיע, איינצלנע געדאנקען, טיילן פון סיסטעמען, נאָכגעמאכט, נאָכגעטאָן אלעמען, אנדערע קולטורן, אנדערע לעבנס, װאָס פּאסן אָפט לגמרי נישט. עס בייט זיך בלויז דאָס לאנד פון אימפּאָרט: צוערשט רוסלאנד, שפּעטער דייטשלאנד. איצט איז עס ענגלאנד און אמעריקע.

און דערוויילע. דערוויילע זיינען מיר עדות פון א ווייטערדיקער דערשיינונג: פונקט ווי די השכלה האָט געקענט געבן א סך יידן גע־בילדעטע מענטשן און האָט לגמרי נישט געהאָלפן שאפן קיין יידישע אינטעליגענץ (זי איז דאָך תמיד געווען דערערשטער דור אין השכלה. ד'ה דערצווינגן אין דער טראדיציע. דער צווייטער דור איז שוין כמעט אָן אויסנאם געווען ווייט פון יידישער אינטעליגענץ) פונקט אזוי שפייזט זיך דער ציוניזם מיט מאָראלישער, גייסטיקער — מענטשלע־כער ענערגיע פון גלות. דער צווייטער דור — קיין ציוניסטישן גייס־טיקן אימפעט—ענערגיע, — דאָס פעלט אויך.

:: :: ::

אזוי ארום קומט אוים צו קאָנסטאטירן אָט נאָך דעם פאקט: די נייע העברעישע קולטור, וואָס שאפט זיך איצט אין ארץ־ישראלדיקן ישוב, איז העברעיש לויט איר שפראך. זי איז אָבער לגמרי נישט העברעיש לויט איר אינהאלט. ס'הייסט — זי האָט נישט קיין המשך־פעדים פון דער יידישער קולטור, וואָס האָט ביז איצט געלעבט ביי יידן אין העברעישע אויסדרוקן, אין העברעיש געזאמלט. צוויי באַ־זונדערע קולטורן זיינען דאָס. בכל אופן איז דער צוזאמענבונד א סך שוואכער ווי צווישן דער אלט־העברעישער קולטור מיט דער היינ־טיקער יידישער. פרץ, שלום עליכם, אַפּאטאָשו און אויך ביאליק — זיי זיינען דער המשך פון יידישער קולטור. און פון דער צווייטער זייט, אָט די קולטור, וואָס שאפט זיך אין ארץ ישראל אונטער דעם נאָמען פון העברעישער קולטור, — זי איז אָן א המשך, א נייע.

און אָט דער פּלאָנטער פון נייעס, וואָס האלט זיך פעסט אָן דעם אלטן יחוס, וואָס נעמט זיך כסדר מיט אים איבער (מיט דעם יחוס, נישט מיט אינהאלט), דער פּלאָנטער פון אויטאָסוגעסטיע, דער ווי־דעראנאנד צווישן דעם, וואָס מען איז און וואָס מען וויל זיין, דאָס אלץ שאפט אויך א דיסהארמאָניע צווישן דעם אויפפיר פון דעם מענטשן אין שטוב און אין געזעלשאפט, א צווייאיקייט צווישן דעם „בצנעא" און „בפרהסיא", צווישן דעם „אומר" און „עושה". און פון דאנען קומט ארויס א געוויסע אומעכטיקייט אין כאראקטער,

וואָס דערגייט צומאָל ביז צביעות און וואָס האַלט איין אין זיך גאַנץ היפּשע מאָראַלישע סכנות פאַרן ישוב.

אומעטום איז די אַזוי גערופענע געזעלשאַפטלעכע מיינונג א וויכטיקער פאַקטאָר, וואָס פורעמט דעם אויפפיר פון מענטשן אין געזעלשאַפט, וואָס ברענגט צו אַזוינע האַנדלונגען און האַלט אָפּ פון אַנדערע. אין ארץ־ישראלדיקן ישוב איז צוליב פאַרשיידענע סיבות פון סאָציאַלן כאַראַקטער די געזעלשאַפטלעכע מיינונג נאָך שטאַרקער. און ווידער אַמאָל ברענגען סאָציאַלע און אידעאָלאָגישע סיבות צו דעם, וואָס מענטשן באַנוצן זיך זייער אָפט מיט דעם „דעת הקהל". איז קומען מענטשן מיט אַלערליי זיטן, פירן, כאַראַקטערן, געוווינהייטן, מנהגים, און אַלע באַמיען זיך איבערצושטייגן זיך אין די אויגן פון דעם „דעת הקהל". און דאָס ברענגט ווידער זייער אָפט צו אומעכטיקייט, צו סאָציאַל־מאָראַלישער אומאויפריכטיקייט, וואָס שטעלט זיך איין ווי א געוווינהייט אין געזעלשאַפט און גייט אפילו דורך דער סאָציאַלער ירושה איבער צו דעם צווייטן דור. שרייען אַלע „תוצרת הארץ" און ווייט נישט די הונדערט פּראָצענט פון די שרייער זיינען מקיים דעם לאָזונג וואָס זיי אַליין פאַרשרייען אים ווען קיינער זעט נישט. און אַזוי אויך בנוגע צו אַלע אַנדערע עלעמענטן, אטריבוטן און לאָזונגען. כל זמן דאָס אויסרופן דעם לאָזונג איז פון אן אויטאָסוגעסטיוון כאַראַקטער, איז די אומעכטיקייט בלויז א פּסיכאָלאָגישע. למשל: קומט א ייד ערגעץ פון אייראָפּע, און אין א וואָך אַרום פאַרזיבערט ער איין, אַז ער איז פאַרליבט אין ארץ־ישראלדיקן לאַנדשאַפט, עס איז אים היימיש, נאָענט. דער ייד, מעגט איר אים גלויבן, וויל זיך פילן היימיש אין דעם לאַנדשאַפט, וויל ער זיך איינרעדן. אָבער ערגער איז ווען די אומעכטיקייט ווערט שוין א מאָראַלישע: פאַר זיך אַזוי, פאַר דעם „דעת הקהל" אַנדערש. איז דער מאָמענט פאַראַן אויפן געביט פון קולטור־לעבן און אויך אויף אַנדערע געביטן פון סאָציאַלן לעבן. קיין געזונטער פאַקטאָר פאַרן יונגן ישוב איז עס בכל אופן נישט.

אַזוי אַרום ווערט די סכנה פון דער פּסיכאָלאָגיש־מאָראַלישער

אומעכטקייט אָנגעיאָגט פון פארשיידענע זייטן און זי דראָט צו ווערן א כאראקטער שטריך. סימפּטאָמען פון אָט דעם כאראקטער שטריך און גאנץ בולטע קען מען שוין איצט באמערקן אין א סך אָנגענומע־נע האנדלונגען, אין נאנגבארע זיטן, אין אינטאָנאציע פון גאנגבא־רע פראזעס אאז״וו. עס צעוואקסט זיך אלץ מער די דיסטאנץ צווישן דעם „וואָס מען איז״ און דעם „וואָס מען מיינט צו זיין״.

מיר האָבן א פּאָר מאָל פריער שוין אָנגעוויזן, אז קולטור און מאָראל זיינען מעגלעך בלויז אין א סביבה פון „וואָס מיר זיינען, זיינען מיר״. אזוי ארום ווערט אָט די אומעכטקייט א פּראָבלעם פון קולטור און אומקולטור בכלל.

און דער אַלגעמיינער אויספיר פון דעם איבערזיכט איז, צום באַ־דויערן, אָט אזא: דער ציוניזם האָט באוויזן אויפצוּוועקן אין אַלע געאָגראַפישע, סאָציאַלע און קולטורעלע צווייגן פון גלות גוואַלטיקע כּכוחים פון ענערגיע, ער האָט מער ווי יעטווידער באַוועגונג באַגליקט די ענערגיע צו קאָנצענטרירן אין איין ברענפּונקט, צו אקטיוויזירן. אָבער — „אויף מאָרגן נאָך דער נאַציאָנאַלער גאולה״, אין די שיכטן יידן, וואָס זיינען שוין קאָנצענטרירט אין ארץ ישראל גופא, — אין זיי שאפט דער ציוניזם נישט קיין נייע נאַציאָנאַלע ענערגיע, דאָ ווערן נישט אקומולירט קיין ווייטערדיקע כוחות פון גאנצן פאָלק, פארן גאנצן פאָלק. אָט די אומגעהויערע סכומים ענערגיע, וואָס דער ציו־ניזם פארווענדט, ווערן אין לאַנד גופא נישט טראַנספאָרמירט. נאָר זיי וועפּן זיך אין משך פון עטלעכע דורות, ענטראָפּיע. איך האָב אוי־בן צוגעגעבן דאָס וואָרט „צום באַדויערן״. דאָס איז נישט בלויז א ציוניסטיש באַדויערן, דאָס איז א באַדויערן פארן גאנצן פאָלק. עס איז אן אומגליק נישט פאר איין גרופּע, פאר אַלע יידן, וואָס וואַרטן אויף א גאולה, אויף א יידישע גאולה, און א יידישע גאולה מוז זיין פארבונדן מיטן קאמפּלעקס ארץ־ישראל.

אויך דאָ, אין דער גרויסער באַוועגונג, באמערקן מיר די זעלבי־קע פונצענטרישע נייגונגען, וואָס אין א סך פריערדיקע, היסטאָרישע באַוועגונגען און וואָס האָבן דער „גאָלדענער קייט״ פון יידישקייט,

פון דער יידישער קולטור־טראַדיציע קיין גוטס בכל אופן נישט גע־בראַכט. אויך דאָ איז די „דעהיסטאָריזאַציע" פאַראַן אויף זיכער. דאָס אָבער וואָס עס דאַרף זי פאַרבייטן — די „מלוכישקייט" איז אין ספק, אין גרויסן ספק אויב אפילו א יידישע מדינה וועט יאָ גע־שאַפן ווערן. אז דאָס יידיש פאָלק איז פון נאַטור פאָרט נישט פעיק צו מלוכישקייט.

אמת, אין ציוניזם איז פאַראַן איין שטראָם פון א צווייטן כאַ־ראַקטער. זיין מקור האָבן מיר אָנגערופן „פאָלקסטימלעכער ציוניזם", זיין קולטור־אויסדרוק האָבן מיר דאָ אין דעם קאַפּיטל אָנגערופן „ביאַ־ליקיזם". אָבער אין דעם כאַראַקטער פון ביאַליקיזם גופא ליגט עס צו זיין א נכנע ביי אַנדערע שטראָמען, פון אַנדערע מקורים. ווער עס קוקט זיך צו צום ציוניזם מיט אויגן פון א יידן, וואָס וואַרט אויף א יידישער גאולה, דער זעט אָט דעם שטראָם און ער וואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען אָט דער שטראָם וועט רעוואָלטירן.

דערוויל איז נאָך פון דעם ווייט און דער הערשערישער שטראָם פירט דעם גאַנצן ישוב אין זיין ריכטונג אָפּצוּרייסן זיך, אָפּצוזונדערן זיך, „הבדלו מתוך העדה הזאת" און אין דעם שטעקט א סכנה, א סכנה וואָס איז אָן ספק גרעסער פון דער צעטיילונג פון ארץ ישראל דאָ גייט אין צעטיילן דאָס יידיש פאָלק. נישט קיין טויט לאַנד, גרע־סער־קלענער, נאָר דאָס לעבעדיק פאָלק. און וואָס וויכטיקער איז האָט נאָך אחד העם געלערנט.

דער ציוניזם האָט נאָך א קולטור־באַלאַנס אויך אין אַנדערע יידי־שע קיבוצים. די טענדענצן זיינען דאָ, פאַרשטייט זיך, די זעלבע אָבער די רעזולטאַטן־אַנדערע. דאָ קומען צו די אוממעגלעכ־קייט פון העברעישיזאַציע, ב) די אוממעגלעכקייט צו פאַרווערן יידיש אין עפנטלעכן געברויך ג) די הערשערישע ראָלע פון א דריטער קול־טור, דער מלוכישער, ד) די יאוש־באַציונג צו דער צוקונפט פון די קיבוצים אויף זייערע ערטער.

ווי רעזולטאַטן קומען אַרויס: א) דער ציוניזם שאַפט א מעג־לעכקייט פאַר אסימילירטע יידן צו אַרבעטן אין דער יידישער געזעל־

שאפטלעכקייט, אויב זיי דערשפירן זיך געצווונגען צו בלייבן אין ייִדישן לעבן. אָן דעם וואָלטן זיי אָדער געמוזט אוועקגיין פון ייִדן לגמרי אָדער אָננעמען א גאנצע ריי „מצוות מעשיות" פון פאָלקס־טימלעכער ייִדישקייט. דער ציוניזם שאפט פאר זיי א מעגלעכקייט צו בלייבן ווייט פון ייִדישקייט און די מצוות ייִדישקייט דאָך מקיים צו זיין אין ציוניזם. איז דאָ פאראן א פּלוס און א מינוס. פון איין זייט ווערן די ראמען פון ייִדישער געזעלשאפטלעכקייט ברייטער, — פון דער צווייטער פארשטארקט די טעטיקייט נישט די קולטור־ראַמען פון ייִדישקייט. ב) די נעגאציע צו פאָלקסטימלעכער ייִדישקייט און דאָס אויסמיידן זי אין שול שוואכט אָפּ די ייִדישקייט־פּאָזיציעס בכלל און מאכט במילא שוואכער די ווידערשטאנד־פעיקייט קעגן די אנגריפן פון דער מלוכישער קולטור, ג) דער גלויבן אז סיי ווי סיי איז דאָס ייִדיש לעבן אויסער ארץ ישראל אָן האָפענונגען, מאכט גרינגער די באציונג צו דער אסימילאציע. „סיי ווי סיי וועט מען דאָ אונטערגיין..." ד) די צעשפאלטנקייט אויף צוויי קולטור־לאַגערן ווערט אויסגענוצט דורך א דריטן פאקטאָר, כדי אָפּצושוואכן די פּאָזיציעס פון ייִדישער קולטור בכלל.

ה) די שטענדיקע נעגאציע פון אלץ, וואָס „גלות" איז העלפט מיט צו דערדריקן די נאָרמאלע מאראלישע שטאָלץ פון יעטווידער מענטשן. שטארקט זיך, פארקערט די געפאלנקייט: „אלע זיינען גוטע — מען דארף זיי נישט איבערמאכן. מיר אָבער, כדי מיר זאָלן אויך זיין אזוינע גוטע, מוזן מיר זיך איבעראנדערשן".

אָט דאָס געפיל מאכט שווערער דעם היינטיקן ייִדן צו פירן דעם קאמף פאר זיין ריין מענטשלעכער זעלבשטענדיקייט.

ו) פון דער צווייטער זייט אָבער שאפן די העברעישע שולן דאָ נישט די אָפּגעפרעמדטקייט פון פאָלק, וואָס די דערציונג אין ארץ ישראל. דאָס, וואָס די שול דערגיט נישט, דערגיט דאָ די געוויינלעכע ייִדישע סביבה. ד״ה, די סביבה פארריכט דאָ דעם פעלער פון די שולן.

ז) ווי א פּלוס דארף אויך פארעכנט ווערן די ווענדונג צו פיזישער ארבעט, וואָס די חלוצים טראָגן אריין.

:: :: ::

די ארבעט איז געשריבן געוואָרן אין 1937, אין ארץ ישראל, ווען אימלעכער פלעק אויף דעם יידישן לעבן דאָרטן האָט געשניטן די אויגן און — דאָס הארץ, ווען מען האָט געקאָנט פארגלייכן די זאָרגלאָזע „סאברעס" (קינדער געבאָרענע אין ארץ ישראל) מיט דער אויסגעהאַלטענער און באוווסטזיניקער יוגנט וואָס פלעגט קומען פון ליטע און פון פוילן.

און אלע מאָל ווען איך קוק איבער די ארבעט אין משך וואָס זי ליגט אָן אָנגעשריבענע און זי איז מיט מיר — אין גלות־אמעריקע — אלע מאָל האָב איך א מאָדנעם ביפּאָליארן געפיל: א ווייטאָקדיקן און א שווערן: פון איין זייט איז דאָך אלץ אמת וואָס עס איז געשריבן דאָ, אמת ביז ווייטאָק. עס איז נאָך מער אמת ווען ווער ווייסט צי עס קען און פון וואַנען עס קען פון גלות קומען קיין ארץ ישראל א יוגנט וואָס זאָל מיט איר יידישקייט קענען פארשעמען די סאברעס. פון אמעריקע — דערוויי̈ל זיכער נישט. איז פון ווענען דארף מען האָפן? אויף וועמען דארף מען וואַרטן?...

פון דער צווייטער זייט זיינען מיר דאָך דאָ דערטרונקען אין דער פּאַסיווער אפּענדיקס יידישקייט, ווי יידן זיינען אין דעם ערגסטן גלות — אין דעם גלות פון דער נשמה, מיט א גוף וואָס איז איבער־געזעטיקט מיט באַנמשע שווייגס בולקע מיט פּוטער און מיט א נשמה וואָס ווייסט גאָרנישט פון פארזיכיקייט, און וואָס בענקט נאָך באַלעבאַטים, — דאָ, אין אמעריקע בענקט זיך נאָך דעם גייסט פון פארזיכיקער יידישקייט, נאָך דעם דראנג צו האָבן אייגענע מיסטפּי־רערם און אייגענע טעלעגראַף דראָטן, — דאָ זעען די פלעקן אויס נישט אזוי גרויס און פון ווייטן באמערקט מען זיי אָפּט גאָרנישט. און צי מעג מען גאָר דרוקן די ארבעט? און באשלאָסן:

א) ארץ ישראל איז דאָס איינציק לאנד אויף דער וועלט וווּ עס איז פאראן א נאציאָנאַלער אומאָפּהענגיקער גלויבן, א נאציאָנאַלע דיסציפּלין און אָרגאניזירטער ווילן,

ב) ארץ ישראל איז דאָס איינציק ווינקעלע אויף דער וועלט ווו

יידן טרעטן ארויס ווי אַן אָרגאַניזירט פאָלק, ווי א גאַנצקייט, נישט צעשפּליטערט נישט צעברעקלט, צעשטויבט און צעגרופּירט אויף גרופּקעס, פּארטייען און ריכטונגען וואָס איינע זוכט מיט אַלע מיטלען זיך אָפּצורייסן פון דער צווייטער,

ג) ארץ ישראל איז דאָס איינציק ווינקעלע דאכט זיך אויף דער וועלט ווו יידן ריידן מיט זייערע קינדער נישט די שפּראַך פון באַלע־באַטים, ווו קינדער האָדעווען זיך נאָר ווי יידן און נישט ווי „אויך יידן", ווו יידן לעבן זייער גאַנץ לעבן אין יידישקייט און נישט זיי „לעבן זיך אויס" מיט יידישקייט; דאָס איינציק ווינקעלע וואָס שטרעבט און בויט א יידיש פאָלק. און דעריבער —

ד) ארץ ישראל האָט אין דער צייט פון אונדזערע גרעסטע גזרות איצט אמבעסטן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון נאַציאָנאַלן באַ־ווסטזיין און קרבנותגרייטקייט, — און דעריבער איז ארץ ישראל ווידער אַמאָל דער איינציקער ווינקל וואָס צו אים קען מען און מען מוז שטעלן די פאָדערונגען וואָס צו קיין אנדער יישוב קען מען זיי נישט שטעלן. וואָס מער קדושה אַלץ מער סכנה, און מען טאָר נישט פארבאהאַלטן די סכנות פון ארץ ישראלדיקן קולטור לעבן. אפילו אויב בייזגיניקע לייענערס וועלן לערנען אין דער ארבעט א פאלשן פּשט.

ביאליק און בן־יהודה - צוויי זעגן אין העברעאיזם

ביאליק איז אָן שום ספק איינער פון אונדזוערע גרעסטע פּערזענלעכקייטן אין די לעצטע דורות. צו זיין גאנג אין יידישקייט, צו זיין וועלט־באנעם דארף מען זיך צוהערן, אין די מעשים און נייגונגען פון אזוינע מענטשן איז דאָך תמיד פאַראַן אַ נביאישער בת־קול. און ביאליק איז געווען דאָך דער נביא פון ציוניזם, טאָ דעריבער, זאָלן שטום ווערן אַלע וואָס ריידן א בייז וואָרט אויף ציוניזם...

אין פלוג איז עס אזוי. אָבער דאָ זיינען פאַראַן אזוי פיל ניואנסן. אזוי פיל ניואנסן אין ציוניזם, אזוי פיל ניואנסן אין ביאליקן אז סתם זאָגן ביאליק דעקט אַלץ אין ציוניזם איז א גרויסער פעלער. דער ענין פארלאנגט א ברייטערן אנאליז.

קודם כל, — ביאליק איז א גרויסער נישט ווייל ער איז דער גרעסטער דיכטער ביי יידן. ניין. בכלל איז די גרייס פון איין דיכטער נישט צו מעסטן מיט דער גרייס פון דעם צווייטן. אדרבא. ווען מען זאָל נעמען אבסאָלוט באזונדער די פארבן־רייכקייט, די בילדערישקייט און מוזיקאלישקייט, וואָלט איך אויף דעם ערשטן אָרט אוועקגעשטעלט דווקא נישט ביאליקן. עס איז פאראַן א צווייטער שרייבער, וואָס אים גיבן זיך אָט די פּאָעזיע־עלעמענטן נישט אין פארגלייך גרינגער איידער ביאליקן. אָבער דאָך וועט קיינער נישט פרוון זאָגן, אז יענער איז העכער פון ביאליקן. דאָס גרויסע אין ביאליקן ליגט

אין זיין יידישקייט. ווען איר לייענט ביאַליקן דוכט זיך אייך אַפּט, אַז פון אַט די שורותריידן צו אייך דורות אויף דורות יידישע ספרים. אין יעטווידער וואָרט, זאַץ, שורה הילכן אייך בת־קולות פון דורות יידישקייט. ביאַליק האָט ליב געהאַט משלים פון דער אגדה, לאָמיר דאָ ניין אין זיין גאַנג. ווען גאָט האָט צוגעזאָגט יעקבן דאָס לאַנד, זאָגט ער אים „די ערד, וואָס דו ליגסט אויף איר..." זאָגט די אגדה: "...פון דאַנען איז געדרונגען, אַז דער רבונו של עולם האָט צונויפ־געוויקלט דאָס גאַנצע לאַנד אונטערן צדיק..." און אָפּט דוכט זיך מיר לייענענדיק ביאַליקס שירים און זיינע פּראָזע־געדאַנקען, אַז דער רבונו של עולם האָט צונויפגענומען אַלע דורות יידישע קולטור און זיי אַריינגעליינט אין ביאַליקס בילדער, ווערטער און אויסדרוקן.

און דאָ בעט זיך אַ פאַרגלייך מיט אַ צווייטן יידישן גאון וואָס איז אויך אַ חד בדורות לויט זיין יידישקייט. איך מיין שלום־עליכמען. אויך שלום עליכם איז אַזוי אַ ייד ווי קיינער נישט הונדערטער דורות פאַר אים! צוויי יידן גאונים און ווי ווייט, נאָענט און ווייט זיי זיינען צווישן אַנאַנד.

ווייל, ווען איך לייען שלום עליכמען און איך פאַרמאַך די אויגן, זע איך ווי פון די שורות גייען אויף לעבעדיקע, צאַפּלדיקע יידן. ווי דורך אַ כישוף וואָלט דער קינסטלער־גאון זיי אַרויפגעבראַכט — אַלע יידן פון דער גאַנצער, גרויסער אַלוועלטלעכער קאַסרילעווקע און אַלע לעבן זיי אונטער זיין פען. אַלע ריידן זיי צו מיר, אַלע מיט זיין שלום עליכמס נוסח הארץ און כשרן יידישן שמייכל...

ביי שלום עליכמען — לעבעדיקע יידן. ביי ביאַליקן — דורות נעהאַמערטע ספרים, קולטור. און דעריבער איז אַזוי פאַרשטענדלעך פאַרוואָס שלום עליכם איז כולו יידיש און פאַרוואָס ביאַליק איז כולו העברעיש. עס איז דאָ לגמרי נישט פּאַסיק צו זאָגן יידישיסטיש, הע־

---

1) ביאַליק אין יידיש איז אָדער ער מאַכט זיך אליין נאָך („דאָס לעצטע וואָרט") אָדער ער האָט גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער: („מיין גאָרטן", פריילעכס").

ברעיסטיש. ווען ביאַליק וואָלט געווען נישט העברעיש, וואָלט ער נישט געווען ביאַליק 1). פונקט ווי שלום עליכם וואָלט קיינמאָל נישט געווען שלום עליכם אָן יידיש. לעבעדיקע יידן זיינען יידיש, יידישע דורות ספרים זיינען העברעיש. גאָר פשוט.

ביאַליק און שלום עליכם זיינען די „צוויי בערג" פון דער מאָדערנער יידישער „תורה", וואָס צווישן זיי לעבט דאָס פאָלק און זיין קולטור. איין בארג אָפּגעקליבענע, דורכגעזייטע דורך דורות און דורכגעליטערטע שאַפונגען פון יידן. און דער צווייטער בארג — שעפערישע יידן, לעבעדיקע יידן. קרישטאָל־געשליפענע תמציתן אויף איין בארג, לעבעדיק־צאַפּלדיקע יידן אויפן צווייטן. פון הינטער דעם גרויסן בארג יידישער תורה זעט מען נישט די קליינע, קליינע מורעשקעס־יידן — די גרויסע יידן זיי זיינען לאַנג פארשטיינערט געוואָרן אין מדבר („מתי מדבר") און נישטאָ מער. ביי איינעם — יידן איבער יידן, יידן מיט יידן, א גאַנץ פאָלק יידישע יידן מיט אלע תנועות, נישט געזיפּט און נישט געזייט, — אלע יידן זיינען יידן און אלדאָס זייערס איז יידישקייט. דער סולת מנופה — ביים צווייטן. צוויי בערג: בריסקער פייערדיקער אייז און ביאַלער שטילע הארציקייט, בריסקער תורה און ביאַלער אהבת ישראל.

און „אלה ואלה דברי אלהים חיים", ביידע זיינען יידישקייט. איינס אָן דעם צווייטן ווי א גוף אָן נשמה אָדער פארקערט, ווי א פלאָם אָן א ליכט, ווי א שווארצער קאַלטער קנויט אָן א פלאָם.

מען זאָגט אז ביאַליק פלעגט כסדר „זינדיקן" מיט יידיש ביים ריידן. ווידער אמאָל קלאָר: אויף וויפל ביאַליק איז געווען א יאַדער־דיקער ייד, א נאַטירלעכער וואָלינישׁ־וואָלאָזשינער־אָדעסער ייד, און זיין יידישקייט איז געווען אָרגאַניש, נישט קיין אידעע פון עפּעס א יידישקייט, נישט קיין פּרינציפּ; אויף וויפל יידישקייט האָט געפלאָסן פון זיין נשמה און נישט פון זיין אידעאָלאָגיע, — אויף אזוי פיל האָט ביאַליק געמוזט „זינדיקן" מיט יידיש. פאר אזא לעבעדיקן יידן איז דער באַפעל נישט צו ריידן יידיש א קאָרסעט אויף דער נשמה. אין א נשמה אין א קאָרסעט קען זיין זייער שיין און איידל, אָבער קיין

נעזונט לעבן איז אין איר נישטאָ. דעריבער איז זיין, דעם אידעאָלאָגס פון העברעיזם א ווערטל: „העברעיש דארף מען ריידן, — יידיש רעדט זיך". א פארשנורעוועטע נשמה, א נשמה, וואָס ליגט אינגאנצן אין הויפן ביים יצר טוב, אזא נשמה האָט קיינמאָל נישט געשאפן גאָר־נישט. א פרייע מוז זיין א נשמה. און ביאַליקס נשמה איז געווען א יידישע פון א גאנץ יאָר, אָט ווי שלום עליכם. האָט שלום עליכם דער יידישסטישער צווישן אלע יידישיסטן ליב געהאט העב־רעיש און ליב געהאט לשון קודש, און ליב געהאט ארץ ישראל, ווייל דאָס אלץ איז יי־די־ש, טיילן פון יידישער נשמה. האָט ביאַליק דער העברעיסטישער פון אלע העברעער נישט געקענט אויסקומען אָן יידיש אין טאָג טעגלעכן לעבן, ווייל יידישע נשמה איז יי־די־ש. האָט אָבער אָט־די נשמה זיך פארטיפט און אָנגעהויבן „זען די זעאונג פון שדי", — דעמאָלט האָבן זיך די לעבעדיקע יידן פון נשמה באהאלטן... צען, הונדערט, טויזנט מינינים קליינע, וואַכעדיקע יידן... אין די ווינקעלעך... און פון דער נשמה פלעגט עס נעמען דונערן דער אין הונדערטער דורות אָנגעהויפטער בארג סיני. דער בארג פון יידישער תורה, ספרים!

ביאַליק אליין דערציילט, אז עפּעס א קאָמענטאטאָר זיינער האָט זיך באמיט אויסצוזוכן די מקורים פון זיינע פּאָרמעס, אויסדרוקן. פון א סך, זאָגט ביאַליק, האָב איך אליין נישט געוווּסט, אָבער א פנים, אז יענער איז פאָרט גערעכט: זיי זיינען אין אים ווי א בת קול פון אמאָליקע ליטעראַרישע וועלטן (דשבע"פ 2, כ"ג).

מען דארף דעם ענין נישט באגרייפן, אז ביאַליק פלעגט כסדר זוכן אין די ספרים וואָס עפּעס צו שרייבן... אז שלום עליכם פלעגט כסדר זוכן צווישן יידן וועמען אָפּצולצעווען. דאָס איז פשוט צו ווולגאַר. שרייבן און זאָגן, אימפּולסן צו דעם האָבן זיי תמיד גע־שעפּט פון זיך און די אייגענע איבערלעבונגען. און אָט די אומגע־ציילטע יידישע נשמות ביי שלום עליכמען, — די בערג תורה ביי ביאַליקן — דאָס זיינען געווען זייערע פרייוויליקע משרתים, דאָס זיינען געווען זייערע — געדאנקען.

אין לשון פון יידישער טראַדיציע וואָלט איך געזאָגט: די שכינה האָט זיך אַנטפּלעקט צו שלום־עליכמען אין פאָרם פון לעבעדיקע יידן; צו ביאַליקן — ווי צו משהן און ווי צו ר׳ עקיבא בשעתם — אין געשטאַלט פון פייערדיקע ווערטער, — „עס דונערט און עס בליצט, — און דאָס פאָלק דערשרעקט זיך און שטעלט זיך פון ווייטן״. ביי שלום עליכמען — יידנטום; ביי ביאַליקן — יידישקייט.

און אויב מיר גלייבן אין טראַדיציע, אין דער אינסטינקטיווקייט פון דער פאָלקס־טראַדיציע, מוז דאָך זיין דער אמת, דער יידישער קולטור־אמת ביי ביאַליקן, ווייל דורך זיין פעדער, דורך זיין מויל רעדט דאָך די יידישע טראַדיציע. און ער ביאַליק איז דאָך געווען דער וואָרטפירער פון העברעיזם. אלץ אין ארץ ישראל פלעגט זיך דאָך טאָן מיט ביאַליקס ברכה. איז דאָך דאָ מן הסתם דער אמת?—

אָבער ווידער אמאָל זיינען אין אונדזער לעבן זאַכן צו קאָמפּליצירט. עס טרעפט זיך זייער אָפט, אַז צוויי שטראָמען גייען צוזאַמען אַ לאַנגע שטרעקע כדי זיך נאָכדעם צו צעשיידן איינער אויף מזרח, דער צווייטער — צו מערב. דאָס פאַקטישע קולטור־לעבן אין ארץ ישראל, דער ארץ ישראלדיקער העברעיזם און ביאַליקס אידעען־וועלט זיינען אָט אַזוינע צוויי שטראָמען, וואָס וואָלטן זיך געמוזט דיאַמעטראַל פאַנאַנדערגיין ווען ביאַליקס אידעען וואָלטן געהאַט פאַרווירקלעכער אין לעבן. זיי האָבן עס אָבער נישט, קיינמאָל נישט געהאַט. אין איין אָרט, צום אָנדענק פון אחד העם, דריקט ביאַליק אויס זיין פאַרדרוס וואָס אחד העם האָט נישט באַוויזן אָנצושרייבן דאָס גרויסע ווערק, וואָס יאָל ווי אַן איינהייטלעכע פילאָסאָפישע סיסטעם אַרומנעמען זיין גאַנצע אידעאָלאָגיע. קליינע אַרטיקלען ביי אַלערליי אָנגעלעגנהייטן. — נאָך מיט מער רעכט לאָזט זיך עס זאָגן זאָגן יועגן ביאַליקן גופא. ווען איר נעמט צונויף זיינע געדאַנקען, בליץ־געדאַנקען, — וואַקסן זיי אויס צו אַ ביאַליקיזם, אַ גאַנצע פילאָסאָפישע סיסטעם. אָבער ווי, ווען! צעשאָטן, צעוואָרפן, אין רעדעס, טאָסטן, באַגריסונגען, כמעט „אויף חתונות און בריתן״. אַ מערכה, וואָס אָט־די רעדעס און באַמערקונגען זיינען צוזאַמענגע־

קליבן געוואָרן אין צוויי בענד דערוויי׳ל „ביאַליק שבעל פה״. לאָמיר דאָ פּרווון צונויפקלייבן די ראשי־פּרקים פון ביאַליקס וועלט־באַנעם. מיר וועלן אויסמיידן טראַפּאַרעטן, קלאַמערן־זאַצן, אַלגעמיינע ווער־טער, מיר וועלן זוכן בלויז דייטלעכע באַגריפן.

ביאַליק האָט א גאַנץ לעבן געלערנט און איבערגעחזרט אַז יידישקייט איז דאָס כסדרדיק איבערשמידן טראַדיציע. באַזונדערס שאַרף און בולט האָט עס ביאַליק אונטערגעשטראָכן אין זיין סינטע־טישער לעקציע געלייענט אין נהלל, (ביאַליק שבע״פ ח״א, „לשאלת התרבות העברית״). (איבערגעזעצט אויף יידיש דורך י. י. שוואַרץ אין „יידישער קעמפער״). ער האָט צו דעם זיך אומגעקערט כסדר און אַלעמאָל.

אַלץ וואָס האָט נישט קיין וואָרצלען אין דער יידישער טראַדי־ציאָנעלער קולטור, איז לויט ביאַליקן גאָרנישט ווערט, איז נישט קיין קולטור. מהאי טעמא זאָגט זיך ביאַליק אַרויס (אמת, אין זייער פאָרזיכטיקע אויסדרוקן, כדי שלא לבייש!) קעגן בן יהודהס אויפ־טוען אין דער העברעישער שפּראַך. לויט אים איז עס „הרחבה מלאכותית״, קינסטלעכע אויסשפּרייטונג אָן וואָרצלען. (דשבע״פ 1, ר״ח). אויף אַן ענלעכן אופן זאָגט ער זיך אַרויס אין א סך ערטער וועגן דעם העברעיש, וואָס איז גאַנגבאַר אין ארץ ישראל „א פינף הונדערט צעבראָכענע, צעקאַלעטשעטע ווערטער״, א שפּראַך אָן „פּסוקים״ (געמיינט אָן ציטאַטן); ביאַליק, וואָס זיין שפּראַך און טראַכטן זיינען אָן עסענץ פון דורות, ציטאַטן, פּסוקים, — ער קען נישט פאַרליידן אָט דאָס גאַנגבאַרע העברעיש, וואָס איז אַזוי נאַקעט, אַזוי אָן אַסאָציאַציעס, אַזוי ווי א „וואָרט אין א ווערטערבוך״.

„אונדזער קולטור — זאָגט ביאַליק האָט א באָדן, א גייסטיקן באָדן. מיר האָבן רעשטלעך פון ליטעראַטור, פון גלויבן, פון וויסנ־שאַפטן, — מיר מוזן דאָס אַלץ אויסנוצן, פאַרטיפן, פאַרברייטן, צו־נויפבינדן, כדי פון אָט־ דעם באָדן זאָל דאָס נייע קענען אַרויס־וואַקסן. איך גלויב נישט אין דעם שאַפן נייעס ביי אונדז, אויף וויפל דאָס וואַקסט נישט אַרויס פון אָט־דעם באָדן (אונטערגעשטראָכן

דורך מיר, א.ג.) נישטאָ קײן נײעס אָן באָדן" (דבשבע"פ 1, כ"א).

„איך גלײב נישט אין אונדזער בעלעטריסטיק. זי איז נישט קײן אמתע בעלעטריסטיק, קײן נאַציאָנאַלע, ווײל זי איז אויסגעוואַקסן נישט אויף אונדזער באָדן. עס פעלן איר ווײכטיקע יסודות, וואָס זאָלן דערנערן אירע וואָרצלען. בײ אַלע בעלעטריסטן וואַקסט די ליטעראַטור פון זײער באָדן, פון פאָלקסמעשהלע, וואָס איז לכתחילה אַ מיטאָס, נאָכדעם — לעגענדע, פון לעגענדע ווערט אַ נאָוועלע, פון איר וואַקסט אויס דער ראָמאַן און די דראַמע. פון פאָלקס־ליד האָבן זיך אַנטוויקלט שפּעטער אַלע שפּעטערדיקע פּאָעזיע־פאָרמעס 2). אונדזער בעלעטריסטיק האָט כמעט גאָרנישט פון דערציילערישן באָדן. פאַראַן בײ אונדז אויסוויינקסטער נאָכטאָן, פאָרמעס געבאָרגטע פון פרעמדע" (דאָרטן). ביאַליק פאַרגלײכט עס צו אַ געוויקס, וואָס האָט זון און לופט נענוג, אָבער וואָרצלען, — וואָרצלען פעלן אים...

מיר האָבן זיך דאָ דערלויבט אַ גרעסערע ציטאַטע פון ביאַליקן, ווײל דאָ איז אײגנטלעך אַ גאַנצע נאַציאָנאַלע קולטור־פּראָגראַם, וואָס אונטער איר וואָלטן זיך געקענט אונטערשרײבן אַלע יידישע קולטור־טוער אויך יידישיסטן 3). מיט אײן קלײנעם צוגאָב, וואָס איך

---

2) נישט אומזיסט האָט ביאַליק צוגעלײגט אַ האַנט צו אָנ־סקיס לכתחילה שוואַכער דראַמע „דער דיבוק". אָט דאָ זײנען אויפּגעלעקט געוואָרן אַלע מדרגות פון נאַציאָנאַלער קונסט און קולטור ביז צו אָן אָרט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קולטור בכלל.

3) ווען מען פאַרגלײכט אָט די קולטור־פּראָגראַם פון „העברעיסט" ביאַליק מיט דער פּראָגראַם וואָס עס האָט אָנגעוואָרפן דער „יידישיסט" אָפּאַטאָשו אין פּאַריז אויף דעם צוזאַמענפאָר פון... איקוף, — זעט מען, אַז ווי נאָענט די צוויי שטראָמען קומען זיך צונויף: צוויי תלמידי חכמים, אויסגעוואַקסן אין טראַדיציע ווילן ציען ווײטער איר גאָלדענע קײט.

און דער ראָמאַניסט פון לעבעדיקע יידן איז יידישיסטיש און

דערלויב זיך דאָ אָנצודייטן: יידישקייט איז נישט בלויז אין ספרים, נייערט אויך אין לעבעדיקע יידן, אין שלום עליכמס יידן. א פאַר־דרוס! די ספרים און אחד העם האָבן פאַר ביאַליקן פאַרשטעלט די לעבעדיקע יידן און ער האָט זיי כמעט נישט באַמערקט אין זיינע ווערק (אויסער „אריה בעל גוף").

אָדער — ביאַליק מיינט, אז די יידישע (העברעישע) פּאָעזיע אין שפּאַניע איז אונטערגעגאַנגען ווייל זי איז געווען נישט אָריגינעל, זי האָט נאָכגעמאַכט, דערמיט האָט זי זיך אליין אונטעריאָכט דער אַראַבישער אנשטאָט ממשיך צו זיין די אייגענע יידישע טראַדיציע (דבשבע"פ 2, י').

ביאַליק זאָגט: „ווערטער, סתם ווערטער (פון העברעיש אויך) זיינען פּגרים. כדי דאָס העברעיש ריידן זאָל נישט זיין סתם „וואָך", נאָר אויך נשמה יתרהדיק, טאָר מען נישט אַרויסטרייבן פון דער שפּראַך אַלע נשמות, וואָס האָבן אין איר געלעבט טויזנטער יאָרן (דבשבע"פ 2, קכ"ט). דאָס העברעיש וואָס ווערט גערעדט אין זיין איצטיקן מצב שעדיקט אונדז מער איידער עס העלפט אונדז. מיר זיינען געקומען, זאָגט ביאַליק, מיט פיל קולטור אין אנדערע שפּראַכן. די אָרעמקייט פון העברעיש איז נישט גענוג אפילו פאַר א צענט־חלק פון אונדזער קולטור און איבערהויפּט איז דאָ א גרויסע סכנה פאַרן צווייטן דור (דבשבע"פ 2, קל"ח).

ביאַליק באַמיט זיך אויסצולערנען דעם עולם פון זיינע געטרייע צוהערערס, זיי זאָלן באַגרייפן דעם מהות פון א יידישן וויץ. א מאָל, זאָגט ער, קען דאָס פאָלק אין א ווערטל, אין א וויץ געבן א גאַנצע

דער דיכטער פון אייביקע יידישע געפילן איז העברעיסטיש.

און א צייט פריער האָט דער „יידישיסט" פּרץ אין זיין „וואָס פעלט דער יידישער ליטעראַטור" געפאָדערט פּונקט דאָס זעלביקע פון די יידישע שרייבערס וואָס ביאַליק פאָדערט פון די העברעישע. דאָרטן וווּ מען באַמיט זיך צו ציען יניקה פון די וואָרצלען איז נישטאָ קיין צוויי וועלטן.

פילאָסאָפיע, א גאנצן ראָמאן אין א װיץ. דארף קומען דער קינסט־לער און עס צעװיקלען, פאנאנדערשפרײטן (װעגן שלום עליכםס „פארכישופט שנײדערל"). ער טוט עס אין זײנע פּאָרלעזונגען װעגן דער „אגדה". ער זאָגט ארויס דעם געדאנק, אז כל זמן מיר, די מאָ־דערנע ײדן, װעלן מורא האָבן צו נעמען אן אלט ײדיש װאָרט װײל עס איז נישט אלגעמײן, נישט װעלטלעך אאז"װ. כל זמן „אינטו־איציע" איז כשר, אלמענטשלעך, און „רוח הקודש" 4) איז „מעשה בית מדרש", קלײנשטעטלדיק; כל זמן אלץ װאָס ײדיש איז װעט בײ אונדז אָפּקלינגען מיט א ספּעציפיש ײדישער קנאַפּװערטיקײט און מיר װעלן אלץ זוכן „עטװאָס אײראָפּעאישעס"; כל זמן דאָס װעט זײן אזוי איז עס אלץ א סימן, אז מיר, די מאָדערנע ײדן קװעטשן נאָך אלץ די באנק אין משכילישן בית מדרש. (דשבע"פּ).

ביאליק האָט אזוי ארום, אין גרונט זיך אויסגעטײלט פון די אלע אנדערע העברעיסטן. זײ אלע האָבן זיך אָנגעגעבן פאר „משוללי הגלות" און דעריבער האָבן זײ נעגירט אלץ, װאָס איז געשאפן גע־װאָרן אין גלות, אפילו קולטור אין העברעיש. אָט די אלע האלטן זיך שטאָל און אײזן פאר דעם העברעיש פון בן־יהודה, טאקע דערפאר װאָס דאָס העברעיש איז אזוי נישט ענלעך צום גלותדיקן „לשון קודש". ביאליק פארקערט האלט זיך שטארק אין רעזערװ בנוגע צו בן־יהודהס שאפונג און פארן שעפער פון מאָדערנעם העברעיש נעמט ער אָן מענדעלען. ער האָט נאָך אין אָדעס געקעמפט, אז די

4) אינטואיציע איז נישט עקװיװאלענט צו „רוח הקודש" נאָר צו „גילוי אליהו". „רוח הקודש" איז א באגריף פון אויסגעבונדנ־קײט װען אינספּירנקטן, טראדיציע און אחריות פון דורות לעבן אין יחיד. פאראן בײ אונדז שרײבער אָן רוח הקודש. זײנען זײערע שריפטן גופים, שײנע גופים, אָבער קײן סימבאָל איז אין זײ נישטאָ. איר קענט פון צװישן די שורות גאָרנישט לערנען, גאָרנישט אָפּלער־נען. זײערע װערק — װי שײנע מײדלעך אָן נשמות, מער װי דעם גוף פארמאָגן זײ נישט, טויטע סטאטועס.

חברה „חובבי שפת עבר" זאָל אָנערקענען מענדעלען. אָבער אומ־זיסט. אפילו ביאַליק האָט נישט געהאָלפן, דען מענדעלע האָט פאַרייִדישט העברעיש. ער האָט דאָך געשאַפן אָט אזא העברעיש, וואָס עס שמעקט פון אים מיט יידיש, מיט לעבעדיקע יידן. ביאַליק איז פאַר דעם אנטציקט (ער האָט פאַקטיש געהאָלפן מענדעלען איי־בערזעצן זיינע ווערק פון יידיש אין העברעיש). פאַר די אנדערע הע־ברעיסטן איז דאָס פון אָנהייב אָן געווען א חסרון. ווי פלעגן זאָגן די משכילים: „עס איזט צו יודיש", פון אָנהייב אָן און ביז היינט איז דאָס אין מענדעלעס העברעיש, וואָס ביי ביאַליקן אין די אויגן איז דאָס דער גרעסטער פלוס — עס איז „זאַפטיק, לעבעדיק ווי יידיש". — איז דאָס ביי זיי, ביי אנדערע העברעיסטן — דער גרעסטער מי־נוס — עס איז „גלותדיק". אזוי ארום איז ביאַליקס „העברעיזם" לגמרי נישט אידענטיש מיט דעם געוויינלעכן טאָג־טעגלעכן הע־ברעיזם. דען ביאַליק האָט דאָך לגמרי נישט געלייקנט אין „גלות". ער וויל בלויז געפינען מעגלעכקייטן פאַר אָט־דער גלות־רייכקייט עס זאָל קענען ברייטער זיך צעוואַקסן. ביאַליק זאָגט ערגעץ בפירוש, אז מיר דאַרפן ארץ־ישראל נישט כדי צו פאַרגעסן די גלותדיקע יידיש־קייט, נייערט פונקט פאַרקערט — מיר זאָלן ברייט און פריי צעוויק־לען און צעפלאַנצן אונדזערע קולטור־אוצרות וואָס מיר האָבן גע־שאַפן אין גלות. ממש א נייע אויפלאַגע פון דעם תלמודישן „עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל". ביאַ־ליק דערציילט אמאָל ווי עס איז ביי אים אויסגעוואַקסן די וואונדער־באַרע סימבאָלישע „מגילה פון פייער" (יידיש איבערגעזעצט פון י.י. שוואַרץ) און ער דערציילט (דבשבע"פ 2), לכתחילה האָט דער „צאַר־טער בחור מיט די לויטערע אויגן", אָט דער וואָס האָט אויפן פאַר־שאָלטענעם אינדזל געפונען גאָטס פייער, געדאַרפט דאָס פייער צו־ריק ברענגען קיין ירושלים פון וואַנען עס איז פון ברענענדיקן בית־המקדש גענומען געוואָרן לויט דער לעגענדע. אָבער אין שרייבן האָט דער „צאַרטער בחור מיט די לויטערע אויגן" געביטן זיין ריכ־טונג און ביאַליק האָט אים מיט גאָטס פייער אין הארצן אויסגעריכט

גאָר „אין א פרעמדן לאנד, אין גלות־לאַנד.״. „האָט ער געטראָגן דעם דאָזיקן פײער אין אלע פיר װינקלען פון דער ערד, מיטן הויך פון זײן מויל האָט ער הערצער אויפגעפלאַמט. און אין פארלאַשענע אויגן האָט ער ליכט אָנגעצונדן״ (איבערזעצונג י. י. שװארץ)... מאָדנע סימבאָליש און אומװיליק איז אָט דער פאקט, אָבער כאראקטעריסטיש און נישט סתם אזוי א צופאל. ביאליק גלײבט אין גלות. ס׳הײסט נישט, אז ער װיל יידן זאָלן בלייבן אין גלות. חס ושלום, ביאליק איז א ציוניסט מיט אלע אָטאָמען פון זײן הארץ. אָבער ער איז א ציוניסט דערפאר, װײל ער װיל, אז די נשמה פון פאָלק און דאָס אײגנס פון פאָלק, װאָס דער גלות האָט געשאפן, זאָל זיך װײטער קענען אנטװיקלען אין בעסערע באדינגונגען מיט א בעסערן מזל. און אָט דאָס שײדט ביאליקן אָפּ פון אלע „משוללי הגלות״ מיט אזא תהום, װאָס קײן פּיעטעט און ביאליק־קולט קען נישט פארשיטן.

נעמט מען אויף ביאליקן, אָבער מען װארפט אָפּ דעם „ביאליקיזם״ אין קולטור. ביאליק איז הײליק געװאָרן. זײן אנדענק איז הײליק געװאָרן. ביאליק־גאַס, ביאליק־הויז, ביאליק־פאָנד, ביאליק־טינט, ביאליק־גימנאזיע, עס איז דאכט זיך געװען א פּרוװ ארויסצולאָזן ביאליק־סיגארעטן, ביאליק־בלײפעדערס קומען אָן פון טשעכאָסלאָװאקיע. ביאליק אומעטום. אָבער מיט דעם אינהאלט פון ביאליקן, מיט דעם ביאליקיזם איז די זאך װײט נישט אזוי.

טשיקאװע. אָט די לעקציע פון נהלל װאָלט אײגנטלעך געדארפט װערן די עשרת הדברות פון דער גאנצער קולטור־ארבעט אין ארץ־ישראל. ביאליק איז דאָך אזוי פארהײליקט, ממש פארגעטערט און דאָס איז דאָך זײן „בארג־דרשה״. פאקטיש אָבער דערמאָנט מען זיך נישט אָן איר. די געדאנקען װאָס זײנען דאָ ארויסגעזאָגט דעקן זיך נישט לגמרי מיט די געדאנקען פון די טוער... אָט למשל האָט ביאליק געהײסן ליטעראטור פאר קינדער נעמען פון פאָלקס־קװאלן (און זײער ריכטיק!) (נ. לוי אין „מוסף לדבר״ פון 1937.6.25). ביאליק אלײן האָט געװיזן, געלערנט װי דאָס צו טאָן. ביאליק האָט א סך

געשריבן פאר קינדער און אלץ איז ביי אים פאָלקסטימלעך דורך און דורך. אָבער וואָס העלפט עס? ווער פון די שרייבער, פון די ארויסגעבער, פון די פאראנטוואָרטלעכע פעדאגאָגן פאָלגט אים? ווער באמיט זיך אים צו פאָלגן? דערוויילע שפייזט מען קינדער כמעט בלויז מיט איבערזעצונגען און דריטראנגיקעס. און נאָך מער: ביאַליק גופא; נאָך דעם תנ"ך איז ביאַליק דער וויכטיקסטער אינהאלט פון שול און דערציונג. און עפּעס איז נישט קענטיק קיין מזל ברכה אין ביידע. ביאַליס ווייסט צו שעצן א שפּראך א רייכע, א זאפטיקע, א ציטאטן־שפּראך. אָבער מאָדנע אָרעם, נישטאָ קיין ציטאטן, קיין פּסוקים פון ביאַליקן אין דער גערעדטער שפּראך. מען וואָלט אייך די אויגן אויסגעדראפּעט, ווען איר וואָלט זיך דערלויבט צו זאָגן עפּעס א האלבן וואָרט אויף דעם אדרעס פון ביאַליקן. אָבער אָט דער גאנצער קולט האָט נישט געהאָלפן נישט בלויז, אז די גערעדטע שפּראך זאָל זיך אָנזאפּטיקן מיט ביאַליק־זאצן, זיי זאָלן ווערן גאנג־באר. עס וועט אייך פּשוט נישט געלינגען ערגעץ צו הערן א מאָל אזא ציטאטע. איך האָב מורא צו זאָגן, אָבער עס איז פאָרט אן אמת. די אלע פאָרשער פון ביאַליקן, אלע ביאַליקיסטן, אלע וואָס פארטיפן זיך אין זיינע שאפונגען, געהערן צו דעם דור, וואָס איז גייסטיק אויסגעוואקסן אנדערשווו, צו דעם דור, וואָס ביאַליס זאָגט אויף אים: „מיר האָבן געבראכט א גרויסע קולטור אין פארשיידענע שפּראכן". צווישן די הונדערטער יונגע לייט, וואָס ענדיקן יאָר יער־לעך די מיטל־שולן, צווישן די טויזנטער פון די פאָלקסשולן באגעגנט איר נישט קיין ליג,האָבער פון א ציטאטע־ביאַליק, און ביאַליקס ספרים זיינען פארשפּרייט געוואָרן אין ארץ־ישראל אין די גרויסע טויזנטער (דאכט זיך, דורך דעם „דבר" אליין צען טויזנט).

אזוי ארום מאַכט עס אָפּט אן איינדרוק: דער אויסנאמדיקער קולט, וואָס קיין יידישער שרייבער האָט נישט זוכה געווען צו אזא, איז עפּעס איינס און אריינפלעכטן די שאפונגען פון אָט דעם פאר־הייליקטן אין דעם קולטור־געבוי — דאָס איז עפּעס גאָר א צווייטער ענין. און מיר איז טאַקע אויסגעקומען צוויי מאָל צו הערן (איינמאָל

פון א פּראָפעסאָר — נישט קײן הומאַניסט; א צװײט מאָל פון א טיפערן שילער), אז ביאַליק דאָס איז דער רעזומע פון דער אלטער קולטור, אָבער ער איז נישט די נײע קולטור, װאָס מיר שאַפן".

ביאַליק פילט עס און זעט עס נאָך בײם לעבן. דעריבער האָט ער א גאַנץ לעבן געפּרײדיקט, בײ יעטװידער געלעגנהײט געמאָנט, געררופן, מיטן גאַנצן אויטאָריטעט פון זײן נאָמען באַמיט זיך צו קעװערעװען דעם װאָגן פון קולטור אויף זײנע ביאַליקס װעגן. און אָפּט, אין מאָמענטן פון גילוי שכינה, פון רוח הקודש, פלעגט ער קומען צו יאוש. אין אַזױנע מאָמענטן רײסן זיך בײ אים ארױס זײנע תוכחה־לידער, אָדער אַזױנע, װי „אללי, כי הייתי אסתרא בלני־נתכם" (אין דער שװאַרץ־אויסגאַבע אויף יידיש „אונטער דער משא", זײט 254) „װײ מיר, װאָס איך בין א גראָשן בײ אײך אין פושקע געװאָרן". אין א הספד אויף אחד־העמען דערצײלט ביאַליק פאַרבײגײענדיק, אז אָפט כאַפּט אים אָן א יאוש און אין א באַגעגע־ניש מיט אחד־העמען באַקלאָגט ער זיך אויף דער מאָדערנער יידיש־קײט און עס כאַפּט אָן א פאַרלאַנג אָנצוטאָן טלית און תפילין און גײן אין בית מדרש אויסמישן זיך מיט אַלע יידן, װאָס האַלטן נאָך פון די מצוות און אחד־העם האַלט אים אונטער. (בשב"פ 2, ב"י).

אָט אַזױנע שטימונגען זײנען זײער װיכטיק פאַר דער פּסיכאָלאָ־גיע פון דער פּערזאָן. עס איז זיכער נישט קײן רעליגיעזע װידער־װוקסן. ביאַליקן גײט נישט אין דעם, װאָס ער װיל היטן די מצוות. נײן, ער בענקט זיך אויסצומישן מיט די יידן, װאָס האַלטן נאָך פון די מצוות.און דער אַלטער אחד־העם גיט אים צו מוט ער זאָל פאָלגן „דער שמים פון הארצן". קלאָר אז דאָ גײט אין עפּעס אַנדערש. אין אינטימע שמועסן מיט זײן רבין דערלױבט זיך ביאַליק אויפצודעקן דעם גאַנצן תהום צװישן אים, צװישן זײן נשמה, צװישן זײנע פאַרשטעלונגען װעגן יידישער קולטור און צװישן דעם, װאָס עס װערט געשאַפן אויך מיט זײן ברכה. ביאַליק פילט, אז דער קולטור־װאָגן האָט פאַרבלאָנדזשעט, איז אראָפּ פון װעג. און אָט כאַפּן אים אָן פאַרלאַנגען אָנהײבן צוריק, צוריק פון אָנהויב. און װער װי

ביאַליק ווייסט, אַז דער אָנהייב איז אין דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, „ביי די יידן, וואָס האַלטן נאָך פון מצוות מעשיות". די וואָרצלען פון קולטור שטעקן דאָרטן, אין דער טראַדיציע, „דער שטאַם", ווי עס האָט געזאָגט מיט אַ צייט פריער פּרץ.

אמת, דורכצופירן עס אין לעבן, — אויף דעם איז פעיק געווען איין נתן בירנבוים (אחר) אויף זיין וועג און זיין שטייגער. אָבער די שטימונגען — זיי זיינען כאַראַקטעריסטיש. ביאַליק איז אין זיי זייער אויפריכטיק. און אַזוי אַרום ווערט אונדז קלאָר דער אינעווייניקסטער גייסטיקער וועג זיינער.

דער וואָלאָזשינער „מתמיד", די נשמה אויסגעקנאָטן פון געטלעבע שטראַלן און טרערן, וואָס זיינען אין „אַלטע גמרות געפּאַנגען געוואָרן", דער שטאָלצער ייד פון „על ספּ בית המדרש", ער האָט נעאָטעמט מיט אַבטראַקטער יידישקייט, וואָס זי האָט פאַרשטעלט לעבעדיקע יידישע טיפּן 5). פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ יונגן מאַן איז אין יענע יאָרן געווען איין וועג פון וואָלאָזשין דורך דער השכלה צו דעם העברעישן לאַגער און שפּראַכן־קאַמף אַרום מפיצי השכלה און אַזוי ווייטער. אָבער שפּעטער האָט ער שוין גוט געזען, אַז זיינע וועגן צעגייען זיך מיט די, וואָס ער האָט לכתחילה געמיינט, אַז ער פירט זיי. דער גורל פון דער געשיכטע איז אַנדערש געווען. און אַ בענקשאַפט, אַן איינזאַמקייט פלעגט אים אָננעמען אין יענע מאָמענטן: צוריק, צוריק צום מקור. און דער סוף פּסוק: ביאַליק געהערט צו מענדעלעס העברעיש און נישט צו בן־יהודהס. און דאָרטן וועט ער בלייבן...

צי וועט אים די נייע ארץ־ישראלדיקע העברעישע קולטור אריינ־

---

5) פאַראַן אַ רמז, אַז „אריה בעל גוף" האָט ער געשריבן פאַרקוקנדיק זיך אויף מענדעלען און וועגן „יום ששי הקצר" באַמערקט דאָך ביאַלין אַליין אַז דעם סיזשעט און גאַנג האָט ער געבאָרגט ביי עמיצן.

פּלעכטן אין זיך, דורכוועבן זיך מיט זיינע פעדעם? — כמעט ווי זי־כער, הלוואי זאָל איך בלייבן דער ליגנער, אז נישט. מען נוצט אים אויס ווי א שילד, מען פארוואנדלט אים ביסלעכווייז אין עפּעס אזא מין הייליקייט, וואָס דערמאָנט מיר שטארק די ימים טובים ביי דער באפעלקערונג פון ארץ ישראל, ווי „נאבו מוסא", „נאבו רובין", „נאבו סאלאך". נאָך א „נאבו" צוגעקומען מיט יאָרצייטן, מיט פייע־רונגען אין באשטימטע ערטער, מיט נאָך אזוינע אטריבוטן, וואָס זיינען לחלוטין פרעמד דער יידישקייט, וואָס צו איר האָט געהערט ביאַליק מיט אלע גייסטיקע פעדים פון זיין נשמה.

אויב ביאַליק וועט בלייבן א קולטור־סכום ביי יידן, וועט עס זיין ביי די וואָס זוכן צו בויען זייער קולטור אויף יידישער קולטור־ירושה, ביי די יידן, וואָס ביאַליקס אפיציעלע אָנהענגער באקעמפן זיי אויך מיט ביאַליקס נאָמען.

:: :: ::

עס איז נעווים מער ווי טראגיש, וואָס אזא יידישער ייד ווי ביאַ־ליק האָט א גאנץ לעבן באקעמפט יידיש. אָבער דווקא דאָ איז געווען זיין שוואכסטער פונקט. קלאָר, אז ביאַליק דער יונגערמאן פון וואָ־לאָזשין, דער פריוואטער לערער פון העברעיש, דער מענטש פון ספרים האָט זיך געקענט זעלבסטבאשטימען געזעלשאפטלעך בלויז צו דעם לאגער פון די העברעיסטן. די טיפע אונטערשיידן צווישן ביאַליקן און דעם העברעיזם האָבן זיך ארויסגעוויזן ערשט שפּעטער אין א סך יאָרן ארום. דערווייל צום אָנהויב איז עס געווען א זאך פון ליבע („חובבי" שפת עבר), דערוויילע איז ביאַליק געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער געזעלשאפטלעך ביז ער איז דערגאנגען צו זיין בארימ־טער רעדע וועגן זעכצן „יידישן", וואָס זיינען שוין אונטערגעגאנגען ובכן אאז"וו.

און דווקא אין אָט דער רעדע איז ביאַליק לגמרי נישט טריי זיך אליין. דער ביאַליק וואָס באגרייפט צו באטאָנען, אז די שפּאנישע העברעישע ליטעראטור פון דער „גאָלדענער תקופה" איז אונטער־

נעגאַנגען, ווייל זי איז אין העברעיש געווען נישט אָריגינעל, — דער זעלביקער ביאַליק קען זאָגן, אַז די אַלעקסאַנדריער יידישקייט איז אונ־טערגעגאַנגען ווייל זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון העברעיש. בלויז דער־פאַר. נישט חלילה, ווייל זי איז געווען דורך און דורך אסימילאַציע, נישט אָריגינעל, נישט יידישלעך, פרעמד. ביאַליק האָט אין אָט דער רעדע זיך דערלויבט צו זאָגן, אַז דער אַראַמיש־יידישער תלמוד האָט זיך איינגעהיט, ווייל מען האָט כסדר פון אים געמאַכט העברעישע „קיצורים", „הלכות פסוקות", „יד החזקה"...

ווער נאָך אַזוי ווי ביאַליק האָט געקענט וויסן, אַז געלעבט אין פאָלק האָט דווקא דער אָריגינעלער אַראַמישער תלמוד. און ווייל ער האָט אַזוי שטאַרק געלעבט, צירקולירט אין לעבן, דערפאַר זיינען גע־מאַכט געוואָרן פון אים קיצורים. קיצורים, וואָס אגב, זיינען זיי אין פאַרגלייך מיט דער גמרא כמעט נישט באַנוצט געוואָרן, בכל אופן כמעט.

ביאַליק, דער תמיד געטרייער דער יידישער טראַדיציע, האָט אין דער רעדע זיינער לגמרי פאַרגעסן זיין אייגענעם רוח הקודש, פאַר־געסן אַז דער תלמוד האָט איינגעהיט זיך און איינגעהיט יידישקייט (נאָר די יידן זיינען געבליבן יידן, וואָס האָבן בשעתם אָנגענומען און תמיד געהאַלטן דעם תלמוד ווי א יסוד פון יידישקייט, ווי דעם עיקר פון דער תורה) דווקא דערפאַר וואָס ער איז געווען אָריגינעל יידיש, טראַדיציאָנעל יידיש, תורה שבעל פה פון פאָלקס מויל. נישט איבערגעזעצט נישט איבערגעמאַכט, אָריגינעל.

דאָס האָט פאַרגעסן דער מחבר פון „הלכה ואגדה". און דווקא אָט דער „אַראַמישער תלמוד" האָט איינגעהיט דעם העברעישן תנ"ך, אין פאָרם פון פסוקים וואָס זיינען אין אים געבראַכט. עס איז באַ־קאַנט, אַז לומדים פלעגן געדענקען א פסוק פון... גמרא ארויס. ביאַ־ליק אליין דערמאָנט עס ערגעץ.

און ווער נאָך ווי ביאַליק האָט געקענט וויסן, אַז — מילא, אייַ־ביקייט... אייביק, איז נאָר א טויטער שטיין. אַלץ וואָס לעבט מוז

ווען עס איז שטאַרבן, פאַרענדערן זיך, אומבייטן, פּושט צורה ולובש צורה זיין. נישט דאָס איז וויכטיק, וואָס יידן האָבן אויפגעהערט ריידן אַראַמיש, ווי אין די צייטן פון תלמוד, וויכטיק איז דאָס, אַז בלויז דורך די צינורות פון אַראַמיש האָט דער יידישער אָריגינעלער גייסט און טראַדיציע געשטראָמט און דערשטראָמט ביז דאַנען. אַלע וואָס האָבן איבערגעריסן מיט דעם „פרעמדן" אַראַמישן שטראָם, — האָבען סוף כל סוף איבערגעריסן מיט יידישקייט און מיט יידן. ווער נאָך אַזוי ווי ביאַליק האָט עס געקענט באַגרייפן מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים.

אָבער: ביאַליק פון „על סוף בית מדרש" זאָגט אין דעם רעפּעראַט: „אין גלות האָבן יידן געהאַט בלויז מעגלעכקייט נאָכצומאַכן צוליב שענדלעכער געפאַלנקייט ביי זיך (התבטלות מבאישה. דבשבע"פ 2, קס"ז).

אָט דאָס איז טאַקע צום ווייטיקסטן, וואָס ביאַליק האָט זיך געזעלשאַפטלעך איינגעשפּאַנט נישט אין זיין העברעיזם, נייערט אין דעם צווייטן, אין דעם פרעמדן, וואָס ער האָט אים באַקעמפט און וועלכער האָט פון ביאַליקן גענומען בלויז דעם נאָמען, נישט דעם תוך.

און אַזוי אַרום איז ביאַליק עפּעס איינס, ביאַליקיזם — עפּעס אַנדערש. ביאַליקס אָרט אין יידישער קולטור — עפּעס איינס און זיין אָרט אין קולטור־קאַמף — ווידער עפּעס אַנדערש. און אָט דער ווידעראַנאַנד — אַ ספּעציפישע קללה אויף יידן.

ייַט אויף אַ זון פון אַ יידישן רענעסאַנס, עס לעבט אויף אַ טרוים פון קיבוץ גלויות, וואָס דאַרף עס צונויפזאַמלען אַלע יידן, וואָס בענקען נאָך יידישקייט, און אַלע יידישקייטן. אַלע „ניצוצות" פון יידישן גייסט, אַל דאָס גייסטיק, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אין פאָלק. (קיבוץ גלויות און „כנוס" אין ביאַליקס טערמינאָלאָגיע).
— און אין הארץ פון אָט־דעם רענעסאַנס האָט זיך אויך פאַרקליבן דער וואָרעם פון יידישן זעלבטהאַס און שעדיקט. ביאַ־

ליק, דער רוח הקודש, האָט עס שטאַרק געפילט, ביאַליק דער געזעל־שאַפטלעכער טוער האָט נישט געוואַגט אפילו דעם וואָרעם צו באַ־קעמפן.

פּריץ דער „גלותיסט” און יידישיסט, ביאַליק דער ציוניסט און העברעיסט — האָבן ביידע דערשפּירט ווו עס איז דער מקור פון יידישקייט, אירע וואָרצלען, ווי עס מוז גיין איר וואַקסן. ביידע זיינען דערגאַנגען צום געמיינזאַמען גרויסן סינטעז. נאָר... ביים ראַנד פון צוגעזאָגטן לאַנד איז משה געשטאָרבן...

קולטור קאמף ביי יידן

אז מען לייענט די יידישע געשיכטע־ליטעראטור, קען מען גאנץ אפט באקומען אן איינדרוק, אז די געשיכטע פון יידישן פאלק האט נישט קיין אייגענע אידעע. עס קען זיך שאפן א מיינונג, און אזא איז אויסגעקומען צו הערן, אז די גאנצע יידישע געשיכטע איז מער נישט ווי כוואליעס פון גרויסן ים, וואס האבן פארבלאנדזשעט אין א קליינעם איינגוס אריין, עס קען אויסקומען, אז אלע געשעענישן פון יידישן פאלק זיינען בלויז אפהילכן פון דערשיינונגען, פון פראצעסן, וואס קומען פאר „אין דער גרויסער וועלט". די גרויסע דרויסנדיקע וועלט שיקט כסדר אירע ווירקונגען אין יידישן וועלטל אריין און עס רעפלעקטירט אויף אט די דרויסנדיקע איינווירקונגען. און אזוי ארום קען מען באקומען א גאנץ מענלעכן, אין פלוג ריכטיקן איינדרוק: נישטא ביי יידן קיין אייגענע געשיכטע, נישטא קיין אייגענע אינעווייניקסטע אידעע און לאגיק אין די פראצעסן און געשעענישן אין יידישן לעבן. זיי אלע זיינען בלויז דערשיינונגען פון סעקונדערן כאראקטער, זיי זיינען אפשפיגלונגען פון דערשיינונגען אין דער דרויסנדיקער נישט־יידישער וועלט. נישט די יידן בויען און שאפן זייער געשיכטע, נאר זי „מאכט זיך" דורך אנדערע. די גרויסע פעלקער און מלוכות, וואס צווישן זיי לעבן יידן פון אייביק אן, זיי פירן דעם ראד פון געשיכטע און דאס יידישע פאלק ווערט דורך זיי מיטגעשלעפט אדער אפגעשטויסן. די מקורים פון אלע דערשיינונגען אין יידישן לעבן ליגן תמיד אין ארומיקן נישט־יידישן. די פעלקער פון נילוס־טאל און טייכן־צווילינג (מעסאפאטאמיע) האבן געשאפן די

יידישע געשיכטע אין ארץ־ישראל. און וועגן דער יידישער געשיכטע אין גלות איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אז זי איז בלויז רעאגירונגען אויף פרעמדע ווירקונגען און צופּאסונגען צו באדינגונגען, וואָס ווע־רען געשאפן דורך אנדערע.

אזא איינדרוק שאפט זיך אָפט און ער איז אויבנאויפיק אזוי אָננעמבאר, אזוי ריכטיק. מיר שטעקן אזוי מיט לייב און לעבן אין פרעמדע סאָציאל־פּאָליטישע אָרגאניזמען, אזוי איינגעגלידערט, אז אונדזער גאנצע געשיכטע איז בלויז צופּאסונגען און נישטאָ דאָ קיין אָרט פאר אָרגאנישע יידיש־געשיכטלעכע פּראָצעסן, וואָס זאָלן ארויסשטאמען אָרגאניש פון אונדזער יידישן מהות, אומאָפּהענגיק פון די סאָציאל־פּאָליטישע תנאים פון אונדזער לעבן.

אזוי קלאָר און דאָך, איז אזא מיינונג נישט מער ווי א טעות, א טעות, וואָס שטאמט אָדער פון נישט וועלן אָדער פון נישט קענען בא־נעמען דעם אינעווייניקסטן תוך פון יידישן לעבן, פון דער יידישער געשיכטע. מיר אלע, מיר מאָדערנע יידן, (די נאציאָנאלע און נאציאָ־נאליסטישע ארייגערעכנט), זיינען גייסטיק, קולטורעל אויף אזוי פיל בלויז איבערזעצונג, אז דאָס באקאנטע, דאָס נישט־יידישע פאר־שטעלט אונדז דאָס ווייטערע — דאָס יידישע. מיר מאכן נאָך, מיר טוען נאָך, מיר טראכטן נאָך, „לאָמיר שאפן א יידנפאָלק לויט דעם מוסטער און פאָרמע פון פעלקער" אָט דאָס איז די פּראָגראם, דער צוגאנג. און ווען מיר קומען צו יידיש לעבן, צו יידישער געשיכטע, קומען מיר שוין פון פאָרויס מיט פארטיקע טראפארעטן. קענען מיר בכן קיין ספּעציפיש יידישעס נישט זען פון לכתחילה אָן. איז במילא אונדזער „נישט זען קיין יידישע געשיכטע" — קיין ראיה נישט.

און שוין א פּריאָרי: אויך אין ביאָלאָגיע זיינען אוועק די נאיווע צייטן, ווען מען האָט אין לעבן געזען דרויסנדיקע פאקטאָרן ווי סיבות און די לעבנספאָרמען — זייערע תולדות. איצט ווייסן מיר צו זוכן אין יעטווידער אָרגאניזם זיינע אינעווייניקסטע סטימולאטאָרן, פאקטאָרן, האָרמאָנען. אין זיי איז די טרייב־קראפט און די ריכטונג. די דרויסנדיקע פאקטאָרן בלייבן — דרויסנדיקע ראמען פאר די

אינעווייניקסטע כוחות. אָן זיי איז נישטאָ קיין לעבן, אָן אָט די צו תחית המתים אויפגעשטאַנענע „לעבנס־עלעקסירן" איז טאַקע קיין לעבעדיק וועזן נישט מעגלעך. און א פאָלק, א קיבוץ קען נישט לע־בען בלויז געטריבן דורך דרויסנדיקע פאַקטאָרן, אָן אינעווייניקסטע, אָרגאַניש פון אים קוועלנדיקע „אנטוויקלונג־האָרמאָנען". אָן זיי גייט א קיבוץ אונטער ווי עס זיינען אונטערגעגאַנגען א סך יידישע קיבוצים, ווען עס האָט אין זייער לעבן אויפגעהערט דאָס ספּעציפי־שע.

און כל זמן עס איז דאָ א יידיש פאָלק, איז עס א סימן, אז דורך אַלע דרויסנדיקע איינווירקונגען, השפּעות, פאַקטאָרן, דורך די כסדר־דיקע קנעטנדיקע און פורעמענדיקע דרויסנדיקע קרעפטן, דורך די אַלע רעאַגירונגען אויף די פון דרויסן ווירקנדיקע קרעפטן — דורך דעם אַלעם גייט דורך אן אייגענער, אן אייגנטימלעכער פאָדעם, א ליניע געפירט פון אייגענע, אינעווייניקסטע כוחות, פון לעבנס־האָר־מאָנען פון פאָלק. און אפשר איז אָט דאָס אייגנטימלעכע פיל זעלבסטשטענדיקער, פיל אייגנאַרטיקער איידער די זעלבשטענדיקייט פון די „געשיכטע מאַכנדיקע" פעלקער. אמת, די דרויסנדיקע ראַמען פון אונדזער געשיכטע, דאָס שאַפן זיי, די „באַלעבאַטים" פון דער וועלט. אָבער די ראַם איז דאָך נאָך נישט דאָס בילד. און אין די ראַמען ציט זיך אין דער יידישער געשיכטע אן אייביקער, אָנהפסקה־דיקער קולטור־קאַמף דורך אַלע דורות און דורך אַלע דרויסנדיקע לאַגעס, סיטואַציעס. דורך אַלע דורות, דורך אַלע תקופות, אין אַלע לענדער, אונטער אַלע הימלען, אין אַלע קיבוצים, אין אַלע ישובים, אונטער אַלערליי באַדינגונגען, אין אַלע קולטורן, צווישן אַלע פעל־קער. אומעטום ציט ער זיך אָט דער קולטור־קאַמף, ווי ער וואָלט גע־ווען דער זינען פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע, די אידעע אירע. נישט אומזיסט זיינען אויך די השפּעות, וואָס דאָס קליין יידיש פאָלקל האָט געהאַט אויף דער וועלט, אויך אויפן געביט פון קולטור. און זיי, די השפּעות זיינען נישט געקוקט אויף די קליינקייט און שוואַכקייט פון דעם פאָלק דאָך געווען גאַנץ גרויסע. יעטווידער פאָלק און זיין

ספּעציאַליטעט. און די יידישע ספּעציאַליטעט — דאָס איז דער קול־טור־קאַמף. ביי קיין אַנדער פאָלק איז ער, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט אַזוי פּערמאַנענט, אָן אויפהער, אַזוי מאַסנגעביק ווי ביי יידן.

א) דער קולטור־קאַמף גייט ביי יידן פון די צייטן פון משה רבינו אָן, ער צעוואַקסט זיך שטאַרקער אין די צייטן פון אליהו הנביא אָן. ער בייט זיין געשטאַלט שפּעטער אין צייט פון די נביאים, שפּעטער בשעת די „אנשי כנסת הגדולה" אאז"וו און ווייטער. דער גאָטס־פּאַרכטיקער רעדאַקטאָר פון תנ"ך האָט אין די קאַמפן געזען בלויז די זייט פון רעליגיע, פּראָבלעם פון גאָט און געטער. האָבן אויך שפּע־טער די קריסטלעכע טעאָלאָגן מיט זייערע טעאָלאָגישע אויגן געזען אין אַלע קאַמפן בלויז רעליגיעזע מחלוקותן, טעאָלאָגיע. אין דער אמתן האָט זיך תמיד געהאַנדלט וועגן די פאָרמען פון יידישקייט, ווי אַזוי עס דאַרף זיך אויספאָרעמען דאָס יידיש לעבן. בכן, אין תוך אַריין האָבן מיר דאָ כסדר קולטור־קאַמפן אין אַ רעליגיעזן לבוש, נאָך מער — דורך רעליגיעזע ברילן געזען.

ב) אין יעטווידער סטאַדיע איז דער קאַמף נישט קיין ריין־קול־טור־קאַמף. ניין. דער קאַמף איז תמיד אַ סאָציאַל־פּאָליטישער און אַ סאָציאַל־קולטורעלער. שפּעטער, אין לויף פון דער געשיכטע, ווען די סאָציאַלע, די פּאָליטישע פאָרמען ענדערן זיך, ווערן אָן אויך די סאָציאַל־פּאָליטישע עלעמענטן פון קאַמף זייער שאַרפקייט, זייער אַקטועלקייט, מיט דער צייט ווערן זיי פאַרגעסן. די קולטור־זייט בלייבט לענגער, און אין דער פּערספּעקטיוו פון געשיכטע זעען מיר בלויז דעם קולטור־קאַמף. אויך דאָ, אין דער ווייטערדיקער אָפּהאַנד־לונג וועלן מיר זיך איבערהויפּט פאַרנעמען מיט די קולטור־פּראָבלע־מען פון קאַמף.

ג) אין אַלע זיינע גלגולים, אין אַלע צייטן, אין אַלע דורות, אין אַלע אַרומיקע סביבות און סיטואַציעס האָט מען זיך געקריגט וועגן דער ריכטונג פון דער קולטור. און דריי צדדים נעמען תמיד אַנטייל אין דעם קאַמף:

1) ערשטער צד — דאָס זיינען די אָנהענגער פון אַ פאַרגליווער־

טער יידישקייט, וואָס שטימט שוין נישט לגמרי מיט דעם לעבן. וויי־
סן זיי נאָר די אַלטע אָפּגעלעבטע פאָרמען און מער נישט. אַזוינע
זיינען געווען די „בני רכב" פון אליהוס צייטן. זיי זאָגן זיך אָפּ פון
פלאַנצן וויינגערטנער, פון בויען הייזער. זיי בלייבן נאָמאַדן ווי זייערע
אבות זיינען געווען. שפּעטער, אין א ווייטערדיקער תקופה זיינען
דאָס די איסיים. דער צד בלייבט געשיכטלעך תמיד אָן א זייט פון
לעבן. די ריכטונג האָט נישט קיין אַנטוויקלונג, זי גייט אונטער. אין
לעצטן סך הכל העלפט די ריכטונג דעם ווייטערדיקן

2) — דעם צווייטן צד אין דעם קאַמף. דאָס זיינען די אַסימילאַ־
ציע־גיריקע שיכטן אין פאָלק. סאָציאַל זיינען דאָס תמיד די בורזשו־
אַזערע קרייזן, וואָס זיינען פארבונדן מיט אַנדערע נישט־יידישע
סביבות. די טיפערע אידעע פון זייער קעמפן ליגט אין דעם וואָס זיי
זוכן א „מאָראַליש־לעגאַלן" וועג ווי אַזוי ארויסצורייסן זיך פון דעם
יידישן כלל און אריינדרינגען אין א צווייטע נישט יידישע סביבה.
דאָס איז תמיד א ריכטונג א סוביעקטיוו־נאַציאָנאַלע. זי זאָגט זיך,
אמת, אָפּ פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט, אָבער דערפאַר זוכט זי
אַלטע „אורשפּרינגלעכע" עלעמענטן פון יידישקייט. צי דאָס איז די
כנעניזאַציע, מיט כנענישן קולט פּלוס פּארצייטיקע יידישע געטער־
געצן, וואָס די קעגנערישע ריכטונג האָט שפּעטער אָנגערופן „ירבעם
קעלבער". שפּעטער האָט עס געקענט זיין העלעניזאַציע פּלוס די
פּארצייטיקע תורה שבכתב אין באַשטימטע נוסחאות.

3) דער דריטער צד דאָס זיינען די פאָלקסטימלעכע שיכטן, וואָס
באַמיען זיך צו פירן דעם יידישן כלל ווי א כלל, ווי א קולטור־גע־
מיינשאַפט און פירן אים ווייטער, פאָרויס. זיי באַמיען זיך
ממשיך צו זיין די ספּעציפישע, אייגנטימלעכע קולטור און שטייגער.
ווידער אַמאָל זיינען דאָס סאָציאַל באַשטימטע שיכטן, און אין אַלע
סטאַדיעס זיינען אָט די שיכטן טריי דעם זעלביקן כמעט פּראָגראַם פון
יידישקייט.

ד) עס קען אויך א ריכטונג אין משך פון איין תקופה בייטן איר
לאָזונג, איר פּראָגראַם: אָט זיינען די מתיוונים געווען פּאָליטיש גע־

ניינט צו סירישער אויבערהערשאפט און זייערע יורשים אין דער זעלביקער תקופה — די צדוקים זיינען אנשטאט דעם געוואָרן הייסע קעמפּער פאר פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט, זיי זיינען געוואָרן הייסע פּאָליטישע און אויך קולטור־נאציאָנאליסטן לויט זייער באוווסטזיין און זיי זיינען געבליבן אסימילאטאָריש לויט זייער מהות.

:: :: ::

אלע אָט די אויסגערעכנטע שטריכן פארמאָגט דער קולטור־קאמף אויך ביי היינטיקן טאָג. ווי אמאָל אין מלכות ישראל די „בעליסטן", „כנעניסטן", ווי שפּעטער די „העלעניסטן", — אזוי האָבן די מאָדערנע באוועגונג אָנגעהויבן די זעלביקע סאָציאַלע שיכטן אויסגלייכן זיך קולטורעל כדי צו קענען זיין גלייך סאָציאַל. גלייכבארעכטיקונג, עמאנסיפּאציע. און די „השכלה" — דאָס איז נישט קיין זעלבשטענדיקע קולטור־באוועגונג, זי איז בלויז דער קולטור־אויסדרוק פון דער סאָציאַלער באוועגונג, פון דער אסימילאציע.

די זעלביקע וואָס אלעמאָל דריי צדדים נעמען דאָ אָנטייל: די אָרטאָדאָקסיע (אויף וויפל זי זאָגט זיך אָפּ פון פאָלקסטימלעכקייט) קעמפט און קעמפט און סוף כל סוף פּאָרט זי צו א ביסל אויף א פרעמדן וואָגן און מאכט בלויז גרינגער דער אסימילאציע.

אָט דער צווייטער צד, דער אסימילאציע־גיריקער, ער קליידט זיך ווי תמיד אָן אין א מאנטל פון קלאסישער יידישקייט, כדי צו לעגאַליזירן מאָראליש די אפּטריניקייט. אזוי איז געווען די השכלה. ווי אמאָל די מתיוונים זיינען אויך די ערשטע פּאָרמאציעס משכילים געווען אָפענע און אויפריכטיקע אסימילאטאָרן אין סאָציאַל־פּאָליטישן און קולטורעלן זינען. נישטאָ קיין באזונדער יידיש פאָלק, ווי א פאָלק האָבן יידן נישט קיינע ספּעציפישע אינטערעסן און פּראָבלעמען. מיט דער גלייכבארעכטיקונג פון די יידישע יחידים מיט אלע בירגער צוגלייך זיינען געענדיקט אלע יידישע פראגן. און אזוי ווי די מתיוונים האָבן נאָך די השמונאישע מלחמות געביטן זייער פּרצוף, געוואָרן נאציאָנאליסטיש, פּאָליטיש־שאָוויניסטיש, אזוי איז אויך אין אייניקע ערטער, וו די פרימיטיווע אסימילאציע האָט נישט געהאט

קיין דערפאלג, אויפגעשטאנענע אנשטאט איר און פון איר א נאציא־נאליסטיש־צדוקישע באוועגונג מיט אלע יענע אטריבוטן: פאליטישע זעלבשטענדיקייט, קלאסיציזם, נעגאציע פון תורה שבעל פה. פאר־שטייט זיך, די אלע מאמענטן נעמען אן אנדערע פארמען, זיי האבן אנדערע דרויסנדיקע ראמען, צייט און ארט דיקטירן און צווינגען ארויף זייערע פארמען פון קאמף, זייערע פארמולירונגען, לאזונגען, סיטואציעס. אבער דער תוך, די אידעע פון קאמף איז געבליבן די זעלביקע.

אבער אט די „אידעע פון קולטור־קאמף" איז אן אבסטראקציע. אין דער ווירקלעכקייט זיינען דאך אנשטאט אידעען פאראן לעבע־דיקע באוועגונגען. אין די באוועגונגען קומען כסדר צו עלעמענטן זייטיקע, מאמענטן אריינגעטראגענע דורך פארשיידענע זייטיקע פאק־טארן. זיי געהערן נישט צו דער אידעע, אבער דאס שטערט לגמרי זיי נישט צו קאנצענטרירן ענערגיע, ארויסצוטרעטן אויפן סאמע אויבן אן פון דער גנזעלשאפטלעכער ארענע. און זיי, אט די צוגע־קומענע, נישט די שורשדיקע, לאזונגען פארנעמען גאר די מוחות און זיי פארשטעלן מיט זיך די אמתע, היסטארישע קאמף־צדדים. אויך אין אנדערע מלחמות איז עס אזוי: זייער מקור איז ערגעץ אין סאציאל־פאליטישע סיטואציעס און אויפן אויבערפלאך פון קאמף פיגורירן גאר נאציאנאלע מאטיוון פון „פאטערלאנד" אאז"וו.

:: :: ::

אזא מין צוגעקומענער, פארבייגייענדיקער, נישט בלייבנדיקער מאמענט איז דער שפראכן־קאמף ביי אונז. אט דער הילכיקער, שרייאיקער קאמף, דער קאמף, וואס זיינע לאזונגען — זיי האבן דאס צעטיילט די אקטיווערע עלעמענטן אויף צוויי אנטקעגנדיקע בא־וועגונגען, — דער גאנצער קאמף איז בלויז א צוגעקומענער, ער איז נישט קיין פרימיערער פאקטאר אין דער יידישער געשיכטע. ער איז געשאפן דורך דערשיינונגען און פראצעסן אין היינטיקן יידישן לעבן. קיין אורקוואל איז ער אבער לחלוטין נישט.

דער עצם נאמען „שפראכן־קאמף" („ריב לשונות", אחד העם)

איז א פאלשער. נישטאָ אין יידישן לעבן, נישטאָ אין דער יידישער געשיכטע אזא פאקט ווי א קאמף פון שפראכן. פון פארצייטיקע יאָרן אָן זיינען יידן געווען א צווייטשפראכיק פאָלק, צי מיר ווילן דאָס יאָ, צי נישט, און די צוויי שפראכן האָבן איינע דער אנדערער נישט נאָר נישט געשטערט, נאָר פארקערט געהאָלפן. ביידע שפראכן זיינען געווען און זיי זיינען כלים איינצוהאלטן דעם גייסט פון פאָלק. איז דער גייסט פון פאָלק פון תמיד געוווינט געווען צו שטיין אויף ביידע פיס. די געציילטע ערטער אין תלמוד, וואָס אייניקע ווילן אין זיי זען סימנים פון א שפראכן־קאמף, זיינען לחלוטין צו ווייניק, קנאפ דאָס צו באווייזן. פארקערט, היטנדיק דעם גייסט האָט דאָס פאָלק געהיט די כלים. און יעטווידער פארלאנג צו צעברעכן א כלי פון פאָלקסגייסט, הייסט איינצייטיק אויך אויסגיסן, פארדארבן דעם אינהאלט, אָפּשוואכן דעם גייסט פון פאָלק, מיט דעם אונטערהאקן איין פוס, ווערט די צווייטע פוס לגמרי נישט שטארקער.

און אלע מאָל זיינען די ראָלן פון די צוויי שפראכן געווען פאר־טיילט. האָט העברעיש תמיד איינגעהאלטן דאָס סטאטישע, דאָס אָנגעזאמלטע, האָט די צווייטע שפראך איינגעהאלטן תמיד דאָס די־נאמישע, דאָס שטראָמיקע, דאָס וואָס שאפט זיך. זיינען אין העב־רעישן תמיד געווען די פעדים, אין דער צווייטער שפראך — דער געוועב, וואָס האָט די פעדים פארוועבט. איז דער אראמישער תלמוד געשאפן געוואָרן פון לעבן און ער האָט אין זיך ארייַנגעקנאָטן דעם תנ״ך און אזוי ארום אים איינגעהיט, אים דערהאלטן אין לעבן.

אמת, אין ביבליאָטעקן, אין מוזעען וואָלט מען געקענט איינהיטן דעם תנ״ך אויך אָן דעם תלמוד, אָבער אין לעבעדיקן לעבן — בשום אופן נישט.

איז יידיש געוואָרן י י ד י ש , אָן שום ספק, א דאנק די השפּעות פון העברעיש, ריכטיקער — פון דעם יידישן אינהאלט, וואָס עס האָט זיך איינגעהאלטן אין העברעיש. דער יידיש־דייטשער דיאלעקט איז געוואָרן צו א יידישער שפראך א דאנק דעם, וואָס ער האָט זיך ארייַנגעגאָסן אין יידישן לעבנס שטייגער, האָט זיך דאָרטן אין פראק־

טישער, טאָגטעגלעכער יידישקייט באהעפט אָרגאניש מיט דער עלטע־רער יידישער שפּראך, מיט העברעיש און זיי זיינען ביידע געוואָרן „לבשר אחד" — צו איין אָרגאנישער, הארמאָנישער גאנצקייט. אין לעבן, אין שטוב, אין דאווגען, אין לערנען, ביי א שמחה און טרויער איז געווען גענוצט אויך העברעיש, אזוי ווי עס האָט זיך צונויפגעהארמאָנירט מיט יידיש און דורך אים איז יידיש פארבונדן געוואָרן אויך מיט דעם העברעיש, וואָס בלויז אין ספרים. אָן יידיש, ווערט מען אָפּגעריסן פון יידן, פון יידישן אינהאלט, און אז דאָס פעלט, טאָ צו וואָס קען מען באהעפטן די נייע דורות יידן? צו א שם המפורש? אז עס פעלט א געפיל צו לעבעדיקע יידישע יידן, טאָ צו וואָס דעמאָלט יידישקייט? — אן אבסטראקציע?

איז העברעיש נישט פארגעסן געוואָרן בלויז א דאנק דעם, וואָס זי איז שטיקערווייז אריינגעפלאָכטן געוואָרן תמיד אין יידישן לעבן און במילא אין יידיש. דר' יצחק עפּשטיין שרייבט: „העברעיש איז זוכה געווען לעבעדיק צו ווערן אויך ווי א וואָכעדיקע שפראך א דאנק דעם, וואָס זי איז צוויי טויזנט יאָר געווען די „לשון קודש" אין דער וואָכן". אין וואָכעדיקן לעבן, ה'ד, אין שפּראכלעכן יידישן לעבן, ריכטיקער אין יידיש גופא. („ראשונים" ז' 130). קיין איין שפּראך וואָס יידן האָבן ווען עס איז באנוצט, — אויסער אראמיש, — האָט נישט אזוי פיל אָפּגעהיט העברעיש ווי דאָס האָט געטאָן און דאָס טוט אויך איצט יידיש. פארשטייט זיך, מען טאָר בשום אופן נישט מיינען, אז יידן האָבן ספּעציעל געהיט העברעיש, העברעיש פאר זיך אליין, ווי א זעלבשטענדיקן ווערט. ניין! אזא מין היטן האָבן יידן קיינמאָל נישט געוואוסט. העברעיש האָט זיך אויפגעהיט צוליב דעם אינהאלט, וואָס ער איז געווען טייער. נישט „לשון קדושה" (הייליקע שפּראך) האָט דאָס געהייסן ביי יידן, נאָר לשון הקודש" (די שפּראך פון הייליקייט).

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין האָבן ביידע שפּראכן געלעבט צו־זאמען און זיי האָבן זיך אפילו נישט געטראכט צו קריגן. האָבן די צדוקים נישט געוואָלט דעם ספר „דניאל" אריינעמען אין תנ"ך —

ער איז אַן אַראַמישער. האָבן די פּרושים אַריינגענומען דווקא דניאל און נישט אַריינגענומען „בן סירא" און די „חשמונאים" נישט געקוקט אויף זייער ריינער העברעישער שפּראַך. און קיין „אַנטיהעב־רעיסטן" זיינען די פּרושים געוויס נישט געווען. יידן האָבן קיין מאָל אין קיין זאַך נישט „געהיט" עפּעס אַ הייליקייט ווי מען היט ביי לייטן אין מוזעען, אין אַרכיוון. אַלץ, וואָס עס האָט זיך איינגעהיט האָט זיך איינגעהיט בלויז אין דינאַמיק פון לעבן, אין טאָגטעגלעכן לעבנס שטיינער. היטן, אויפהיטן אַ שפּראַך ווי אַ ווערט אַליין, פאַר זיך גופא, ווייל אירע ווערטער זיינען הייליק, צו וואָס? — אַזאַ געצנדינעריי איז דעם טראַדיציאָנעלן יידן קיינמאָל נישט איינגע־פאַלן. יידיש און העברעיש האָבן געהאַט איינע און די זעלביקע אויפגאַבע — זיי האָבן ביידע צוזאַמען אין זיך געטראָגן דאָס יידיש לעבן, יידישקייט. רייכער דאָס לעבן — רייכער די שפּראַך. וואָס זאַפטיקער איין שפּראַך, אַלץ לעבעדיקער די צווייטע. קיין שום קאַמף קיין שום קאָנקורענץ. קיינער האָט נישט געפּרובירט מסדר קדושין זיין אויף יידיש און קיין בדחן וואָלט נישט איינגעפאַלן צו באַזעצן די כלה אויף העברעיש.

ווען האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף, וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן „שפּראַך־קאַמף"?

אָט דער קאַמף איז אַ סך עלטער פון דעם העברעיזם. בראשית זיי־נען די קעמפערישע שפּראַכן געווען די „לשון המדינה". דאָס האָבן די ערשטע משכילים אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן דעם יידישן לשון. צוליב דעם איז דאָס דער תנ״ך איבערגעזעצט געוואָרן דורך מענ־דעלסאָן און זיינע תלמידים אויף „ריינעם" דייטש. אָפּן אַגיטירן דערפאַר אַלע משכילים אויף אַלע שפּראַכן, וואָס זיי שרייבן. פאַר דעם „לשון המדינה" אַגיטירט דער העברעישער „המאסף" (1804 יאָר). אין דער רוסישער השכלה איז לאַנגע יאָרן אָנגעגאַנגען אַ מחלוקת: מיט וואָסער שפּראַך זאָל מען מזכה זיין די יידן — צי מיט דייטש זאָל מען זיי באַגליקן אָדער מיט רוסיש. איז דער עלטע־רער דור משכילים, דער מער ראָמאַנטישער געווען פאַר דייטש און די

ייִנגערע, פון דער יונגער ייִדישער בורזשואַזיע — פאַר רוסיש (פ. מאַרעק 1909, דווא וואָספּיטאַניא) וועגן העברעיש האָט מען דע־מאָלט נאָך גאָרנישט געטראַכט. בכן איז דער פּראָנט קעגן ייִדיש עלטער און ברייטער פון דעם פּראָנט פאַר העברעיש. די קעגנעריש־קייט צו ייִדיש האָט אַנדערע מקורים, זי קוועלט פון אַנדערע און עלטערע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן אין ייִדישן לעבן. דער פּראָהעברעיש איז אַריין אין דעם קאָנטראַ־ייִדיש־פּראָנט אַ סך שפּע־טער און האָט פאַרנומען בלויז איין ווינקל פון דעם פיל ברייטערן אַנטי־ייִדישן פּראָנט.

בכן, האָט דאָס די השכלה אָנגעהויבן דעם קאַמף קעגן ייִדיש. פאַר איר איז אָט דער קאַמף געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון איר גאַנצער פּראָגראַם. די פּראָגראַם איז דאָך געווען „אויסוואָ־צלען די ייִדישע אָפּגעזונדערטקייט", ווי די משכילים האָבן גערופן אַלץ וואָס ייִדיש איז. און וואָס איז נאָך אַזוי אָפּגעזונדערטקייט ווי ייִדיש? עס איז געשטרעבט געוואָרן אָפּצווווישן אַלץ וואָס עס איז ספּעציפישע ייִדישקייט, לאָזן בלויז אַן „אומשעדלעכן מינימום". אָט פון דאַנען ציט זיך דער אַנטי־ייִדיש־פּראָנט, — פון דער אַסימילאַציע. קאַמף קעגן ייִדיש איז דאָ בכן אידענטיש מיט קאַמף קעגן ייִדישקייט. אַזוי איז עס געווען אין מערב אייראָפּע, אין האָלאַנד, אין דייטשלאַנד, אין רוסלאַנד־פּוילן. און אַזוי ווי העברעיש האָט זיך אין ייִדישן לעבן געהאַלטן כסדר געקניפּט, געבונדן מיט דעם ייִדישן שטייגער, וואָס אויף דעם ייִדישן לשון, האָט יעטווידער אַטאַקע קעגן ייִדיש אויך אונטערגעשוווענקט די פונדאַמענטן פון העברעיש. און נאָך אַ סך מער אונטערגעשוווענקט, ווייל העברעיש איז דאָך סוף כל סוף אין טאָג־טעגלעכן לעבן קנאַפּער געווען פאַרוואָרצלט און ביז ייִדיש איז אויסגעראָטן געוואָרן איז שוין פון העברעיש קיין זכר נישט גע־בליבן. אָט האָט מענדעלסאָנס דור משכילים באַנוצט זיך מיט העברעיש כדי צו באַקעמפן ייִדיש („המאסף"). צום ערשטן האָט דעם „נצחון" קעגן ייִדיש דערשפּירט דער העברעישער „המאסף" אַליין, וואָס מוז אונטערגיין אין אַ צען יאָר אַרום, ווייל עס איז שוין ניש־

טאָ ווער עס זאָל אים לייענען. דאָס זעלביקע חזרט זיך איבער שפּע־טער אין רוסלאַנד. קלאָר: דער יידישער קיבוץ איז דאָ גרעסער און די פּראָצעסן פון אונטערגאַנג גייען דאָ פּאַמעלעכער. אָבער עס איז דאָך באַקאַנט דאָס טרויעריק ליד פון י. ל. גארדאן „למי אני עמל!״ — אם לא האחרון במשוררי ישראל אנוכי?״ און ער איז געווען גערעכט. ער איז טאַקע געווען א לעצטער. די וואָס זיינען געגאַנגען אין זיינע דרכים, די וואָס האָבן זיין קולטור־פּראָגראַם געהאַלטן, — זיי האָבן מער קיין יידישע און במילא אויך קיין העברעישע שרייבער און לייענער נישט געשאַפן. האָט מען אין די פופציקער און אין די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געשטרעבט און א געזעל־שאַפט געמאַכט צו „פארשפּרייטן די רוסישע שפּראַך און בילדונג צווישן יידן״ (אזוי האָט לכתחילה געהייסן די שפּעטער באַקאַנטע „מפיצי השכלה״. זע טשעריקאָווער געשיכטע פון מפיצי השכלה 1913 פּט׳ב, רוסיש) האָט אין א אנדערטהאַלבן צענדליק יאָר ארום דער פּאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט ל. ראָזענטאַל געדאַרפט אלאר־מירן „געוואלד, מען פארגעסט העברעיש״.

קלאָר: צוזאַמען מיט יידיש און נאָך פריער איז אין אלע מערב־אייראָפּעאישע קיבוצים אונטערגעגאַנגען אויך העברעיש. אויך אין מזרח־אייראָפּע האָט דאָס באַקעמפן יידיש געפירט במילא צום אונ־טערגאַנג פון העברעיש. אונטערגעצונדן די שטוב — פאַרברענט די מזוזה. דערשטיקט די האַלדז וואָס עסט, איז נישטאָ אויך ווער עס זאָל בענטשן.

אויב י. ל. גאָרדאָנס נביאות איז אין רוסלאַנד בכלל נישט מקוים געוואָרן, איז דאָס פאָרגעקומען, נישט געקוקט, אויף די משכילים. אויב די העברעישע ליטעראַטור האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט דווקא נאָך דעם „לעצטן דיכטער״ — איז דאָס דווקא מחמת דעם, וואָס די קולטור־פּראָגראַם פון די דעמאָלדיקע העברעיסטן און העברעישע שרייבער איז נישט מקוים געוואָרן. דער גאַנצער ווייטערדיקער דור העברעישע שרייבער און לייענער איז געקומען בלויז פון די קרייזן, וווהין עס זיינען נאָך נישט דערגאַנגען די טעאָריעס פון די העברעיס־

טישע משכילים. דאָס איז אַלץ געקומען פון דאָרטן, ווו עס האָט גע־הערשט די אַלטע פאַרשריענע, פאַרשפּיגענע, אויסגעלאַכטע און אָפּ־געהוזקטע טראַדיציע. דאָס איז, דאַכט זיך, א זאַך א קלאָרע פאַר אַלעמען, וואָס זעען דאָס ארומיקע מיט פּשוטע אויגן, אָן חכמות און אָן פּשטלעך.

און די גאַנצע צייט איז דאָ נישט געווען קיין שפּראַכן־קאַמף. עס איז געווען א קולטור־קאַמף, וואָס האָט צווישן אַנדערע אויך ארומגע־נומען די שפּראַך. עס איז געגאַנגען וועגן דעם צי יידן זאָלן בלייבן א פאָלק מיט א באַזונדערן, ספּעציפיש יידישן אינהאַלט אין לעבן אָדער יידן גיבן דאָס אַלץ אויף, זיי אסימילירן זיך, זיי לאָזן איבער רעשטלעך פון קולט, — דעם „ספרים־שראַנק" און דעם „ארכיוו פון אמאָליקער יידישקייט", (דעם תנ"ך און חכמת היהודות"). אין תוך אריין, דער אַלטער קולטור־קאַמף, וואָס ציט זיך פון אמאָל אָן. דער אַנטי־יידיש־פראָנט איז דאָ נישט געווען „מאהבת מרדכי" — צוליב העברעיש, נאָר „משנאת המן" — צוליב דער אַקטיווער שנאה צו אַלץ, וואָס יידיש איז. צו העברעיש איז טעאָרעטיש געווען אַן אַנדער באַציונג מחמת צוויי מאָטיוון. ערשטנס איז דאָך דאָס ביי זיי אין די אויגן געווען די „ארכיוו־יידישקייט", וואָס איז פון איי־ביק אָן געווען ביי יידישע אסימילאַטאָרן א סגולה קעגן יידישקייט. צווייטנס איז דאָס העברעיש געווען א קאָמפּענסיר־באַגריף קעגן יידיש. „וואָס, יידיש איז א לשון?! — העברעיש איז א שפּראַך! אאַז'וו. א באָמבע צו שיסן אין יידיש און אין ספּעציפיש יידישעם בכלל. פאַר זיך אַליין איז העברעיש פאַר די אַנטי־יידישיסטן געווען — די זעלביקע יחסנטע, די זעלביקע „אשורישע קוואַדראַטיקלעך" (א איראָניש אָפּהוזקן פון דעם שפּעטערדיקן בעל תשובה לעוואַנדע). דאָס איז איינע פון די טראַגישע דערשיינונגען אין אונדזער לעבן, מיט דער סענטימענטאַלער ליבע צו העברעאיש האָט מען ווי מיט א רידל אונטערגעגראָבן יידיש און יידישקייט און במילא אויך הע־ברעיש.

נישט געווען און נישט מעגלעך קיין רענעסאַנס פון העברעיש אין וואָרט און אין שריפט דאָרטן ווו יידן האָבן אויפגעהערט צו ריידן יידיש.

ביז איצט האָט דער געשיכטלעכער פאַקט קיין אויסנאַם נישט.

בכן, האָט די ערשטע כוואַליע פון אַנטי־יידישיזם גאָרנישט נישט צו טאָן מיטן העברעיזם. עס איז געווען איינע פון די אַנטפּלעקונגען פון דער אַסימילאַציע. דאָס „גלעטן העברעיש איבערן קעפּעלע" איז געווען בלויז כדי שטאַרקער צו מאַכן דעם בריק אין יידיש.

און אַזוי ווי פון די מתיוונים זיינען שפּעטער אויפגעקומען די צדוקים, אַזוי ווי פון דעם עמאַנסיפּאַציע־אידעאַל איז געבאָרן געוואָרן דער אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע־ציוניזם, אַזוי איז אויך פון דער השכלה אויפגעקומען דער העברעיזם. כמעט אַלע העברעיש שרייבער קוקן אַזוי אויף זיך, ווי אויף יורשים פון דער השכלה און אַזוי איז דאָס פאַקטיש.

דער העברעיזם ווי א באַוועגונג האָט פון לכתחילה נישט געשאַפן דעם העברעישן קולטור־רענעסאַנס. דער העברעיזם האָט אויך אים נישט געוואָלט אויסנוצן. צוויי דרכים זיינען דאָס געווען: דער אויפבלי פון העברעישער ליטעראַטור און מיט א באַזונדערן וועג איז געגאַנגען די קולטור־פּראָגראַם פון העברעיזם. דער העברעישער קולטור־רענעסאַנס הויבט זיך אָן פּונקט ווי דער יידישער פון מענדעלען. די השכלה־ליטעראַטור איז געבליבן „ספרים חצוניים". עס האָבן בשעתו זי געלייענט בלויז ישיבה־בחורים — ערב אפּיקורסים. די אמתע אפּיקורסים האָבן שוין אויף איר געקוקט מיט ביטול, ווי דער־וואַקסענע אויף קינדער. דאָס פאָלק האָט עס נישט אויפגענומען נישט בשעתם און נישט שפּעטער. און קלאָר: מיט געבאָרגטן אָפּגלאַנץ פון פרעמדע זונען קען מען קיין קולטור־לעבן נישט פירן. די גאַנצע פּראָגראַם פון „יפיתו של יפת באהלי שם" דערמאָנט די מעשה ווי בעלעמער יידן האָבן געוואָלט די לבנה אריינגנבענען אין א פּעסל וואַסער. עס זיינען טאַקע געווען געדרוקט ביכער, אָבער זייער ווירקונג

בשתם כמעט גול, נאָך זיי — גול. מענדעלע האָט דאָס דער ערשטער גענומען די פּאָטענציעלע ענערגיע פון דורות שרייבער, דער מקור פון קונסט־השפּעות אויף ברייטע שיכטן יידן. פון מענדעלען שטאמט די גאנצע נייע העברעישע ליטעראטור, נאָר מער ווי די יידישע. איין יידי־שער קולטור־רענעסאנס אויףביידע שפּראכן. עס איז אוממעגלעך צו געפינען א ווערטיק ווערק אין דער העברעישער ליטעראטור, וואָס זאָל גייסטיק, קולטורעל, שפּראכלעך שטאמען נישט פון מענדעלען. איז דאָס איז דער וועג פון דער העברעישער קולטור. אָט אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער קולטור צווייג, וואָס מיר האָבן אין א צווייטן קאַפּיטל אָנגערופן ביאַליקיזם.

דער העברעיזם אָבער ווי א קולטור־פּאָליטישע באוועגונג האָט גאָר אן אנדער וועג. ווי די עמאנסיפּאציע־אידעאָלאָגיע האָט זיך אי־בערגעגאָסן אין אויטאָעמאנסיפּאציע, אזוי האָט זיך די השכלה אי־בערגעגאָסן אין העברעיזם. קודם כל איז דאָ וויכטיק געווען צו באַ־פרייען יידן (קודם כל זיך) פון דעם אלעם צופּיל „אָפּגענוצטן", „פאראומריייניקטן" ביי יידן. איז דאָס געווען קודם כל יידיש, אָבער אויך לשון קודש, ד'ה העברעיש אין איר יידישלעכער פאָרמע, ווי דער לשון עקזיסטירט אין מויל פון זעקס און ניינציק פּראָצענט פון גאנצן פאָלק. די מאָטיוון, אז אזוי האָט מען גערעדט אמאָל זיינען וויסנשאפטלעך נאָך לגמרי נישט זיכער און סאָציאל מאָדנע: קיין איין פאָלק און קיין איין שפּראך אין דער וועלט ווערט דאָך נישט גערעדט „ווי אמאָל". זיינען בכן דען אלע שפּראכן אין זייער איצ־טיקער פאָרמע „פאלש"? וואָלט דאָך עס נישט איינגעפאלן קיינעם צו זאָגן וועגן א וואָסער עס איז שפּראך אין דער וועלט! אומעטום ביי אלעמען און בנוגע צו אלעמען איז מאַסגיביק און „ריכטיק" ווי די מערהייט פון פאָלק רעדט. ביי די העברעיסטן — פארקערט. ווייל פּסיכאָלאָגיש איז דאָך דאָ געווען דער צוועק צו אנטלויפן פון דער גאנצער יידישקייט, אויך פון דעם „יידישלעכן העברעיש". דער סטיל פון העברעיש איז גענומען געוואָרן א נייער, וואָס האָט קיינע וואָרצ־לען נישט אין דער פריערדיקער העברעישער ליטעראטור, ווערטער

זיינען געשאַפן געוואָרן נייע, פון קאָפּ, צוגעטראַכטע, אָן גרונטן אין דעם ביז דעמאָלדיקן העברעיש (אזוי כאַראַקטעריזירט ביאַליק דעם העברעיש פון בן־יהודה).

א מאָדנער גלויבן פון כוח אין ווערטער האָט זיך איינגעבירגערט אין די הערצער: „רייד העברעיש, וועסטו געזונט ווערן". אין פלוג גערעדט — א מין מיטלאַלטערלעכער גלויבן אין שפּרוך. אין תוך אריין — נאָר די צווייטע אויפלאַגע פון דעם משכילים־אסימילאַטאָריש „רייד דעם לשון המדינה, און וועסט געראַטעוועט ווערן"... איןביידע לאָזונגען — דער זעלביקער יסוד, איין פּסיכאָלאָגיש־לאָגישער גרונט: די קראַנקייט, וואָס פון איר דאַרף מען זיך אויסהיילן איז די יידישע שטיינערישקייט, דער יידישער וועזן, — יידישקייט. יידישקייט, שטיינערישע יידישקייט, פּאָלקסטימלעכע, המונישע איז, נעבעך, א צרה, א פּעקל, א יאָך, א הויקער און די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פאַר יידן איז זיך צו באַפרייען פון דעם יידישן הויקער. קולטור, פּראָגרעס, אַל דאָס שיינס און גוטס איז אין דרויסן, אין דער פרעמד. אַל דאָס נעגאַטיווס — ביי אונדז אינעווייניק. און דערפאַר איז — „רייד העברעיש", — עס איז א סגולה זיך צו ראַטעווען פון יידישקייט. וואוהין זיך ראַטעווען? — אויב נישט אין אַנדערע פעלקער אריין, אין א „נייער" יידישקייט לויטן מוסטער פון אַנדערע פעלקער.

העברעישע נעמען, כשרע תנכישע נעמען זיינען פּסול געוואָרן, אויב זיי זיינען גענוצט געוואָרן ביי יידן. משה, דוד, שלמה, דבורה, שרה, רחל — פּונקט אזוי פּסול ווי בערל, שמערל, ווי ביילע און קיילע. אָט אזוי איז אויסגעוואַקסן דאָס, וואָס אחד העם זאָגט אויף דעם „שלילות הרבה המעוררות תמהון וצער". אזוי איז אויסגעוואַקסן דער בן־יהודיזם.

אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין קולטור־קאַמף גייען די צוויי צוזאַמען. אין קאַמף פאַררופט זיך דער העברעיזם תמיד אויף העברעישער קולטור, זי איז זיין יחוס פּונקט ווי די השכלה פלעגט פירנדיק צו אסימילאַציע, כסדר אָפּערירן מיטן תנ"ך און מיט „שרי־דה ויחידה", מיט דער „שפת קודש".

ווען מען לייענט די שפּראַך־פּאָלעמיק אין איר אָנהויב, אחד־העמס „ריב לשונות" און נאָך מער — זשאַבאָטינסקיס „יעוורעיס־קאַיע וואָספּיטאַניע" (א בראָשור 1905), זעט מען דעם מקור פון דעם, דעם צוגאַנג. א ייִד, א אינטעליגענטער ייִד פילט זיך מיט זיין יידישקייט ווי א מיידל א הויקער מיט איר מום. — אזוי שרייבט זשאַבאָטינסקי ווי געלייענט פון דער אייגענער נשמה, — ער זעט אַרום זיך דעם „סרול", דעם מאַרק, אָבער נישט דעם „ישראל" אַאַז"וו. ער איז מקנא אלע אנדערע, וואָס זיינען „געזונט", פריי פון דעם מום. אָט פון דעם דאַרף דאָס דער העברעיזם ראַטעווען דעם יידישן מענטשן. נישט „סרול" איז א מענטש מיט אַלעמען גלייך, פאַרמאָגט זיין „איך", זיין ווערט, זיין מענטשלעך ווערט מיט אַלעמען גלייך... ניין, דאָס נישט: „סרול" איז טאַקע עפּעס א הויקער, א קריפּל און כדי צו ווערן מיט לייטן גלייך דאַרף ער זיך „אויסטאָן" פון זיין „סרול" און זיך איבערנעמען מיט דעם אַמאָליקן גרויסאַר־טיקן „ישראל". נישט דעם געפּיל פון אייגענער געפּאַלנקייט דאַרף מען באַקעמפן, נישט מען דאַרף ביי דעם „סרול" שטאַרקן זיין עלע־מענטאַרן באַוווסטזיין: „איך, סרול, בין א מענטש מיט אַלעמען גלייך" ניין, דער העברעיזם האָט „סרולן" פיינט מיט אלע שונאי ישראל צוגלייך. און די תרופה — מען דאַרף אַנטלויפן פון אים. לאָזן אים, ער זאָל אויסגיין, אונטערגיין און אַנשטאַט אים דאַרף מען אויסהאָדעווען א נייעם מענטשן, וואָס זאָל זיין „צו לייטן גלייך", וואָס קלאָר, ווען אַנשטאַט „סרולן" וואָלט געווען דער אַמאָליקער „ישראל" וואָלט ער געווים געווען נישט ערגער פון לייט. אָט דער העברעיזם האָט נישט אַנערקענט, נישט אויפגענומען מענדעלעס העב־רעיש, מענדעלעס שפּראַך־ און ליטעראַטור־רענעסאַנס. דאָס איז גע־ווען פאַר אים פּונקט אזוי נישט ליב ווי מענדעלע אין יידיש, אזוי ווי אַלץ, וואָס שמעקט מיט „סרולן". עס איז באַקאַנט דער פאַקט, אז די אָדעסער חברה „חובבי שפת עבר" האָט בשום אופן נישט אַנער־קענט מענדעלען פאַר אַן ערנמיטגליד נישט געקוקט אויף אלע באַ־מיאונגען און מלחמות פון ביאַליקן. די מאָטיוון וואָס פאַרשיידענע

סברות גיבן אָן ענדערן נישט דעם פאקט אין דעם תוך. מענדעלעס רענעסאנס האָט געהאט צוויי „אייניקלעך" שלום־עליכמען אין יידיש און ביאַליקן אין העברעיש. דער העברעיזם איז א זייטיקער שטראָם, א זון פון אן אנדער מאמען.

פאר דעם העברעיזם איז העברעיש נישט סתם א „פאָרם", נישט בלויז א כלי פאר קולטור. ניין, פאר אים איז דאָס טאקע א תוך זאך „נאָר נישט יידיש", נאָר נישט „סרוליק" און סרוליקס לשון. זאָל דער אינהאַלט זיין וואָס עס איז, זאָל די כלי זיין אָנגעפילט מיט וואָס עס איז, זאָל זי זיין ליידיק, אָן קולטור־אינהאַלט, די עצם העברעיישע קלאנגען באפרייען דעם העברעיסט פון פסיכאָלאָגישן, גייסטיקן צו־בונד צו „סרוליקן", און צו אָט דער באפרייאונג, צו דער „עמאנסי־פאציע" שטרעבט ער דאָך. עס מאכט אים פארגעסן זיין אָפּשטאַם פון „רוליקן". ווי יענע דינסטמיידל, וואָס פודערט זיך אָן און וויל זיך איינריידן, אז זי איז פרינצעסין. מיטן ריידן העברעיש דערגרייכט דער העברעיסט די זעלביקע רעזולטאטן, וואָס דער יידישער אסימי־לאנט אין אנדערע לענדער מיט זיין ריידן פרעמדע שפראכן, — ער ווערט חשובער אין זיינע אייגענע אויגן, ער זעט זיך אויסער דער מאסע העפּלעכע „סרוליקעס", מיט „לייטן" גלייך פילט ער זיך. א אילוזיע אזא ווי ביי שלום עליכמס יינגל, וואָס זעט די פּלישתים אין גאָרטן־גרינסן און קעמפט מיט זיי.

עס איז בכלל א טעות צו מיינען, אז די עמאנסיפאציע־שטרע־בער האָבן געשטרעבט צו באפרייען יידן פון אונטערדריקונג, פון דרויסנדיקער מאכט און גוואַלט. אין דער אמתן איז עמאנסיפאציע אין אלע אירע פאָרמאציעס א שטרעבן זיך צו באפרייען פון יידן, פון יידישקייט.

אין געזעלשאפטלעכן לעבן גייען דערוויל נאָך ביידע באוועגונ־גען צוזאמען — דער העברעיזם מיטן העברעישן רענעסאנס. אָבער דאָס קומט מחמת מיר זיינען אויבנאויפיק, מיר לעבן מערער מיט לאָזונגען איידער מיט דעם מהות פון באגריפן. מיר פאָלגן מערער, מיר גייען נאָך מערער איידער מיר דרינגען זיך דורך מיט אידעען.

און קיין געזונטן אינסטינקט, וואָס זאָל אָן אנאליז אָפּקלײבן דאָס ריכטיקע פון דעם געפּעלשטן, דאָס עכטע פון דעם בלויז שרײיאיקן. — אויך דעם אינסטינקט פאַרמאָגן מיר איצט נישט. ער איז פאַראַן בלויז ביי מענטשן, וואָס זיינען קולטורעל־גייסטיק גאַנץ און מיר זיינען אויף מער ווי האלב איבערגעזעצטע... עס קען אויך זיין, אז די באַוועגונגען גייען צוזאַמען, ווייל זיי האָבן געמיינזאַמע קעגנער, און אין דער ווערטער־מלחמה און פּאָלעמיק איז לגמרי שווער אונ־טערצושיידן ביידע שטרעבונגען. און דער „זיווג" צווישן העברעי־שער קולטור און העברעיזם האלט זיך, כאָטש דער „שלום בית" ווערט, דאַכט זיך, שוואַכער. עס וועט נאָך געדויערן לאַנג ביז די אמתע קולטור־גירדיקע פון העברעיסטישן לאַגער וועלן זיך ארומזען, אז אין תוך אריין גראָבט דער העברעיזם אונטער זיך אליין, די וואָרצלען פון דער העברעישער קולטור. ער האָט פיינט יידיש ווײַלע עס איז י י — ד י ש , מאמע־לשון. אָבער אויף וויפל העברעיש ווערט מער און מער פאַרשפּרייט צווישן יידן, הויבט עס אָן צו האָבן דעם טעם און ריח פון לעבעדיקע, פּשוטע יידן, פון יידיש און אָט דער ריח שמעקט זיי גאָרנישט. און וועט העברעיש ווערן נאָך מער גענוצט, הערט אויף העברעיש צו זיין א „יחסנטע". אלע, וואָס האָבן פיינט יידן וועלן מיט דער צייט מוזן פיינט האָבן העברעיש, אויף וויפל זי וועט זיין פאַרשפּרייט צווישן יידן.

שוין מערקן זיך סימנים פון אזא נעגאַטיווער באַציאונג. שוין האָט „העברעיש אין א'י א מיאוסן קלאַנג" (זשאַבאָטינסקי). שוין שיט מען פעך און שוועבל אויף תל־אביב... ווייל זי איז אויסשליס־ארץ ישראל אויספיינען זיך מי טזייער ענגליש און מיט דער ענגלי־לעך יידיש. שוין הויבן אָן אונדזערע אלט באַקאַנטע סנאָבעס פון שער צייטונג אין די אויטאָס. פונקט אזוי ווי דער משכילישער „אהבת שפת קודש" האָט געפירט צו — דייטש און רוסיש, פירט אויך איצט דער ציוניסטישער העברעיזם — בכל אופן נישט צו די הע־ברעישע קולטור־אוצרות, וואָס זיינען גענוצט געוואָרן דורך יידן.

אויף אן ענלעכן אופן האָט אויך די אנטקעגנדיקע ריכטונג צוויי

באַזונדערע מקורים, פאַרשיידענע און ווייטע. און פּונקט אַזוי איז אויך צווישן די צוויי צווייערליי „יידישיזמען" נישט דורכגעמיט די נויטיקע גרענעץ.

עס איז אַראָפּגעגאַנגען אויף יידישע פּשוטע מאַסן אַ הומאַנישע גאולה: אויך דער פּשוטער ייד האָט אין זיך גאָט, פאַרמאָגט קולטור. די תורה, די קולטור איז נישט בלויז ביי די לומדים, ביי די אויסדערוויילטע, ניין. אַ מין „כל ישראל יש להם חלק" — אין לעבן פון אַלע פּשוטע, המונישע יידן און יידישע המונים איז פאַראַן ווערטיקע און פולווערטיקע קולטור. אויס מיט דעם ביטול צום „עם הארץ". דער „גרויסער" ייד איז גרויס מיט זיין פאַרטיפן זיך אין דעם פּשוטן לעבן פון פּשוטן יידן, מיט דעם זוכן דורך דעם „עם הארץ" די „עלית נשמה", די דערהויבונג פון גאַנצן כלל און פון דעם עם הארץ בתוכם. דאָס זיינען אין דער רעליגיעזער יידישקייט געווען איניקע שטראָמען אין חסידישקייט. ר' נחמן בראַצלאַווער, דער בעש"ט אַליין, דער קלאַסישער אוהב ישראל, ר' יצחק לוי מבארדיטשעוו, דאָס איז יענער לעבעוויצער רבי, וואָס דאַוונט אויף יידיש, ווייל אַזוי איז גאָט גרינגער, נענטער, היימישער. דאָס איז מיט איין וואָרט „ביאַלע". גאָט איז אין אונדז, נישט זוכט אים וויט!

אין דער וועלטלעכער יידישקייט איז דאָס ווידער אַמאָל מענדעלע, ליפשיץ, איז דאָס מארק וואַרשאַווסקי, איז דאָס אַליקום צונזער און איז דאָס שלום עליכם. — קולטור איז אין אונדז, זוכט זי נישט וויט פון זיך. און אויך איז קולטור אין יידישן לעבן. כדי צו קומען צו קולטור דאַרף מען זיך לגמרי נישט אויסטאָן פון זיך. יידיש איז דאָ נישט קיין תכלית פאַר זיך, נישט אַלץ איז גוט, וואָס אויף יידיש. ניין יידיש איז דאָ אַ וועג צו יידישקייט צו דער נשמה פון פאָלק, צו די נשמות פון אָט די הונדערט, טויזנט, טויזנטער מנינים קליינע יידעלעך, ווייל אין זיי, אין זייערע נשמות, אין די צעווייטיקטע, צעשמייכלטע פּשוטע, „שטומע" און ריידעוודיקע נשמות איז אויך די נשמה פון פאָלק. נישט אין ספרים ערגעץ איז זי, נישט אין ווייטע און פאַרבאָרגענע סודות התורה, נאָר דאָ, דאָ ווו יידן ווײ־

נען און לאַכן, דאָרטן רוט אויך די שכינה. און דאָס יידיש לשון איז ־יער וועג צו דער שכינה פון פאָלק, צו זיין נשמה, צום גאָט פון פאָלק.

עפּעס אין אַ חסידישן ספרל האָב איך געזען אַ מעשה: אַ חסיד איז געקומען צו ר׳ אברהמלע סטרעטינער בעטן אַ סגולה צו יראת שמים. — ניין אזא סגולה האָט ער נישט. ער קען אָבער געבן אַ סגולה צו אהבת שמים, ליב האָבן גאָט. און די סגולה איז אהבת ישראל... אַ גרויסע, אַ גרויסע אהבת ישראל ליגט אין אָט דער יידי־שער יידישקייט. עס איז אַ הומאַנישע גאולה פון פּשוטן יידן, פון פּשוטע יידישקייט.

דאָרטן וווּ עס זיצן צען, דריי יידן, און אפילו איין ייד און איז אריינגעטאָן אין יידישקייט, אין יידישער נשמה און אין איר פיר, — דאָרטן רוט אויך די שכינה.

קיין קנעכט קען נישט אויסגעלייזט ווערן, קנעכטישע נשמות זיי־נען קנעכט, אפילו ווען זיי זיינען פריי. און דער ערשטער שטאַפּל צו דער אויסלייזונג איז די פּסיכאָלאָגיש־מאָראַלישע גאולה: קודם כל מוזן יידן דערשפּירן, דערפילן אָרגאַניש דרך ארץ צו זיך אליין, צום כלל „ייד" און צום יידן אין יעטווידער ייד באַזונדער, אכטונג צום יידן אין זיך און אין צווייטן, מען מוז קודם כל ליב קריגן דאָס היי־מישע יידישלעכע אין אונדז, אין אונדזער קנייטש מיטן שטערן, אין אונדזער דריי מיטן פינגער, מאַכן מיטן קאָפּ, „אָבער זייט אייך, חלילה, נישט מבטל, — לערנט ביי שלום אַש דער תהילים־ייד, — ביטול איז דער וועג פון יצר הרע. ביזט זיך מבטל, ביזטו אַלץ מבטל". געגנוג די קנעכטישע געפאַלנקייט, דאָס קוקן אויף אַלע פעלקער „באַלעבאַטים" פון אונטן ארויף. געגנוג די איבערגעטריבענע דרך ארץ צו אַלץ, וואָס איז „אייראָפּע", געגנוג מיט דער „קנעכטשאפט אין פרייהייט" און מיט די „חרובע נשמות". ערשט דעמאָלט, ווען יידן וועלן אויפהערן אויסצולייזן יידן פון יידישקייט, — ערשט דעמאָלט וועלן זיי קענען אויסגעלייזט ווערן.

אין אַ צייט ארום איז דאָס סימבאָליזירט געוואָרן דורך לייוויקן:

. . . און אז דער גולם איז געוואָרן מענטשיש, האָט ער זיך פאַרבענקט נאָך דער גאולה. אָבער דער גואל איז ווייט, אין די ווייטע מדבריות, א פרעמדער, א נעפּענטעטער, א ווייטער איז דער גואל. און צום סוף, אז דער צו מענטש געוואָרענער גולם האָט שוין געבראַכט דעם ווייטן און פרעמדן אויסלייזער, — און ערשט — דער גואל איז נאָר ער אליין דער גולם־מענטש און מענטש־גולם... גולם — און שפּעטער מענטש און צום סוף גואל, אויסלייזער און אויסגעלייזטער.

דאָס איז דער ערשטער, דער אָרגאַנישער מקור פון יידישיזם, וואָס מיר רופן פאָלקטימלעכער יידישיזם. ער וויל עס דאָס יידיש המוניש פאָלק גייסטיק און מאָראַליש אויסלייזן פון זוכן די גאולה ביי אנדערע. אין זיך און פון זיך דאַרף די קולטור געשאַפן ווערן! די גאולה פון יידישן פאָלק, די אַלגעמיינע גאולה זיינע וועט זיך אָנ־הויבן, קען זיך אָנהויבן בלויז פון דער אינעווייניקסטער מאָראַלי־שער גאולה. קודם כל און פאַר אַלץ מוז זיך דאָס גאולה גיריקע פאָלק באפרייען פון דעם מאָראַלישן „גלות", פון קאָפּירן אין אַלץ פרעמדע. ערשט דעמאָלט, זעלבשטענדיקע, אויסגעלייזטע פון שפלות־נעפּיל, פון ביטול צו זיך, באפרייטע פון שנאה צו זיך, — ערשט דעמאָלט וועט דאָס פאָלק קענען נעמען אָרגאַניזירן זיין אַלגעמיינע גאולה. אָן דעם יסוד, דעם עלעמענט פון קאָלעקטיוון מענטשלעכן שטאָלץ און אייגנווירדע איז קיין שום גאולה נישט מעגלעך, קען נישט זיין גע־מאָלט. און ווו זוכט מען אים, אָט דעם זאָמען פון אייגנווירדע? פון וואנען קען מען אים אראָפּברענגען? —

נישט פון „אויסלאנדן", נישט פון קיין רייבע „קולטור־טראנס־פּאָרט קאָנטאָרן". ניין. נאָך היינט קענט איר אים געפונען אין די אָרעמע יידישע געסעלעך, ביי שוסטער־יונגען, ביי די שינדער ערגעץ, ביי די וועגעלע־פירער, ביי די פּראָסטע יידישע יידן, וואָס אָן חכמות וויסן זיי:

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר
אָבער יידן זיינען מיר

און דעריבער איז די אידעע פון דער יידישער גאולה באהאלטן דאָרטן,

אין המון. און דער פאָלקסטימלעכער גאולה־אידעאַל ליגט אין באַ־העפטן זיך גייסטיק צום יידישן המון, אַריינזויגן זיין גייסט, אים אין אַ קולטור פאַרוואַנדלען. „ודבקת בם". איינלעבן זיך און אַריינ־לעבן זיך אין אים, מיט אים. מען דאַרף אין דער נשמה פון יידישן המון פון הייַנט און פון נעכטן זוכן די גאולה. מען מוז פון אָט דער המוניש־יידישער נשמה ציִען גילדענע פעדים פון קולטור, פון אָט די פעדים צו וועבן און אויסוועבן וועט זיך די — גאולה שלמה.

:: :: ::

דאָס איז אָבער בלויז איין ריכטונג פון יידישיזם. עס איז אָבער אויך דאָ נאָך אַ צווייטע ריכטונג, וואָס איז נישט שעפעריש און שעד־לעך. די ריכטונג האָט איר מקור אין דער השכלה. האָט דאָך די הש־כלה נעגירט יידיש און זיך באַנוצט מיט יידיש, ווי מיט אַ מכשיר צו באַקעמפן יידיש. פון דאַנען שטאַמען די יידישע שריפטן פון מענדעלסאָנס תלמידים, די סאַטירעס אויף דעם יידישן לעבן, די די־דאַקטישע ראָמאַנען אאַז"וו. פון דער שפּעטערדיקער תקופה קען מען אהער צורעכענען די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן". דאָס געמיינזאַמע ביי זיי אַלעמען איז די איינשטעלונג: די יידן (נישט דאָס יידיש פאָלק, נאָר די יידן!) זיינען אַ מאַסע, וואָס נויטיקט זיך אין קול־טור. אַליין פאַרמאָגן זיי נישט קיין אייגענע קולטור. מען דאַרף זיי קולטור פון ערגעץ ברענגען. די אַלטע משכילישע פאָרמולע „יפיפי־תו של יפת באהלי שם". אין דער באַוועגונג איז לגמרי נישטאָ דער הומאַנישער וועלט באַנעם, וואָס צייכנט אויס דעם יידישיזם פון ערשטן מין. פאַרקערט איז דאָ פאַראַן אַ „שלילת הגלות" נישט קיין קלענערע ווי ביי די העברעיסטן. מיט יידיש ווערט זיך באַנוצט ביז אַ צייט, אָט ביז דער עולם וועט זיך „אויסמענטשלען", ביז ער וועט זיך אויסלערנען אַ „בעסערע", אַ „שענערע" — אַ רייכע שפּראַך, ביז דעמאָלט דאַרף מען „דאָס בידנע פאָלק" געבן כאָטש אַ ביסעלע קולטור אין זיין „שלעכטער שפּראַך". אָט אַזאַ איז געווען דער צו־גאַנג צו יידישקייט, צו יידן, צו יידיש פון אָט דער אויך מיר יידישיס־טישער ריכטונג. פאַרשטייט זיך, אין דעם אַלגעמיינעם סכום אויפ־

טוען האָט אויך דער יידישיזם פארנומען זיין חשובן אָרט. אָבער קיין אָריגינעלע שעפערישקייט האָט ער נישט פארמאָגט. ער האָט דאָך געשעפט פון פרעמדע קוואלן. שפעטער איז אהער צוגעקומען נאָך דער צולהכעיס־יידישיזם: ווילע דו זאָגסט העברעיש, זאָג איך פונקט פארקערט יידיש. און עס האָט זיך אָנגעהויבן א קאמף ארום שפראכן. דו מיר מיט „זשארגאָן" —איך דיר מיט „לאָקשן קודש" און פארשטייט זיך, די היציקסטע קעמפער זיינען געווען פוןביידע צדדים: די העברעיסטן מיט דער „יידאפאָבישער" נייגונג, וואָס פאר זיי איז יעטווידער יידיש וואָרט א דערמאָנונג אָן יידישן הויקער פון איין זייט, די צולהכעיס יידישיסטן פון דער צווייטער זייט. שפּראָך, די עצם סלאנגען זיינען דאָ דערהויבן געוואָרן צו עפּעס אָן אבסאָלוטן ווערט, זיי זיינען געוואָרן ווי געצן, הייליקייטן פאר זיך אליין. „דבר עברית והבריאת" — רעד העברעיש, און דאָס יידיש פאָלק וועט שוין פון דעם אליין געזונט ווערן... אָדער פארקערט — אַלע יידישע קולטור־פּראָבלעמען שעפּן זיך אויס און ווערן געליזט, ווען מען וועט „האלטן" פון יידיש. אזוי ארום איז אויך דער יידישיזם לגמרי נישט אידענטיש מיט יידישן קולטור־רענעסאנס. אָפּמאָל איז ער אויך מער נישט ווי א לאָזונג אין געזעלשאפטלעכן קאמף און מער גאָרנישט. און א סימן האָט איר: קיינער האָט נישט געצוווּנגען אין אמעריקע די אנהענגער פון יידיש צוריידן אין זייערע היימען, מיט זייערע קינדער נישט יידיש. קיינער טוט עס נישט אין פּוילן, אין רוסלאנד און אויך אין ארץ ישראל. און דאָך באגעגנט איר אויף טריט און שריט ווי די זעלביקע יידן, וואָס געזעלשאפטלעך, פּארטייאיש זיינען זיי פלאם־פייערדיקע קעמפער פאר יידיש, און אין די היימען, מיט די קינדער — פּויליש, ענגליש, העברעיש. — ווער צווינגט אייך? —

— דאָס איז שוין א פּריוואטער ענין, מישט זיך נישט... אין תוך אריין האָט איר דאָ דעם בעסטן אינדיקאטאָר אויסצופּרווון: איז יידישיזם בלויז א געזעלשאפטלעכער לאָזונג, אָדער אן אינעווייניקסטער אָרגאנישער באדארף, א קולטור־מאָראלישער אימפּעראטיוו, א

חוק ולא יעבור. צום באַדויערן ווייזט דער אינדיקאַטאָר צו אָפּט, אַז דער גאַנצער יידישיזם איז בלויז אַן אויסוויינקסטער ענין אָן אַ נשמה דרוק.

אָט דער יידישיזם איז נישט אָריגינעל און נישט שעפעריש פּונקט ווי דער בן־יהודישער העברעיזם. אָט דער יידישיזם קען זיך קיין עצה נישט געבן ווען ער וויל שוין זיין יידישלעך. וויל דער טעאַטער, לאָמיר זאָגן, זיין יידישלעך, איז דערלאַנג קאַפּאָטעס מיט טליתים. עס איז נישטאָ ביי אים קיין טראַנספאָרמירונג פון קולטור, קיין „גילגול פון אַ יידישקייט". ער קען נישט פאַרדייען און איבערקאָכן, פון דעם אַלטן שאַפן נייע פאָרמען. דערצו פעלט דאָ אויך די קולטור־מאָראַלישע אויפריכטיקייט און ערנסטקייט, דאָס „וואָס מיר זיינען, — זיינען מיר" פון דעם דור.

און נאָך אַ צווייטן סימן, אַן אַלגעמיינעם, אַן אייביקן סימן אָפּצושאַצן דעם קולטור ווערט פון אַ באַוועגונג. די יידישע נביאים האָבן געשטראָפט, געמוסרט, געשאָלטן, געשראָקן, געדראָט און געגאָסן פייער און פלאַם אויף זייער פאָלק. און דאָס האָבן געטאָן נישט בלויז די נביאים פון תנ"ך. אָבער אַלעמאָל — אין וועמעס נאָמען? אין נאָמען פון יידישן גאָט, פון יידישן באַוווסטזיין, פון יידישן גייסטיק־מאָראַלישן „איך". די פאַלשע נביאי השקר, די מתיוונים, די משכילים, די העברעיסטן, די יידישיסטן קומען צום פאָלק מיט אַ פאַרטיקן קולטור־מעטאָד, מיט אַ געבאָרגטן מוסטער, זיי קומען אין נאָמען פון פרעמדע געטער.

די העברעיסטן האָבן לויפנדיק פון פאָלקסטימלעכער יידישקייט אויפגעבויט אַ נייע יידישקייט, — און אַ ארץ־ישראל, אַ גאַנצע היים פאַר זייער נייער יידישקייט. אָפּגעזאָגט זיך פון אַ גלויבן, האָבן זיי געשאַפן אַ צווייטן גלויבן, אַ יידישן גלויבן אין אַ יידישן לעבן מיט אַ גאַנצער יידישקייט. אָפּגעזאָגט זיך פון איין ריכטונג האָבן זיי געעפנט אַ נייע ריכטונג, פול מיט באַנייטן גלויבן, באַנייטן מסירת־נפש פאַר דעם יידישן גלויבן, האָבן זיי געעפנט אַ נייעם וועג פאַר זיך און פאַרן גאַנצן פאָלק, אַ וועג מיט פעלערן, אָבער אַ וועג. לויפנדיק

פון יידישקייט האָבן זיי אויסגעבויט אַ יידישקייט, אַ יידיש לעבן. זיינען די יידישיסטן, וואָס זיי האָבן עס דאָך געדאַרפט זיין די טרע־גער פון פאָלקסטימלעכער יידישקייט, אויך גאָר געלאָפן פון איר און געלאָפן נישט צו אַ צווייטער יידישקייט, נאָר צו פרעמדס, האָבן זיי גאָרנישט נישט אויפגעבויט, קיין נייעם יידישן לעבן, קיין היים פאַר זייער יידישקייט, נישט געבויט קיין נייע ריכטונג אין לעבן, נישט געוויזן דעם פאָלק קיין ריכטונג ווי צו בויען זיין אייגן, גאַנצן לעבן. זיינען די יידישיסטן געלאָפן פון פאָלקסטימלעכער יידישקייט נישט ווי אויסגעוואַקסענע קינדער לויפן פון מוטערהויז כדי צו בויען נייע היימען. גאָר ווי אַ טאָכטער פון אַן אָרימען ישובניק, וואָס האָט פיינט איר טאַטן לויפט צו אַ רייכן נישט יידישן געליבטן... אויף דער ווייִלע, כל זמן מען וועט זיך איינשאַפן נייע, נעמט מען מיט אַן אַלט קליידל פון דער היים, — אַ שטיקל יידיש לשון און יוצא...

לויפט מען אַזוי ווייט ביז מען לייקנט אין זיך אַליין: ס'איז אַ ליגן, — מיר זיינען גאָר קיין יידישיסטן נישט. מיר זיינען פאָרשטייער פון דער אָדער יענער ריכטונג צווישן יידן, מער נישט. אגענטן פון זינגער מאַשינעס אין כינע פאַרקויפן זייער סחורה אויף כינעזיש, מיר — אונדזער סחורה פאַר יידן אויף יידיש... לויפנדיק אַזוי האָט דער יידישיזם פאַרלאָרן יידישע קולטור־שעפערישקייט, יידישקייט און פאַרלאָרן זיך אַליין, די עצם אידעע.

און אַזוי אַרום האָט די „שטאַרקע קאַנאַנאַדע" אויפן שפּראַכן־פראָנט פאַרשטעלט דעם אמתן קולטור־פראָנט, עס האָט פּשוט פאַר־הילכט דעם אמתן פראָנט. אַט דער פראָנט ציט זיך אַרום פּראָבלעם פאַר המשכדיקייט אין יידישער קולטור, אָדער אָפּזאָגן זיך פון אַלץ, וואָס אַלט איז.

און אַזוי אַרום קענען מיר קומען צו גאָר אַן אַנדער כוחות פאַר־טיילונג: ביאַליקס „מגילת־האש", שטיינבאַרגס „מעשאלים" ליי־וויקס פּראָבלעמאַטיק, קולבאַקס „ווילנע" אָדער „רייסין" איז אַלץ צוזאַמען איין געמיינזאַמקייט אין יידישער קולטור. און דער יידי־שיסטישער" קאַמף קעגן די „העברעיישע" ווערטער אין יידיש איז

צוזאמען מיט דעם „העברעיסטישן בן־יהודיסטישן שלילת הגלות א צווייטע געמיינזאמקייט אין יידישער קולטורלאָזיקייט. דען זיי פירן צו איין פונקט — אויס־יידישונג. עס דארף זיין קלאָר און לאָמיר דאָס זאָגן אָפן, אז

אין איין שורה

„אַ שרעק זיך טעלז און ציטער דרויע", צי אין א „סדום" פון דעם יונגן גראַדע, צי אין א קאפיטל „פוילישע וועלדער" איז פאראן מער דירעקטע נאָנטקייט צו די אלט יידישע, העברעישע קולטור־מקורים, איידער עס פארמאָגן עס הונדערטער אביטוריענטן פון א העברעישער גימנאזיע אין סאמע תל־אביב. און פארקערט זיינען ביאַליקס „משירי עם" אָדער מענדעלעס א העברעישער זאַץ מיינער יידיש איידער א סך יידישע שרייבער האר און גאר.

אָט דאָ איז דער אמתער קולטור־קאמף, דאָ איז דער מסוכנער פראָנט און די מלחמה־האלטנדיקע מחנות האָבן זיך גאָר געממיתטם, געשלאָגן אויף א פאלשן פראָנט, וואָס די הארנטע געשיכטע האָט אונדז אונטערגערוקט כדי אָפצוציען די אויפמערקזאמקייט.

לכתחילה האָט דער שפראך־פראָנט געהאט א פאָזיטיווע השפעת. ריכטונגען האָבן זיך פארטיפט אין זיך. אָבער גאָר גיך איז אָט דער פראָנט געוואָרן שעדלעך, פשוט מטוכן. ער דראָט מיט א נייער צעטיילונג, צעשפאלטונג פון יידישן פאָלק. אזא צעטיילונג, צעשפאלטונג, ווען עס ווערן צוויי באזונדערע פעלקער, ווי דאָס איז פאָרגעקומען צווישן די צדוקים און פרושים, צווישן די ראבאניטן און קאראימער אאז"וו. דערביי אָבער לאָדט אזא צעשפאלטונג נישט אויס די אינעווייניקסטע רייבונגען אין יעטווידער אין די צוויי צעטיילטע שבטים גופא. ווי ביי די העברעיסטן, אזוי אויך ביי די יידישיסטן זיינען אינעווייניק פאראן און זיי בלייבן אויך נאָך דער שפאלטונג די אָרגאנישע אנטאגאָניזמען, די כלומרשטע באוועגונגען, וואָס פארדארבן די עצם ריכטונג. די צעשפאלטונג בלייבט, זי ווערט פון מאָל צו מאָל אלץ דייטלעכער, בולטער, אלץ ווייטער און פרעמדער ווערן צווישן זיך די צוויי שבטים און אין די שבטים גופא פארנעמען דעם

אויבן אָן דווקא די דעסטרוקטיווע עלעמענטן, די פונצענטרישע ריכ־
טונגען, וואָס בלייבן אין יעטווידער שבט.

עס פעלן דערוויילע ביי יידן די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע באדינ־
גונגען, וואָס האָבן בשעתם ארויסגערופן צום לעבן די אַקטיוו־פאָלקס
טימלעכע פרושישע באוועגונג, וואָס בלויז זי האָט געשאפן די איי־
ביקע יידישקייט.

אזא ריכטונג קען בלויז אויסוואקסן אין א סביבה, ווו עס איז
פאראן א שטארקע, אָרגאנישע ליבע צום פאָלק, צום פשוטן יידישן
מענטשן, צו דעם יידישלעכן, וואָס אין יידן, צום יידישן המון, מען
דארף פארמאָגן דאָס, וואָס די חסידים רופן „אהבת ישראל”. מען
דארף קענען גייסטיק, מאָראליש „גיין אין פאָלק אריין”, מען דארף
אין זיך דורך ארץ האָבן פאר א יידן און פאר אלץ, וואָס יידיש איז.
מען דארף זיין א „אוהב ישראל”, — און דאָס איז אזוי ווייניק פאַ־
ראן ביי יידן, איבערהויפּט ביי דער יידישער אינטעליגענץ. געווען אין
דער רעליגיעזער יידישקיי טר' לוי יצחק באַרדיטשעווער און אין דער
וועלטלעכער יידישקייט איז עס געווען ש. ז. אנ־סקי, וואָס זיינען באַ־
שאָנקען געווען מיט דער סגולה פון „אהבת ישראל”. אָבער די סגולה
איז דאָך אזוי זעלטן, ביז גאָר זעלטן. על פי רוב האָט א ייד נישט
קיין דרך ארץ צו זיך אליין, צו דער יידישקייט, וואָס אין אים גופא.
פארמאָגט א ייד עטלעכע גילדן וועט ער זיך איבערנעמען מיט דעם,
אנדערע וועלן פאר אים דרך ארץ האָבן. פארמאָגט א ייד א ביסעלע
„גויישקייט”, — וועט ער אויך האָבן דרך ארץ פאר זיך און פון
אנדערע. אָבער צו דער יידישקייט אין זיך — האָט א ייד נישט קיין
אכטונג, ער האָט קיין דרך ארץ נישט פאר א יידן, פאר יידישקייט.
אמאָל האָ טדער רעליגיעזער ייד געהאט דרך ארץ אויב נישט צו זיך,
צום יידן, איז צו גאָט, וואָס אין דעם יידן. איז דער ייד אליין ביי
אים אין די אויגן געווען טאקע א „תולעת יעקב”, אָבער צואמען
מיט זיין „גרויסן גאָט אין הימל”, איז ער געווען גאנץ בכבודיק. איז
דער ייד די גאנצע וואָך געווען געפאלן ביי זיך, מעשה היינעס הונט,
— האָט אָבער דער שבת געגעבן א נשמה יתרה, אן אנדער רואיקייט,

אַן אכטונג צו זיך, אַן אנדער דרך ארץ צו דער אײגענער משפחה, צום אײגענעם לעבן, צו די אײגענע פיזיאָלאָגישע באַדאַרפן. אַ גאַנצע װאָך עסט מען, װאָס עס מאַכט זיך, איז רעכט „סדרות אין אַ קלײן טעפּעלע", שבת איז דאָך עפּעס גאָר אַנדערש. מיט אײן װאָרט דער טראַדיציאָנעלער ייד האָט אַזױ צו אַנדערש געהאַט אַ שטאָלצערע באַציונג צו יידישקײט, צו זיך װי צו אַ יידן. דער מאָדערנער ייד האָט אָנגעװאָרן די אכטונג צו זיך. נאָך מער — דער אינטעליגענטער ייד אין זײן יאָגעניש נאָך פרעמדער קולטור, נאָך פּעמדע זיטן, נאָך פרעמדע מוסטערן און האַנדלונגען, ער האָט מיט אײן מאָל װי פּרצעס קראַנק יינגל אַנטפּלעקט, אַז דער קלױסטער איז העכער און שענער פון דער שול, און עס פעלט אים די נױטיקע זעלבסטאַכטונג װי צו אַ יידן. ער דערשאַצט נישט דעם מענטשן אין זיך צוליב זײן אײגענער יידישקײט. דעריבער כאַפּט זיך אַ ייד אַזױ גערן צו אַלע שפּראַכן, צו אַלע זיטן, דעריבער נעמען אױף זיך יידן אין ארץ ישראל אַ יאָך פון שטומקײט אָן פּראָטעסט אָדער אפילו מיט הכנעה און װילן. דעריבער, — װײל זײ אַלײן װילן זיך שאַפן אַן אילוזיע, אַז מיטן נישט רײדן ייִדיש װערן זײ אױס ייד, זײ װילן זיך אַלײן סוגעסטירן אַ אינעװײניקסטע עמאַנסיפּאַציע, אַ באַפרײאונג פון פּאַראַכטער, געפאַלענער, נעבעכדיקער יידישקײט. נישטאָ בײ יידן די מענטשלעכע אכטונג צו אַ יידן, נישטאָ בײ אים קײן שטאָלץ מיט זיך אַלײן װי מיט אַ יידן. און אָן אָט דעם געפיל קען נישט זײן קײן מאָראַלישע שטאָלצע נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקײט. עס קען נישט זײן דער געזונטער געפיל

װאָס מיר זײנען, זײנען מיר
אָבער יידן זײנען מיר

אָן דעם געפיל פון אכטונג און שטאָלץ צום יידן אין זיך קען נישט אױסװאַקסן קײן באַװעגונג אָט דעם יידן, ריכטיקער — די יידישקײט פון נשמה צו קריסטאַליזירן, צו שלײפן, אױסצולעבן זיך אין איר און מיט איר. עס קען נישט זײן קײן מאָדערנע יידישע קולטור באַװעגונג, װאָס זאָל זײן עקװיװאַלענט, גלײכװערטיק צו דער פּרו־

שים־באוועגונג אמאל. דעריבער איז אויך דער גאנצער קולטור קאמף אוועק אויף אנדערע וועגן, ווי א קאמפּענסיר־קאמפּלעקס, וואס קומט צו פארשטעלן דעם אנגעוויטאקטן ארט. און די עצם טעמע „שפּראך" איז אין א גרויסער מאס געקומען פון אנדערע מקורים. אט פון איין זייט איז עס די אלטע משכילישע, עמאנסיפּאציע־שנאה צו אלץ, וואס יידיש איז, וואס ספּעציפיש יידיש, צום יידישן לשון איבערהויפּט. פון דער צווייטער זייט האט שטארק אויך געווירקט דער „מוטער־שפּראך" לאזונג אין צארישן רוסלאנד ביי אנדערע פעלקער האט דא געווירקט דער מוסטער און נישט דער אינעווייניקסטער באדארף, די נשמהדיקע בענקעניש אויסצולעבן זיך אין יידיש. דעריבער איז —

דער שפּראכן־קאמף נישט אידענטיש מיט דעם נאציאנאלן קול־טור־קאמף. דער קולטור־קאמף האט זיך נישט צעוויקלט ביי יידן, ווייל עס פעלט די סאציאל־פּסיכאלאגישע אייגנווירדע, שטאלץ און מוט מיט יידישקייט, מיט פאלקסטימלעכקייט. און כל זמן דאס פעלט, פעלט אויך דער צענטער, וואס זאל צונויפבינדן, וואס זאל ארגאניזירן יידן פון דער וועלט, פעלט דער „אחד", וואס ארום אים זאל אט די קאנצענטראציע פארקומען. און וויילע עס פעלט זיי אזא מין צענ־טער, דעריבער זיינען זיי שוואך און קענען זיך נישט ווערן קעגן רדיפות. און דאס אייגענע ווידער צוריק: פון דאנען די געפאלנקייט ביי זיך אאז"וו און ווייטער.

אן אייביקער ראד — קולטור און אויסלייזונג, באפרייאונג סא־ציאלע און מאראלישע. פון אייביק אן גייט ביי יידן אט דער קולטור־קאמף, ריכטיקער — דער קולטור־סאציאלער קאמף און אין גורל פון אט דעם קאמף איז דער גורל פון יידישן פאלק. אזוי אלעמאל און אויך איצט.

און „מאין יבא עזרי?" — אויף וואסערע שיכטן קען מען האפן?

— האף איך קודם כל אויף די יידן וואס לעבן מיט טראדיציע, אפילו ווען זיי רופן עס רעליגיע. דאס זיינען די וואס ביאליק האט זיי גערופן „שומרי מצוות מעשיות", דאס זיינען די, וואס פרץ האט זיי גערופן די לעצטע יארן זיינע, „די שטאמען". כל זמן עס לעבט

יידישע טראַדיציע, לעבט ייִדישקייט. ווייטער קומט דער ציוניזם: עס
עס איז דאָ א יידיש לעבן וועט זיין יידישקייט. רונד ארום, לויפט מען
פון יידישקייט צום אנטיטעזיס, זיינען פאראן בולטע סימנים פון סינ־
טעז אויך. ווייניקער איז צו האָפן פון דער יידיש וועלטלעכער דיכ־
טונג, כל זמן זי וועט נישט געפינען איר סינטעז אין יידישן לעבן
גופא.

און דער סינטעז איז אָט א וואַסערער: יידיש לשון האָט ניט קיין
זינען און קיין ווערט כל זמן עס איז ניט פארבונדן מיט גאָר דער ירו־
שה פון פאלק, הן שבעל פה און הן שבכתב וואָס, איז אָנגעזאמלט אין

אינהאַלט פון פערטן באַנד

מקורים פון אונדזער קולטור רענעסאַנס · · · · · · · · · · · 7
כל המינים יידישקייט · · · · · · · · · · · · · · 33
די מיסיע פו יידישן פאָלק · · · · · · · · · · · · · 57
דער יידישיזם אויפן שייד־וועג · · · · · · · · · · · · 77
יידן־פּראָבלעם · 91
אַ פאָלק וואָס בלאָנדזשעט · · · · · · · · · · · · 121
מקורים פון ציוניזם · · · · · · · · · · · · · · · 165
די קולטור־פּראַקטיק פון ציוניזם · · · · · · · · · · 193
ביאַליק און בן יהודה—צוויי וועגן אין העברעיזם · · · · · 231
קולטור־קאַמף ביי יידן · · · · · · · · · · · · · · 942